NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05768

MAYSELEKH

H. C. (Hans Christian) Andersen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. אַנדערסען

מעשהלעך

מיט אילוסטראַציעס.

יידיש
דער נסתּר

צווייטע אויפלאַגע.

פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
וואַרשע.

איבערדרוקן פאַרבאָטן.

שער־בלאַט פון א. ליסיצקי.

גערדרוקט אין 3500 עקז.

וואַרשע, 1921.

BAJKI ANDERSENA. Wyd. „KULTUR-LIGE". Warszawa. 1921

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.—Telefon 260-19.

די מוטער.

די מוטער איז געזעסן ביים, וויגעלע פון איר קינד; ווי געזאָרגט האָט זי און ווי מורא געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל איר נישט שטאַרבן! דאָס פּנימל זיינס איז אין גאַנצן בלאַס געוואָרן, די אייגעלאַך זיינען פאַרמאַכט געווען, געאָטעמט האָט עס אַזוי שוואַך, און צייטנווייז קוים־קוים געכאַפּט דעם אָטעם, ווי געזיפצט עפּעס...

און דאָס האַרץ פון דער מוטער האָט זיך נאָך ווייטאָקליכער פאַרקלעמט, אויפן קליינעם באַשעפענישל קוקנדיק.

פּלוצלים האָט מען אין טיר אָנגעקלאַפּט, און סאיז אַן אָרימער אַלטער אַריינגעגאַנגען, אין עפּעס ענליכס צו אַ פערדס־דעקע איינגעהילט, אַ פערדס־דעקע וואַרימט דאָך, און דאָס האָט ער באַדאַרפט: סאיז דעמאָלט אַ קאַלטער ווינטער געווען, אין דרויסן איז אַלץ מיט שניי און מיט אייז פאַרדעקט געווען, און דער ווינט האָט אַלץ אין פּנים געשניטן.

זעהענדיק, אַז דער אַלטער פאַר קעלט ציטערט, און דאָס קינד איז אויף אַ מינוט אַנטדרימלט געוואָרן, איז די מוטער פון וויגעלע אָפּגעגאַן, אום דעם גאַסט אַ קופל ביר אָנצעגיסן און אים צום אויוון אויף אָנוואַרימען זיך אַוועקצושטעלן. דער אַלטער אָבער האָט אין דער צייט צום וויגעלע זיך צוגעזעצט און האָט אָנגעהויבן דאָס קינד צו וויגן. די מוטער האָט זיך אויף אַ בענקל, וואָס נעבן אַלטנס, אַראָפּגעלאָזט, האָט אויפן קראַנקן קינד אַ קוק געטאָן, האָט זיך

צו זיין שווערן אָטעמען צוגעהערט און דאָס פאַרן הענטל אָנגענומען.

— איך וועל דאָס נישט אָנווערן, אַיאָ ניין? — האָט זי געזאָגט — גאָט וועט דאָס ביי מיר נישט צונעמען?

דער אַלטער — דאָס איז דער טויט אַליין געווען — האָט עפּעס מאָדנע מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן, דער שאָקל האָט געקאָנט אי יאָ, אי ניין הייסן. די מוטער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און טרערן האָבן איר איבער די באַקן גערונען... באַלד איז איר דער קאָפּ שווער געוואָרן, — די אומגליקלעכע נעבעך האָט שוין צייט דריי טעג און דריי נעכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט... זי האָט זיך איין שלאָף פאַרגעסן, אָבער אויף איין מינוט נאָר; זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ צאַפּל געטאָן און איז פון קעלט דערציטערט געוואָרן.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אויסגעשריגן, זיך אַרומקוקנדיק: דער אַלטער איז פאַרשוואונדן, און מיט אים אויך דאָס קינד; דער אַלטער האָט עס אַוועקגעטראָגן.

אין ווינקל האָט הייזעריק דער אַלטער זייגער געכריפּעט: די שווערע וואָג, די בלייענע, האָט ביז דער פּאָדלאָגע דערגרייכט... בום! און דער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די אומגליקלעכע מוטער איז פון דער טיר אַרויסגעלאָפן, הויך און אויף אַ קול איר קינד גערופן.

אויפן שניי איז אַ פרוי, אין אַ לאַנג, שוואַרץ קלייד אָנגעטאָן, געזעסן און האָט אַזוי געזאָגט דער מוטער:

— דער טויט האָט דיין הויז באַזוכט, און איך האָב געזעהן, ווי אַזוי ער איז מיט דיין עופעלע פאַרשוואונדן געוואָרן. ער טראָגט זיך גיכער פונם ווינט, און ער קערט קיין מאָל נישט אום דאָס, וואָס ער האָט איין מאָל אַוועקגענומען!

— זאָג מיר נאָר, אויף וואָס פאַר אַ וועג האָט ער זיך אוועקגעלאָזט? — האָט געזאָגט די מוטער. — ווייז מיר נאָר דעם וועג אָן, און איך וועל אים געפינען.

— איך ווייס דעם וועג, מיט וועלכן ער איז אַוועקגעגאַן,

אָבער איך וועל נישט זאָגן, ביז דו וועסט מיר נישט אויס־זינגען אַלע לידלאַך, וואָס דו פלעגסט דיין עופעלע זינגען! — האָט געזאָגט די פרוי אין שוואַרצן. — איך האָב זיי ליב זעהר, איך האָב זיי שוין נישט איין מאָל געהערט, איך בין די נאַכט דאָך, און איך האָב געזעהן, ווי דו האָסט געוויינט, זיי זינגענדיק!...

— איך וועל דיר זיי אַלע, אַלע אויסזינגען! — האָט געענטפערט די מוטער. — אָבער פאַרהאַלט מיך איצט נישט; איך דאַרף דעם טויט דעריאָגן און מיין קינד געפינען.

די נאַכט האָט געשוויגן, און די מוטער האָט, די הענט פאַרברעכנדיק און מיט טרערן זיך באַגיסנדיק, צו זינגען אָנגעהויבן. אַ סך לידער זיינען אויסגעזונגען געוואָרן — נאָך מער טרערן פאַרגאָסן. און אָט האָט די נאַכט אַרויסגערעדט:

— נעם זיך רעכטס, גלייך צום פינסטערן סאָסנע־וואַלד־געדיכטעניש; אַהין האָט זיך דער טויט מיט דיין קינד אַוועקגעלאָזט.

צוגעקומען צום שייד־וועג אין דער טיף פון וואַלד־געדיכטעניש, האָט די מוטער זיך אָפּגעשטעלט. וואוהין אַצינד? ביים סאַמע שייד־וועג איז אַ נאַקעטער דאָרן־קוסט, אָן בלימלאַך, געשטאַנען; סאיז דאָך דעמאָלט דער קאַלטער ווינטער געווען, און ער איז כמעט אין גאַנצן פאַראייזט געוואָרן.

— איז דאָ נישט דורכגעגאַן דער טויט מיטן קינד, מיט מיינעם?

— דורכגעגאַן! — האָט דער דאָרן־קוסט געזאָגט. — אָבער איך וועל נישט זאָגן, וואוהין ער איז אַוועקגעגאַן, ביז דו וועסט מיך נישט אויף דיין ברוסט ביי דיין האַרצן דערוואַרעמען. איך פריר און באַלד וועל איך אינגאַנצן פאַראייזט־פאַרפרוירן ווערן.

און זי האָט אים שטאַרק צו איר ברוסט צוגעדריקט. די שאַרפע שטעכלקעס האָבן איר טיף אין לייב אריינגעשניטן, און אויף איר ברוסט זיינען גרויסע בלוט־טראָפּנס ארויסגעטרעטן... דערפאַר אָבער האָט דער דאָרן־קוסט צו גרינען

אָנגעהויבן און איז אין גאנצן מיט בלומען באדעקט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דער ווינטער-נאכט-קעלט, — אזוי ווארים איז ביים הארץ פון א מוטער א ליידנדיקער! און דער דאָרן-קוסט האָט איר דעם וועג אָנגעוויזן.

דער וועג האָט די מוטער צו א גרויסער אָזערע צוגע-בראכט; אין ערגיץ איז נישט קיין שיף און נישט קיין שיפל צו זעהן געוועזן. די אָזערע איז קוים-קוים מיט אייז פארצויגן געוועזן; דאָס אייז וואָלט זי נישט אויסגעהאלטן און אויך אין וואסער ארייַנגיין האָט איר די אָזערע נישט ערלויבט; דערצו איז אויך טיף געוועזן. זי האָט אָבער דאָך באדארפט דורכן אייז דורכגיין, ווען זי האָט איר קינד געפינען געוואָלט. און אָט איז די מוטער צו דער אָזערע צוגעפאלן, זי ביזן דעק אויסצוטריַנקען; קיין מענש איז דאָס נישט אומשטאַנד, אָבער די אומגליקליכע מוטער האָט אין א נס געגלויבט.

— ניין, סוועט גאָרנישט זיין דערפון! — האָט געזאָגט די אָזערע. — לאָמיר זיך בעסער צענויפריידן. איך זאַמל פע-רעלאך צענויף, אָבער אזוינע לויטערע און ריינע, ווי די אויגן דיינע, האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזעהן. אויב דו בא-שטייסט זיי אין מיר ארייַן אויסצוּווייַנען, וועל איך דיך אויפן צווייטן ברעג איבערטראָגן, צו דעם גרויסן ווינטער-גאָרטן דאָרט, וואו דער טויט זייַנע ביימער און בלומען ציהט אויף, — דאָרט, וואו יעדער געוויקס — איז א לעבן א מענטשליכס!

— אָ, וואָס וועל איך דען נישט אָפּגעבן, אבי נאָר מייַן קינד צו געפינען! — האָט געזאָגט די מוטער, די ווייַנענדיקע, זיך נאָך שטארקער מיט טרערן באגיסנדיק. און אָט, זייַנען אירע אויגן צום גרונט פון דער אָזערע אראָפּגעפאלן און האָבן זיך צו צוויי טייַערסטע פערעלאך פארוואנדלט. די אָזערע ווידער האָט די מוטער א כאפּ געטאָן און האָט זי ווי אויף א הוידלקע, מיט איין מאך אויפן צווייטן ברעג אריבערגע-טראָגן, דאָרט, וואו סאיז עפּעס א מאָדנע הויז און א משונה-גרויס געשטאנען. און סאיז נישט צו דערקענען געוועזן — צי איז דאָס א בארג מיט קוסט-געוויקסן א באוואקסענער און אין

גאנצן מיט היילן און ארומגעגראַבענער, צי א געפּיי גאָר א זעלכס. די אומגליקליכע מוטער, אגב, האָט דאָס ניט באַמערקט אפילו, — זי האָט דאָך אירע אויגן אויסגעוויינט געהאט.

— וואו־זשע וועל איך דעם טויט געפינען, וואָס האָט מיין קינד אוועקגעגנבעט? — האָט זי געפרעגט.

— ער האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט! — האָט זיך אָנגערופן די אלטע גערטנערין, וואָס האָט אויף דעם טויטס ווינטער־גאָרטן אכטונג געגעבן; — ווי אזוי אָבער האָסטו אהער דעם וועג געטראָפן? ווער האָט דיר געהאָלפן?

— גאָט דער האר! — האָט די מוטער געענטפערט. — ער האָט זיך אויף מיר דערבארימט, דערבארים־זשע זיך אויך דו! זאָג וואו זאָל איך מיין קינד זוכן!

— איך קאָן דאָך דאָס נישט! — האָט געזאָגט די פרוי. — און דו — ביסט בלינד. היינטיקע נאכט זיינען א סך בלומען אוןביימער פארוועלקט געוואָרן, און דער טויט וועט באלד זיי איבערזעצן קומען. דו ווייסט דאָך, אז יעדער מענטש האָט זיך זיין לעבנס־בוים, אָדער זיין בלימל. אויפן אויסזעהן זיינען דאָס געוויינליכע געוויקסן גאָר, אָבער אין יעדער געוויקס קלאפט א הארץ זיך דאָרט. א קינדערש הערצל קלאפט זיך אויך; גיי־זשע אלע געוויקסן ארום — מעגליך, אז דו וועסט דאָס הערצל פון דיין קינד דערקענען. און וואָס וועסט דו מיר געבן, אז איך וועל דיר זאָגן, ווי אזוי זיך ווייטער צו באגיין?

— וואָס דיר צו געבן האָב איך נישט! — האָט די אומגליקליכע מוטער געענטפערט. — אָבער איך בין גרייט פון דיינעטוועגן אין עק וועלט צו גיין!

— ניין! — האָט געזאָגט די פרוי. — וואָס צו זוכן דאָרט האָב איך נישט! דו גיב מיר בעסער אָפּ דיינע לאנגע האָר, די שווארצע. דו ווייסט אליין, ווי שיין זיי זיינען, און איך האָב ליב זעהר האָר שיינע, און איך וועל דיר פאר זיי — מיינע גרויע געבן; סאיז דאָך אלץ בעסער, ווי גאָר נישט.

נאָר דאָס?! — האָט געזאָגט די מוטער — איך וועל דיר מיט פרייד מיינע האָר אָפּגעבן. און זי האָט דער אלטער אי־

רע זעלטן־שיינע שווארצע האָר געגעבן און פאר זיי — גרויע באַקומען.

דערנאָך איז זי אין גוואלדיק־גרויסן ווינטער־גאָרטן פון טויט אריינגעגאנגען, דאָרטן, וואו סהאָבן געמישט ביימער מיט בלומען געוואקסן: דאָ האָבן אונטער גלעזערנע קאָלפּאקעס צארטע היאצינטן געבליהט, דאָרטן האָבן גרויסע און היפּש־צעלאָזטע פּיאָנען געוואקסן, דאָ — וואסער־געוויקסן, אייניקע פרישע און געזונטע, אנדערע — אויף האלב פארדארטע, מיט וואסער־שלענג ארומגענומענע, און פון די קלעמערלאך פון וואַסער־קרעפסן צענויפגעדריקטע... געווען זיינען דאָ אי פּאַלמעס פרעכטיקע, אי דעמבעס און פּלאטאנען; געוואקסן האָבן אויך אי פּעטרושקע, אי קימל שמעקנדיקער. יעדער בוים, יעדער בלימל האָט זיך זיין נאָמען געהאט; יעדער בלימל, יעדער בוים איז א מענטשליך לעבן געווען, און אליין די מענטשן זיינען איבער גאָר־דער־וועלט צעוואָרפן געווען: ווער סהאָט אין כינע געוואוינט, און ווער אין גרענלאנד, וואו ווער. געטראָפן האָבן זיך דאָ גרויסע ביימער, וואָס האָבן אין קליינע טעפּלאך געוואקסן; סאיז זיי שרעקליך און ענג געווען, די טעפּעלאך האָבן נישט געפּלאצט דאָרט שיער. דערפאר אָבער זיינען א סך קליינינקע און געמיינינקע בלימעלאך געווען, וואָס האָבן אין שווארץ־ערד געוואקסן און זיינען מיט מעך ארום־געלייגט געווען; מהאָט אויף זיי, ווייזט אויס, מיט זאָרגזאמקייט געקוקט און זיי געצערטלט זעהר. די אומגליקליכע מוטער האָט זיך צו יעדער, אפילו צום סאמע קלענסטן בלימעלע, אָנגעבויגן, צום קלאַפּן פון זיין הערצל זיך צוגעהערט, און — צווישן מיליאָנען אנדערע, האָט זי דאָס הערצל פון איר קינד דערהערט.

— אָט איז דאָס! — האָט זי געזאָגט, אויסגעצויגן די האנט צו א קליינעם, בלויען קראָקוס, וואָס האָט טרויעריק דאָס קעפּעלע אראָפּגעהאנגען...

— טשעפּע נישט דאָס בלימל! — האָט געזאָגט די אלטע.

— נאָר שטעל זיך נעבן דעם אנידער, און ווען דער טויט

וועט אָנקומען — איך וואַרט אויף אים פון מינוט צו מינוט — לאָז עס אים נישט איבערזעצן, סטראשענדיק אנדערע וואָסערע עס איז אויסצורייסן. דערפאַר וועט ער זיך דערשרעקן, — ער איז דאָך פאַר דעם פאַר גאָט ערב; קיין איין בלימל טאָר אָן זיין ווילן נישט אויסגעריסן ווערן.

פלוצלים האָט מיט א שרעקליכער אייז-קעלט א ווייע געטאָן, און די בלינדע מוטער האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דער טויט האָט זיך באוויזן.

— ווי אזוי האָסטו אהער דעם וועג געפינען? — האָט דער טויט געפרעגט. — ווי אזוי האָסטו זיך עס פאַר מיר געפעדערט?

— איך בין א מוטער! — האָט יענע געענטפערט.

אין דער טויט האָט שוין געוואָלט זיין לאנגע האנט צום קליינעס צארטן בלימעלע אויסציהען, נאָר די מוטער האָט דאָם מיט די הענט באשיצט, באמיהענדיק זיך דערביי נישט קיין איין בלעטעלע אפילו צו צעדריקן. האָט דער טויט דע-מאָלט אויף אירע הענט א בלאָז געטאָן; דער אָטעם פון טויט איז קעלטער פונם צפון-ווינט געווען, און די הענט פון דער מוטער האָבן זיך אָנמעכטיק אראָפּגעלאָזט.

— נישט דו קאָנסט זיך מיר אנטקעגן שטעלן! — האָט דער טויט ארויסגערעדט.

— אָבער גאָט איז שטארקער פון דיר! — האָט געזאָגט די מוטער.

— איך פיר נאָר דעם ווילן זיינעם אויס! — האָט גע-ענטפערט דער טויט. — איך בין דער גערטנער זיינער, איך נעם זיינע בלומען און ביימער און זעץ זיי אין גן-עדן, וואָס אין אומבאוואוסטן לאנד, אריבער, אָבער ווי אזוי זיי וואקסן דאָרטן, וואָס דאָרט אין גאָרטן טוט זיך — דערוועגט איך זיך דיר נישט צו דערציילן.

— גיב מיר אָפּ מיין קינד! — האָט די מוטער זיך גע-בעטן קלאָגנדיק, און דערנאָך האָט זי פלוצלים מיט די הענט צוויי פרעכטיקע בלומען ארייגעכאפּט און אויסגעשריגן: — איך

וועל דיר אַלע דיינע בלומען אויסרייסן, — איך בין אין פאַרצווייפלונג!

— טשעפּע זיי ניט! — האָט געזאָגט דער טויט. — דו זאָגסט, אז דו ביסט אומגליקליך, און אליין ווילסטו אן אנדער מוטער אומגליקליך מאכן.

— אן אנדער מוטער! — האָט די דערשלאָגענע מוטער נאָכגעזאָגט און באלד פון די הענט די בלומען ארויסגעלאָזט.

— אָט האָסטו דיר די אויגן דיינע! — האָט געזאָגט דער טויט — איך האָב זיי פון דער אָזערע ארויס ארויסגעפאנגען; זיי האָבן דאָרט אזוי העל געבלישטשעט, אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אז דאָס זיינען דיינע. נעם זיי — זיי זיינען נאָך קלאָרער ווי פריער געוואָרן, — און גיב א קוק אָט אהער, אין אָט דעם ברונים דעם טיפן; איך וועל אָנרופן די נעמען פון די בלימעלאך, וועלכע דו האָסט געוואָלט אויסרייסן, און דו וועסט זייער צוקונפט אין זייער גאַנץ לעבן זעהן. זעה־זשע, וואָס דו האָסט געוואָלט אומברענגען!

און די מוטער האָט איז ברונים אריינגעקוקט. א פרייד איז געווען צו זעהן, וואָס פאר א חסד־גוטס סאיז פאר דער וועלט דאָס לעבן פון איינעם געווען, וויפיל גליק און פרייד ער האָט ארום זיך צעגאָסן! האָט זי אויפן לעבן פון צווייטן א קוק געטאָן — אויף די צרות, נויט, פאַרצווייפלונג און אומגליקן!

— ביידע מזלות — גאָטס גורלות! — האָט געזאָגט דער טויט.

— וועלכס־זשע פון די צוויי איז דאָס אומגליק־בלימל, און וועלכס — פון גליק? — האָט געפרעגט די מוטער.

— דאָס וועל איך נישט זאָגן! — האָט געענטפערט דער טויט. — נאָר ווייס, אז אין מזל פון איינעם פון זיי האָסטו דאָס מזל פון דיין אייגן קינד, די גאנצע צוקונפט זיינע, געזעהן.

ביי דער מוטער האָט זיך א שרעק־געשריי ארויסגעריסן.

— וואָס־זשע פאר א מזל האָט מיין קינד דערוואַרט? זאָג מיר! ניין, ראַטעווע דאָס אומשולדיקע, ראַטעווע דאָס קינד מיינס פון די אומגליקן, פון אָט די אלע! נעם דאָס בע־

סער! טראָג אוועק אין הימל-קיניגרייך! פארגעס די טרערן מיינע, מיינע געבעטן, אלץ, וואָס איך האָב גערעדט און געטאָן.

— איך פארשטיי דיך נישט! — האָט געזאָגט דער טויט.— צי ווילסטו, איך זאָל דיר אָפּגעבן דיין קינד, צי איך זאָל דאָס אין אומבאוואוסטן לאנד אוועקטראָגן?

די מוטער האָט מיט די הענט פארבראָכן, אויף די קני געפאלן און פאר דעם באשעפער געבעטן: —

— פארנעם נישט מיין געבעט, ווען איך וועל דיך וועגן וואס עס איז, וואס מיט דיין אַל-גוטן ווילן נישט שטימט, בעטן! פארנעם נישט! פארנעם נישט!

און זי האט דעם קאפ אראפּגעלאזט...

און דער טויט האט איר קינד אין דעם אומבאוואוסטן לאנד אוועקגעטראגן.

דאס העסליכע קאַטשערל.

גוט איז געווען אונטער דער שטאָט! ס׳איז זומער־לעבּ געווען, דאָס קאָרן האָט שוין געלן אָנגעהויבּן, דער האָבּער איז שוין גרין געוואָרן, דאָס היי שוין אין הויפנס צענויפגעלייגט געווען; איבּער דער גרינער לאָנקע האָט דער לאַנגפּיסיקער בושל אַרומגעשפּאַצירט און אויף מצרים־לשון געפּלאַפּלט, — די שפּראַך האָט ער זיך ביי זיין מוטער אויסגעלערנט. הינטער די פעלדער און לאָנקעס האָבּן זיך גרויסע וועלדער, מיט טיפע אָזערעס אין זייערע געדיכטענישן, געצויגן! יאָ, גוט איז אונטערן שטאָט געווען! פּונקט אַנטקעגן דער זון איז אַן אַלטער פריצים־מאַיאָנטעק געלעגן, מיט טיפע וואַסער־קאַנאַלן אַרומגערינגלט; פון סאַמע געבּיי האַרט בּיזן וואַסער האָט דער ווינט־בּלאַט געוואַקסן, און אַזאַ הויכער, אַז קליינע קינדער האָבּן אונטער די סאַמע היפשע בּלעטער זיינע אין גאַנצן וואוקס זייערן זיך געקאָנט אויעקשטעלן.

אין דער סאַמע געדיכטעניש פון ווינט־בּלאַט איז אויך אַזוי פאַרוואָרלאָזט־פאַרווילדעוועט געווען, ווי אין אַ וואַלד א געדיכטן, און אָט דאָרטן איז א קאטשקע אויף אייער געזעסן. געזעסן איז זי שוין לאנג, און ס׳איז שוין געגוג נמאס געוואָרן דאָס זיצן, — מ׳האָט זי ווייניק בּאזוכט; די אנדערע קאטשקעס איז פיל אָנגענעמער געווען איבּער די קאנאלעכלעך ארומצעשווימען, איידער אין ווינט־בּלאט זיצן און מיט איר צו גאוויאגען.

לסוף האָבן די איי־שאָלעכצלעך שוין געפּלאַצט — פּי! פּי! — האָט זיך ארויסדערהערט פון זיי — די איי־געלעכלעך האָבן אויפגעלעבט און האָבן פון די שאָלעכצלעך די נעזעלעך ארויסגעשטעקט.

— לעבעדיק! לעבעדיק! — האָט זיך די קאטשקע צע־גאוויאגעט, און די קאטשקעלעך האבן זיך אונטערגעאיילט, זיך ווי־ניט־ווי ארויסגעקראַטשקעוועט און ארום זיך ארומצוקוקן אנגעהויבן, די גרינע בלעטער פון ווינט־בלאט באטראכ־טנדיק: די מוטער האט זיי נישט געשטערט — די גרינע שיין איז גוט צו די אויגן.

— ווי גרויס די וועלט איז! — האבן געזאגט די קאטש־קעלעך. אודאי! איצט איז פאר זיי א סך מער ארט געווען, ווי דעמאלט, ווען זיי זיינען אין די איי־שאלעכצלעך געלעגן.

— און איר מיינט, אז דאס איז שוין אין גאנצן די וועלט? — האט געזאגט די מוטער — ניין! זי גייט אוועק ווייט־ווייט, אזש אהין, אויף הינטערן סאד, אין גלחס פעלד אריין, אבער דארט בין איך נאך, זינט איך לעב, נישט געווען... נו, וואס, אלע זיינט איר דאָ דאָ? — און זי איז אויפגעשטא־נען. — אך, ניין, ניט אלע! סאמע דאס גרעסטע איי איז אין גאנצן גאנץ געווען! וועט שוין א מאל צו דעם אן עק נעמען? ס'האט מיר שוין דערעסן, כ'לעבן!

און זי האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט.

— נו, וואס הערט זיך? — האט צו איר אן אלטע קא־טשקע פארקוקט.

— אט, איינס אן איי נאך איז פארבליבן! — האט געזאגט די יונגע קאטשקע. — איך זיץ און זיץ, און ס'קומט גאר נישט ארויס. גיב נאר אבער א קוק אויף די איבעריקע! פשוט א פרייד! שרעקליך אין פאטער געראָטן! און ער, דער טויגעניכטס, דער אזוינער, האט מיך נאך איין מאל נישט באזוכט אפילו!

— שטעל זיך נאר אויף, לאָמיך נאר אויפן איי א קוק טאן! — האט געזאגט די אלטע קאטשקע, — מעגליך, אז דאס

איז גאר אן אינדיטשקע־איי! מיך האט מען אויך א מאל אפּ־געגארט! נו, האב איך זיך דאס אנגעמוטשעט, אז איך האב די אינדיקלעך אויסגעפּירט! זיי האבן שרעקליך פאַרן וואסער מורא; האב איך עס געקראקעט און געשריגן, און אין וואַסער געשטופּט זיי — זיי גייען נישט, און איין מאל ניין! אנו, לאז מיך נאר אויפן איי א קוק טאן; ווי געטראפן! אן אינ־דיטשקע! ווארף עס אוועק, און גיי לערן די איבעריקע שווימען!

— איך וועל שוין נאך א ביסעלע זיצן! — האט געזאגט די יונגע קאטשקע. — אזוי פיל געזעסן, דארף מען שוין נאך א ביסעלע זיצן.

— ווי דו ווילסט זיך! — האט געזאגט די אלטע קאטש־קע און זיך אוועקגעגאן.

לסוף האט אויך די שאלעכץ פונם סאמע גרעסטן איי געפּלאצט — פּי! פּי! — און פון דארטן האט זיך א גרויס און זעהר נישט קיין שיין יונג־פייגעלע ארויסגעווארפן. די קאטש־קע האט דאס ארומגעבאטראכט. — א שרעקליך גרויס! — האט זי געזאגט. — און גאר נישט צו די איבעריקע ענליך! זאל דאס, אַ סברא, אן אינדיקל זיין! נו, אין וואסער וועט עס ביי מיר מוזן גיין, ס'זאל מיר אַפילו אויסקומען דאס אהין מיט גע־וואלט ארייננצושטויסן.

אויפן צווייטן טאג איז דער אינדרויסן א וואונדערליכער געווען! דער גרינער ווינט־בלאט איז אינגאנצן מיט זון פאר־גאסן געווען. די קאטשקע האט זיך מיטן גאנצן הערטל אירן צום קאנאל אוועקגעלאזט. — בול־טייך! — און די קאטשקע איז אין וואסער ארייין.

— נאך מיר! לעבעדיק! — האט זי גערופן די קאטשקע־לען, און אויך יענע האבן איינס נאכן אנדערן אין וואסער זיך ארייינגעבולבעט.

צום אלעם ערשטן איז דאס וואסער זיי איבער די קע־פּעלעך אריבער, אבער באלד דערנאך האבן זיי זיך ארויס־געקעפּלט און שווימען אוועק, און אזוי, אז ס'א חיות געווען

די לאפקעלעך ביי זיי האבן אזוי געארבעט, אזוי געארבעט; דאס נישט־שיינע קאטשקעלע דאס גרויע איז פון די איבע־ריקע נישט אפגעשטאנען.

— וואס־זשע פאר אן אינדיקל איז דאס? — האט געזאגט די קאטשקע. — ווי ער ארבעט עס מיט די לאפקעס אביסל, ווי גלייך ער האלט זיך! ניין, דאס איז אן אייגענער זון מיינער! ער איז אויך גאר נישט אזוי מיאוס, אז מ׳קוקט זיך אין אים גוט איין! נו, לעבעדיקער! נאך מיר! איך וועל אייך באלד אין א געזעלשאפט אריינפירן, — מיר וועלן זיך אויפן עופות־הויף אוועקלאזן. נאר האלט זיך נעבן מיר, מ׳זאל קיינער אויף אייך נישט אנטרעטן, און היט זיך פאר קעץ!

באלד האבן זיי זיך צום עופות־הויף דערקליבן. טאטע־פאטער! וואס פאר א רעש און ליארעם דארט איז געווען! צוויי משפחות האָבן זיך פאר איין שלייענדל־קעפל געשלאָגן, און לסוף פון אלע סופן איז דאס צו דער קאץ אריינגעפאלן.

— אט, ווי אויף דער ווייסער וועלט פירט זיך! — האט געזאגט די מוטער און מיטן צינגל דאס פיסקל זיך באלעקט, — איר האט זיך זעהר געוואלט פונם שלייענדל־קעפל פאר־זוכן. — נו, נו, צעגייט זיך נאר מיט די לאפקעלעך! — האט זי געזאגט צו די קאטשקעלעך. — צעגאוויאגעט זיך און פאר־נייגט זיך נאר פאר דער אלטער קאטשקע דארט! זי איז דא די באוואוסטע פון אלע, פון הישפאניע שטאמט זי, און דער־פאר איז זי אַ פעטע אַזאַ. איר זעט אַ רויט שמאטקעלע אויפן לאפקעלע ביי איר? ווי שיין! דאס איז א צ׳כן פארן בעסטן אויסצייכענען זיך, צו וואס אַ קאטשקע נאר קאן זיך דערדינען. מענטשן גיבן אנצוהערן דערמיט, אז זיי ווילן זי נישט פאר־לירן; אין דעם שמאטקעלע דערקענען זי אי מענטשן, אי עופות. נו, לעבעדיקער! האלט־זשע ניט די לאפקעס אינאיינעם! א וואויל דערצויגן קאטשקעלע דארף האלטן די לאפקעלעך צענומען, און זיי איבערקערן אויף פארקערט, אזוי ווי דער טאטע און די מאמע. פארנייגט־זשע זיך און גאוויאגעט!

האבן זיי טאקע אזוי געטאן, אבער די אנדערע קאטש־

קעלעך האבן, זיי ארומקוקנדיק, אזוי געזאָגט:

— אט האסטו דיר! טאמער איז דיר ווייניק געווען נאך א נייע מחנה א גאנצע! און איינער דארט, וואס פאר א העסליכער! אים וועלן מיר שוין גאר נישט פארליידן! — און באלד איז איינע א קאטשקע אונטערגעשפרונגען און האט אים אין האלז א פיק געטאן.

— לאזט אים אפ! — האט געזאגט די קאטשקע־מוטער,— ער האט דאך אייך גארנישט ניט געטאן!

— זאל זיין, אז גארנישט, אבער ער איז דאך אזא גרויסער און אזא מאדנער! — האט געענטפערט די שלעגערין.
— מ׳דארף אים אנלייגן אביסל.

— וואוילע קינדער ביי דיר! — האט געזאגט די אלטע קאטשקע מיט דעם רויטן שמאטקעלע אויף דער לאפקע, — אלע זעהר פיינינקע, אויסער נאר איינעם... דער האט זיך נישט איינגעגעבן! מ׳וואלט אים באדארפט איבערמאכן.

— סאיז אוממעגליך, אייער עקסעלענץ! — האט געענטפערט די קאטשקע־מוטער. — ער איז נישט קיין שיינער, דערפאר אבער איז ביי אים אַ הארץ א גוטס, און שווימען שווימט ער ניט ערגער, איך דערוועג זיך אפילו צו זאגן, אויך בעסער פון אנדערע. איך רעכן, אז ער וועט אונטערוואקסן, וועט ער שענער ווערן, און מיט דער צייט אויך קלענער ווערן. ער איז זיך אין איי פארלעגן, דערפאר האט ער זיך נישט איינגעגעבן אין גאנצן. — און זי האט מיט איר נעזל איבער די פעדערלעך פונם גרויסן קאטשקעלע א פיר געטאן.— און אויסער דעם איז ער אן „ער“, א קאטשערל, אזוי אז די שיינקייט זיינע איז דאך נישט איבעריק נויטיק. איך מיין, אז ער וועט מענישער ווערן, וועט ער זיך א וועג דורכשלאגן.

— די איבעריקע קאטשקעלעך זיינען זעהר טייניקע! — האט געזאגט די אלטע קאטשקע. — נו, פירט־זשע זיך היימיש, און אויב איר וועט א שלייענדל־קעפל געפינען, קאנט איר עס צו מיר ברענגען.

און אט האבן זיי זיך אנגעהויבן היימיש פירן. אבער

דאס אומגליקלעכע קאטשערל, וואס האט זיך אויסגעפיקט שפּע־
טער פון אלע, איז אזא העסליכס געווען, האט מען דאס גע־
פּיקט, געשטופּט און מיט שפּאטערייען באשיט, אלע אָן אויס־
נאם, אי די הינער, אי די קאטשקעס.

— ער איז אומגעלומפּערט גרויס! — האבן אלע געזאגט,
און דער אינדיק, וואס איז געבוירן געווארן מיט שפּארן אויף
די פיס און ער האט זיך דערפאר פאר א קיסר געהאלטן,
האט זיך אנגעבלאזן און איז ווי א שיף מיט אלע זעגלען צום
קאטשערל צוגעשפּרונגען, האט דארויף א קוק געטאן, און
איבער ברוגז עפּעס צו באלבעטשען אנגעהויבן: דאס קאפּ־
קרוינדל האט זיך ביי אים אינגאנצן מיט בלוט אנגעגאסן. און
נאך וואס, טאמער ווייסט איר, האט עס באדארפט אזא העס־
ליכס געבוירן ווערן, אַ שפּאס־ציל פארן גאנצן עופות־הויף!

אזוי איז פארגאן דער ערשטער טאג, דערנאך איז נאך
ערגער געווען. אלע האבן דאס געיאגט, דאס שלימזלדיקע,
אפילו די שוועסטער און ברידער פלעגן דעם ברוגז זאגן:
„הלואי וואלט די קאץ דיך פארשלעפּט, דו אומדערטרעגליך
פארזעעניש”! און די מוטער פלעגט צוגעבן: „וואלטן דיך
מיינע אויגן כאטש ניט געזען!” און די קאטשקעס האבן
דאס געפּיקט, די הינער געציפּט, און דאס מיידל, וואס פלעגט
די עופות עסן געבן, האט דאס מיטן פוס געשטויסן. האט דאס
קאטשערל דאס נישט אויסגעהאלטן, איז דאס דעם הויף אי־
בערגעלאפן און—איבערן פּלויט אריבער! קליינע פייגעלעך
זיינען דערשראקן פון די קוסטעס זיך צעפלויגן.

— דאס האבן זיי זיך עס פאר מיר דערשראקן, אַזאַ
העסליכער בין איך! — האט זיך געטראכט דאס קאטשערל און
האט זיך מיט פארטראכטע אויגן ווייטער אוועקגעלאזט, ביז
ער האט אין זומפּ געטראפן, דארט, וואו די ווילדע קאטשקעס
האבן געוואוינט.

אַ מידער און אַ טרויעריקער, איז ער דארט די גאנצע
נאכט איבערגעזעסן.

אין דער פרי זיינען די קאטשקעס פון די נעסטן ארויס־

געפֿלויגן און דעם נייעם חבר דערזען.

— ווער ביסט דו? — האָבן זיי געפֿרעגט, און דאָס קאַטשערל האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, ווי ער האָט נאָר געקאָנט, זיך פֿאַרנייגנדיק.

— ביסט שרעקליך העסליך! — האָבן געזאָגט די ווילדע קאַטשקעס. — אָבער ס'איז נישט אונזער עסק, דו זאָלסט נאָר נישט טראַכטן מיט אונז זיך משדך צו זיין.

שלימזלדיקס! ווי האָט דאָס גאָר געקאָנט טראַכטן פֿון אַזוינס! גענוג, מ'זאָל דעם נאָר ערלויבן דאָ אין טשערעט צו זיצן און זומפּ־וואַסער צו טרינקען!

האָט עס צוויי טעג אין זומפּ פֿאַרבראַכט, און אויפֿן דריטן האָבן זיך צוויי ווילדע גאָנערס באַוויזן. זיי האָבן זיך ערשט נישט לאַנג פֿון די אייער אויסגעפּיקט, און דעריבער האָבן זיי מיט אַזאַ גרויס האָפֿערדיקייט אַרויסגעטראַטן.

— הער נאָר צו, פֿריינט! — האָבן זיי געזאָגט. — דו ביסט אַזאַ פֿאַרזעעניש, אַז דו געפֿעלסט אונז, כ'לעבן. אפשר ווילסטו מיט אונז וואַנדערן און אַ פֿרייער פֿויגל זיין? נישט ווייט פֿון דאַנען, אין אַ צווייטן זומפּ, וואוינען זייער פֿייַנינקע ווילדע קאַטשקע־פֿריילינס. זיי קאָנען רעדן: „ראַפּ! ראַפּ!” דו ביסט אַזאַ פֿאַרזעעניש, אַז זייער מעגליך — דו וועסט ביי זיי זייער אויסנעמען.

פּיף! פּאַף! — האָט זיך פּלוצלים איבערן זומפּ הערן געלאָזט, און ביידע גאָנערס זיינען טויטע אין טשערעט געפֿאַלן; דאָס וואַסער האָט זיך פֿון בלוט פֿאַרפֿאַרבט.

פּיף! פּאַף! — האָט זיך ווייטער דערהערט, און פֿון דעם טשערעט האָט זיך אַ גאַנצע מחנה ווילדע גענז אויפֿגעהויבן. ס'אַ שיסעריי אוועק! די יעגערס האָבן דעם זומפּ פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט; אייניקע פֿון זיי זיינען אויף די העכערע בוים־צווייגן, וואָס איבער דעם זומפּ, געזעסן. אַ בלויער רויך האָט וואָלקנדיק די ביימער פֿאַרהילט און איבער דעם וואַסער זיך געשפּרייט. איבערן זומפּ האָבן די יעגער־הינט אַרומגעשלײַפֿט; דער טשערעט האָט זיך פֿון איין זייט אויף דער

אנדערער געשאקלט.

דאס אומגליקליכע קאטשערל איז פון שרעק נישט טויט און נישט לעבעדיק געוועזן, און ווי ער האט נאר געוואלט דעם קאָפּ אונטער דעם פליגל באהאלטן, אז ער דערזעט — ווי פאר אים האט אַ יעגער־הונט מיט אן ארויסגעשטעקטן צונג און מיט בלישטשענדיקע אויגן בייזע זיך באוויזן. דער הונט האט צום קאטשערל זיין פּיסק דערנענט, די שארפע ציין אויסגעשטשירעט און — שליאַפּ, שליאַפּ — און זיך ווייטער אפּגעלאפן.

— דאנקען גאט! — האט דאס קאטשערל דעם אטעם אפּגעכאפּט. — דאנקען גאט! איך בין אזוי העסליך, אז אפילו דער הינט וויל מיר נישט קיין בּיס טאָן.

און ער האט זיך אין טשערעט באהאלטן. איבערן קאָפּ אויף זייער אלע ווילדע שיס־שרויטעלעך געפלויגן און שיסערייען האָבן זיך געלאָזט הערן.

די שיסעריי איז צו פאַרנאַכט־צו איינגעשטילט געוואָרן, אָבער דאָס קאַטשערל האָט זיך נאָך לאַנג אַ ריר צו טאָן מורא געהאַט. ס'זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך אייניקע שעהן, איידער ס'האָט זיך דערוועגט אויפצעשטיין, ארומצעקוקן זיך און ווייטער איבער פעלדער און לאָנקעס זיך לויפן לאָזן. ס'האָט אַזאַ שטאַרקער ווינט געבלאָזן, אַז דאָס קאַטשערל האָט קוים־קוים זיך רירן געקאָנט.

צו נאַכט־צו איז דאָס צו איינעם אַן אָרימען שטיבעלע צוגעלאָפן. דאָס שטיבעלע איז שוין אַזוי אַלט געווען, אַז ס'איז שוין גרייט געווען אומצעפאַלן, ס'האָט נאָר נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ זייט זאָל עס פאַלן און דעריבער האָט זיך עס נאָך אויפגעהאַלטן. דער ווינט האָט דאָס קאַטשערל אזוי אונטערגעכאַפּט, אז ס'איז דעם אויסגעקומען מיטן עק אן דער ערד זיך אָנצעשפּאַרן.

דער ווינט, פונדעסטוועגן, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן; וואָס זאָל געווען טאָן דאָס קאַטשערל? צום גליק, האָט דאָס באַמערקט, אַז די טיר פון שטיבעלע איז פון איין האַטשיק אַראָפּ און הענגט אין דער קרים גאָר; מ'האָט געקאָנט פריי

דורך דעם לעכעלע אין שטיבעלע זיך דורכרוקן. האָט דאָס אַזוי טאַקע געטאָן.

אין שטיבעלע האָט געוואוינט אַן אַלטיטשקע מיט אַ הון און מיט אַ קאָטער. דעם קאָטער האָט זי „זונעלע" גערופן; ער האָט געקאָנט דעם רוקן אויסבויגן, מרוקען און אַפּילו פינקען לאָזן, אויב מ'האָט אים קעגן דעם האָר־אויסגעלייג גע־גלעט. ביי דער הון זיינען קליינינקע, קורצינקע פיסעלעך געווען, האָט מען זי דעריבער קורצפיסלדיקע אָנגערופן; זי האָט פלייסיק אייער געלייגט, און די אַלטיטשקע האָט זי ווי אַ טאָכטער ליב געהאַט.

אין דער פרי האָט מען דעם אורח באַמערקט, דער קאָטער האָט מרוקען אָנגעהויבן און די הון צו קוואָקען.

— וואָס איז דאָרט? — האָט געפרעגט די אַלטע, אויף אַרום זיך אַרומקוקנדיק, און האָט דאָס קאַטשערל באַמערקט. אָבער איבער דער בלינדיקייט אירער האָט זי דאָס פאַר אַ פעט קאַטשקעלע, וואָס האָט זיך פון דער היים אָפּגעשלאָגן, אָנגענומען.

— אָט אַ געווינס! — האָט געזאָגט די אַלטיטשקע. — איצט וועל איך קאַטשקע־אייער האָבן, אויב ס'איז נאָר נישט קיין קאַטשער. נו, מירן זען און אויספּרובן.

און דאָס קאַטשערל האָט מען אויף אויספּרובן גענומען. אָבער ס'זיינען דריי וואָכן אַוועקגעגאַן, און קיין אייער זיינען אַלץ נישט געווען. דער בעל־הבית אין שטוב איז געווען דער קאָטער, די בעל־הביתטע — די הון, און ביידע פלעגן זיי זאָגן: „מיר און די וועלט!" זיי האָבן זיך אַליין פאַר אַ האַלבער וועלט גערעכנט — די בעסטע העלפט אירע. דעם קאַטשערל אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מ'קאָן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג זיין. די הון האָט דאָס פאַרליידן נישט געקאָנט.

— קאָנסט אייער לייגן? — האָט זי געפרעגט ביים קאַטשערל.

— ניין!

— האַלט זשע ס'מויל!

און דער קאָטער האָט געפרעגט: —

— קאָנסט דעם רוקן אויסבויגן, מרוקען און פינקען לאָזן?
— ניין!
— טאָ שטופ־זשע דיך נישט מיט דער מיינונג דיינער, ווען קלוגע מענטשן רעדן.

און דאָס קאַטשערל איז אין אַ ווינקעלע אויפגעבלאָזן־אָנגעפעדערט געזעסן. פּלוצלים, האָט זיך דעם די פרישע לופט און די זון דערמאָנט, און ס׳האָט זיך דעם שרעקליך אַ שווים טאָן פאַרגלוסט! ס׳האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט וועגן דעם דער הון דערציילט.

— וואָס געשעט עס מיט דיר? — האָט זי געפרעגט. — גייסט אַרום בטל, קריכן דיר די פּוסטקייטן אין קאָפּ אַריין! לייג אייער, אָדער מרוקע, וועט עס דיר איבערגיין.

— אַך, ווי ליב־אָנגענעם ס׳איז אויפן וואַסער צו שווימען! — האָט געזאָגט דאָס קאַטשערל. — און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ס׳איז מיטן קאָפּ ביז אין סאַמע דער טיף זיך אונטערצוטוקן!

— א פיינער פאַרגעניגן! — האָט געזאָגט די הון. — דו ביסט גאָר פון זינען אַראָפּ! פרעג ביים קאָטער, ער איז דער קליגסטער פון אַלע די, וואָס איך קען נאָר, פרעג נאָר ביי אים, צי געפעלט אים שווימען אָדער גרונטעווען! פון זיך אַליין רעד איך שוין נישט! פרעג, לסוף, ביי אונזער אַלטער בעל־הביתטע, קליגער פון איר איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ! נאָך דיר נאָך קומט אויס, אַז אויך איר גלוסט זיך שווימען אָדער מיטן קאָפּ זיך צו טוקן.

— איר פאַרשטייט מיך נישט! — האָט געזאָגט דאָס קאַטשערל.

— אויב מיר פאַרשטייען דיך נישט, ווער־זשע וועט דיך שוין פאַרשטיין! וואָס־זשע, דו ווילסט קליגער זיין פון דעם קאָטער מיט דער בעל־הביתטע, שוין נישט רעדנדיק פון מיר? מאַך זיך נישט נאַריש, און דאַנק בעסער דעם באַשעפער פאַר אַלץ, וואָס מ׳האָט געטאָן פאַר דיר! מ׳האָט דיך אין אַ היים, אַן איינקומעניש אַריינגענומען, מ׳האָט דיך אָנגעוואַרימט, געפינסט זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו דו וואָלסט זיך געקאָנט

אָפּלערנען, אָבער דו ביסט אַ פּוסטער קאָפּ, און ס'איז נישט כדאי אַפילו צו ריידן מיט דיר! גלויב=זשע מיר! איך מיין די טובה דיינע, און דעריבער זאָג איך דיר: אָט אַזוי קאָן מען תמיד די אמתע פריינט דערקענען! זע=זשע אייער לייגן, אָדער לערן זיך אויס מרוקען און פונקען לאָזן!

— איך מיין, אַז פאַר מיר איז גלייכער אַוועק פון דאַנען און וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן! — האָט געזאָגט דאָס קאַטשערל.

— און גיי געזונט, און זיי געזונט! — האָט געענטפערט די הון.

דאָס קאַטשערל איז אַוועקגעגאַנגען, געשוואומען און מיטן קאָפּ געגרונטעוועט, אָבער אַלע עופות האָבן דאָס, ווי פריער, איבער דעמס העסליכקייט פאַראַכט.

ס'איז דער האַרבסט אָנגעקומען; די בלעטלעך אויף די ביימער זיינען טייל שוין געל געוואָרן און טייל אַ ברוין=קאָליר באַקומען; דער ווינט האָט זיי אונטערגעכאַפּט און האָט זיי אין דער לופט געדרייט; אויבן, אין הימל איז אַזוי קאַלט געוואָרן, אַז די שווערע וואָלקנס האָבן מיט האָגל און מיט שניי געשאָטן, און אויפן גאָרטן איז די קראָ געזעסן און פון קעלט מיט פולן גאָרגל געקראַקעט. בררר! מ'קאָן דערפרוירן ווערן, זיך נאָר דערמאַנענדיק אָן אַזאַ קעלט! שלעכט איז דעם אָרימען קאַטשערל געוואָרן.

איין מאָל אויף דער נאַכט, ווען זון האָט נאָך אַזוי וואויל אין הימל געשיינט, האָט זיך פון הינטער די קוסטעס אַרויס אַ גאַנצע מחנה וואונדערליכע און גרויסע פייגלען אויפגעהויבן; דאָס קאַטשערל האָט, זינט עס לעבט, אַזוינע פייגלען נאָך נישט געזען; אַלע זיינען זיי ווייס ווי שניי געווען און מיט לאַנגע העלזער בייגעוודיקע. דאָס זיינען שוואַנען געווען. זיי האָבן עפּעס אַ מאָדנע געשריי אַרויסגעלאָזט, זיי האָבן מיט די פּרעכטיקע גרויסע פליגלען אַ מאַך געטאָן, און זיינען פון די קאַלטע לאָנקעס אין די וואַרימע קאַנטן, וואָס פון יענער זייט בלויען ים, אָפּגעפלויגן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן הויך=הויך, און דעם אָרימען קאַטשערל האָט עפּעס אַ

מאָדנע אויפרעגונג אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך אין וואַסער, ווי אַ דריידל דרייען גענומען, ער האָט דעס האַלז אויסגעצויגן און אויך אַזאַ הויך און מאָדנע געשריי אַרויסגעלאָזט, אַז ער האָט זיך אַזש פאַר דעם אַליין דערשראָקן. די וואונדערליכע פייגלען זיינען אים פון קאָפּ נישט אַרויס, און ווען זיי זיינען שוין אינגאַנצן פון אויג פאַרשוואונדן, האָט ער זיך ביז צום סאַמע טייך־גרונט אַראָפּגעטוקט, צוריק אַרויס, אַרויף, און ווי עפּעס אויסער זיך געווען. דאָס קאַטשערל האָט נישט געוואוסט, ווי מ׳רופט זיי, יענע פייגלען, אָבער ליב געקראָגן האָט ער זיי, ווי ער האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל קיינעם נישט ליב געהאַט. ער האָט זיי נישט אויף זייער שיינקייט מקנא געווען, ס׳איז אים אַפילו אויפן זינען נישט געקומען, ער זאָל וועלן צו זיי ענליך זיין; ער וואָלט זיך באַנוגנט דערמיט, אַז כאָטש די קאַטשקעס זאָלן אים פון זיך נישט אָפּשטויסן. אָרים קאַ־טשערל העסליכס!

און אַ ווינטער איז געווען אַ קאַלטער, זעהר אַ קאַלטער. דעם קאַטשערל איז אויסגעקומען אָן אויפהער אין וואַסער אַרומצעשווימען, ער זאָל דאָס נישט לאָזן איינצופרירן אין גאַנצן; אָבער נאָך יעדער נאַכט זיינען די שטרעקעס, די פון אייז פרייע, אַלץ קלענער געוואָרן. ס׳האָט אַזאַ פראָסט גענומען, אַז די אייז־שטיקער האָבן אַזש טרעשטשען גענומען. דאָס קאַטשערל האָט כסדר מיט די לאַפּקעלעך געאַרבעט, אָבער לסוף איז דאָס אָן כח געבליבן, האָט זיך דאָס אָפּגעשטעלט און איז אינגאַנצן אַרומגעפרוירן געוואָרן.

גאַנץ־פרי איז דאָרט נאָענט דערביי אַ פויער דורכגעגאַנגען. האָט ער דאָס צוגעפרוירענע קאַטשערל דערזען, האָט ער דאָס אייז מיט זיין האָלצערנעם שוך צעקלאַפּט און האָט דאָס עוף אַ היים צו זיין ווייב געבראַכט. דאָס קאַטשערל האָט זיך דערוואַרימט.

נאָר אָט האָבן אָבער די קינדער פאַרטראַכט זיך מיט דעם אַ שפּיל צו טאָן. האָט דאָס קאַטשערל געמיינט, אַז זיי ווילן דאָס באַליידיגן, האָט זיך עס פון שרעק גלייך אין

מעלק־שעפל אַ וואָרף ־געטאָן, און די מילך האָט זיך אויסגע־כלופעט אינגאַנצן. די פרוי האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט און מיט די הענט אַ בראָך געטאָן; איז דערווייל דאָס קאַטשערל אין דייזשקעלע מיט פוטער אַריינגעפלויגן, און פון דאָרט אין מעל־פעסל. טאַטע־פאָטער! ווי ס'האָט אויסגעזען! די פרוי האָט געגוואַלדעוועט און נאָך דעם מיט דעם קוילן־אָפצווייגג זיך נאָכגעיאָגט, די קינדער זיינען געלאָפן, איינס דאָס אַנדערע פון די פיס זיך אומוואַרפנדיק, און געכאַכעט און געקוויטשעט. אַ מערכה נאָך, וואָס די טיר איז אָפן געשטאַנען, איז דאָס קאַטשערל ארויסגעלאָפן, איז דאָס אין די קוסטעס אַריין, גלייך אויפן פרישן שניי דעם נאָר־וואָס אויסגעפאַלענעם, און לאַנג־לאַנג דאָרט כמעט אָן אַ סימן לעבן געלעגן.

ס'וואָלט שוין גאָר־גאָר טרויעריק געווען צו באַשרייבן די אַלע שלעכט־טרעפענישן, וואָס האָבן זיך דעם קאַטשערל פאַר דער צייט פונם בייזן ווינטער געטראָפן. דערפאַר אָבער, ווען די זון האָט ווידער אַ מאָל די ערד מיט אירע וואַרימע שטראַלן דערוואַרימט, האָט זי דאָס קאַטשערל אין זומפּ און אין אָטשערעט ליגן דערזען. ס'האָבן די שפּיל־פייגל צו זינגען אָנגעהויבן, ס'איז זומער־לעב געקומען.

דאָס קאַטשערל האָט מיט די פליגלען אַ פאָכע געטאָן און פליען אָנגעהויבן; איצט האָבן זיינע פליגלען געראַשט און זיינען אַ סך שטאַרקער, ווי פריער, געווען. דאָס קאַטשערל האָט זיך נאָך נישט באַוויזן צו באַדענקען, ווי ס'האָט זיך אין אַ גרויסן סאָד שוין געטראָפן. די עפּל־ביימער זיינען אַלע אין בליטן אָנגעטאָן געשטאַנען; דער שמעקנדיקער בעז האָט זיינע לאַנגע, גרינע צווייגן איבער אַ שליינגלענדיקן קאַנאַל אי־בערגעבויגן.

אַך, ווי גוט ס'איז דאָ געווען! ווי ס'האָט מיט פרילינג געשמעקט! פלוצלים, זיינען פון דעם אָטשערעט־געדיכטעניש דריי וואונדערליכע ווייסע שוואַנען אַרויסגעשוואומען. זיי זיינען אַזוי גרינג און שוועבנדיק געשוואומען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געגליטשט איבערן וואַסער. דאָס קאַטשערל האָט די שיינע

פייגלען דערקענט, און אים האָט עפּעס אַ מאָדנער טרויער אַרומגעכאַפּט.

— איך וועל אַ פּלי טאָן צו אָט די מלכותדיקע פייג־לען! זיי וועלן מיך געוויס דערהרגענען פאַר מיין העזה, דערפאַר, וואָס איך, אַזאַ העסליכער, האָב זיך דערוועגט צו זיי צו דערנענטערן. אָבער לאָזן זיי! בעסער דערהרגעט ווערן פון זיי, איידער איבערטראָגן דאָס ציפּן פון די קאַטשקעס און די הינער, דאָס שטויסן זיך פון דער עופות־באַדינערין, און איידער צו ליידן קעלט און הונגער אום ווינטער.

און דאָס קאַטשערל איז אין וואַסער אַריינגעפלויגן און אַנטקעגן די שוואַנען־שיינהייטן געשוואומען, און זיי, אים דערזעענדיק, האָבן זיך אויך צו אים אַנטקעגן געלאָזט.

הרגעט מיך! — האָט געזאָגט דאָס אומגליקליכע און ס'האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אויפן טויט וואַרטנדיק. אָבער וואָס האָט דאָס דערזען אין דעם וואַסער, אין דעם, ווי שפּיגל, ריינעם? זיין אייגן בילד, אָבער דאָס איז שוין נישט קיין העסליך־גרויליכער פויגל געווען, נאָר — אַ שוואַן!

ס'איז קיין אומגליק נישט אויף דער וועלט פון אַ קאַטש־קע־נעסט אַרויסצוקומען, אַבי נאָר מ'האָט זיך פון אַ שוואַנען־איי אויסגעפּיקט.

איצט איז ער צופרידן געווען, וואָס ער איז אַזוי פיל צרות און אומגליק אויסגעשטאַנען, ער האָט איצט בעסער געקאָנט אָפּשאַצן זיין גליק און אַל־די־פּראַכט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. די גרויסע שוואַנען זיינען אַרום אים אַרום־געשוואומען און האָבן אים געצערטלט, מיט די פּיסקעס זיינע פעדערלעך געגלעט.

אין סאָד אַריין זיינען קליינע קינדער צו לויפן געקומען. זיי האָבן די שוואַנען ברויט־ברעקלעך און זוימען־קערנדלעך וואַרפן אָנגעהויבן, און סאַמע דער קלענסטער פון די קינדער האָט אויסגעשריגן:

— אַ נייער! אַ נייער!

און אַלע איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט: יאָ, אַ נייער!

אַ נייער! — האָבן זיי מיט די הענטלעך געפּליעסקעט און פּאַר פרייד אונטערגעטאַנצט; נאָכדעם זיינען זיי נאָך דעם טאַטן און נאָך דער מאַמען אַוועקגעלאָפן און האָבן ווייטער אין וואַסער ברויט־ברעקלעך און קיכלעך־שטיקלעך געוואָרפן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז דער נייער איז דער שענסטער פון אַלע. אַזאַ יונגער, און אַזאַ חיותדיקער.

און די אַלטע שוואַנ׳ן האָבן פאַר אים די קעפּ געבויגן.

און ער האָט זיך גאָר פאַרלוירן און האָט דעם קאָפּ אונטער דעם פליגל באַהאַלטן, אַליין פאַר וואָס נישט ווי(ס)נדיק. ער איז איבערפולט גליקליך געווען, אָבער אויף אַ האָר זיך נישט גרויס געהאַלטן — דאָס גוטע האַרץ ווייס פון קיין גדלות נישט — געדענקענדיק יענע צייט, ווען אַלע האָבן אים געיאָגט און פאַראַכט. און איצט זאָגן אַלע, אַז ער איז דער שענסטער צווישן די שענסטע! דער בעז האָט צו אים זיינע שמעקעדיקע צווייגן אַראָפּגעבויגן, די זון האָט אַזוי וואויל אַריינגעשיינט... און אָט, האָבן זיך זיינע פליגלען צערוישט, דער שטאַלטנער האַלז האָט זיך אויסגעגלייכט, און פון דער ברוסט האָט זיך אַ זיג־פרייד־געשריי אויסגעריסן.

— ניין, פון אַזאַ גליק האָב איך גאָרנישט געחלומט אפילו, ווען איך בין נאָך אַ העסליך קאַטשערל געווען!



דער זינג־פויגל.

אין כינע, ווי דו ווייסט, איז אַליין דער קיסר, און אויך אַלע, וואָס גייען אַרום דעם קיסר — כינעזער. די מעשה איז שוין זעהר לאַנג פאָרגעקומען, אָבער דעריבער טאַקע איז כּדאַי זי אויסצוהערן, איידער זי וועט אין גאַנצן פאַרגעסן ווערן.

אויף גאָר דער וועלט איז אַזאַ פּאַלאַץ נישט געווען, ווי ביים קיסר: ער איז אין גאַנצן פון טייערסטן פּאָרצעליי גע־ווען, אָבער פון אַזאַ דינינקן, אַז ס׳איז שרעקליך געווען זיך צו אים צוצורירן. אין סאָד האָבן די וואונדערליכסטע בלומען געוואַקסן; צו די סאַמע גרעסטע פון זיי פלעגן זיך זילבערנע גלעקלעך צובינדן; זייער געקלאַנג האָט באַדאַרפט די אויפ־מערקזאַמקייט פון יעדער דורכגייער אויף די בלומען ווענדן. אָט ווי ס׳איז צוגעטראַכט געווען! דער סאָד האָט זיך געצויגן ווייט־ווייט, אַזוי ווייט, אַז אַליין דער גערטנער האָט נישט געוואוסט, וואו ער ענדיקט זיך. פונם סאָד האָט מען גלייך אין אַ געדיכטן וואַלד געקאָנט אָנקומען. אין געדיכטעניש פון וואַלד האָבן זיך טיפע אָזערעס פאַרבאַהאַלטן געהאַלטן, און געצויגן האָט ער זיך, דער סאָד, אַזש ביזקל דעם סאַמע ים, דעם בלויען. די שיפן פלעגן דורכשווימען אונטער די ביימער־שפּיצן, וואָס האָבן זיך איבערן וואַסער אַריבערגעהאַנגען, און וואָס אין זייערע צווייגן האָט אַ זינג־פויגל געוואוינט, וואָס פלעגט אַזוי וואונדערליך זינגען, אַז צו זיין געזאַנג פלעגט

זיך איינהערן, זיין נעץ פאַרגעסנדיק, אפילו דער אָרימער, פון זאָרג־דערשלאָגענער, פישער. „גאָט מיינער, ווי גוט!" — פלעגט זיך לסוף ביים פישער אַרויסרייסן, אָבער באַלד דערנאָך פלעגט ער זיך ווייטער פאַר זיין אַרבעט נעמען און דעם זינג־פויגל פאַרגעסן. אויף דער צווייטער נאַכט פלעגט ער זיך ווייטער צו אים איינהערן און ווידער דאָס זעלבע איבערחזרן: „גאָט מיינער, ווי גוט!"

פון אַלע עקן וועלט פלעגן אין דער הויפּט־שטאָט פונם קיסר רייזנדער זיך אָנפאָרן; אַלע פלעגן זיי אויף דעם פּרעכ־טיקן פּאַלאַץ און אויפן סאָד זיך חידושן, אָבער, דערהערנדיק דעם זינג־פויגל, פלעגן זיי זאָגן: אָט דאָס איז בעסער פון אַלץ!

אומגעקערט זיך אַהיים, פלעגן די רייזנדער פון אַלעם געזעענעם דערציילן; די געלערנטע פלעגן די הויפּט־שטאָט, דעם פּאַלאַץ און דעם סאָד באַשרייבן, אָבער אויך וועגן זינג־פויגל דערמאָנען נישט פאַרגעסן, און אים אויך אַפילו העכער פון אַלץ שטעלן; די פּאָעטן פלעגן לכּבוד דעם זינגער, דעם געפליגלטן, וואָס וואוינט אויפן ברעג פון ים דעם בלויען, וואונדערליכע לויב־לידער שאַפן.

די ביכער פלעגן זיך איבער דער גאַנצער וועלט פאַר־שפּרייטן, און אָט, אייניקע פון זיי זיינען אַזש ביז צום קיסר אַליין דערגאַנגען. ער איז אויף זיין גאָלדענעם שטול געזעסן, האָט געלייענט, געלייענט און אַלע ווייַלע מיטן קאָפּ געשאָקלט, — ס'איז אים זעהר אָנגענעם געווען די לויבערייען פון זיין הויפּט־שטאָט, פון זיין פּאַלאַץ און פון זיין סאָד צו לייענען. „אָבער דער זינג־פויגל איז שענער פון אַלץ!" — פלעגט אין בוך געשריבן שטיין.

— וואָס אַזוינס? — האָט געזאָגט דער קיסר. — דער זינג־פויגל? און איך ווייס דאָך פון אים גאָרנישט! וואָס הייסט? אין מיין מלוכה און אין מיין סאָד, אין אייגענעם, וואוינט אַזאַ פויגל, אַזאַ וואונדערליכער, און איך האָב אים אַפילו איין מאָל נישט געהערט! און ס'קומט מיר אויס וועגן

אים גאָר פון ביכער געוואָר ווערן.

און ער האָט צו זיך דעם ערשטן פון זיינע מקורבים געלאָזט רופן; יענער האָט אַזאַ ערנסטע צורה געמאַכט, אַז ווען עמיצער פון מענטשן, עטוואָס פראָסטער פון אים, זאָל זיך געווען דערוועגן מיט אים אַ רעד צו טון דעמאָלט, אָדער אַ פרעג טאָן וועגן עפּעס, וואָלט ער אים נאָר „פּפע!” געענטפערט, און דאָס וואָלט דאָך אַזוי גלייך, ווי „גאָר נישט” געהייסן.

— ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי אונז איז אַ וואונדערליכער פויגל פאַראַן, וואָס הייסט זינג־פויגל. מ׳רעכנט אים פאַר דער ערשטער זעלטנהייט פון מיין מלוכה! — האָט געזאָגט דער קיסר — פאַר וואָס־זשע האָט מען מיר קיין מאָל וועגן אים נישט צו וויסן געגעבן?

— איך האָב אַפילו נישט געהערט פון אַזאַ, — האָט געענטפערט דער ערשטער מקורב צום מלך. — ער איז קיין מאָל אין הויף נישט פאָרגעשטעלט געווען.

— איך באַגער, ער זאָל אַהער געבראַכט ווערן, און נאָך היינט אויף דער נאַכט פאַר מיר זינגען זאָל ער! — האָט געזאָגט דער קיסר. — די גאַנצע וועלט ווייסט, וואָס ביי מיר איז פאַראַן, נאָר איך אַליין ווייס נישט!

כ׳האָב וועגן דעם פויגל אַפילו צו הערן נישט אָנגעהויבן, — האָט איבערגעחזרט דער ערשטער צום־מלך־נאָענטער. — אָבער איך וועל זען אים אָפּזוכן.

ס׳איז גרינג צו זאָגן! אָבער וואו געפינט מען אים?

דער ערשטער צום־מלך־נאָענטער איז איבער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ געלאָפן, איבער די זאַלן און קאָרידאָרן, אָבער קיינער פון די, וואָס האָבן זיך אים באגעגנט, און צו וועלכע ער האָט זיך מיט דער פראַגע געווענדעט, האָט וועגן זינג־פויגל נישט געהערט און קיין אַנונג נישט געהאַט אַפילו. דער ערשטער צום־מלך־נאָענטער האָט צוריק צום קיסר זיך אומגעקערט און געמאָלדן, אַז דעם זינג־פויגל האָבן געוויס נאָר די ביכל־שרייבערס אויסגעטראַכט.

— זאָל אייער הויך־געקרוינטקייט נישט גלויבן אין דעם, וואָס אין די ביכלעך ווערט געשריבן; דאָס אַלץ זיינען הוילע אויסטראַכטעכצן נאָר, שוואַרצע כשוף־מאַכעריי, אַזוי צו זאָגן.

— אָבער דאָס בוך איז דאָך מיר אַליין פונם אַלמעכ־טיקסטן הערשער פון יאַפּאַן צוגעשיקט געוואָרן, און אין דעם קאָן קיין נ י ש ט ־ א מ ת נישט זיין! איך וויל דעם זינג־פויגל הערן! ער דאַרף דאָ נאָך היינט בייגאַכט זיין! מיין העכסטע גענאָד־געגוויגטקייט באַפעל איך צו אים! אויב־זשע ער וועט אַהער צו דער באַשטימטער צייט נישט צוגעשטעלט ווערן, אַזוי וועל איך נאָך אָוונט־ברויט באַפעלן אַלע הויף־לייט איבער די בייכער שטעקל־קלעפּ צו געבן.

— דזינג־פע! — האָט געזאָגט דער ערשטער צום־מלך־נאָנטער און ווידער איבער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ און איבער די קאָרידאָרן און איבער די זאַלן געלאָפן; נאָך אים זיינען אויך העכער האַלב פון די הויף־לייט נאָכגעלאָפן, — קיינעם האָט זיך קיין שטעקל־קלעפּ נישט פאַרזוכן געגלוסט. ביי אַלע אויף די צונגען איז איין פראַגע נאָר געווען, וואָס איז דאָס פאַר אַ זינג־פויגל אַזוינער, וואָס די גאַנצע וועלט ווייס פון אים, נאָר קיין איין בריאה נישט אַפילו אין הויף.

לסוף האָט מען אין קיך אַן אָרים מיידעלע געפונען, וואָס האָט געזאָגט:

— גאָט מיינער! וואָס הייסט דעם זינג־פויגל נישט קענען? ווי ער זינגט! מיר איז דערלויבט אַלע אויף דער נאַכט מיין אָרימער קראַנקער מוטער די שיריים פונם וואַרמעס אַוועקצוטראָגן. וואוינען וואוינט מיין מוטער ביים סאַמע ברעג ים. איז אָט, אַז איך גיי צוריק און זעץ זיך אין וואַלד אָפּ־רוען, הער איך יעדער מאָל דאָס געזאַנג פון זינג־פויגל. די טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן אַזוי, און אויפן האַרצן ווערט פרייד־פול אַזוי, גלייך, ווי די מאַמע וואָלט מיך געקושט.

— קיך־מיידעלע! — האָט געזאָגט דער ערשטער צום־מלך־נאָנטער. — אויב דו וועסט אונז צום זינג־פייגעלע פירן, וועל

איך דיר בײַ דער קיך אַ באַשטענדיקע שטעלע געבן און איך װעל דיר אויך אַ דערלויבעניש קריגן אויף אַ קוק צו טאָן, װי דער קיסר עסט. דער זינג־פויגל װערט אויף הײַנט אויף דער נאַכט אין הויף אײַנגעלאַדן.

און אָט, האָבן זיך אַלע אין װאַלד אַװעקגעלאָזט, דאָרט, װאו דער זינג־פויגל פלעגט זינגען שטענדיק; און אַװעקגעלאָזט אַהין האָט זיך כמעט אַ העלפט פון די הויף־לײַט. איז מען געגאַנגען און געגאַנגען, און פּלוצים האָט אַ קו זיך צעמעקעט.

— אָ! — האָבן די יונגע הויף־לײַט געזאָגט. — אָט איז ער! װאָס פאַר אַ קראַפט פונדעסטװעגן! און דאָס איז בײַ אַזאַ קליין באַשעפענישל גאָר! אָבער מיר האָבן אים דאָך אויך פריער געהערט!

— דאָס מעקעט אַ קו! האָט געזאָגט דאָס מײדעלע, — ביז יענעם אָרט איז נאָך װײַט.

אין טײַכל האָבן זיך די פרעש צעקװאַקעט.

— װאונדערליך! האָט געזאָגט דער הויפּישער באַנזאַ. — איצט הער איך! פּונקט װי די גלעקעלעך בײַ אונז אין געבעט־הויז.

— ניין, דאָס זײַנען די פרעש! — האָט װידער געזאָגט דאָס מײדעלע. — אָבער איצט, מיין איך, װעלן מיר באַלד אויך אים דערהערן.

און אָט האָט זיך דער זינג־פויגל צעזונגען.

— אָט דאָס איז דער זינג־פויגל! — האָט געזאָגט דאָס מײדעלע. — הערט, הערט! און אָט איז ער אַליין! — און זי האָט מיטן פינגער אויף אַ קליין, גרוי פײגעלע אָנגעװיזן, װאָס איז צװישן די צװײַגן געזעסן.

— טאַקע אַן אמת?! — האָט געזאָגט דער ערשטער צום־קיסר־נאָנטער. — איך האָב זיך אים בשום אופן מיר נישט פאָרגעשטעלט אַזוינעם. אַ סאַמע געװײנליך אויסזען!... אויף געװיס האָט ער אַלע זײַנע פעדערן אָנגעװוירן, אַזוי פיל באַװאוסטע לײַט דערזעענדיק.

— זינג־פייגעלע! — האָט הויך דאָס מיידעלע אויסגע־שריגן. — אונזער ליבער קיסר באַגערט דיין זינגען צו הערן
— זעהר אָנגענעם! — האָט געענטפערט דאָס זינג־פייגעלע,— און האָט זיך אַזוי צעזונגען, אַז סאיז כמעט אַ וואונדער געווען.

— ווי גלעזערנע גלעקעלעך וואָלטן געקלונגען! — האָט געזאָגט דער ערשטער צום־מלך־נאָנטער. — קוקט נאָר, ווי דאָס קליינע העלזעלע אַרבעט! וואונדערליך, וואָס מיר האָבן אים ביז אַהער קיין איין מאָל נישט געהערט אַפילו! ער וועט אין הויף גוואַלדיק אויסנעמען.

— זאָל איך דעם קיסר נאָך זינגען? — האָט געפרעגט דאָס זינג־פייגעלע. — ס'האָט געמיינט, אַז דאָ איז אַליין דער קיסר געווען.

— נישט־פאַרגלייכבאַר זינג־פייגעלע! — האָט געזאָגט דער ערשטער צום־מלך־נאָנטער. — אויף מיר איז אַן אָנגענעם שליחות אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם יום־טוב, וואָס וועט היינט אויף דער נאַכט אין הויף פאָרקומען, דיך איינצולאַדן. איך בין נישט מסופק, אַז דו וועסט זיין מאַיעסטעט מיט דיין וואונדערליכן געזאַנג באַכישופן.

— מיין געזאַנג איז פיל בעסער אין גרינעם וואַלד צו הערן! — האָט געזאָגט דאָס זינג־פייגעלע. — דאָך וועל איך זיך גערן מיט אייך אין הויף לאָזן, אויב דעם קיסרס באַגער איז נאָר אַזוי.

אין הויף איז אַ טאַרעראַם פון די צוגרייטונגען צום יום־טוב געווען. אין די פאַרצעלייענע ווענט און אויף דער פאָדלאָגע האָבן זיך אָפּשפּיגלונגען פון הונדערטער טויזנטער גאָלדענע לאַמטערנדלעך געמינעט; אין די קאָרידאָרן זיינען שורות־ווייז וואונדערליכע בלומען, מיט גלעקלעך באַהאָנגענע, אַוועקגעשטעלט געווען, וואָס האָבן פון אָט דעם גאַנצן לויפעניש, קלאַפעניש און צוג־לופטן אַזוי געקלונגען, אַז קיין מענטשנס קול איז נישט צו דערהערן געווען.

אין מיטן דעם גוואַלדיק גרויסן זאַל, דאָרט, וואו דער

קיסר איז געזעסן, האָט זיך אַ גאָלדענער דראָנג צוליבן זינג־פייגעלע דערהויבן. אַלע הויף־לייט זיינען פאַרזאַמלט געווען; מ׳האָט ביי דער טיר אויך דעם קליינעם קיכן־מיידעלע שטיין דערלויבט, — זי האָט דאָך איצט דעם טיטל לייב־קעכערין באַקומען. אַלע זיינען „אין עסיק און אין האָניק” אָנגעטאָן געווען און האָבן די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון דעם קליינעם גרויען פייגעלע, וואָס דער קיסר האָט צו אים גנע־דיק מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט.

און דאָס זינג־פייגעלע האָט זיך אַזוי וואונדערליך צע־זונגען, אַז ביים קיסר זיינען אין די אויגן אַריין טרערן אָנגעלאָפן און אויף די באַקן זיך אַראָפּגעקייקלט; דעמאָלט האָט דאָס זינג־פייגעלע נאָך העכער און נאָך זיסערער זיך צעלאָזט; דאָס געזאַנג פון דעם האָט פאַרן האַרצן אָנגעכאַפּט. דער קיסר איז זעהר צופרידן געווען, און ער האָט געזאָגט, אַז ער באַוויליגט שענקען דעם זינג־פייגעלע זיין גאָלדענעם פּאַנטאָפל אויפן האַלז צו טראָגן; אָבער דאָס זינג־פייגעלע האָט געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז אויך אָן דעם שוין גענוג באַשאָנקען.

— איך האָב אויפן קיסרס אויגן טרערן געזען; וואָס נאָך פאַר אַ באַלוינונג קאָן איך באַגערן! אין די טרערן פון אַ קיסר איז אַ וואונדערליכער כּוח פאַראַן. ביי גאָט — איך בין גאָר נישט ווערט אַזוי פיל.

און ווידער אַמאָל האָט זיך זיין וואונדערליך זיס קול צעקלונגען...

האָט מען דאָס זינג־פייגעלע אין הויף געלאָזן; האָט מען דעם אַ באַזונדער צימער אָפּגעגעבן און מ׳האָט דעם דערלויבט צוויי מאָל אין טאָג און איין מאָל ביינאַכט אויף דער פריי צו שפּאַצירן, און מ׳האָט דעם צוועלף לאָקייען צוגעשטעלט; יעדערער האָט דאָס פאַר דער זיידענער סטענגע, וואָס איז צו דעמס פיסעלע צוגעבונדן געווען, געהאַלטן. אַ זעלטן פאַרגעניגן איז אַזאַ שפּאַציר געווען.

די גאַנצע שטאָט האָט וועגן דעם וואונדערליכן פייגעלע

געראָדט; און ווען צוויי באַקאַנטע פלעגן זיך אויף דער גאַס באַגעגענען, פלעגט איינער באַלד „זינג" אַזאָג טאָן, און דער צווייטער האָט „פייגעלע" אונטערגעכאַפּט, נאָך וועלכן ביידע האָבן עפּעס ווי צו זיפּצן אַרויסגעזיפּט און מיט אַמאָל זיך פאַרשטאַנען ביידע.

עלף לאַחדים־קרעמער האָבן לכּבוד דעם זינג־פייגעלע זייערע זינדלעך „זינג־פויגל" אַנאָמען געגעבן, אָבער נישט ביי איינעם פון זיי איז אַפילו קיין סימן פון קיין שטים נישט געווען.

איין מאָל האָט מען דעם קיסר אַ פּאַקעט מיט אַן אויפ־שריפט „זינג־פויגל" דערלאַנגט.

— אָט איז נאָך אַניי בוך וועגן אונזער פויגל דעם באַוואוסטן! — האָט געזאָגט דער קיסר.

אָבער דאָס איז נישט קיין בוך געווען, נאָר אַ קונץ־שטיק אַזאַ: אין אַקעסטעלע איז, צום אמתן זינג־פייגעלע ענליך, אַ קינסטליכס געלעגן, אָבער אין גאַנצן מיט ברי־ליאַנטען, מיט רובינען און מיט סאַפירן אָפּגעשיט. מ'האָט דאָס נאָר באַדאַרפט אָנציען — אַזוי האָט דאָס איינע פון די מע־לאָדיעס פון אמתן זינג־פייגעלע צו זינגען אָנגעהויבן, בשעת־מעשה מיטן וויידעלע וואַרפנדיק, פון וועלכן ס'האָט מיט גאָלד און מיט זילבער אָפּגעפינקלט. אויפן העלזעלע ביים פייגעלע איז אַ סטענגעלע מיט אַן אויפשריפט געווען: דער זינג־פויגל פון דעם קיסר, דעם יאַפּאַנישן, דער נישטיקער און געמיינלי־כער אין פאַרגלייך מיטן זינג־פויגל פון דעם קיסר, דעם כינעזישן.

ס'אַראַ זעלטנהייט! — האָבן אַלע געזאָגט, און דעם שליח, וואָס איז מיטן פייגעלע פונם יאַפּאַנישן קיסר געקומען, האָט מען באַלד אַן ערן־נאָמען: „דעם קיסרס אויסער־אָרדנט־ליכער זינג־פויגל־צושטעלער" באַשטעטיקט.

— איצט זאָלן זיי אין איינעם זינגען, אָט וועט דאָ אַ דועט זיין!

אָבער די שפּיל האָט זיך ניט איינגעגעבן: דער אמתער

זינג־פויגל האָט אויף זיין שטייגער געזונגען, און דער גע־קינסטלטער — נאָר ווי אַ שפּיל־קעסטל אַן אָנגעשטעלטס.

— דאָס איז נישט זיין שולד! — האָט דער הויף־קאַפּעל־מייסטער געזאָגט. — ער גייט נאָכן טאַקט אויסגעצייכנט. און ער זינגט אין גאַנצן נאָך מיין מעטאָדע נאָך.

האָט מען דעם געקינסטלטן זינג־פויגל אַליין זינגען געלאָזט. האָט ער אויסגענומען, ווי דער אמתער זינג־פויגל, אָבער ער איז נאָך דערצו פיל שענער געווען, ער האָט אין גאַנצן מיט זיינע שאַצבאַרקייטן געלויכטן.

האָט ער דריי און דרייסיק מאָל איינס און דאָס זעלבע געזונגען און איז נישט מיד געוואָרן. דער עולם וואָלט אים נאָך אַ מאָל אויסגעהערט, האָט אָבער דער קיסר געפונען, אַז מ׳דאַרף אויך דעם אמתן זינג־פויגל זינגען לאָזן. אָבער וואו איז ער? וואוהין איז ער אַהינגעקומען?

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי אַזוי ער איז דורכן אָפענעם פענסטער אַרויסגעפלויגן און האָט זיך אין זיין גרינעם וואַלד אָפּגעטראָגן.

— וואָס־זשע זאָל דאָס הייסן? — האָט געזאָגט דער קיסר, און די הויף־לייט האָבן דאָס זינג־פייגעלע „אומדאַנקבאַר באַ־שעפעניש, געמיינס" אָנגערופן.

— דער בעסערער פויגל איז דאָך ביי אונז פאַרבלי־בן! — האָבן זיי געזאָגט, און דאָס געקינסטלטע זינג־פייגעלע איז געצווּנגען געווען דאָס זעלבע אויך דאָס דרייסיק פערטע מאָל צו זינגען.

קיינער פונדעסטוועגן האָט נישט באַוויזן די מעלאָדיע אויף אויסווייניק אויסצולערנען, אַזאַ שווערע איז זי געווען. דער קאַפּעלמייסטער האָט שטאַרק געלויבט דאָס געקינסטלטע פייגעלע און האָט פאַרזיכערט, אַז ס׳שטייט אפילו העכער פון דעם אמתן נישט נאָר מיטן אויסערליכן, מיט דער קליידונג און מיט די בריליאַנטן, נאָר אויך מיט די אינעווייניקסטע מעלות זיינע.

— וואָס געהער דעם אמתן זינג־פייגעלע, געהויכטער

געוועלטיקער מיינער, און איר, ליבע האַרן, קאָן מען דאָך קיין מאָל פאַר פריער נישט וויסן, וואָס וועט זיך אים זינגען פאַרגלוסטן, ביים געקינסטלטן־זשע אָבער איז אַלץ אויף פריער באַוואוסט! מ׳קאָן זיך אַפילו אַפולע רעכענונג וועגן זיין קונסט אָפּגעבן, מ׳קאָן אים אַפילו צענעמען און זיין גאַנץ אינעווייניקסט צונויפגעשטעלט באַווייזן — דעם אָרט־פאַרנעם און דאָס אַרבעטן פון די רעדעלעך, און אַלץ, אַלץ.

— איך בין אויך די זעלבע מיינונג! — האָט יעדערער פונם עולם געזאָגט, און דער קאַפּעלמייסטער האָט אַן ער־לויבעניש באַקומען אויף דעם קומענדיקן זונטאָג דעם פויגל פאַרן פאָלק צו באַווייזן.

— אויך דאָס פאָלק דאַרף אים הערן! — האָט געזאָגט דער קיסר.

דאָס פאָלק האָט געהערט און איז זעהר צופרידן גע־ווען. גלייך ווי עס וואָלט זיך ביז שיכורליך מיט טיי אָנגע־טרונקען. פון גרויס התפעלות האָבן אַלע אין איין קול „אָ״ אויסגעשריגן, האָבן אויף אַרויף די טייט־פינגער אויפגעהויבן און האָבן מיט די קעפ געשאָקלט. נאָר די אָרעמע פישערס, וואָס האָבן דעם אמתן זינג־פויגל געהערט, האָבן געזאָגט: נישט שלעכט און אַפילו ענליך, אָבער דאָך נישט דאָס! עפּעס גייט אים דאָך אָפּ אין זיין זינגען, נאר וואס — ווייסן מיר נישט.

דעם אמתן זינג־פויגל האט מען פאַר אַן אַרויסגעטריבע־נעם אויסער די מלוכה־גרעניצן דערקלערט.

דער געקינסטלטער פויגל האט אַן ארט אויף אַ זיידע־נער קישן נעבן דעם קיסרס בעט פאַרנומען. אַרום אים זיינען אַלע טייערקייטן, מיט וועלכע ער איז באַשאנקען געווען, אויסגעלייגט געווען. טיטולירט — גערופען האט מען איצט: „דער ערשטער זינגער פון דעם קיסרס נאַכט־טישעלע, וואס פון דער לינקער זייט״, — דער קיסר האט גערעכנט פאַר מער וויכטיק דוקא די זייט, וואו דאס האַרץ געפינט זיך, און דאס האַרץ געפינט זיך דאָך איז דער לינקער זייט אויך ביי אַ

קיסר אַפילו. דער קאַפּעלמײסטער האָט װעגן געקינסטלטן פֿויגל פֿינף און צװאַנציק דיקע בענד אָנגעשריבן, שכלדיקע, זײער שכלדיקע און פֿול מיט די סאַמע אומפֿאַרשטענדליכסטע װערטער כינעזישע.

די הויף־לײט פֿונדעסטװעגן האָבן געזאָגט, אַז זײ האָבן געלײענט און אַלץ פֿאַרשטאַנען, װאָרים אַלאַ ניט, װאָלט מען זײ דאָך פֿאַר נאַראָנים געהאַלטן און מ׳װאָלט זײ איבער די בײכער מיט שטעקל־קלעפּ געשלאָגן.

אַזױ איז אַ יאָר אַװעקגעגאַן. דער קיסר, דער גאַנצער הויף, און אױך דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן אױף אױסװײניק יעדע נאָטע פֿונעם געקינסטלטן פֿויגל געװאוסט, נאָר דערפֿאַר טאַקע איז דאָס זינגען זײנס אַזױ געפֿעלן געװוען. זײ האָבן איצט דעם פֿויגל אונטערהעלפֿן געקאָנט. די גאַסן־ייִנגלאַך האָבן גע־זונגען צי־צי־צי! קלוק־קלוק־קלוק! אַלײן דער קיסר האָט אױך דאָס זעלבע געזונגען.

נאָר אײן מאָל אױף דער נאַכט, װי דער געקינסטלטער פֿויגל האָט נאָר־װאָס פֿאַרן קיסר, װאָס איז אין בעט געלעגן, צו זינגען אָנגעהױבן, אַזױ האָט עפּעס פּלוצלים אינעװײניק אין אים זידן און זשומען גענומען, די רעדלעך האָבן זיך צערעדלט, און די מוזיק איז אַנטשװיגן געװאָרן.

דער קיסר איז אױפֿגעשפּרונגען און האָט גאָך זײַן לײב־דאָקטאָר געשיקט. אָבער װאָס האָט יענער דען געקאָנט טאָן? האָט מען גערופֿן דעם זײגערמאַכער, און יענער האָט נאָך לאַנגע שמועסן און באַקוקענישן, װי ס׳ניט איז, דעם פֿויגל צורעכט געמאַכט, נאָר געזאָגט האָט ער, אַז מ׳דאַרף זיך מיט אים זײער און זײער געהיט באַגײן: די צײנדעלעך האָבן זיך אױסגעריבן, און אַװעקשטעלן זײ אַזױ, אַז די מו־זיק זאָל זיך װי פֿריער הערן, קאָן מען נישט. אָט אַ צרה! נאָר אײן מאָל אין יאָר, אי דאָס קוים־קוים, האָט מען ער־לױבט דעם פֿויגל אָנצוציען. אָבער דער קאַפּעלמײסטער האָט אַ קורצע רעדע, אָבער דערפֿאַר פֿול מיט אומפֿאַרשטענדליכע װערטער, געהאַלטן, אין װעלכער ער האָט באַװיזן, אַז דער

פויגל איז אויף אַ האָר נישט ערגער געוואָרן.

זיינען נאָך פינף יאָר איבערגעגאַן, אין דעם לאַנד האָט אַ גרויסע צרה געטראָפן: אַלע האָבן אַזוי דעם קיסר ליב געהאַט, און ער איז, ווי מ'זאָגט, „ביים עק" געווען. מ'האָט שוין וועגן אַ נייעם קיסר אויסגערופן, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך אויף דער גאַס געשטופּט און האָט ביים ערשטן צום־מלך־נאָענטן וועגן געזונט פון זיין אַלטן געוועלטיקער געפרעגט.

— „פפ!" — האָט געענטפערט דער צום־מלך־נאָענטער און האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט.

אַ בלאַסער און אַ שוין קאַלט־ווערנדיקער איז דער קיסר אויף זיין פּרעכטיקן געלעגער געלעגן. אַלע הויף־לייט האָבן אים שוין פאַר אַ געשטאָרבענעם גערעכנט, און יעדערער האָט געאיילט זיך צום נייעם קיסר צו בוקן. די לאָקייען זיינען אַהין און צוריק, מיט נייסן זיך איבערוואַרפנדיק, אַרומ־געלאָפן, און די דינסט־מיידלעך האָבן אָנגענעמע שעהן אין שמועסן ביי שאָלעכלעך קאַווע פאַרבראַכט. איבער אַלע זאַלן און קאָרידאָרן זיינען טעפּיכער אויסגעשפּרייט געווען, כדי ס'זאָל זיך דאָס טרעטן פון די טריט נישט הערן, און אין פּאַלאַץ האָט אַ טויט־שטילקייט געהערשט. דער קיסר אָבער איז נאָך נישט געשטאָרבן, כאָטש ער איז אויף זיין געלעגער, אונטער דעם סאַמעטענעם באַלדאַכין מיט די גאָלדענע פרענז־לעך, אומבאַוועגליך און אַ טויט־בלאַסער געלעגן. דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט אויפן קיסר און אויפן פויגל דעם געקינסטלטן די לויטערע לבנה געקוקט.

דער קראַנקער קיסר האָט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער זיצט ביי אים אויף דער ברוסט. ער האָט די אויגן אָן עפן געטאָן און דערזען, אַז דער טויט זיצט אויף אים. דער טויט האָט אויף זיך דעם קיסרס קרוין אָנגעטאָן, האָט אין איין האַנט זיין גאָלדענע שווערד געהאַלטן, און אין דער צווייטער — די פאָן, די רייכע. פון אַרום־און־אַרום, פון די פאַלדן פון דעם באַל־דאַכין דעם סאַמעטענעם, האָבן עפּעס מאָדנע קעפּ אַרויסגע־

קוקט: אייניקע העסליכע און שלעכטע, אַנדערע גוטע און ליבע אויפן אויסזען. דאָס זיינען די גוטע און שלעכטע מעשים דעם קיסרס געווען.

— דו גערעדנקסט? — האָבן די קעפּ איינס נאָכן אַנדערן געשעפּטשעט. — דו גערעדנקסט? — און די קעפּ האָבן אים אַזוי פיל דערציילט, אַז דעם שטערן זיינעם האָט אַזש אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגן.

— מוזיק אַהער, מוזיק! גרויסע פּויקן כינעזישע! — איך וויל זייערע רייד נישט הערן.

אָבער די קעפּ האָבן אַלץ ווייטער גערעדט, און דער טויט האָט, ווי אַ כינעזער, אויף זייערע רייד מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט.

— מוזיק אַהער, מוזיק! האָט דער קיסר געשריגן. — זינג כאָטש דו, ליב פויגעלע גאָלדנס! איך האָב דאָך דיך מיט גאָלד און מיט שאַצבאַרקייטן באַשאָנקען, איך האָב דיר אויפן האַלז מיין גאָלדענעם פּאַנטאָפל אויפגעהאַנגען, זינג-זשע, זינג!

אָבער דער פויגל האָט געשוויגן, — ס׳איז נישט געווען, ווער ס׳זאָל אים אָנציען, און נישט אָנגעצויגענערהייט האָט ער דאָך זינגען נישט געקאָנט. דער טויט האָט, ווי פריער, אויפן קיסר מיט זיינע גרויסע פּוסטע אויגן-לעכער געקוקט. אין צימער איז שטיל-שטיל געווען.

פּלוצלים האָט זיך אונטערן פענסטער אַ וואונדערליך געזאַנג געלאָזט הערן. דאָס איז, וועגן קיסרס שלאַפקייט דערהערט, צו טרייסטן און צו מונטערן אים, דער לעבעדיקער זינג-פויגל צו פליען געקומען. ער האָט געזונגען — און די קעפּ-אויסווייזענישן זיינען אַלץ בלאַסער און בלאַסער געוואָרן, און דאָס בלוט צום קיסרס האַרץ האָט אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער צוגעפלאָסן און אָפּגעפלאָסן. אַליין דער טויט האָט זיך צום זינג-פייגעלע איינגעהערט און האָט אַלץ אין איין איבערחזרן געהאַלטן: זינג, זינג נאָך, זינג-פייגעלע!

— ווּעסטו מיר דערפאַר די טייערע שווערד, די קאָסט-

באַרע פּאָן און די קרוין אָפּגעבן? — האָט געפרעגט דער זינג־פויגל.

און דער טויט האָט איין טייערקייט נאָכן צווייטן אָפּגעגעבן, און דער זינג־פויגל האָט אַלץ ווייטער געזונגען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, ליב פייגעלע! — האָט געזאָגט דער קיסר. — איך האָב דיך דערקענט! איך האָב דיך פון מיין מלוכה אַרויסגעטריבן, און דו האָסט פון מיין בעטל די שרעקליכע שאָטן־פּאַרזעענישן פאַריאָגט, דעם טויט אַליין פאַרטריבן. מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדאַנקען?

— דו האָסט מיך שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַלוינט! — האָט געזאָגט דער זינג־פויגל. — איך האָב געזען טרערן אין דיינע אויגן נאָך ביים ערשטן מאָל, ווען איך האָב פאַר דיר געזונגען, — דאָס וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן! טרערן — דאָס איז דאָס קאָסטבאַרסטע געשאַנק פאַרן האַרץ פון זינגער. אָבער וועל אַנטשלאָפן איצטער און כאַפּ זיך אויף אַ געזונטער און אַ מונטערער. און איך וועל דיך מיט מיין ליד פאַרוויגן.

און דער זינג־פויגל האָט נאָך אַ מאָל זינגען אָנגעהויבן, און דער קיסר איז מיט אַ געזונטן און רפואהדיקן שלאָף איינגעשלאָפן.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אין פענסטער שוין די זון אַריינגעשיינט. קיינער פון די באַדינטע האָט זיך נאָך צו אים נישט באַוויזן; אַלע האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ געשטאָרבענער שוין, אַליין נאָר דער זינג־פויגל איז ביים פענסטער געזעסן און געזונגען.

— דו וועסט ביי מיר אויף אייביק שוין פאַרבלייבן! — האָט געזאָגט דער קיסר. — דו וועסט זינגען נאָר דעמאָלט, ווען דיר נאָר וועט זיך פאַרוועלן, און דעם געקינסטלטן פויגל וועל איך אויף פיצלעך צעברעכן.

— מ'דאַרף ניט! — האָט געזאָגט דער זינג־פויגל. — ער האָט אַזוי פיל נוצן געבראַכט, וויפיל נאָר ער האָט געקאָנט. זאָל ער ביי דיר, ווי געוועזן, פאַרבלייבן. איך־זשע קאָן אין

פּאַלאַץ נישט וואוינען. ערלויב מיר נאָר צו קומען, ווען מיר וועט זיך פאַרגלוסטן. דעמאָלט וועל איך אַלע אויף דער נאַכט בײַ דײַן פענסטער זיך זעצן און דיר זינגען: מײַן ליד וועט דיך אי דערפרייען, אי אויף זיך צו פאַרטראַכטן דערוועקן. איך וועל דיר זינגען וועגן גליקליכע און אומגליקליכע, וועגן גוטס און שלעכטס, וואָס רינגלט דיך אַרום. דאָס קליינע זינג־פייגעלע פליט אומעטום, פאַרפליט אויף אונטערן דאַך פונם אָרימען פישער און דאָרפס־איינוואוינער, וואָס וואוינען ווייט פון דיר. וועל איך צו פליען קומען און דיר זינגען! נאָר איינס זאָג מיר צו...

— אַלץ! — האָט געזאָגט דער קיסר, און האָט זיך מיט זײַן גאַנצער מלך־גרויסקייט אויפגעשטעלט. — ער האָט באַוויזן שוין זײַן מלך־קלייד אָנצוטאָן און האָט צו זײַן האַרצן די גאָלדענע שווערד צוגעדריקט.

— וועגן איינס נאָר בעט איך בײַ דיר: דערצייל נישט קיינעם, אַז בײַ דיר איז אַ פייגעלע פאַראַן, וואָס דערציילט דיר וועגן אַלץ; אַזוי וועט בעסער זײַן!

און דער זינג־פויגל איז אַוועקגעפלויגן.

די באַדינער זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אויפן טויטן קיסר אַ קוק צו טאָן, און זיי זײַנען אויף דער שוועל ווי פאַרשטיינט געבליבן. האָט זיך דעמאָלט דער קיסר געקערט צו זיי, מיט גוט־מאָרגן געבענטשט:

— גוט־מאָרגן!



דאָס מיידעלע מיט די שוועבעלעך.

ס'האָט אַ פראָסט גענומען, ס'איז אַ שניי געגאַנגען, אויף דער גאַס איז אַלץ פינסטערער און פינסטערער געוואָרן. דאָס איז פונקט ערב ניי־יאָר געווען. אין אָט דער קעלט און פינסטערניש האָט אַן אָרים מיידעלע מיט נישט קיין פאַרדעקטן קאָפּ און אַ באָרוועסע איבער די גאַסן זיך געשלעפּט. אמת, זי איז פון דער היים אין פאַנטאָפּל אַרויסגעגאַנגען, אָבער אויף וואָס האָבן זיי געטויגט? גרויסע, אומגעהייער־גרויסע! די לעצטע האָט זיי געטראָגן די מוטער פון דעם מיידעלע, — און זיי זיינען ביים קינד פון די פיס אַראָפּגעפלויגן, ווען זי איז דורך דער גאַס דורכגעלאָפן, פאַר צוויי אויף גיך זיך טראָגנדיקע קאַרעטעס זיך דערשראָקן. איין פאַנטאָפל האָט זי טאַקע נישט געפונען, דעם צווייטן האָט עפּעס אַ גאַסן־יינגל אויפגעכאַפּט און מיט אים אַוועקגעלאָפן, זאָגנדיק, אַז פון דעם פאַנטאָפל וועט אַן אויסגעצייכנט וויגעלע פאַר זיינע קינדער זיין, ווען זיי וועלן ביי אים געבוירן ווערן.

און דאָס מיידעלע האָט זיך ווייטער אַ באָרוועסע געשלעפּט; די פיסעלעך אירע זיינען פון קעלט רויט און בלוי געוואָרן. אין אַלטן פאַרטוכל אין אירן זיינען עטליכע פעקעלעך שוועבעלעך געלעגן; איין פעקעלע האָט זי אין דער האַנט געהאַלטן. פאַרן גאַנצן טאָג האָט ביי איר קיינער אפילו קיין איין שוועבעלע נישט געקויפט; זי האָט אַפילו קיין גראָשן נישט געלייזט. אַ הונגעריקע, אַ דערפרוירענע איז זי

אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען... אַ רחמנות געווען צו קוקן אפילו אויף דער אָרעמינקער! די שניי־פּליאַכעס זיינען אויף אירע געקרייזלטע, פלאַקס־קאָלירענע, זעלטן־שיינע האָר געפאַלן, אָבער זי האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן דער שיינקייט יענער. אין אַלע פענסטער האָבן פייערלעך געלויכטן, אויף די גאַסן האָט מיט געבראָטענע גענז געשמעקט; היינט איז דאָך ערב ניי־יאָר געווען — אָט וועגן וואָס זי האָט געטראַכט!

לסוף האָט זי זיך אין אַ ווינקעלע פון איינעם אַ הויז אַוועקגעזעצט, האָט זי זיך צענויפגעקאָרטשעט, און אונטער זיך די פיסעלעך אַרונטערגענומען, אום זיך כאָטש אַביסעלע אָנ־צעוואַרימען. אָבער ניין, ס'איז נאָך קעלטער געוואָרן, און אַהיים זיך אומקערן האָט זי נישט דערוועגט זיך. זי האָט דאָך קיין איין שוועבעלע נישט פאַרקויפט, און קיין איין גראשן נישט געלייזט, דער טאַטע וועט זי שלאָגן! און אויך אין דער היים בײַ זיי איז נישט וואַרימער! נאָר דער דאַך אויפן קאָפּ, אָבער דער ווינט שפּאַצירט זיך איבער דער גאנצער וואוינונג ארום, נישט געקוקט דערויף, וואָס אלע שפּאלטן און לעכער זיינען דורכאויס מיט שטרוי און מיט שמאטעס פארשטעקט. אירע הענטעלעך זיינען פון קעלט ווי פארקאָוועט געוואָרן. אך! איין פּיצעלע שוועבעלע נאָר וואָלט זי געקאָנט דערוואַרימען! ווען זי זאָל נאָר זיך דערוועגן קאָנען פון פּעקעלע כאָטש איינס נעמען, מיט דעם איבער דער וואנט א רייב טאָן און די פינגערלעך אָנוואַרימען! לסוף האָט זי איינס ארויסגעשלעפּט. טשריק! ס'האָט צו זידן אָנ־געהויבן און זיך אָנגעצונדן. דער פלאם איז געווען אזא וואַרימער, העלער, און ווען דאָס מיידעלע האָט אים פארן ווינט מיטן הענטעלע פארשטעלט, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז א ליכט ברענט פאר איר. א מאָדנע איז געווען יענע ליכט: דעם מיידעלע האָט זיך געדאכט, ווי זי וואָלט פאר א גרויס, אייזערן אייוועלע, מיט קופּערנע בלישטשענדיקע פיסלעך און טירלעך געזעסן. ווי וואויל ס'האָט אין אייוועלע דאָס פייער

געפלאַמט, ווי ווארים ס׳איז דעם קינד געוואָרן! זי האָט גע־וואָלט אויך די פיסלעך שוין אויסציען, אָבער... דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן. דער אויוון איז פארשוואונדן געוואָרן, און אין די הענט פון מיידעלע איז נאָר אן אָפּגעברענט שוועבל־שטיקל געבליבן.

און אָט האָט זי דאָס צווייטע אָנגעריבן; דאָס שוועבעלע האָט זיך אָנגעצונדן, דער פלאַם איז גלייך אויף דער וואנט געפאלן, און די וואנט איז פלוצלים א דורכזיכטיקע, ווי א מוסעלינענע פונקט געוואָרן. דאָס מיידעלע האָט דעם גאנצן צימער דערזען: א טיש מיט א שניי־ווייסן טישטוך א פאר־דעקטן און מיט טייערן פּאָרצעליי אויסגעשטעלטן, און אויפן טיש — א גאנז א געבראָטענע מיט שווארצע פלוימען און מיט עפּל אָנגעפולט. וואָס פאר א טייערער ריח ס׳האָט זיך פון איר געטראָגן; בעסער פון. אלץ איז געווען דאָס, וואָס די גאנז איז פלוצלים פונם טיש אראָפּגעשפּרונגען, און ווי זי איז פארגרייט געווען, מיט גאָפּל און מעסער אין רוקן, אזוי איז זי, אונטערשפּרינגענדיק, גלייך צום מיידעלע צוגעלאָפן. דאָ האָט זיך דאָס שוועבעלע אויסגעלאָשן, און פארן מיידעלע איז ווידער א גראָבע און קאלטע וואנט נאָר געשטאנען.

זי האָט אַ שוועבעלע אָנגעצונדן און פאר א זעלטן־פּרעכטיקן פארפוצטן טענענביימל זיך געטראָפן, א סך א גרע־סערן און פארפוצטערן, ווי דאָס, וואָס דאָס מיידעלע האָט ערב־ווייניאכט, אין פענסטער פון איינעם א רייכן סוחרים־הויז ארייננקוקנדיק, געזען. דאָס טענענביימל האָט מיט טויזנטער פייערלעך געברענט, און פון גרינס פון די צווייגן האָבן אויפן מיידעלע העל־פארביקע בילדלעך געקוקט, אזוינע, וואָס פריער פלעגט זי אין די פענסטער פון די מאגאזינען זען. דאָס קינד האָט צום טענענביימל ביידע הענטלעך אויסגעשטרעקט, נאָר דאָס שוועבעלע איז אויסגעלאָשן געוואָרן, די פייערלעך האָבן זיך אלץ העכער און העכער אויפהויבן גענומען און האָבן זיך אין ליכטערע שטערנדלעך פארוואנדלט; איינס פון זיי האָט זיך פלוצלים איבערן הימל אוועקגעקאטשעט און נאָך

זיך א לאנגן פייערדיקן שפור געלאָזט.

— עמיצער שטאַרבט איצט! — האָט געזאָגט דאָס קינד. איר באָבע, די שוין־געשטאָרבענע, די איינציקע אויף דער וועלט, וואָס האָט זי ליב געהאַט, פלעגט איר זאָגן: „פאַלט א שטערנדל — גייט עמיצנס נשמה צו גאָט ארויף...״

דאָס מיידעלע האָט אָן דער וואַנט א נײַ שוועבעלע אָנגעריבן: אַ העל ליכט האָט די ווייטקייט באַלויכטן, און פאַרן קינד איז, אין גאַנצן מיט שײַן באַשײַנט, א העלע און א בלישטשענדיקע, און אין דער זעלבער צײַט א באַהאַרצטע און ליבע, איר באָבע געשטאַנען.

— באָבעלע! — האָט דאָס מיידעלע אויסגעשריגן. — נעם מיך מיט דיר! איך ווייס, אז דו וועסט נישט בלײַבן; ווי נאָר דאָס שוועבעלע וועט פאַרלאָשן ווערן, וועסטו נישט בלײַבן, ווי דער אויוון דעם וואַרעמער, ווי די וואונדערלעכע גאַנז, די געבראָטענע, און ווי דאָס גרויסע טענענביימל, דאָס זעלטענע!

און זי האָט אויף גיך מיטן גאַנצן איבעריקן ביסל שוועבעלעך, וואָס זײַנען בײַ איר אין די הענט געווען, א ריַיב געטאָן — אזוי האָט זיך איר געוואָלט די באָבע פאַרהאַלטן. און די שוועבעלעך האָבן א פלאַקער געטאָן מיט אזא העלן פלאַקער, אז ס׳איז ליכטיקער, ווי בײַטאָג געוואָרן. קיין מאָל האָט די באָבע אזוי שײַן און אזוי מלכותדיק נישט אויסגעזען! זי האָט דאָס מיידעלע אויף די הענט גענומען, און זיי זײַנען אין שײַן און אין בלענדיקייט אוועקגעפלויגן, הויך־הויך, אַהין, וואו ס׳איז נישט קיין קעלט, נישט קיין הונגער, און נישט קיין מורא נישטאָ — צו גאָט.

אין א קאַלטער פרימאָרגן־שעה איז בײַ דעם הויז־ווינקל, ווי פריער, מיט ראָזע בעקעלעך און מיט א שמייכעלע אויף די ליפן, דאָס מיידעלע געזעסן, אָבער א טויטע. זי איז אין לעצטן אויף דער נאַכט פון אַלט־יאָר פאַרפרוירן געוואָרן. די זון פון נײַ־יאָר האָט איר קליין טויט קערפערל באַלויכטן. דאָס מיידעלע איז מיט די

שוועבעלעך געזעסן: איין פעקעלע איז כמעט אין גאנצן אויסגעבערענט געווען.

— זי האָט זיך נעבעך אָנווארימען געוואָלט, די אומגליקליכע! — האָבן מענטשן געזאָגט.

קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס זי האָט געזען און אין וואָס פאר א העל־בלענדיקייט זי האָט זיך, אינאיינעם מיט איר באָבען, צו די ניי־יאָריקע פריידן אויפן הימל ארויפגעהויבן.



דער גרויסער קלויס און דער קליינער קלויס.

א מאָל זיינען געווען צוויי מענטשן; ביידע האָט מען זיי קלויס גערופן, האָט האָבער איינער פיר פערד געהאַט, און דער אַנדערער—נאָר איינס; איז אָט כּדי זיי צו דערקענען, האָט מען דעם, ביי וועמען ס׳זיינען די פיר געווען, גרויסער קלויס גערופן, און דעם, ביי וועלכן נאָר איינס — קליינער קלויס. לאָמיר אַצינד אויסהערן, וואָס מיט זיי איז געשען; ס׳איז א גאַנצע געשיכטע.

די גאַנצע וואָך אָן אויפהער פלעגט קליינער קלויס מיט זיין איינעם פערדל באַאַקערן דאָס פעלד פון גרויסן קלויס, דערפאַר אָבער פלעגט אים גרויסער קלויס אויף איין מאָל אין וואָך, אויף זונטאָג, אַלע זיינע פיר געבן. היי, וויאָ! — פלעגט זיך קליינער קלויס מיט דער בייטש איבערן גאנצן פינפטליינג צעפּאָכען, — דעמאָלט זיינען דאָך אלע פערד, ווי זיינע אייגענע געווען. די זון האָט אזוי געשיינט. די גלאָקן האָבן צום פרימאָרגן=געבעט גערופן, די מענטשן זיינען אזוינע פאַרפּוצטע געווען און זיינען מיט די געבעט=ביכלעך אין די הענט אין קלויסטער געגאַנגען דאָרט די מוסר=רעדע פונם גלח אויסצוהערן. האָבן אַלע געזען, אז קליינער קלויס אקערט מיט די פינף פערד, און אז ער איז צופרידן זעהר, און אַז ער קנאַקט מיט דער בייטש און שרייט אויס קנאַקנדיק:

— היי, איר פערדאטשעלעך מיינע!

— דערוועג זיך נאָר אזוי אויסצושרייען! — האָט געזאָגט

גרויסער קלויס — דו האָסט דאָך בסך הכל נאָר איין פערד.

נאָר אָט איז ווידער עמיצער פארביי געגאַנגען, און קליינער קלויס האָט פארגעסן, און ער טאָר זיך נישט דער־וועגן אזוי צו שרייען, און ער האָט ווידער אויסגעשריגן:

— היי, איר, מיינע פערדאַטשעלעך!

— הער אויף! — האָט געזאָגט גרויסער קלויס. — אויב דו וועסט נאָך איין מאָל אזוי שרייען, אזוי וועל איך דיין פערד איבערן שטערן געבן, אַז זיין סוף וועט אים זיין!

— אויף מיין וואָרט, איך וועל מער ניט! — האָט געזאָגט קליינער קלויס. אָבער פלוצלים איז ווייטער עמיצער פארביי־געגאנגען און האט זיך געגריסט מיט אים. האָט ער פון גרויס פרייד, וואָס ער אקערט מיט גאנצע פינף פערדלעך, ווייטער מיט דער בייטש א שמייס געטאן און זיך צעשריגן:

— נו, איר פערדאַטשעלעך מיינע!

— זאט וועל איך דיר געבן „מיינע"! — האט געזאגט גרויסער קלויס און האט א שייט האלץ געכאפט, אזא, מיט וועלכער מ׳קלאפט אין פעל, פלעקער אריין, אויף די פערד צו־צובינדן, און האט אזא זעץ געטאן דעם קליינעם קלויס פערדל איבערן שטערן, אז ער האט דאס אויף טויט דער־שלאגן.

— אך, איצט האב איך שוין אפילו קיין איין פערדל נישט, — האט געזאגט קליינער קלויס און האט זיך צעוויינט.

דערנאך האט ער פון פערדל די פעל אפגעשינדן, האט זי גוט אויסגעטריקנט, האט זי אין א זאק אריינגעלייגט, האט דעם זאק אויף די פלייצעס פארנומען, און אין שטאט אוועק דארט די פעל צו פארקויפן.

גיין איז אים אויסגעקומען זעהר ווייט, דורך א גרויסן געדיכטן וואלד, און ווי אויף צו להכעיס איז א שלעכטער אינדרויסן געווארן, און קליינער קלויס האט פארבלאנדזשעט. ער האט נאך נישט באוויזן איבער אנייס אויף א וועג זיך ארויפצושלאגן, ווי ס׳איז שוין גאר פינסטער געווארן, און צו דער שטאט איז נאך ווייט געוועזן. און אויך צוריק נישט נאענט;

ביז נאכט איז אוממעגליך געווען נישט אהער און נישט אהין זיך צו דערקלייבן.

אויפן וועג איז גראד א גרויסער פויערשער הויף גע־שטאנען, די לאדנס זיינען שוין פארמאכט געווען, נאר דורך זיי האט זיך א שיין דורכגעשלאגן.

— אט דא וועל איך געוויס א נאכטלעגער געפינען, — האט געזאגט קליינער קלויס און איז אהין אנקלאפן געגאנגען.

די בעל־הביתטע האט אויפגעעפנט, און געוואויר געוואָרן, וואָס ער דאַרף, האָט זי זיך אים געהייסן ווייטער אָפּטראָגן: דער מאַן אירער איז אין דער היים נישט געווען, און אָן אים האָט זי נישט געקאָנט קיין געסט צונעמען.

— נו, ס׳וועט אויסקומען אויפן גאַס צו נעכטיקן! — האָט געזאָגט קליינער קלויס, און די בעל־הביתטע האָט פאַר אים די טיר פאַרהאַקט.

נעבן הויז איז אַ גרויסע סטערטע היי געשטאַנען, און צווישן דער סטערטע און דעם הויז איז אַ קליין שטאַלעכל מיט אַ צוגעפלעטשעט דעכל געווען.

— אָט דאָרט וועל איך איבערליגן — האָט געזאָגט קליי־נער קלויס, דאָס דעכל דערזעענדיק, — אַ טייער בעט: דער בושל וועט דאָך פון דאָרט נישט אַראָפּ... און אין פוס מיך נישט בייסן.

דאָס האָט ער געזאָגט דערפאַר, ווייל אויפן דאַך איז אַ בעסט געווען, און ס׳איז דאָרט אַ לעבעדיקער בושל געשטאַנען.

איז קליינער קלויס אויפן דעכל פון שטאַלעכל אַרויפגע־קראָכן, האָט זיך אויף דעם שטרוי אויסגעצויגן און האָט זיך גענומען פון איין זייט אויף דער אַנדערער דרייען, זיך וואָס בעסער אַוועקלייגן וועלנדיק. די לאָדנס זיינען נישט איבעריק פעסט צו די פענסטער צוגעשטאַנען, און קליינער קלויס האָט אלץ, וואָס אין שטוב האָט זיך געטאָן, געזען.

אין עס־צימער איז אַ טיש „פון הערן און געדענקען" געגרייט געווען; וואָס וואָס איז אויף אים נישט געווען דען? אי וויין, אי געבראָטנס, אי פיש טייערע. ביים טיש זיינען

געזעסן די בעל־הביתטע און דער קלויסטער־שמש און נישט מער.

זי האָט אים אויפגענומען, און ער האָט די פיש אויף ביידע באַקן געדרוקט, — ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון פיש געווען.

— אַך, ווען איך זאָל זיך דאָרט נעבן זיי געפינען! — האָט אַ טראַכט געטאָן קליינער קלויס, און האָט, דעם האַלז אויסציענדיק, אין סאַמע פענסטער אַריינגעקוקט. אַך, וואָס פאַר אַ טייערן פיין־קוכן ער האָט דאָרט דערזען! אַך, איז דאָרט אַ סעודה געווען, שוין איין מאָל אַ סעודה!

אין דער זעלבער צייט האָט ער דערהערט, ווי עמיצער פאָרט רייטנדיק צו דער שטוב צו; דאָס האָט זיך אַהיים דער בעל־הביתטעס מאַן אומגעקערט. אָבער איינע אַ שלאַפקייט האָט ער געהאַט, דער מאַן: אָנקוקן האָט ער נישט געקאָנט די קלויסטער־שמשים; ווי ער האָט נאָר אַזאַ איינעם געטראָפן — אַזוי פלעגט ער שרעקליך אין כעס ווערן. דעריבער איז דער קלויסטער־שמש צו זיין ווייב צו גאַסט געקומען, ווען ער איז אין דער היים נישט געווען, און די גוטע פרוי האָט זיך באַמיט אים אויפצונעמען אויפן בעסטן אופן. ביידע האָבן זיי זיך זעהר דערשראָקן, דערהערנדיק, אַז דער מאַן האָט זיך אומגעקערט, און די פרוי האָט דעם גאַסט געבעטן, וואָס גיכער אינם גרויסן ליידיקן קאַסטן, אין דעם, וואָס איז אין ווינקל געשטאַנען, אַרייצוקריכן. דער קלויסטער־שמש האָט געפאָלגט — ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דער פויער קאָן נישט אָנקוקן קיין קלויסטער־שמשים, — און די פרוי האָט אויף גיך דעם „כיבוד” אין אויוון אַריין פאַרראַמט. — ווען דער מאַן זאָל דאָס אַלץ געווען דערזען, וואָלט ער דאָך געוויס געפרעגט, ווער ווען האָט זי דאָס אויפגענומען אַזוי.

— אַך, — האָט דער קליינער קלויס אויפן דאַך געזיפצט, דערזעענדיק, ווי זי האָט דאָס עסן און דעם וויין באַהאַלטן.

— ווער איז דאָרט? — האָט געפרעגט דער פויער און אויפן קליינעם קלויס די אויגן אָנגעשטעלט. — וואָס ליגסטו דאָ? קום אין שטוב אַריין.

קליינער קלויס האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט פאַר־בלאָנדזשעט און ווי אַזוי ער האָט זיך אויף איבערנעכטיקן געבעטן.

— רעכט! — האָט געזאָגט דער פויער. — אָבער צוערשט דאַרפן מיר עפּעס איבערכאַפּן.

די פרוי האָט זיי זעהר ליבליך צוגענומען, האָט צום טיש געגרייט און פונם אויוון אַ גרויסן טאָפּ קאַשע אַרויס־גענומען.

דער פויער איז אויסגעהונגערט געווען און האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן, דעם קליינעם קלויס אָבער איז פון קאָפּ נישט אַרויס דאָס געבראָטנס, די פיש און דער פיין־קוכן, וואָס זיינען אין אויוון באַהאַלטן געווען.

אונטערן טיש, צופיסנס ביים קליינעם קלויס איז דער זאַק מיט דער פערדן־פעל געלעגן, מיט דער זעלבער פעל, וואָס ער האָט פאַרקויפן געטראָגן. די קאַשע איז אים ניט איבעריק געפעלן געווען, און ער האָט אויף זיין זאַק מיטן פיס אָנגעטראָטן. די טרוקענע פעל האָט אין דער הייך סקריפען גענומען.

— טסס! — האָט קליינער קלויס צום זאַק אַ זאָג געטאָן, און אַליין האָט ער אויף אים ווידער אַ מאָל אָנגעטראָטן, און די פעל האָט נאָך העכער זיך צעסקריפּעט.

— וואָס איז דאָס דאָרטן ביי דיר? — האָט דער בעל־הבית אַ פרעג געטאָן.

דאָס איז דער כישוף־מאַכער מיינער! — האָט געענטפערט קליינער קלויס. — ער זאָגט, אַז מיר זיינען נישט מחויב קיין קאַשע עסן, ער האָט פאַר אונז אַ פולן אויוון מיט געבראָטנס, פיש און פיין־קוכן אויסגעכישופט.

— אָט אַ קינצל! — האָט געזאָגט דער פויער, און אין איין אויגנבליק איז ער צום אויוון צו, האָט אים אויפגעעפנט און דאָרטן די טייערע עסנס דערזען! דאָס האָט זיי אַהין זיין ווייב באַהאַלטן, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס האָט דער כישוף־מאַכער מיט זיין כישוף זיי אויפגעבראַכט.

די פרוי האָט זיך נישט דערוועגט קיין וואָרט צו זאָגן, האָט אויף גיך אַלץ צום טיש געבראַכט, און דער מאַן מיטן גאַסט האָבן זיך עסן גענומען. פּלוצלים האָט קליינער קלויס ווידער אויפן זאַק אָנגעטראָטן, און די פעל האָט אַ סקריפּע געטאָן.

— וואָס ווידער?—האָט געפרעגט דער פויער.

— ער זאָגט, אַז ער האָט אונז אין אויוון דאָרט אויך דריי פלעשער ווייַן אויסגעפּישופט.—האָט געענטפערט קליינער קלויס.

די פרוי האָט געמוזט אויך דעם ווייַן אַרויסשלעפּן. דער פויער האָט איין גלעזל און דאָס צווייטע גענומען און ער איז פרייליך געוואָרן; בנאמנות, אַזאַ כּישוף-מאַכער וואָלט ער אויך א בעלן געווען צו האָבן.

— און דעם שד אַרויסרופן קאָן ער?—האָט געפרעגט דער פויער.—איך וואָלט אַ בעלן געווען אויף אים אַ קוק צו טאָן; איך בין איצט אויפגעלייגט.

— יאָ!—האָט געזאָגט קליינער קלויס.—מיין כּישוף-מאַכער קאָן אַלץ, וואָס מ׳וויל נאָר, אַיאָ, אמת? האָט ער ביים זאַק אַ פרעג געטאָן, און אַליין האָט ער אים אָנגעטראָטן, און די פעל האָט אַ סקריפּע געטאָן.

— דו הערסט? ער ענטפערט: „יאָ". אָבער איזן איז דער שד אַזאַ העסליכער, אַז ס׳איז אַ שרעק אויף אים אַ קוק צו טאָן.

— אָ, איך הויב נישט אָן פאַר אים מורא צו האָבן! און ווי זעט ער עס אויס?

— ער איז פּינקטליך צו אַ קלויסטער-שמש ענליך.

— טפוי!—האָט געזאָגט דער פויער.—אָט אַ מיאוסקייט! איר דאַרפט וויסן, אַז אָנקוקן קאָן איך נישט קיין קלויסטער-שמש! אָבער נישקשה, איך וועל דאָך וויסן, אַז דאָס איז דער שד נאָר, וועט מיר אַזוי צו דערווידער נישט זיין! אָט האָב איך זיך מיט מוט און בראַוקייט אָנגענומען! אָבער זאָל ער נאָר נישט צו נאָנט צוגיין!

— אָט וועל איך באַלד דעם כּישוף־מאַכער זאָגן.—האָט געזאָגט קליינער קלויס און האָט אויפן זאַק אָנגעטראָטן און האָט זיך איינגעהערט.

— נו, וואָס?—

— ער הייסט אונז צוגיין און אויפעפענען אָן יענעם קאַסטן, וואָס אין ווינקל דאָרט; דאָרט האָט זיך דער שד באַהאַלטן, אָבער מען דאַרף גוט דאָס דעקל צוהאַלטן, ער זאָל נישט אַרויסשפּרינגען פון דאָרט.

— העלף־זשע מיר צוהאַלטן!—האָט געזאָגט דער פּויער, און ער איז צום קאַסטן, וואוהין דאָס ווייב האָט דעם אמתן קלויסטער־שמש באַהאַלטן, צוגעגאַן. דער קלויסטער־שמש איז פון שרעק נישט טויט און נישט לעבעדיק געווען. דער פּויער האָט דאָס דעקל אויפגעעפנט און האָט אין קאַסטן אַריינגע־קוקט.

— טפו!—האָט ער אַ געשריי געטאָן און אויף צוריק אָפּ־געשפּרונגען.—געזען! ווי צוויי טראָפּן דער קלויסטער־שמש אונזערער! אָט אַ מיאוסקייט!

נאָך אַזאַ אומאָנגענעמליכקייט האָט מען אויסטרינקען באַדאַרפט, אוןביידע האָבן זיי ביז דער שפּעטער נאַכט אַריין געטרונקען.

— פאַרקויף מיר דעם כּישוף־מאַכער דיינעם!—האָט גע־זאָגט דער פּויער.—זאָג, וויפיל דו ווילסט, אַ גאַנץ מעסטל געלט אפילו.

— ניין, כ׳קאָן נישט!—האָט געזאָגט קליינער קלויס.—באַטראַכט נאָר, וויפיל נוצן איך האָב פון אים!

— שרעקליך, ווי ס׳ווילט זיך מיר אים האָבן!—האָט גע־זאָגט דער פּויער און האָט דעם קליינעם קלויס איינריידן גענומען.

נו,—האָט לסוף קליינער קלויס געזאָגט—זאָל זיין, ווי דו ווילסט! דו ביסט זיך מיט מיר באַגאַנגען אָרנטליך, האָסט מיך איבערנעכטיקן אַריינגעלאָזט, טאָ נעם אים דיר, מיין כּישוף־מאַכער, פאַר אַ מעסטל זילבער־שטיק, אָבער פאַר אַ פולס.

— גוט! — האָט געזאָגט דער פויער. — אָבער דעם קאַסטן דארפסטו צו דיר צונעמען; איך וויל אים ביי זיך אין שטוב אפילו קיין מינוט נישט האלטן! ווער ווייסט, מעגליך, אז ער איז אויך אצינד דאָרטן.

קליינער קלויס האָט זיין זאק מיט דער אויסגעטריקנ־טער פעל אָפגעגעבן און באקומען האָט ער דערפאר א פול מעסטל געלט און אויך א שלעפ־וועגעלע, אז ער זאָל האָבן אויף וואָס דאָס געלט אין דעם קאסטן צו פירן.

— זיי געזונט! — האָט געזאָגט קליינער קלויס, — און האָט דאָס שלעפ־וועגעלע מיטן געלט און מיטן קאסטן, אין וועלכן ס'איז נאָך אלץ דער קלויסטער־שמש געלעגן, אָפגעפירט.

פון יענער זייט וואלד האָט א היפש טיף בייכל דורכגע־שטראָמט, אזא לויפיקס, אז ס'איז אוממעגליך געווען כמעט עפּעס מיט זיין שטראָם צו מאכן; איבערן טייכל איז א בריק געווען איבערגעלייגט. קליינער קלויס האָט זיך אויפן מיטן בריק אוועקגעשטעלט און אומיסטנע, ווי מעגליך העכער, כדי דער קלויסטער־שמש זאָל הערן, געזאָגט: —

— צו וואָס טויג מיר דער נארישער קאסטן, אָט דער? ער איז אזוי שווער, ווי ער וואָלט פול מיט שטיינער אָנגע־לייגט געווען! איך וועל זיך איבער אים פון די כחות ארויס־שלאָגן! איך וועל אים אין טייכל ארייננווארפן: איז ממה־נפשך, וועט ער אליין צו מיר א היים צושווימען איז גוט, אויב־זשע ניט — דארף מען ניט.

דערנאָך האָט ער זיך מיט איין האנט פארן קאסטן אָנ־גענומען, עטוואָס אים אונטערהויבנדיק, גלייך ווי ער וואָלט זיך גענומען אים אין וואסער אראָפּוואָרפן.

— האלט! — האָט פונעם קאסטן דער קלויסטער־שמש ארויס־געשריגן, — לאָז מיך פריער ארויס!

— איי! — האָט געזאָגט קליינער קלויס, — זיך מאכנדיק, אז ער האָט זיך דערשראָקן כלומפערשט. — ער איז נאָך אלץ דאָ! אין וואסער ארייין אים גיכער!

— ניין, ניין! — האָט געשריגן דער קלויסטער־שמש, — לאָז

מיך ארויס, וועל איך דיר א גאנץ מעסטל זילבער־שטיק געבֿן.

— אָט דאָס זיינען ווערטער!—האָט געזאָגט קליינער קלויס,—און ער האָט דעם קאסטן אויפֿגעעפֿנט. דער קלויסטער־שמש איז אין איין אויגנבליק ארויסגעשפרונגען פֿון דאָרט, און דעם ליידיקן קאסטן האָט מען אין וואסער אראָפּגעשטויסן. דערנאָך זיינען זיי צו אים אהיים אוועק, און קליינער קלויס האָט נאָך א גאנץ מעסטל געלט באַקומען. איצט איז דאָס גאנצע שלעפּ־וועגעלע פֿול מיט געלט געווען.

— אָ, דאָס פֿערדל האָט מיר גאָר נישט קיין שלעכטע רוחים געבראכט!—האָט קליינער קלויס צו זיך אליין געזאָגט, ווען ער איז אהיים געקומען און האָט אויף דער ערד א גאנצע קופּע געלט אויסגעשיט.—אָט ווי גרויסער קלויס וועט אין כּעס ווערן, אז ער וועט געוואָר ווערן, ווי אזוי איך בין באַרייכט געוואָרן פֿון מיין פֿערדל דעם איינציקן. אָבער ווער נויט מיך, איך זאָל אים דעם גאנצן אמת דערציילן?

און קליינער קלויס האָט צום גרויסן קלויס א ייִנגעלע אריינגעשיקט, ער זאָל ביי אים דאָס מעסטל, וואָס מ'מעסט דערמיט תּבֿואה, אנטלייען.

— צו וואָס טויג אים דאָס מעסטל?—האָט א טראכט געטאָן גרויסער קלויס, און ער האָט דאָס אונטערדעקל מיט א ביסעלע דזיעגעכץ באַשמירט, אפשר, מעגליך, וועט זיך עפּעס צוקלעפּן צו דעם. איז טאקע אזוי געווען: באַקומענדיק דאָס מעסטל צוריק, האָט גרויסער קלויס דערזען, אז צום דעקל האָבן זיך דריי נייאינקע זילבערנע מטבֿעלעך צוגעקלעפּט.

— אָט א מעשה!—האָט געזאָגט גרויסער קלויס, און איז באַלד צום קליינעם קלויס אוועקגעלאָפֿן.

— פֿון וואנען האָט זיך צו דיר אזוי פֿיל געלט גענומען?

— כ'האָב נעכטן אויף דער נאכט די פֿעל פֿון מיין פֿערדל פֿארקויפֿט.

— און מיט ריוח פֿארקויפֿט!—האָט געזאָגט גרויסער קלויס, איז אהיים אוועקגעלאָפֿן, האָט א האק געכאפּט, אלע

זיינע פיר פערד אוועקגעלייגט, פון זיי די פעל אראָפּגענומען און אין שטאָט זיי פארקויפן זיך אוועקגעלאָזט.

— פעל, פעל! ווער דארף פעל!—האָט ער געשריגן אי־בער די גאסן.

אלע לעדער־גארבערס און שוסטערס זיינען זיך צו אים אָנגעלאָפן און האָבן זיך צעפרעגן גענומען, ווי טייער באָט ער פאר די פעל.

— א מעסטל זילבער־שטיק—א שטיק!—האָט געזאָגט גרוי־סער קלויס.

— ביסט פון זינען?—האָבן זיי צו אים געזאָגט.—דו מיינסט, מיר אַרבעטן געלט מעסטלעך־ווייז?

— פעל! פעל! ווער דאַרף פעל!—האָט ער ווידער גע־שריגן, און אַלעמען, ווער ס'האָט זיך ביי אים, וויפיל ער וויל פאַר אַ פעל, אַ פרעג געטאָן, האָט ער געענטפערט: אַ מעסטל זילבער־שטיק פאַר אַ שטיק וויל ער.

— ער מאַכט פון אונז חוזק!—האבן אַלע שוסטערס און לעדער־גאַרבערס געזאָגט, און זיי האָבן זייערע הויזן־פאַסקעס אַראָפּגעכאַפּט, און אנדערע זייערע פאַרטיכער די לעדערנע און האָבן מיט זיי דעם גרויסן קלויס דעקן גענומען.

— פעל! פעל!—האָבן זיי אים נאָכגעקרימט—אָט נאַ דיר פעל! אַרויס פון שטאָט!

און גרויסער קלויס האָט פיס געמאַכט! זינט ער לעבט, האָט מען אים נאָך נישט אַריינגעלייגט אַזוי פיל.

— נו—האָט ער געזאָגט, זיך אהיים דערקלייבנדיק:—איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען מיטן קליינעם קלויס! איך וועל אים אויף טויט דערהרגענען.

און ביים קליינעם קלויס איז אַן אַלטע באָבע געשטאָר־בן; זי איז מיט אים אין לעבן נישט איבעריק אויסגעקומען, זי איז אַ שלעכטע און אַ קריגערין געווען, נאָר דאָך האָט זי אים באַנק געטאָן זעהר, און ער האָט זי אויף איבער נאַכט אין זיין וואַרים בעט אַריינגעלייגט,—אפשר וועט זי זיך אָנ־

וואַרימען און לעבעדיק ווערן,—און אַליין ער האָט זיך אין אַ ווינקל אויף אַ בענקל אַוועקגעזעצט.

ביינאַכט האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און גרויסער קלויס מיט אַ האַק אין האַנט איז אַריין; ער האָט געוואוסט, וואו דעם קליינעס קלויס בעט שטייט, איז ער גלייך צו דעם צוגעגאַן און האָט דער טויטער באָבע איבערן קאָפּ דערלאַנגט, מיינענדיק, אַז דאָס איז קליינער קלויס.

— אָט נאַ דיר! מער וועסטו מיך שוין נישט אָפּנאַרן!— האָט געזאָגט גרויסער קלויס און איז אַהיים אַוועקגעגאַן.

— אָט א רוצח!—האָט געזאָגט קליינער קלויס.—דאָס האָט ער מיך געוואָלט הרגענען. א מערכה נאָך, וואָס די באָבע איז טויט געווען, אנישט וואָלט זי שלעכט געווען אָפּגעשניטן.

דערנאָך האָט ער די באָבע אין אַ יום-טוב-קלייד פאַר-פּוצט, האָט ביים שכן א פערד געבעטן, האָט דאָס אין א וואָגן איינגעשפּאַנט, האָט גוט די אַלטע אויפן הינטערשטן בענקעלע אוועקגעזעצט, אַז זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און ער האָט מיט איר דורכן וואַלד זיך אַוועקגעלאָזט. אַז די זון איז אויפגעגאַן, זיינען זיי צו א גרויסן איינפאָר-הויז צוגעפאָרן. דאָרט האָט זיך קליינער קלויס אָפּגעשטעלט און איז אריינגעגאַן עפּעס זיך אויף איבערכאַפּן בעטן.

דער בעל-הבית פון איינפאָר-הויז האָט א מאַסע, מאַסע געלט געהאַט, און אַליין איז ער אַ מענטש זעהר אַ גוטער גע-ווען, אָבער אַזאַ היציקער, גלייך ווי ער וואָלט מיט פעפער און מיט נאָך שטאַרקייטן אָנגעפילט געווען.

— וואָס מאַכסטו גוטס? האָט ער זיך צום קליינעם קלויס געווענדט.—און וואָס האָסט דו זיך עפּעס אויסגעפּוצט אַזוי גאַנץ פרי?

— גאָר נישט!—האָט געזאָגט קליינער קלויס.—דאָס האָב איך באַדאַרפט מיט דער באַבען אין שטאָט אַריין פאָרן; זי איז דאָרטן אין וואָגן געבליבן,—וויל באַין אופן נישט אַראָפּקרי-כן. זיי-זשע אַזוי גוט, טראָג איר אַ הין אַ גלעזל מעד אַרויס, אָבער רעד מיט איר העכער, זי איז טויבליך אַ ביסל.

— רעכט!—האָט געזאָגט דער בעל־הבית. האָט אַ גרויסע גלאָז מעד גענומען און האָט דער אַלטער אַוועקגעטראָגן.

— דאָס אייניקל אייערס האָט אייך אַ גלאָז מעד אַרויס־געשיקט!—האָט געזאָגט דער בעל־הבית. די אַלטע אָבער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט און האָט זיך אפילו .קיין ריר נישט געטאָן.

— איר הערט? — האָט דער בעל־הבית אויפן גאַנצן קול אויסגעשריגן.—דאָס אייניקל אַייערס האָט אייך אַ גלאָז מעד אַרויסגעשיקט.

נאָך אַ מאָל האָט ער דאָס זעלבע אויסגעשריגן, און נאָך אַ מאָל, און זי האָט זיך אַלץ נישט גערירט; דעמאָלט איז ער אין כעס געוואָרן זעהר און האָט איר די גלאָז גלייך אין פנים אַריין דערלאַנגט, אַזוי אַז דער מעד האָט זיך איר אי־בער דער נאָז צעגאָסן, און זי אַליין האָט זיך מיטן פנים אַראָפּ איבערגעקערט: קליינער קלויס האָט דאָך זי נישט צו־געבינדן געהאַט, נאָר אַזוי אַוועקגעזעצט.

— וואָס האָסטו געטאָן?—האָט קליינער קלויס זיך צע־שריגן, פון דער טיר ארויסשפּרינגענדיק און דעם בעל־הבית פארן קאָלנער אָנכאפּנדיק.—דו האָסט מיין באבע דערהרגעט! זע, וואָס פאר א לאָך ביי איר אין שטערן!

— אָט אן אומגליק!—האָט דער בעל־הבית ארויסגעזאָגט, מיט די הענט א בראָך טוענדיק,—און דאָס אלץ איז איבער מיין היציקייט נאָר! ליבער קליינער קלויס, איך וועל דיר א גאנץ מעסטל זילבער־שטיק געבן און וועל דיין באבע, ווי מיינע אן אייגענע באגראָבן, אבי פארשווייג דאָס אלץ, א ניט וועט מען מיר דעס קאָפּ אָפּהאקן.

און אָט האָט קליינער קלויס א גאנץ מעסטל געלט בא־קומען, און דער בעל־הבית האָט זיין באבען, גלייך ווי זיינע אן אייגענע באגראָבן.

קליינער קלויס האָט זיך ווייטער מיט א גאנצער קופּע געלט א היים אומגעקערט און באלד טאקע צוס גרויסן קלויס א יינגעל, אים דאָס מעסטל צו בעטן, געשיקט.

וואָס הייסט?—האָט געזאָגט גרויסער קלויס.—האָב איך אים דען נישט דערהרגעט? מ׳דאַרף אַליין אַ קוק טאָן.—און ער האָט אַליין דעם קליינעם קלויס דאָס מעסטל אוועקגע־טראָגן.

— פון וואַנען קומט צו דיר אזא קופּע געלט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און ער האָט די אויגן פון פאַרוואונדערונג אויסגעגלאָטשט.

— דו האָסט נישט מיך, נאָר מיין באָבען דערהרגעט.— האָט געזאָגט קליינער קלויס.—און איך האָב זי פאַר אַ מעסטל געלט פאַרהאַנדלט.

— מיט ריוח פאַרקויפט!—האָט געזאָגט גרויסער קלויס, איז אַ היים געלאָפן, האָט אַ האַק גענומען און האָט זיין אַלטע באָבע דערהרגעט; דערנאָך האָט ער זי אין אַ וואָגן אוועקגע־לייגט, מיט איר אין שטאָט צום אַפּטייקער געקומען און האָט אים פאָרגעלייגט אַ טויטן מענטשן צו קויפן.

— ווער איז דאָס און וואו האָט איר אים גענומען?— האָט געפרעגט דער אַפּטייקער.

— דאָס איז די באָבע מיינע!—האָט געזאָגט גרויסער קלויס,—איך האָב זי דערהרגעט, אום זי פאַר אַ מעסטל געלט צו פאַרקויפן.

— גאָט איז מיט אייך!—האָט געזאָגט דער אַפּטייקער,— איר ווייסט דאָך נישט, וואָס איר רעדט! איר קאָנט דאָך דערפאַר מיט אייער קאָפּ באַצאָלן.—און ער האָט דעם גרויסן קלויס צו דערקלערן גענומען, וואָס פאַר אַ מעשה ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, וואָס פאַר אַ שלעכטער מענטש ער איז, און ווי אַזוי מ׳וועט אים דערפאַר באַשטראָפן. גרויסער קלויס האָט זיך דערשראָקן, איז אין איילעניש פון אַפּטייק אַרויס, האָט זיך אויפן וואָגן געזעצט, האָט די פערד אַ שמייס געטאָן און אהיים אוועק. דער אַפּטייקער און דער גאַנצער עולם האָבן אים פאַר משוגע געהאַלטן, און דעריבער האָבן זיי אים נישט פאַרהאַלטן טאַקע.

— כ׳וועל זיך מיט דיר דערפאַר אָפּרעכענען, אָפּרעכענען,

קליינער קלויס! — האָט געזאָגט גרויסער קלויס, אויפן וועג אַרויספאָרנדיק. און ווי נאָר ער האָט זיך אַ היים דערקליבן, אַזוי האָט ער באַלד אַ גרויסן זאַק גענומען, איז צום קליינעם קלויס אַוועק און אַזוי געזאָגט:

— דו האָסט מיך ווייטער אָפּגענאַרט! פריער האָב איך מיינע פערד דערהרגעט און איצטער אויך די באָבע! דאָס האָב איך דיר אַלץ צו פאַרדאַנקען! אָבער מער וועסטו מיך שוין נישט נאַרן!

און באַלד האָט ער קליינעם קלויס אַ כאַפּ געטאָן, האָט אים אין זאַק אַריינגעלייגט, האָט אים פאַרבונדן, אויפן רוקן פאַרוואָרפן און אויסגעשריגן:

— כ׳וועל גיין און וועל אים טריינקען!

ביז צום טייך איז נישט נאָנט געווען, און גרויסן קלויס איז שווער געווען קליינעם קלויס צו דערטראָגן. זיינען זיי פאַרביי אַ קלויסטער דורכגעגאַן, האָבן זיך פון דאָרטן די קלאַנגען פון אָרגל געטראָגן, און אַ געזאַנג אַ וואונדערליכס. האָט גרויסער קלויס דעם זאַק מיט קליינעם קלויס נעבן סאַמע דער קלויסטער־טיר אַוועקגעשטעלט און האָט אַ טראַכט געטאָן: ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט אין קלויסטער אַריינצוגיין, אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים אויסהערן, און דערנאָך ערשט זיך ווייטער אַוועקלאָזן. קליינער קלויס האָט דאָך נישט געקאָנט אַליין פון זאַק אַרויסקריכן, און דער גאַנצער עולם איז אין קלויסטער געווען. און אָט איז גרויסער קלויס אין קלויסטער אַריינגעגאַן.

— אָך, אָך! — האָט געזיפצט קליינער קלויס, אין זאַק זיך דרייענדיק, אָבער ווי ער האָט זיך נישט געמיט, דאָך זיך אויפבינדן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אין דער זעל־בער צייט איז פאַרביי דאָרט אַן אַלטער גרייז־גרויער פּאַסטוך פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ גרויסן שטאָק אין האַנט. ער האָט מיטן שטאָק אַ גאַנצע טשערעדע קי און אָקסן געטריבן. די בהמות זיינען אויפן זאַק מיט קליינעם קלויס אָנגעלאָפן און האָבן אים אומגעוואַלגערט.

— אָ—אָך! — האָט קליינער קלויס געזיפצט. — איך בין

נאָך אַזוי יונג און דאַרף שוין אויף יענער וועלט אַוועק־גיין!

— און איך, אומגליקליכער, בין שוין אַזוי אַלט, און קאָן נאָך אַלץ אַהין נישט אָנקומען! — האָט געזאָגט דער פּאַסטוך.

— צעבינד דעם זאַק! — האָט אויסגעשריגן קליינער קלויס. — קריך אויף מיין אָרט אַריין, וועסטו באַלד אַהין אָנקומען.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט געזאָגט דער פּאַסטוך, האָט דעם זאַק צעבינדן, און קליינער קלויס איז אין דער רגע פון דאָרט אַרויסגעשפּרינגען.

— איצט דאַרפסטו אויף דער טשערעדע אַכטונג געבן! — האָט געזאָגט דער פּאַסטוך און איז אין זאַק אַריינגעקראָכן.

קליינער קלויס האָט אים פאַרבונדן און האָט די טשע־רעדע פאַרטריבן.

שפּעטער אַביסל, אַז גרויסער קלויס איז פונם קלויסטער אַרויסגעגאַנגען און האָט דעם זאַק אויפן רוקן פאַרוואָרפן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער זאַק איז פיל גרינגער געוואָרן. קליינער קלויס האָט דאָך כמעט צוויי מאָל מער וואָג פונם אַלטן געהאַט.

— ווי ס׳איז גרינג געוואָרן! און דאָס אַלץ איבער דעם, וואָס איך בין אַביסל אין קלויסטער געוועזן! — האָט גרויסער קלויס אַ טראַכט געטאָן, איז צום ברייטן און טיפן טייך צו־געגאַנגען, האָט אַהין דעם זאַק מיטן פּאַסטוך אַריינגעוואָרפן און אויסגעשריגן:

— נו, אַן עק, איצט וועסטו מיך שוין מער נישט אָפּ־נאַרן.

דערנאָכדעם האָט ער זיך אַהיים אַוועקגעלאָזט, נאָר ביים סאַמע שייד־וועג האָט ער קליינעם קלויס מיט אַ טשערעדע אַ גאַנצער באַגעגנט.

— אָט האָסטו דיר! — האָט געזאָגט גרויסער קלויס. — וואָס, האָב איך דיך דען נישט דערטרונקען?

— געוויס! — האָט געזאָגט קליינער קלויס. — צוריק מיט אַ האַלבער שעה האָסטו מיך אין טייך אַרייַנגעוואָרפן.

— איז פון וואַנען־זשע האָסטו אַזאַ וואוילע טשערעדע באַקומען? — האָט געפרעגט גרויסער קלויס.

— דאָס איז אַ וואַסער־טשערעדע! — האָט קליינער קלויס געענטפערט. — איך וועל דיר די גאַנצע געשיכטע דערציילן. אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך געטריינקט, דערפאַר בין איך רייך געוואָרן, ווי דו זעסט! שרעקליך איז מיר נאָר אין זאַק געווען! דער ווינט האָט זיך מיר אין די אויערן צעסווישטשעט, ווען דו האָסט מיך אין וואַסער אַרייַנגעוואָרפן! איך בין באַלד צום גרונט געגאַנגען, אָבער איך בין נישט געשעדיקט געוואָרן, — דאָרט פון אונטן וואַקסט אַ צאַרט, ווייך גראָז אַזאַ, בין איך אויף דעם געפאַלן; דער זאַק האָט זיך באַלד צעבונדן און אַ פּרעכטיק שיין מיידל, אין אַ שניי־ווייס קלייד, מיט אַ קרענצל פון גרינס אויף אירע האָר, אויף די נאַסע, האָט מיר אַ האַנט אויסגעשטרעקט און געזאָגט: „אַ דאָס ביסט דו, קליינער קלויס? נו, פאַר אַלעמען נעם דיר אָט דאָס טשערעדעלע, און אַ ווערסט ווייטער פון דאַנען, אויפן וועג, פּאַשעט זיך אַ צווייטס, אַ גרעסערס. גיי, נעם אויך יענץ!" דאָ האָב איך דערזען, אַז דער טייך איז פאַר די וואַסער־איינוואוינער אַלץ איינס, ווי פאַר אונז אַ וועג: זיי זיינען געגאַנגען און געפאָרן אויפן גרונט פון דער סאַמע אָזערע, ביז דעם אָרט, וואו דער טייך ענדיקט זיך. אַך, ווי גוט ס'איז דאָרט געווען! וואָס פאַר אַ בלומען, וואָס פאַר אַ גראָז אַ פרישס! און פישעלעך האָבן ארום מיינע אויערן ארומגעשנאָרעט, פּונקט ווי דאָ ביי אונז די פייגעלעך אונזערע! וואָס פאַר אַ שיינע מענטשן האָבן זיך מיר אויפן וועג געטראָפן, און וואָס פאַר אַ טייערע טשערעדעס האָבן זיך דאָרט ביי די גערטנער און ביי די קאַנאַלן געפּאַשעט!

— פאַר וואָס־זשע האָסטו זיך אַזוי גיך אומגעקערט? — האָט געפרעגט גרויסער קלויס. — מיך וואָלט מען שוין פון

דאָרט אזוי גיך נישט ארויסגענארט, ווען דאָרט איז טאקע אזוי גוט, ווי דו זאָגסט.

— איך האָב דאָס דאָך נישט גלאַט אזוי געטאָן! — האָט געזאָגט קליינער קלויס. — האָסט דאָך געהערט, אז דאָס וואסער-מיידל האָט זיך מיר נאָך דער צווייטער טשערעדע אוועקלאָזן געהייסן, צו דער, וואָס אויפן וועג, בסך-הכל איין ווערסט פון דאָרטן, פאשעט זיך? דער טייך רופט זיך ביי זיי וועג אָן, — פון קיין אנדער וועג ווייסן זיי דאָך נישט — און דער טייך גייט דאָרט מיט אזוינע פארדרייעכצן, אז ס'וואָלט מיר אויסגעקומען נישט ווייניק וועג אָנצולייגן. איז אָט, האָב איך דעריבער באשלאָסן אויף דער יבשה ארויסצוגיין, און גיין אין אלכסון, גלייך צו יענעם אָרט, וואו מיין טשערעדע וואַרט מיך; אזויערנאך וועל איך א האלב ווערסט געווינען.

— ס'אַרא גליקליכער דו ביסט! — האָט געזאָגט גרויסער קלויס. — און ווי רעכנסטו, איך וועל באקומען די טשערעדע, אויב איך וועל זיך אויפן גרונט אראָפּלאָזן?

— איך מיין! פאר וואָס נישט?—האָט געזאָגט קליינער קלויס.—אָבער שלעפּן דיך מיטן זאק צום טייך קאָן איך נישט, ביסט זעהר שווער, נאר אָט, אויב דו ווילסט אליין צוגיין און דארט אין זאק ארייננקריכן, וועל איך דיך מיט פארגע-ניגן אין טייך ארייננווארפן.

— א דאנק!—האט געזאגט גרויסער קלויס.—אבער אויב איך וועל דארט די טשערעדע נ י ש ט באקומען, וועל איך דיך אוועקהרגענען, געדענק עס!

— נו, נו! זיי נישט בייז!—האט געזאגט קליינער קלויס, און זיי זיינען ביידע צום טייך אוועקגעגאן.

אז די טשערעדע האט דערזען וואסער, אזוי האט זי זיך באלד צו דעם א לאז געטאן; דעם פּי האט זיך זעהר טרינקען געוואלט.

— זע נאר, ווי זיי איילן דאס א ביסל!—האט געזאגט קליינער קלויס.—ווי זיי האבן זיך דאס נאך דעם וואסער פאר-בענקט; אהיים, הייסט, זיך פארוואלט.

— יאָ, יאָ, העלף נאָר מיר בעסער, אַניט וועל איך דיך הרגענען! — האָט געזאָגט גרויסער קלויס און איז אין אַ גרויסן זאַק, וואָס איז אויפן רוקן פון אַ גרויסן אָקס געלעגן, אַריינגעקראָכן. — און לייג מיר אין זאַק אַ שטיין אַריין, אַניט וועל איך נאָך צום גרונט נישט אַראָפּ!

— ’סט אַראָפּ! — האָט געזאָגט קליינער קלויס, און דאָך האָט ער אין זאַק אַ גרויסן שטיין אַריינגעלייגט, האָט שטאַרק דעם זאַק פאַרבונדן און אין וואַסער אַראָפּגעשטויסן. פליוך! — און גרויסער קלויס איז גלייך צום גרונט אַראָפּגעגאַנגען.

— אָך, כ’האָב מורא, ר’וועט דאָרט די טשערעדע נישט געפינען! — האָט געזאָגט קליינער קלויס און האָט זיינע אַהיים געטריבן.

דער גן־עדן.

אַ מאָל איז געווען אַ פּרינץ. זיינען בײַ אים פיל זעהר־שיינע ביכער געווען, אזוי פיל, וויפיל בײַ קיין אנדערן אין דער וועלט נישט. אין זיי איז אַלץ, וואָס האט אויף דער וועלט זיך געטראָפן, באַשריבן געווען, און נישט נאָר באַשריבן, נאָר אויך מיט אויסגעצייכנט־שיינע געמעלן באַצירט. וועגן יעדער לאַנד, וועגן יעדער פאָלק האָט מען געקאָנט פון יענע ביכער סאַמע די גענויסטע ידיעות באַקומען, נאָר וואו דער גן־עדן געפינט זיך — וועגן דעם האָט זיך אין זיי קיין וואָרט נישט דערמאָנט. אָבער דוקא וועגן גן־עדן האָט זיך דעם פּרינץ מער פון אַלץ וויסן געוואָלט.

נאָך ווען ער איז אַ קליין יינגעלע געווען און האָט זיך נאָר־וואָס אין שול אַריין גרייטן אָנגעהויבן, האָט אים די באָבע דערציילט, אַז אין גן־עדן איז יעדער בלום אַ קיכעלע אַ זיס, יעדער שטויב־בײַטעלע איז מיטן בעסטן זיסן וויין אָנגעפילט, אַז אין אייניקע בלומען איז געשיכטע פאַראַנען, אין די צווייטע געאָגראַפיע, אָדער די כפל־טאַבעלע, און אַז מ׳דאַרף מער ניט, ווי איין קיכעלע נאָר אויפעסן, אַז מען זאָל שוין אויסגעצייכנט די פאַרגעבענע לעקציע קענען. וואָס מער דו עסט זיי, אַלץ בעסער היסטאָריע, געאָגראפיע און אויך אריפמעטיקע קענסטו.

אין יענער צייט האָט ער אין דעם אַלעם געגלויבט. נאָר דערנאָך, אַז ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן און האָט

זיך עפעס וואָס אויסגעלערנט און איז קליגער געוואָרן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין גן־עדן דאַרפן גאָר אַנדערע מינים וואונדער־זאַכן זיין.

— אָ, נאָך־וואָס האָט חוה דעם שלאַנג צוגעהערט? נאָך־וואָס האָט אדם פון די פאַרווערטע פרוכטן געגעסן? וואָלט איך אויף זיין אָרט געווען, וואָלט מיט מיר, פאַרשטייט זיך, אַזוינס נישט געטראָפן! קיין מאָל וואָלט די זינד אויף דער וועלט נישט געקומען.

אַזוי האָט ער אין יענער צייט געזאָגט. אַזוי האָט ער אויך געזאגט, ווען אים איז שוין זיבעצען יאר געווארן. דער גן־עדן איז אים פון קאָפּ נישט אַרויס.

איין מאל האט ער זיך איינער אַליין אין וואַלד אַוועק־געלאזט — דאס איז איינער פון זיינע בעסטע פאַרגעניגנס געווען.

ס'איז די נאַכט צוגעפאַלן; דער הימל האט זיך מיט כמאַרעס אנגעצויגן, און באַלד האט אַ רעגן א גאָס געטאן, אבער אַזאַ שטאַרקער, גלייך ווי דער הימל וואלט אַ רינווע געווען געווארן, פון וועלכן ס'האבן וואסער־אויסגוסן אַראָפּ־געגאסן. די פינסטערניש איז אזוי גרויס געווען, ווי נאר אפשר ביינאַכט אַ מאל אין סאמע טיפסטן ברונים מאכט זיך. דער פרינץ איז אָט האט ער זיך אויסגעגליטשט און אויפן נאסן גרונט געפאלן, און אָט האט ער זיך אָן די נאַקעטע שטיינער אנגעשטויסן, אן די, וואס האבן פון דעם נאסן פעלזן־גרונט ארויסגעסטארטשעט. פון אלע זייטן האט זיך אויפן ארימען יינגל דאס וואסער געגאסן, אויף אים איז, ווי מ'זאגט, קיין טרוקענער פאדים נישט געבליבן. ס'איז אים אויסגעקומען אי־בער גרויסע שטיין־שטיקער איבערצוקריכן, אויף וועלכע דאס וואסער האט זיך פון הויפנס מעך דורכגעזויגן. ער האט זיך פון די כחות אויסגעשלאגן און שוין צו אין־חלשות־ארייַנפאלן נאנט געווען. האט ער אבער פלוצלים עפעס א מאדנע סווישטש דערהערט, און פאר זיך א גרויסע באלויכטענע הייל דער־זען. אין מיטן דער הייל האט א פייער געברענט, און אזא

גרויס, אז מ'וואלט דערויף א הירש אפגעבראטן געקאנט. און אזוי איז דאס טאקע באמת געווען. א פרעכטיק־שיינער הירש מיט הערנער הויכע איז אויף א בראט־שפיז געלעגן, וואס האט זיך פאמעליך צוויי׳שן צוויי אפגעהאקטע סאסנע־קלעצער געדרייט. ביים פייער איז א באיארטע פרוי געזעסן, אזא הויכע און אזא שטארקע, גלייך ווי זי וואלט אן איבערגעטאנענער מאנסביל געווען, און פון צייט צו צייט נייע האלץ־שטיקער אהין געווארפן.

— קום צו נענטער! — האט זי געזאגט. — זעץ זיך ביים פייער אוועק און טריקן דיינע קליידער אויס.

— ס'בלאזט דא זעהר! — האט געזאגט דער פרינץ און אויף דער ערד זיך אראפגעלאזט.

— אז מיינע זין וועלן זיך א היים אומקערן, וועט נאך ערגער זיין — האט די פרוי געזאגט. — איך דער ווינטן־הייל געפינסטו זיך, מיינע זין זיינען די פיר הויפט־ווינטן. פארשטייסט?

— וואו זיינען זיי עס איצט, די זין דיינע? — האט געפרעגט דער פרינץ.

— אויף א נארישער שאלה איז נישט גרינג צו ענטפערן! — מיינע זין טוען דאס, וואס זיי ווילט זיך. זיי שפילן אין פילקע מיט די וואלקנס אין דעם מלך־זאל, אָן פון אויבן דארטן.

און דערביי האט זי אויפן הימל אנגעוויזן.

— א, אזוי גאר! — האט געזאגט דער פרינץ. — דאך מוז מען באמערקן, אז איר דריקט זיך אויס גאָר נישט אי־בעריק איידל. גאר נישט אזוי, ווי יענע פריילינס, וואס רינגלען מיך אין דערהיים ארום.

— און ס'איז קיין חידוש נישט: — יענע האבן מער נישט וואס צו טאן. איך אבער דארף שטרענג זיין, כדי מיינע יינגלעך אין געהאָרכזאמקייט צו האלטן. און מ'דארף זיי אויך אפגעבן דעם גערעכט, מיינע יינגלעך, זיי פאלגן מיך באשטענדיק, נישט געקוקט דערויף, וואס זיי זיינען עקשנים

גרויסע. זעסטו די פיר זעק, וואס אויף די ווענט הענגען? אָט פאר די זעק האבן זיי אזוי מורא, פונקט ווי דו אַ מאל פלעגסט פארן קאנטשיק, וואס איז אונטערן שפיגל געלעגן, מורא האבן. מעגסט מיר גלויבן, איך האלט זיי אין די הענט גוט, און ווי נאָר זיי א שטיף און שייגעץ-שטיקל באווייזן, אזוי איז מארש אין די זעק אריין, און אָן טענות, און זיץ, און נישט גערירט זיך, און ביז איך וועל נישט ארויסלאזן. און אָט איז, אויף די רייד, איינער פון זיי.

דאס איז דער צפון-ווינט געוועו. ער האט מיט זיך אַ שרעקליכע קעלט אַרייגעבראכט. גרויסע האגלען דארט האבן איבער דער ערד שפרינגען אָנגעהויבן, פון אַלע זייטן זיינען שניי-פליאכעס אנגעפלויגן. אנגעטאן איז ער געווען אין אַ פעלצל און אין הויזן פון בערן-פעל; אַ היטל פון אַ ים-הונט-פעל איז אים אויף איבער די אויערן אנגערוקט געווען; פון דער באָרד האבן אים לאנגע אייז-צעפלעך אראפגעהאנגען און פונם פעלצל-קאָלנער האבן זיך איינס נאכן אנדערן גרויסע האָגלען אראפגעקייקלט.

— גייט נישט באלד צום פייער צו, — האט געזאגט דער פרינץ. — אַניט, וועט איר זיך דאס פנים און די הענט אָפּפרירן.

— איך זאל נית? — האט געזאגט דער צפון-ווינט און הויך זיך צעלאכט. — ביי מיר איז דאך קיין בעסער פארגעניגן נישטאָ, ווי אויף דער קעלט צו זיין. דו אליין אבער, וואס פאַר אַ חיה ביסטו? ווו קומסטו אין דער ווינטן-הייל זיך טרעפן?

— מיין גאסט איז דאס, — האט די אלטע געזאגט. — און אויב דו ביסט מיט מיין ערקלערונג נישט צופרידן, קאנסטו אין זאַק אריין אריינגיין, פארשטייסט?

און דער צפון-ווינט האט, ווייזט אויס, פארשטאנען. ער האט דערציילן גענומען, פון וואנען ער קומט אַצינד, און וואו ער האט כמעט אַ גאנצן חודש פארבראכט.

— פון דעם אייז-ים קום איך איצטער — האט ער דער-

ציילט. — איך בין אויפן בערן־אינזל מיט די רוסישע פיש־פאנגערס אויף דעם ים־פערד־פאנג געווען. איך בין אויפן רודער געזעסן און געשלאפן, ווען זיי זיינען פון נארדקאפּ אפּגעשוואומען, און אז איך האב זיך אויפגעכאפּט, האט זיך פאר די פיס פאר מיינע אַ שטורעם־פויגל געטראגן. א מאדנע לעכערליכער פויגל דאס איז! איין מאל נאר טוט ער אויף גיך מיט די פליגלען א מאך, דערנאך ציט ער זיי אויס שוין גלייך, און אזוי שוין איבער דער לופט טראגט זיך.

— נאר אן אין־דער־זייט־פארקריכן, בעט איך, — האט די ווינטן־מאמע געזאגט. — אלזא, ביסטו אויף דעם בערן־אינזל אנגעקומען.

— יא, א וואוילער אינזל! דער באדן דארט איז ווי אַ בריק־פארקעט אויף טאנצן — אַ גלאַטער, ווי אַ טעלער, ארום און ארום ליגן אויף־האלב צעגאנגענע שנייען, פון וועלכע, ערטערווייז, מעך, שטיינער שארפע און פגרים פון לויתנס און ווייסע בערן שלאגן זיך דורך; וואו־ניט־וואו הענט און פיס ריזיקע מיט פאַרשימלט גרינס באדעקט וואלגערן זיך. מ׳קאן מיינען, אז די זון טוט קיין מאל קיין קוק נישט אויף די ערטער אויף יענע. איך האב אַ ביסל אויפן נעפל אַ בלאז געטאן, אום די וואוינונגען פון די פאנגערס צו זען; דאס איז אַ שטוב פון שטיקער פון א שיף א צעבראכענער אויסגע־בויט געווען, און מיט פעלן פון ים־פערד, מיט די פארקערטע זייטן ארויף, געדעקט. אויפן דאך איז א לעבעדיקער ווייסער בער געזעסן און געברומט זיך בעריש. בין איך אויפן ברעג שפּאַצירן געגאנגען, אין די פויגל־נעסטן אריינגעקוקט, האב איך דארטן נאקעטע פייגעלעך געזען, וואס האבן געפּישטשעט רחמנותדיק און די פיסקלעך צעעפנט. האב איך זיי דעמאלט גלייך אין די גארגעלעך אריינגעבלאָזן, און זיי האבן ליאר־מען אויפגעהערט. ווייטער א ביסל האבן זיך ים־פערד געוואל־גערט, פונקט ווי קישקעס לעבעדיקע, אדער ווי ווערים גיגאַנ־טישע מיט חזיר־פּיסקעס און מיט ציין ארשיניקע.

— דערציילסט שוין, זון מיינער — האט די מוטער גע־

זאגט. — אזש די שמייע פון מויל לאזט זיך מיר, אז איך הער דיך.

— דערנאך האט זיך דער פאנג אנגעהויבן! דער האר־פון האט דעם ים־פערד גלייך אין ברוסט ארייגעטראפן, און זיך־רויכערנדיק בלוט האט ווי פון אַ פאנטאן אויפן אייז ארויסגעשפריצט. האט זיך אויך מיר דעמאלט א שפיל טאן געוואלט. האב איך א בלאז געטאן און געהייסן מיינע שיפן, די ריזיקע אייז־שטיקער, די שיפלעך פארשפארן. אָ! וואס פאר א ווייַ און וואס פאר א געשריי ס'האט זיך דארט אויפ־געהויבן! אבער איך האב זיך נאך שטארקער צעוואיעט. ס'איז זיי אויסגעקומען אויפן אייז אלע דערהרגעטע ים־פערד אַרויס־צעווארפן, אלע קעסטלעך מיט דער שפייז פארגרייטער און אויך דאס שיפווארג. איך האב זיי מיט שניי־פליאכעס באשיט און איך האב זיי געטריבן אין די שיפלעך, אין די פונם אייז צעגויפגעדריקטע, אינאיינעם מיטן גאנצן פאנג זייערן גלייך צום דרום — זאלן זיי דארט אַ ביסל זאלץ־וואסער פאר־זוכן. יא, מער וועט זיי שוין נישט אויסקומען אויפן בערן־אינזל צו פאנגען.

— האסטו, הייסט עס, דארטן אומגליקן אנגעמאכט?

— וועגן דעם, וואס איך האב דארטן גוטס געטאן, לאז איך אנדערע דערציילן — האט געזאגט דער צפון־ווינט. — און אט איז דאס ברידערל מיינס פון מערב! אים האב איך ליבער פון אלע; פון אים שמעקט ים שטענדיק, און אויך אַ קעלט ברענגט ער א נישקשהדיקע.

— יא, דאס איז דער זעפיר — האט געענטפערט די אל־טע, — אבער ער איז גאר קיין קליינער נישט. א מאָל איז ער גאר א וואויל ייִנגל געווען, אבער דאס איז שוין לאנג געווען זעהר.

דער ניי־אנגעקומענער האט ווי אַן אמתער ווילדער מענטש אויסגעזען. אויפן קאפ ביי אים איז אַ גראב ווייך היטל געווען, כדי ער זאל זיך קיין קלאפ נישט טאן בשעתן פאלן; אין די הענט האט ער געהאלטן אַ בולעווע פון רויט־

האַלץ, וואס איז אין די וועלדער פון אמעריקע אויסגעהאקט געוואָרן. און געווען איז דאס א זאַכל גאר נישט קיין גרינגוואַגיקס!

— פון וואַנען קומסטו עס? — האט די מוטער געפרעגט.

— פון די פוסטע וועלדער — האט ער געענטפערט. — פון דארטן, וואו די וואסער-שלענג אין נאסע גראַזן ליגן, און וואו דער מענטש און די אָנוועזנהייט פון מענטשן ווייזן זיך דארט אויס לחלוטין איבעריק צו זיין.

— און וואס האסטו דארט געטאן?

— איך האב אין סאמע טיפסטן טייך אריינגעקוקט, האב געזען, ווי ער פאלט פון די פעלזן אראפ, אין שטויב פאר-וואנדלט זיך און פליט צו די וואלקנס ארויף. אום דארט א רעגן-בויגן אויסצובילדן. איך האב געזען, ווי א ווילדער בופלאקס האט זיך שווימענדיק איבערן טייך געלאזט, און ווי דער שטראם האט אים אויף צוריק פארטראגן. ער איז אינ-איינעם מיט א הערטל קאטשקעס געשוואומען, אבער די קאטש-קעס, אז זיי זיינען צום וואסערפאל געקומען, זיינען זיי ארויף ארויפגעפלויגן, אין דער צייט, ווען דער בופלאקס איז אין דער טיף אריינגעשליידערט געוואָרן. דאס איז מיר געפעלן געוואָרן זעהר, און איך האב א שטורעם אויפגעהויבן, אבער אזא שטורעם, אז הונדערט-יעריקעביימער האבן זיך אויף דער ערד אנידערגעוואלגערט און זיינען אויף שפענדלעך צעשפאלטן געוואָרן.

— און מער האסטו גאר נישט געטאן? — האט די אלטע געפרעגט.

— איך האב זיך געיאגט און איבער די מדבריות גע-טראגן, איך האב די ווילדע פערד געשמיסן און פון די קאקוס-ביימער די ניס אראפגעריסן. יא, יא, איך וואלט אייך נישט איין געשיכטע דערציילן געקאנט, אבער מ׳טאר נישט אויסשיטן אלץ, וואס מ׳ווייסט. — ניט אמת, אלטע? — און ער האט אזוי האסטיק זי קושן זיך א וואָרף געטאן, אז די אלטע איז שיער נישט אנידערגעפאלן. א שרעקליך ווילד-צעלאזענער איז דער מערב-ווינט געווען.

דעמאָלט איז דער דרום־ווינט מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ צו פליען געקומען און מיט אַ צעפליענדיקן בעדואינען־מאַנטל.

— וואָס פאַר אַ קרירא דאָ איז ביי אייך! — האָט ער געזאָגט און אין פייער אריין האַלץ אונטערגעוואָרפן. — מ׳קאָן באַלד דערקענען, אַז דער צפון־ווינט איז דער ערשטער גע־קומען.

— דאָ איז אַזוי הייס, אַז מ׳וואָלט געקאָנט אַ ווייסן בער אָפּבראָטן! — האָט דער צפון־ווינט געזאָגט.

— ביסט אַליין אַ ווייסער בער! — האָט אָפּגעענטפערט דער דרומדיקער.

— וואָס? אין זאַק אריין, ווייזט אויס, האָט זיך אייך פאַרוואָלט? — האָט אויף זיי די מוטער אָנגעשריגן. — זעץ זיך, אָט אויפן שטיין דאָרטן, און דערצייל, וואו ביסטו געווען.

— אין אפריקע, מאַמעלע, — האָט געענטפערט דער דרום־ווינט. — איך בין מיט די האָטנטאָטן אויפן לייבן־געיעג געגאַנגען, אין לאַנד פון די קאפערס. אוי, איז דאָרט אַ גראָז אין די טאָלן!... גרין, ווי די פלאַמען אונזערע. דאָרט איז דער שטרויס־פויגל מיט מיר אויף געוועט אין לויפערלעך געלאָפן. אָבער דעמאָלט האָב איך אים איבערגעיאָגט. דער־נאָך האָב איך זיך אין דער מדבר מיטן געלן זאַמד אַ יאָג געטאָן; ער איז זעהר צום ים־באָדן ענליך, דער זאַמד. איך האָב דאָרטן אַ קאַראַוואַן באַגעגנט; די מענטשן האָבן נאָר־וואָס דאָס לעצטע קעמל דערהרגעט, אום פון זיין מאָגן וואַסער אויף זייער דאָרשט שטילן צו באַקומען, אָבער וואַסער אין אים האָט זיך ווייניק־וואָס געפונען. די זון האָט פון אויבן געברענט, און דער זאַמד פון אונטן. די ווייטע מדבר, האָט זיך געדאַכט, האָט קיין ברעג נישט געהאַט. האָב איך זיך דעמאָלט אין דינעם שיטעווודיקן זאַמד געוואָרפן און אים דרייען גענומען און הויכע זיילן פון אים הויבן. אוי, איז דאָס אַ טענצל געווען! האָסט באַדאַרפט זען, ווי טרויעריק די קעמלען האָבן אויסגעזען און ווי די סוחרים האָבן ד

קעפּ מיט די קאַפּטנס זייערע פאַרשטעלט. זיי זיינען פאַר מיר מיטן פּנים צו דר׳ערד געפאַלן — פּונקט ווי אַליין פאַר אַלאַהן. איצט זיינען זיי באַגראָבן אַלע, און אויף די קערפּערס זייערע איז אַ זאַמד־פּיראַמידע אויפגעשטעלט. אויב איך וועל זיי אַ מאָל צוריק אָפּקערן, וועט די זון זייערע ביינער אויסווייסן, און אַנדערע רייזנדער וועלן דעמאָלט דערזען, אַז דאָס זיינען אַ מאָל מענטשן געווען. אַ ניט, וואָלט דאָך קיינער ניש געגלויבט אין דער׳ינען.

— האָסטו, הייסט עס, נאָר שלעכטס געטאָן? — האָט געזאָגט די מוטער. — מאַרש אין זאַק אַריין!

און איידער דער דרום־ווינט האָט זיך נאָך אַרומקוקן געריירט, אַזוי האָט אים די מוטער שוין פאַרן איבערגעקערטן קערפּער אַ כאַפּ געטאָן און אין זאַק אַריין אַריינגעהאַקט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויפן באָדן דאָרטן וואַרפן, האָט זיך אָבער די אַלטע אויף אים ארויפגעזעצט, און ער איז גענויט געווען שוין איינגעשטילט צו ליגן.

— „ברענען" זיינען ביי דיר די יונגען דיינע! — האָט געזאָגט דער פּרינץ.

— יאָ, „ברענען" — האָט זי געענטפערט. — אָבער איך קאָן זיי אין געהאָרכזאַמקייט האַלטן. און אָט איז דער פערטער.

דאָס איז דער מזרח־ווינט, ווי אַ כינעזער אָנגעטאָן, געווען.

— אָ, אָט פון וואַנען דו קומסט! — האָט די מוטער געזאָגט. — און איך האָב גערעכנט, אַז דו ביסט גאָר אין גן־עדן געווען.

— אַהין וועל איך זיך ערשט מאָרגן אַוועקלאָזן! — האָט דער מזרח־ווינט געזאָגט. — מאָרגן ווערט הונדערט יאָר פּונקט, זינט איך בין דאָס לעצטע מאָל דאָרט געווען. און איצט קום איך פון כינע אָן, וואו איך האָב אַזוי פאַרשייט אַרום דעם פּאָרצעלייטורעם געטאַנצט, אַז אַלע גלעקער האָבן אַליין פון זיך צו קלינגען אָנגעהויבן. די באַאַמטע האָט מען דערפאַר אין די גאַסן מיט באַמבוס־שטעקלעך געשלאָגן, און אַזוי

שטאַרק, אַז די שטעקלעך האָבן זיך איבער זייערע רוקנס צעבראָכן, און דאָס זייבען דאָרטן אַלץ מאַנדאַרינען חשובע פון דעם ערשטן ביז דעם נייבטן קלאַס געווען. מען האָט זיי געשלאָגן, און זיי האָבן אַלץ אין איין אונטערזאָגן געהאַלטן: „אַ טיפן דאַנק דיר, פאָטער און חסד־טוער!" יאָ, געוויס איז דאָס נישט פונם גאַנצן האַרץ געווען. און איך האָב זיך דערבײַ אין די גלעקער געקלונגען און געזונגען: טסינג, טסאַנג, טסו!

— אַ שייגעץ דו ביסט, און מער גאָר נישט! — האָט געזאָגט די אַלטע. — גוט, וואָס דו לאָזט זיך מאָרגן אין גן־עדן אַוועק: דאָס ווירקט שטענדיק אויף דער אַנטוויקלונג, אויף דײַנער. טרינק־זשע זיך דאָרט פון דעם חכמה־קוואַל אָן, און פאַרגעס נישט אויך מיר אַ פולע פלאַש פון דאָרט צו ברענגען.

— מיט פאַרגעניגן, כ'וועל ברענגען! — האָט דער מזרח־ווינט געזאָגט. — אָבער פאַר וואָס האָסטו אין זאַק מײַן ברו־דער פון דרום פאַרשטעקט? לאָז אים ארויס! ער דאַרף מיר וועגן פויגל פעניקס דערציילן: די פּרינצעסין פון גן־עדן פרעגט וועגן אים יעדער מאָל, ווען איך בין דאָרטן. נו, עפן־זשע דעם זאַק אויף, דו ביסט דאָך בײַ מיר אַ מאַמעלע אַ גוטינקע און אַ וואוילינקע — און איך וועל דיר דערפאַר בײדע קעשענעס מיט טיי אָנשטופן, מיטן סאַמע גרינסטן און פרישסטן, — דאָס האָב איך אים אַליין אויפן אָרט אָפּגעריסן.

— נו, מילא, צוליב דעם טיי און צוליב דעם, וואָס דו ביסט בײַ מיר, מײַן זון מײַן ליבער, וועל איך דעם זאַק צעבינדן.

זי האָט דעם זאַק געעפנט, און דער דרום־ווינט איז פון אים מיט אַן אָפּגעשמיסענעם אויסזען אַרויס; ס'איז אים אַ בזיון געווען, וואָס אַ פרעמדער פּרינץ איז אַן עדות פון דעם אַלעם פאָרגעקומענעם.

— אָט האָסטו דיר אַ פּאַלמען־בלאַט פאַר דער פּרינצעסין! — האָט געזאָגט דער דרום־ווינט. — דאָס בלאַט האָט מיר דער

פויגל פעניקס געגעבן, דער איינציקער, וואָס איז אויף דער וועלט פאַראַנען. ער האָט מיט זיין שנאָבל אויף דעם די געשיכטע פון זיין גאַנץ לעבן, וואָס הונדערט יאָר געדויערט, אויסגעקריצט. זאָל די פרינצעסין אַליין איבערלייענען, ווי אַזוי דער אַלטער פעניקס האָט אַליין זיין נעסט אונטערגעצונדן און איז איז איר אַזוי לאַנג זיצן געבליבן, ביז ער איז פאַרברענט געוואָרן, פונקט, ווי דאָס ווייב פונם אינדער. ווי אַזוי די טרוקענע בלומען האָבן זיך צעקנאַקט-צעפלאַקערט! וואָס פאַר אַ רויך ס'האָט זיך אין דער נעסט אויפגעהויבן! לסוף איז אַלץ פייער-פלאַם פאַרלוירן געגאַן, און דער פויגל פעניקס האָט זיך צו אַ הויפן אַש פאַרוואַנדלט. נאָר דאָס איי זיינס, דאָס ביז רויט אָנגעגליטס, איז פון פלאַם גאַנץ געבליבן; אַז דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט עס מיט אַ גרויסן טראַסק געפלאַצט און פון דעם איז אַ יונג-פייגעלע אַרויסגעפלויגן. אָט דאָס יונג-פייגעלע איז איצט דער מלך איבער אַלע פייגלען: דאָס איז דער איינציקער פעניקס אויף דער וועלט דער גאַנצער. דאָס האָט ער אין דעם בלאַט, וואָס איך האָב דיר געגעבן, מיטן שנעבעלע אַ לעכעלע דורכגעקלאַפט: דאָס איז דער פרינצעסין דער גרוס זיינער.

— נו, איצט איז די צייט פון אָוונט-ברויט! — האָט די מאַמע פון די ווינטן געזאָגט. — האָבן זיי זיך אַלע אַרום פייער אַרומגעזעצט און צום געבראָטענעם הירש זיך גענומען. דער יונגער פרינץ האָט זיך נעבן דעם מזרח-ווינט אַוועקגעזעצט, און דעריבער האָבן זיי זיך באַפריינדעט אין גיכן.

— הער נאָר, — האָט אים דער פרינץ געזאָגט, — זאָג מיר, ווער איז דאָס די פרינצעסין, וועגן וועלכער מ'האָט דאָ באָר-וואָס גערעדט, און וואו געפינט זיך עס דער גן-עדן ערגעץ?

—אַיאָ! — האָט דער מזרח-ווינט אויסגעשריגן — אפשר זשע ווילסטו אויך אַהין? נו, קום פלי מיט מיר מאָרגן! אָבער איך דאַרף דיר פאָראויסזאָגן, אַז דאָרט איז קיין מענטש שוין נישט געווען פון זינט אדם וחוה אָן. וועגן זיי, רעכן איך, ווייסטו פון דער ביבל דאָך?

— אַוודאי ווייס איך! — האָט דער פּרינץ געזאָגט.

— נאָכדעם, ווי זיי זיינען פון גן־עדן אַרויסגעטריבן געוואָרן, איז דער גן־עדן אין דער ערד איינגעזונקען געוואָרן, נאָר די זון־שיין, די לופט די וואונדערליכע און זיין גאַנצע פּרעכטיקייט איז נאָך אין אים ווי געוועזן פאַרבליבן. איצט וואוינט דאָרט די פייען־מלכּה; דאָרט געפינט זיך אויף דער גליק־זעליג־אינזל, וואוהין דער טויט קוקט נישט אַריין קיין מאָל. יאָ, וואונדערליך איז דאָרט: זעץ זיך מאָרגן אויף מיין רוקן אַנידער, און איך וועל דיך אין גן־עדן טראָגן. איך מיין, אַז ס׳וועט מעגליך זיין. און איצטער שווייג, וואָרים איך וויל שלאָפן.

און אַלע זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן.

גאַנץ פרי האָט זיך דער פּרינץ אויפגעכאַפּט און נישט ווייניק פאַרוואונדערט האָט ער זיך, ווען ער האָט דערזען, אַז הויך און אין די וואָלקנס אויבן געפינט ער זיך. ער איז געזעסן אויפן רוקן פונם מזרח־ווינט, וועלכער האָט אים שטאַרק צוגעהאַלטן. זיי זיינען אויף אַזאַ הייך געוועזן, אַז די וועלדער און פעלדער, טייכן און אָזערעס האָבן אַזאַ אויסזען געהאַט, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף דער געאָגראַפיע־קאַרטע אויסגעמאָלט געוועזן.

— אַ גוט מאָרגן, — האָט דער מזרח־ווינט געזאָגט. — וואָלסט נאָך געקאָנט שלאָפן אַ ביסל, וואָרים אונטער אונז אויף דעם טאָל איז ניטאָ נאָרניט אַזוינס, אויף וועלכן ס׳זאָל כּדאי זיין אַקוק צו טאָן — סיידן אפשר דיר וועט זיך פאַר־וועלן די קלויסטערס ציילן. זיי זעען אויס, ווי פינטעלעך, וואָס זיינען מיט קרייד אויף אַ גרינעם טאָוול אָנגעצייכנט. — דעם גרינעם טאָוול האָט דער מזרח־ווינט די פעלדער און די וועלדער געמיינט.

— און איך האָב זיך דאָך גישט מיט דיין מוטער און נישט מיט דיינע ברידער געזעגנט; ס׳איז זעהר ניט פיין! — האָט דער פּרינץ געזאָגט.

— קיין שלעפעריקן משפּט מען נישט! — האָט דער

מזרח־ווינט געזאָגט, און זיי זיינען נאָך גיכער געפלויגן. און אַז זיי זיינען איבער ביימער איבערגעפלויגן, האָבן די צווייגן און בלעטער זייערע צו רוישן און שאָקלען זיך אָנגעהויבן, און אַז זיי האָבן זיך איבער ימים און אָזערעס דורכגעטראָגן, האָבן זיך הויך די כוואַליעס אויפגעהויבן, און גרויסע שיפן האָבן זיך אין דער טיף אונטערגעטוקט, פונקט ווי שוואַנען שווימענדיקע.

אויף דער נאַכט, אַז ס'איז פינסטער געוואָרן, האָבן די גרויסע שטעט זעהר אַטשיקאַווע אויסזען געהאַט: אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן האָבן פייערלעך זיך באַוויזן, פונקט ווי די פונקען, וואָס לויפן אויף אַן אָנגעצונדן שטיקל פאַפיר דורך, און וואָס איינס נאָכן צווייטן פאַרשוואונדן ווערן. דער פרינץ האָט פון פרייד אַזש מיט די הענט געפליעסקעט, נאָר דער מזרח־ווינט האָט אים געבעטן נישט צו טאָן אַזוי און שטאַרק זיך אָנהאַלטן אָן אים, כדי ער זאָל אויף אונטן נישט אַראָפּ־פאַלן און אויף אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער־טורעמל נישט הענגען בלייבן.

גיך פליט דער אָדלער איבער אַ וואַלד אַ פינסטערן, נאָר דער מזרח־ווינט איז נאָך גיכער געפלויגן. גיך יאָגט דער קאָזאַק זיך אין סטעפּ אויף זיין פערד זיין ווילד־צע־לאָזטן, נאָר נאָך גיכער האָט זיך דער פרינץ אויפן רוקן פון ווינט געטראָגן.

— איצט קאָנסטו די הימאַלאַיען זען! — האָט געזאָגט דער מזרח־ווינט. — דאָס זיינען די העכסטע בערג אין אַזיע. איצט איז שוין פונם גן־עדן נישט ווייט.

האָבן זיי צו דרום־צו פאַרקערעוועט און באַלד האָט אין דער לופט מיט בלומען און מיט געוויקס־זיסקייטן שמעקן אָנגעהויבן. אונטער זיי האָבן אין אַ פאַרוואָקסנקייט אַ ווילדער פייגן און מילגרוימען געוואַקסן און אויף די ווילדע וויינ־שטאָקביימער האָבן ווייסע און רויטע וויינטרויבן־הענגלען אַראָפּגעהאַנגען. האָבן זיך די רייזנדיקע אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און אויפן ווייכן גראָז זיך צעלייגט, דאָרט, וואו

די בלומען האָבן דעס ווינט מיט די קעפּלעך צוגעשאָקלט, גלייך ווי זיי וואָלטן זאָגן געוואָלט: ברוך־הבא, וואָס מאַכט איר גוטס?

— דאָס זיינען מיר אין גן־עדן שוין? — האָט געפרעגט דער פּרינץ.

— נאָך נישט, — האָט דער מזרח־ווינט אָפּגעענטפערט.

— נאָר אין גיכן וועלן מיר שוין זיין דאָרט. דו זעסט אָט יענע פעלזן־וואנט און די הייל, די ברייט צעעפנטע, איבער וועלכער די וויינשטאָק־צווייגן האָבן זיך ווי גרויסע גרינע פירהאַנגען אַריבערגעלאָזט, דורך אָט דער הייל וועלן מיר אין גן־עדן אָנקומען. וויקל זיך אין מאַנטל איין: דאָ באַקט די זון שטאַרק, אָבער נאָך איין־איינציקע טריט — און ס'וועט שרעקליך קאַלט ווערן. אַ פויגל, וואָס פליט דורך דער דאָזיקער הייל דורך, געפינט ער זיך מיט איינעם אַ פליגל אין הייסן זומער־טייל, אין מיטן אַנדערן — אין קאַנט פון אייז־קאַלטקייט.

— אַזוי? איז אָט וואָס פאַר אַ וועג גאָר אין גן־עדן אַריין פירט! — האָט געזאָגט דער פּרינץ.

זיינען זיי אין דער הייל אַריינגעגאַנגען. בר־ר־ר... ווי ס'איז דאָרט קאַלט געווען! אָבער דאָס האָט לאַנג נישט גע־דויערט. דער מזרח־ווינט האָט זיינע פליגלען צעלאָזט און זיי האָבן זיך מיט אַ העלן ליכט צעשיינט: נו, איז דאָס אַ מאָדנע הייל געווען! די גרויסע שטיין־שטיקער, פון וועלכע ס'האָט וואַסער אַראָפּגעקאַפּעט, האָבן זיך איבער זיי אין סאַמע פאַר־שיידן־ווילדע פאָרמען אַראָפּגעהאַנגען. ערטערווייז איז די הייל אַזוי נידעריק געווען, אַז ס'איז אויסגעקומען אויף אַלע פיר צו קריכן, און ערטערווייז — אַזוי הויך און צעעפנט־ברייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי דו וואָלסט זיך אויף דער פריי־ער לופט געפונען. אין גאַנצן האָט די הייל אַן אויסזען פון אַ קלויסטערל מיט פאַרשטיינערט־שווייגנדיקע אָרגלס געהאַט.

— דאָס גייען מיר אין גן־עדן אַריין מיט דעם טויטן וועג, געוויס? — האָט געפרעגט דער פּרינץ. אָבער דער מזרח־ווינט האָט אים דערויף קיין וואָרט נישט געענטפערט, ער

האָט נאָר די האַנט אויף פאָראויס אויסגעשטרעקט, וואָס פון
דאָרט און אנטקעגן זיי האָט אַן אויסגעצייכנטע בלוי־שיין
געשיינט. די שטיין־שטיקער איבער די קעפ זייערע האָבן
פאַמעליך־פאַמעליך אַן אויסזען פון אַ היפל באַקומען, און
לסוף צו אַ גרינג, ווייס וואָלקנדל, וואָס די לבנה פאַרדעקט,
ענליך געוואָרן. איצט האָבן זיך די רייזנדיקע אויף דער
פרייער לופט געפונען, אויף דער פרישער, ווי די בערג־לופט,
און דער שמעקנדיקער, ווי טאָל־רויזן; ביי די פיס ביי זייערע
האָט אַ טייך דורכגעפלאָסן אויך אַזאַ לויטערער, ווי די לופט;
די פיש אין טייך האָבן מיט גאָלד און מיט זילבער אָפּגע־
בליאַסקעט, אונטן, אונטערן וואַסער האָבן פורפור־רויטע
שלייענדלעך געשטיפט דאָרט און פון יעדער באַוועגונג זייערער
האָבן זיך בלויע פינקעלעך געשאָטן. די ברייטע בלעטער פון
די וואַסער־בלומען האָבן מיט אַלע פאַרבן פונם רעגן־בויגן
געשיינט, און אַליין די בלומען זיינען רויטליך־געלע פייער־
לעך געווען, וואָס האָבן זיך פונם וואַסער דערנערט, פונקט
ווי דאָס לאָמפּ־פייער פונם אייל דערנערט זיך. אַ מירמל־שטיי־
נערנער בריק אַ פעסטער און דערצו נאָך פון אַזאַ איידעלער
און פיינער אַרבעט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פון
שפּיצן־געוועב און פון גלאָז־קרעלן אויסגעוועבט, האָט דורכן
מייד אויפן גליק־אינזל, דאָרט, וואו דער גן־עדן געפינט זיך,
געפירט.

האָט דער מזרח־ווינט דעם פרינץ אויף די הענט גענו־
מען און אים אויפן אינזל אַריבערגעטראָגן. דאָרטן האָבן די
בלומען און בלעטער די זעלבע אויסגעצייכנט־שיינע לידער,
וועלכע ער האָט אין זיין יוגנט געהערט, געזונגען, אָבער
געזונגען האָבן זיי זי מיט אַזאַ שטים אַ וואונדערליכער, וואָס
קיין איין מענטש פאַרמאָגט גאָר נישט אַזוינע. אַרום און אַרום
האָבן גוואַלדיק־גרויסעביימער געוואַקסן, וואָס מ'האָט זיי גע־
קאָנט אי פאַר פאַלמען, אי פאַר ריזיקע וואַסער־וואוקסן רע־
כענען. אַזעלכע פרעכטיקע און זאַפטיקע ביימער האָט דער
פרינץ נאָך קיין מאָל נישט געזען. דאָרט האָבן אויך אין

לאַנגע גירלאַנדעס די סאַמע וואונדערליכע זיך־אַרויפפלעכטנ־
דיקע געוויקסן געהאַנגען, ענליכע צו די, וואָס ס׳מאַכען זיך
אַמאָל מיט גאָלד און זילבער אויף די בלעטער־רעמלעך פון
אַלטע סידורים אָדער אויף די שער־באַפוצונגען אויגעמאָלט.
דאָס איז אַ וואונדערליך צונויפפאַסונג פון פייגלען, בלומען
און פוך־פאַרפלעכטונג געווען. אין גראָז איז אַ גאַנצע טשערע־
דע פאַוועס מיט צעלאָזטע און בלישטשענדיקע עקן געשטאַנען.
יאָ, דאָס זיינען אָן ספק פאַוועס געווען, נאָר אַז דער פּרינץ
האָט זיך צו זיי צוגערירט, אַזוי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז
דאָס זיינען גוואַלדיק־גרויסע בערעלעך געווען, וואָס האָבן
פונקט ווי פאַווע־עקן געבלישטשעט. צווישן די גרינע פאַרקאַ־
נעס, וואָס האָבן ווי די בליטן פון איילבירט־ביימער געשמעקט,
האָבן אַ לייב און אַטיגער, פונקט ווי קעץ שטיפערישע, אַרומ־
געשפּרונגען, אָבער אי דער אי יענער זיינען דאָ פאַרהיימיש־
טע געווען. די ווילדע וואַלד־טויב, וואָס האָט געבלישטשעט,
ווי אַ פּערל אַ טייערסטער, האָט דעם לייב אויף זיין קאָפּ־האָ־
ריקייט מיט די פליגלען געפּאַטשט, און די אַנטילאָפּע, די
געוויינליך אַזאַ שרעקעדיקע, איז טאַקע דאָרטן דערנעבן גע־
שטאַנען און מיטן קאָפּ געמאַכט, גלייך ווי זי וואָלט אַליין
אויך אין דער שפּיל אַן אָנטייל נעמען ווען.

נאָר דאָ האָט זיך די גן־עדן־פייע באַוויזן. דאָס אָנטאָן
אירס האָט ווי די זון געשיינט, דאָס פּנים אירס איז פריילעך
געווען, ווי ביי אַ מוטער, וואָס אויף איר קינד פרייט זיך. די
פייע איז יונג און פּרעכטיק געווען, און באַלייט האָבן זי
זעלטן־שיינע מיידלעך, וואָס ביי יעדערער אין די האָר האָט
אַ שטערן געבלישטשעט. דער מזרח־ווינט האָט איר דאָס בלאַט,
וואָס דער פעניקס האָט באַשריבן, איבערגעגעבן, און די אויגן
פון דער פייע האָבן פון פרייד זיך צעשטראַלט. זי האָט דעם
פּרינץ פאַר דער האַנט גענומען און זי האָט אים אין איר
פּאַלאַץ געפירט, אין דעם פּאַלאַץ, וואָס די ווענט זיינע האָבן
דעם קאָליר געהאַט, וואָס ס׳האָט אַ פּרעכטיק טולפּן־בלעטעלע,
ווען מען אַנטקעגן דער זון דאָס האַלט. אַליין די סטעליע

האָט אַן אויסזען פון אַ גוואַלדיק=גרויסן שטראַלנדיקן בלימל געהאַט, און וואָס מער מ׳האָט זיך אין דעם איינגעקוקט, אַלץ טיפער און טיפער האָט זיך דאָס בעכערל פון דעם אויסגעוויזן. דער פּרינץ איז צום פענסטער צוגעגאַן און דורך איינער פון די טאַפּליעס אַרויסגעקוקט: פּונקט אַנטקעגן אים האָט זיך דער „עץ=הדעת״ מיטן שלאַנג אויף אים אַרויפדערהויבן, און נעבן בוים זיינען אָדם מיט חוהן געשטאַנען. — „זיינען זיי דען נישט פונם גן=עדן אַרויסגעטריבן געוואָרן?״ — האָט ער געפרעגט. נאָר די פייע האָט זיך צעלאַכט און האָט אים צו פאַרשטיין געגעבן, אַז די צייט האָט אויפן גלאָז די בילדער פון אַ מאָל אָפּגעדרוקט, אָבער אַזוי, אַז אויך אַליין די בילדער האָבן זייער לעבן פאַרהיט: די ביימער=בלעטלעך האָבן זיך געשאָקלט, מענטשן זיינען אָנגעקומען און צוריק אַוועקגעגאַן, פּונקט ווי אין אַ שפּיגל אַן אָפּשפּיגלונג עפּעס. האָט דער פּרינץ דורך אַ צווייטער טאַפּליע אַרויסגעקוקט, און האָט דאָס זעלבע בילד, וואָס יעקב=אבינו אין חלום, דערזען: אַ גוואַלדיק=הויכער לייטער, וואָס האָט מיט זיין שפּיץ אין הימל דערגרייכט, און אויף אים און פון אים זיינען מלאכים מיט פליגלען גרויסע אַרויף און אַראָפּגעגאַנגען. יאָ, אַלץ נאָר, וואָס אויף אונזער וועלט איז פאָרגעקומען, האָט אויף יענע פענסטער=טאַפּליעס געלעבט און גערירט זיך. אַזוינע וואונדער=בילדער האָט אַליין די צייט נאָר שאַפן געקאָנט.

די פייע, אַלץ ווייטער לאַכנדיק, האָט אים אין אַ גרויסן, הויכן זאַל אַריינגעפירט, וואָס די ווענט זיינע האָבן זיך אין גאַנצן דורכזיכטיק אויסגעוויזן. דאָ זיינען איינע פּאָרטרעטן נאָר אויסגעמאָלט געווען, און אַזוי, אַז איין פּנים איז פונם צווייטן שענער געווען. דאָס זיינען מיליאָנען הייליקע געווען און אַלע האָבן זיי געלאַכט און געזונגען, אַזוי אַז אַלע שטימען זייערע האָבן זיך אין איין וואונדער=מעלאָדיע צענויפגעגאָסן. די, וואָס זיינען אויבן, אויף סאַמע דער הויך געווען, זיינען אַזוי קליין געווען, אַז זיי האָבן זיך נאָך קלענער פון דעם סאַמע פּיצינקע רויזן=קנאָספּעלע, וואָס איז אויף פּאַפּיר

אויסגעמאָלט, אויסגעוויזן. אין מיטן דעם זאַל איז אַ גרויסער בוים מיט אַראָפּהענגענדיקע פּרעכטיקע צווייגן געשטאַנען. צווישן די גרינע בלעטער האָבן, ווי מאַראַנצן, גאָלדענע עפּל אַראָפּגעהאַנגען. דאָס איז דער עץ־הדעת געווען, וואָס פון זיין פרוכט האָבן אדם וחוה פאַרזוכט. פון יעדער בלעטעלע האָט אַ בלישטשענדיק רויט טוי־טראָפּעלע אַראָפּגעקאַפּעט; ס׳האָט זיך דאַכטן געקאָנט, אַז דער בוים מיט בלוטיקע טרערן וויינט דאָרט.

— נאָמיר זיך אין שיפל זעצן! — האָט די פייע געזאָגט. — דאָרט, אויף די כוואַליעס, די זיך הוידנדיקע, וועלן מיר מיט עפּעס וואָס דערפרישנדיקס זיך אונטערלענען. דאָס שיפל הוי־דעט דאָרט זיך נאָר, אָבער רירן רירט זיך עס ניט, דערפאַר אָבער גייען אַלע לענדער אַליין פאַר די אויגן פאַרביי.

און באמת, אַ וואונדערליך בילד האָט דער זיך־רירנדיקער ברעג פאָרגעשטעלט! אָט טראָגן זיך די הויכע שנייאיקע אַלפּן מיט די וואָלקנס און מיט די שוואַרצע טענענביימער זיך דורך; ס׳הערן זיך מעלאַנכאָליע־קולות פון דעם פּאַסטוך־האָרן, דער פּאַסטוך אין טאָל זינגט זיין לידעלע זיך פריילעך. אָט הענגען די גוואַלדיק־גרויסע באַנאַנעס איבער דעם שיפל זייערע לאַנגע צווייגן אַראָפּ; שוואַרצע שוואַנען שווימען איבערן וואַסער אַרום, און אויפן ברעג שווינדלען די סאַמע וואונדערליכסטע חיות און געוויקסן פאַרביי: דאָס גייט פאַרביי די אויגן פון די, וואָס אין שיפל זיצן, דער פינפטער וועלט־טייל, ניי האָלאַנד, דורך, מיט אַ בילד־עפענונג אויף די „בלוי־בערג" די דאָרטיקע. ס׳הערט זיך דאָס דאָרטיקע גלחים־געזאַנג; די ווילדע, נאָך די קולות פון פויקן און פון ביין־טראָמפּייטן, אין אַ ווילדן און אין אַ משוגע־משונהדיקן טאַנץ דרייען זיך. אָט האָבן די פּיראַמידן פון עגיפּטן, די וואָס ביז די וואָלקנס דערגרייכן, פאַרביי געשווינדלט, קאָלאָנעס איבערגעקערטע, ספינקסן, וואָס זיינען העכער האַלב שוין מיט זאַמד פאַרשיט. און אָט אויף די פאַרלאָשענע וואולקאַנען־בערג די פּאָלאַר־שיין ברענט דאָרט, — אַזאַ פייערווערק, וואָס קיין מענטש קאָן דאָס

נישט אויספֿאַנטאַזירן. דער פּרינץ איז אויסער זיך פֿון פֿרייד געווען. מיר האָבן דאָך אַפֿילו קיין הונדערט־חלק פֿון די וואונדער, וואָס ער האָט דאָרט געזען, נישט איבערגעגעבן.

— קאָן איך דאָ אויף אייביק פֿאַרבלײַבן? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאָס איז געווענדט אין דיר אַליין. — האָט די פֿייע געענטפֿערט. — אויב דו וועסט זיך נישט איבעררעדן לאָזן און באַגערן וועלן, אַזוי ווי אדם, דאָס, וואָס דיר ווערט פֿאַרווערט ווערן, דעמאָלט קאָנסט דו דאָ אויף אייביק בלײַבן.

— איך וועל זיך אַפֿילו נישט צורירן צו די עץ־הדעת־עפּל! — האָט דער פּרינץ געזאָגט. — דאָ זײַנען דאָך טויזנט אַנדערע מינים פֿרוכטן, און אויך אַזוינע שיינע, פֿאַראַנען.

— פּרוּב זיך אויס אַליין, און אויב דו ביסט נישט שטאַרק גענוג, קער זיך בעסער אום אין איינעם מיטן מזרח־ווינט, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער. ער וועט זיך אַ היים אַוועקפֿליען און ער וועט זיך אומקערן אַהער נישט פֿריער שוין, ווי אין הונדערט יאָר אַרום. דאָ וועט די צײַט דיר אַזוי גיך איבערפֿליען, ווי הונדערט שעה, נאָר פֿאַר אַ פּרוּב איז הונדערט שעה אויך אַ זמן אַ לאַנגער. יעדער אָוונט ווען איך וועל זיך מיט דיר געזעגענען, וועל איך דיך רופֿן דאַרפֿן: „קום מיט מיר", איך וועל דיר מיט דער האַנט ווינקען, אָבער דו דאַרפֿסט מיך נישט הערן. גיי נישט נאָך נאָך מיר, וואָרים מיט יעדער טראָט דײַנעם וועט דײַן באַגער מיר נאָכצוגיין אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער זיך צעפֿלאַקערן. דו וועסט אָנקומען אין דעם זאַל, וואו דער עץ־הדעת וואַקסט. איך שלאָף אונטער זײַנע שמעקעדיקע אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן, דו וועסט זיך איבער מיר איבערבויגן, און דעמאָלט וועל איך זיך צעשמייכלען דאַרפֿן; נאָר אויב דו וועסט מיך אין די ליפּן אַ קוש טאָן, איז אין דעם אויגנבליק וועט דער גן־עדן טיף אין דער ערד אײַנזינקען און אויף אייביק־אייביק פֿאַר דיר שוין פֿאַרלוירן זײַן. אַ שאַרפֿער מדבר־ווינט וועט דיר דײַן קערפּער פֿליקן, אַ קאַלטער רעגן וועט דיר פֿון דײַנע האָר קאַפּען, און

טרויער און יסורים וועלן דיר אין דיין גורל אויספאַלן.

— איך פאַרבלייב! — האָט געזאָגט דער פּרינץ. און דער מזרח־ווינט האָט אים אין שטערן אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „זיי פעסט, און דערנאָך, אין הונדערט יאָר אַרום, וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען. זיי געזונט!" — און דאָ האָט דער מזרח־ווינט זיינע גרויסע פליגלען צעלאָזט, די וואָס האָבן, ווי דער מאָרגנשטערן אום שניט־צייט, אָדער ווי די פּאָליאַר־שיין אום ווינטער, געשטראַלט.

— זיי געזונט! פּלי געזונט! — האָט פון אַלע בלומען און ביימער אַראָפּגעקלונגען. און בושלען און פעליקאַנען, אין לאַנגע שורות, פּונקט ווי סטענגעס זיך צעפליענדיקע, זיינען אים נאָכגעפלויגן, אים ביז דעם גאָרטן־גרענעץ צו באַלייטן.

— איצט וועלן מיר אונזערע טענץ אָנהויבן! — האָט געזאָגט די פייע. — צום סוף וועל איך מיט דיר טאַנצן, און אַז די זון וועט זיך זעצן, וועל איך דיר מיט דער האַנט אַ וואונק טאָן! וועל איך דיר אַ מאַך טאָן: קום מיט מיר! נאָר פאָלג מיך נישט. הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד אַלע אויף דער נאַכט וועל איך דאָס זעלבע איבערחזרן; נאָר יעדער מאָל, וואָס דו וועסט אַנטקעגן מיין רוף ביישטיין, וועט די פעסט־קייט דיינע אַלץ זיך מערן, און לסוף וועסטו דערויף לחלוטין שוין קיין אַכט נישט געבן. היינט אויף דערנאַכט וועט דער אָנהויב פון דער פּרוב זיין. געדענק־זשע, וואָס איך האָב דיך פאָראויס געוואָרנט!

און די פייע האָט אים אין אַ גרויסן זאַל פון ווייסע זיך־דורכלויכטנדיקע ליליעס אַריינגעפירט. די קליינע שטויב־פעדימלעך אין יעדער בלימל האָבן קליינע גאָלדענע האַרפעס פאָרגעשטעלט, וואָס האָבן אַזוי שיין ווי סטרונע־אינסטרומענטן און פלייטן געקלונגען. וואונדערשיינע מיידלעך, גרינגע און שטאַלטנע, אין זיך־צעפליענדיקע גאַז־אָנטאָנס אָנגעטאָן, פון אונטער וועלכע ס'האָבן זיך זייערע זעלטן־שיינע פאָרמען אַדורכגעלויכטן, האָבן זיך אין אַ טאַנץ געדרייט און האָבן געזונגען וועגן דעם, ווי שיין דאָס לעבן איז, אַז דער טויט

וועט זיי קיין מאָל נישט אָנרירן, און אַז דער גן־עדן וועט בלײַען אייביק.

די זון האָט זיך צום פאַרגיין שוין דערנענט, דער גאַנצער הימל האָט זיך צו גאָלד פאַרוואַנדלט, די ליליעס האָבן זיך רויט פאַרפאַרבט, ווי רויזן פרעכטיקע. דער פרינץ האָט דעם זיך־שוימענדיקן וויין, וואָס די מיידלעך האָבן אים צוגעטראָגן, אויסגעטרונקען, און ער האָט אַזאַ פאַרגעניגן־גוטס דערפילט, וואָס קיין מאָל אין זיין לעבן נישט. ער האָט דער־זען, ווי די הינטערשטע זאַל־וואַנט האָט זיך צענומען און דער עץ־הדעת האָט זיך פאַר אים מיט זיין פאַרבלענדן־בלאַסק פאָרגעשטעלט: פון דאָרטן האָבן זיך וואונדערליכע קלאַנגען געטראָגן, צאַרטע און ווייכע, ווי אַליין זיין מוטערס קול; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קול האָט געזונגען: מיין קינד, מיין ליב קינד!

און דאָ האָט אים די פייע מיטן קאָפּ אַ מאַך געטאָן און גערופן: „קום מיט מיר! קום מיט מיר!" — און ער האָט זיך נאָך איר געוואָרפן, זיין צוזאָג פאַרגעסנדיק, אים פאַרגעסנדיק אינם ערשטן אויף דער נאַכט שוין. און די פייע האָט אים אַלץ געוואונקען און געשמייכלט. דער וואונדערליכער ריח, וואָס האָט זיך פון אומעטום געטראָגן, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, און די האַרפעס האָבן אַלץ צאַרטער געקלונגען; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מיליאָנען לאַכנדיקע קעפּ אין זאַל, וואו דער עץ־עדעת האָט געוואַקסן, האָבן אים נאָכגע־שאָקלט און געזונגען: „אַלץ דאַרף מען וויסן! — דער מענטש איז דער וועלטבאַהערשער!" — און איצט האָט זיך דעם פרינץ אויסגעוויזן, אַז שוין נישט קיין בלוטיקע טרערן פאַלן פון די בלעטלעך אַראָפּ, נאָר רויטע שטערן גאָר בליאַסקנדיקע: „קום מיט מיר! קום מיט מיר!" — האָבן זיך ציטעריקע קולות גע־הערט, און מיט יעדער טריט האָבן די באַקן ביים פרינץ אַלץ שטאַרקער זיך צעפלאַמט, און דאָס בלוט האָט אַלץ גיכער אין די אָדערן אים געשלאָגן.

— איך מוז גיין, — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז דאָך

קיין זינד נישט! ס'קאָן נישט זיין קיין זינד. פאַר וואָס־זשע נישט גיין אַהין, וואוהין ס'רופן פרייד און שיינקייט? איך וויל אַ קוק טאָן אויף איר, אַ שלאָפנדיקער. ס'איז דאָך גאָרנישט נישט פאַרפאַלן, אויב איך וועל זיך נאָר פון אַ קוש טאָן אויפהאַלטן. און קושן זי וועל איך נישט, איך בין פעסט און מיין ווילן איז אַ שטאַרקער.

און די פייע האָט פון זיך איר שטראַל־שיינענדיק אָנטאָן אַראָפּגעוואָרפן, האָט די צווייגן צענומען, און אונטער זיי אַרונטער פאַרשוואונדן.

— איך האָב נאָך נישט געזינדיקט! — האָט געזאָגט דער פרינץ — און וועל נישט זינדיקן! — און אויך ער האָט די צווייגן צענומען. זי איז שוין געשלאָפן, אַ שיינהייט, ווי שיין נאָר ס'קאָן זיין אַ פייע פון גן־עדן. זי האָט פון שלאָף גע־שמייכלט; ער האָט זיך איבער איר אָנגעבויגן און דערזען, אַז אויף די וויעס אויף אירע ווי טרערעלעך ציטערן.

— נישט איבער מיר דאָס וויינסטו? — האָט ער געשעפּ־טשעט. — וויין נישט, וואונדערליך באַשעפעניש, איצטער פאַר־שטיי איך דאָס גן־עדן־פאַרגעניגן. דאָס פילט מיינע געדאַנקען אָן, דאָס דרינגט מיר אין בלוט אַריין. איך פיל אין קערפּער אין מיינעם כחות נישט קיין ערדישע. זאָל־זשע אויף מיר נאָכדעם די אייביקע נאַכט אַרויפפאַלן, פאַר אַ מינוט, פאַר אַזעלכער, קאָן מען אַלץ אָפּגעבן.

און ער האָט מיט אַ קוש אַ טרער פון אירע אויגן אָפּגע־ווישט; זיינע ליפּן האָבן זיך צו אירע צוגערירט.

האָט זיך אין דער מינוט אַ שרעקלעכער דונער־טראַסק איבער זיין קאָפּ דערהערט, אַזאַ שטאַרקער און אַזאַ שרעקלי־כער, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געהערט אַזוינעם. און איין אויגנבליק איז אַלץ איינגעזונקען: די זעלטן שיינע פייע, דער בליענדיקער גאָרטן — אַלץ איז אין דער ערד אַריין. דער פרינץ האָט דערזען, ווי ער איז אין אַ געדיכטער פינסטערניש פאַרשוואונדן געוואָרן; נאָר ווי אַ קליין בלישטשענדיק שטערנדל האָט ער נאָך פון דער ווייטן ערגעץ געפינקלט. איבערן לייב

זיינעם איז אים אַ טויט־קעלט דורכגעלאָפֿן; ער האָט די אויגן פֿאַרמאַכט און איז אַ לאַנגע צייט, ווי אַ טויטער געלעגן.

אַ קאַלטער רעגן האָט אים אין פּנים געשמיסן, אַ שניידנ־דיקער ווינט האָט אים די האָר געוואָרפֿן; און לסוף האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. — וואָס האָב איך געטאָן? — האָט ער מיט אַ זיפֿץ אויסגעשריגן. — איך האָב געזינדיקט, ווי אדם געזינ־דיקט, און איצט איז דער גן־עדן נאָך טיפֿער פֿאַרזינקען.

און ער האָט די אויגן געעפֿנט. דאָס שטערנדל, וואָס האָט געבלישטשעט, ווי דער גן־עדן, דער פֿאַרלוירן געגאַנגע־נער, האָט זיך נאָך אָנגעזען פֿון דער ווייטנס — דאָס איז דער מאָרגן־שטערן אויפֿן הימל געווען.

ער איז אויפֿגעשטאַנען און דערזען, אַז ער געפֿינט זיך אין וואַלד ביי דער סאַמע הייל פֿון די ווינטן. די מאַמע פֿון די ווינטן איז נאָך אויף איר אַלטן אָרט געזעסן. זי האָט אַ ברוגז־אויסזען געהאַט און, אַ האַנט אויפֿהויבנדיק, האָט זי אויסגעשריגן: —

— שוין אין ערשטן אויף דער נאַכט! איך האָב עס אָבער פֿאַרפֿריער געוואוסט! נו, וואָלסטו מיינער א זון געווען, אַזוי וואָלסטו שוין ביי מיר אין זאַק געזעסן.

— ער וועט טאַקע אַהין אַריין! — האָט דער טויט געזאָגט. — דאָס איז אַ שטאַרקער אַלטער מיט אַ גראָז־מעסער אין דער האַנט און מיט גרויסע שוואַרצע פֿליגלען אויף די פּלייצעס, געווען. — ער וועט ביי מיר אין קבר ליגן, נאָר נישט אַצינד נאָך. איך וועל דערוייל אים נאָר פֿאַרצייכענען, — זאָל ער זיך נאָך אויף דער ערד אַרומבלאָנקען, אפשר וועט ער זיין זינד אויסקויפֿן און לייטישער ווערן. אָבער אין מיין צייט וועל איך קומען! דווקא דעמאָלט, ווען ער וועט זיך ווייניקער פֿון אַלץ אויף מיר ריכטן, וועל איך זיך באַווייזן, וועל איך אים אין אַ שוואַרצער טרומנע אַריינלייגן, וועל אים זיך אויפֿן קאָפּ אַרויפֿשטעלן און מיט אים צו די שטערן אַוועקפֿליען. דאָרט בליט אויך אַ גן־עדן, און אויב ער וועט אַ גוטער און אַ פֿרומער ווערן, וועט ער אַהין אַריינגיין. אויב־זשע די געדאַנ־

קען זיינע וועלן אַלץ שלעכטע זיין, און דאָס האַרץ מיט זינד אָנגעפילט, וועט ער מיט זיין טרומנע אין דער ערד אַראָפּזינקען נאָך טיפער, ווי דער גן־עדן איז אַראָפּגעזונקען. און נאָר איין מאָל אין טויזנט יאָר וועל איך אים אַרויפשלעפן, כדי ער זאָל אָדער נאָך טיפער דאָרט פאַרזינקען, אָדער אויף דעם שטערן זיך אויפהויבן, אויף אָט אָ דעם, וואָס אין הימל ברענט דאָרטן.



האַנס דער נאַר.

טיף אין אַ לאַנד און ווייט פון אַ וועג איז אַן אַלטער „הויף” געשטאנען. האט אין אים אַן אַלטער גוטבאזיצער גע־וואוינט. זיינען ביי דעם גוטבאזיצער צוויי זין געווען, וואס האבן זיך פאר אזוינע קלוגע און חכמים געהאלטן, אז נאר זיי זיינען די חכמים פון לאנד. האבן זיי פארטראכט צום קיסרס טאָכטער זיך שדכענען. ווארים געלאָזט וויסן האט דעם קיסרס טאכטער, אז חתונה האבן וועט זי פאר דעם, וואס ער וועט זיך בעסער פון אלע מיט איר אויסשמועסן קאָנען.

א גאנצע וואך האָבן זיי זיך צו דער פרוב געגרייט, — מער קיין צייט האט מען זיי נישט געגעבן, — נאר דאס איז אויך גאנץ גענוג געווען, ווארים ביידע האבן זיי פון פריער פארגרייטע ידיעות געהאט, און דאס איז דאך, ווי יעדן איז באוואוסט, נוציק זעהר. איינער האט אויף אויסנווייניק דעם גאנצן לאַטייניש ווערטערבוך און די ארטיקע צייטונג פאר גאנצע דריי יאר געקענט, און אזוי גוט, אז ער האט געקענט אלץ, און אין וואסער איר ווילט סדר — סיי פון אנהויב און סיי פון סוף — איבערדערציילן. דער אנדערער האט אלע סטאטוטן פון די צעך־געזעלשאפטן אויסגעלערנט, און אויף אויסנווייניק אלץ, וואָס יעדער צעך־עלסטער דארף וויסן, געוואוסט; און דערום איז ער איבערגעצייגט געווען, אז ער קאן וועגן אלערליי מלוכה־ענינים שמועסן און אפילו אויך גוטע עצות געבן. אויסער דעם האט ער נאך א זאך געקענט:

ער האט געקאַנט אַקסל־בענדלעך מיט רויזן און מיט פאַר־שיידענע אַנדערע מינים פאַרבן און מוסטערן אויסנייען, ווייל ער איז זעהר געשיקט און קונסט־געלערנט געווען.

— דעם קיסרס טאָכטער וועל איך באַקומען! — האָט יעדערער פון זיי געטראַכט, אויף דער פּרוב זיך אוועקלאָזנדיק. דער פאָטער האָט זיי יעדן צו אויסגעצייכנטע פערד געשענקט. דער, וואָס האָט אויף אויסנווייניק דעם לאַטיינישן ווערטערבוך און די אַרטיקע צייטונג געקענט, דער האָט אַ ראָב־שוואַרצן באַקומען, און דער פון די צעך־סטאַטוטן און פון דעם אַקסל־באַנד־אויסנייען — אַ ווייסן. דערנאָך האָבן זיך ביידע די צונגען מיט פיש־אייל אויסגעשמירט, זיי זאָלן זיך בײַ זיי דרייען לעבעדיקער.

אַלע הויף־באַדינער האָבן זיך אויפן הויף אַרויסגעשטעלט, צו זען, ווי זיי וועלן זיך אויף די פערד זעצן. צופעליק האָט זיך דאָרט אויך דער דריטער זון געטראָפן. ביים אַלטן גוטס־באַזיצער זיינען אינדערעמתן נישט קיין צוויי, נאָר דריי זין געווען, נאָר דעם לעצטן האָט קיינער נישט גערעכנט, וואָרים ער איז נישט געווען אַזוי געלערנט, ווי יענע; האָט מען אים דערום אַזוי גערופן — האַנס דער נאַר.

— ע־ע, — האָט געזאָגט האַנס דער נאַר, — קלייבט איר זיך ניט צו געסט ערגעץ? וואָס האָט איר זיך עס פאַרפּוצט אַזוי?

— אין קיסרס פּאַלאַץ פאָרן מיר, — דער בת־מלכּהס וואָרט, איר האָט און האַרץ קריגן. האָסט דען נישט געהערט וואָס אויפן גאַנצן לאַנד איז אויסגערופן געוואָרן?

און זיי האָבן אים די גאַנצע מעשה דערציילט.

— אויב אַזוי, וועל איך אויך מיט אייך פאָרן! — האָט אויסגעשריגן האַנס.

די ברידער האָבן זיך נאָר צעלאַכט און זיך אוועקגע־פאָרן.

— טאַטעלע־פאָטערל! — האָט אויסגעשריגן האַנס דער נאַר: — גיב מיר אויך אַ פערד! איך וויל אויך צום פּאַלאַץ

פּאַרן! ווערט מיך די בת־מלכּה נעמען — איז גוט, נישט — וועל איך זי אַליין נעמען, אַלצאײנס וועט זי צו מיר געהערן.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, — האָט געזאָגט דער אַלטער, — קיין פערד וועל איך דיר נישט געבן. דו פאַר־שטייסט דאָך גאָרניט, און אַפילו רעדן צו דער זאַך קאָנסטו דאָך נישט. וואוהין־זשע שטופּסטו זיך? אָט די ברידער דײַנע — איז עפּעס אַנדערש. אָט זיי וועלן שוין ניט פאַרשעמט ווערן.

— נישט? נו, מילא, — האָט געזאָגט האַנס דער נאַר — גיט מען מיר קיין פערד נישט, וועל איך אויפן צאַפּ פאָרן. דער צאַפּ איז דאָך מײַנער, וועט ער מיך פאַרפירן.

געזאָגט און געטאָן. האָט זיך האַנס רײַטנדיק אויפן צאַפּ אַרויפגעזעצט, האָט ער אים מיט די פיס איבער די זײַטן אַ האַק געטאָן און שטורעמדיק איבערן שליאַך זיך אַוועק־געלאָזט.

— היי, האָפּ, און איך אויפן צאַפּ! — האָט ער געשריגן און אויפן גאַנצן קול זיך געריסן.

די ברידער זײַנען זיך פאַמעליך און פאַראויס געפאָרן; זיי האָבן די גאַנצע צײַט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און אַלץ געטראַכט זיך, מיט וואָס אַזוינס קלוגעס זאָלן זיי בײַ דער מלכּה אויסנעמען. די זאַך איז דאָך אַזוינע געווען, וואָס נעמען זיך פאַר איר האָט מען דאָך באַדאַרפט קאָנען.

— היי! — האָט זיך צעשריגן האַנס דער נאַר: — היי, האָפּ, און איך אויפן צאַפּ! גיט נאָר אַ קוק, וואָס איך האָב אַזוינס געפונען! — און ער האָט זיי אַ טויטע ראָב באַוויזן.

— נאַר אײנער! — האָבן אים די ברידער געזאָגט: — אויף וואָס טויג זי דיר?

— די ראָב די? איך וועל זי דאָך דער בת־מלכּה שענקען.

— אָט אַ חכם, וואָס אַ חכם הייסט! שענק זי, למע״ה שענק זי! — האָבן די ברידער געזאָגט און ווײַטער מיט גע־לעכטער אָפּגעפאָרן.

— היי, האפּ, און איך אויפן צאפּ! — האט זיי פונדער־ווייטנס האַנס נאָכגעשריגן: — גיט נאר אַ קוק, וואָס איך האב ווייטער געפונען! אזעלכע מציאות טרעפן זיך נישט אַלע טאָג!

האָבן זיך די ברידער אויף צוריק אויסגעדרייט און אויף דער מציאה אַ קוק געטאָן.

— נאַר דו איינער! — האָבן זיי געזאָגט: — דאָס איז דאָך אַן אלטער שוך אַ הילצערנער, און נאך אָן אַ נאָז דערצו, וועסט אפשר אויך דעם שוך דער בת־מלכה שענקען?

— געוויס שענקען! — האָט געענטפערט האַנס.

האָבן זיך די ברידער ווידער צעלאכט און ווייטער אָפּ־געפארן. און אָט, ווי זיי זיינען שוין היפּש און ווייטליך אָפּגעפאָרן, דערהערן זיי פּלוצים: ווידער יאָגט און דעריאָגט זיי האַנס דער נאר.

— היי, האפּ, און איך אויפן צאפּ! — האָט ער אויפן גאנצן קול געשריגן: — אָט אַ מציאה! וואָס פאַר אַ גליקן מיך טרעפן! וואָס ווייטער, אלץ מערער!

— נו, וואָס ווידער געפונען? — האָבן די ברידער גע־פרעגט.

— אך, אזא אנטיק, אזא אויסנעם, אז ס׳איז נישט אויס־צודערציילן! — האָט געענטפערט האנס דער נאר: — ווי די מלכה וועט זיך דאס דערפרייען!

— טפו! — האָבן אויסגעשפיגן די ברידער, — ס׳איז דאך בלאטע, בלאטע פון קאנאל ארויס!

— נו, יא, אַוודאי בלאטע! — האט געזאגט האנס דער נאר: — זעלטענע בלאָטע, פון ערשטן סארט ארויס! אַזוי, אז דורך די פינגער רינט זי אַזש. — און ער האט מיט דער בלאטע אַ פולע קעשענע זיך אָנגעשטופּט.

מער האבן אים שוין אבער די ברידער נישט געהערט. זיי האָבן מיט די שפּארן אין די פערד דערלאנגט, און זיי זיינען אוועק, און אזוי גיך, אז נאר פונקען האבן פון אונטער די פערד־טלאָען געשפּריצט. און דאן זיינען זיי צום שטאָט־טויער אויף אַ גאנצע שעה פריער, איידער האנס, געקומען.

דאָרט, ביים טויער, האבן אלע חתנים צו נומערן געקראגן, און אלץ נאכן סדר נאך, ווער נאך וועמען ס׳איז שפּעטער געקומען. דערנאָך האָט מען זיי צו זעקס אין אַ שורה אויסגעשטעלט, נאר אזוי ענג און איינס צום אנדערן צוגערוקט, אָז זיי האבן אפילו מיט קיין האנט נישט געקאנט אַ ריר טאָן; דאס איז זעהר קלוג געווען, אלא ניט, וואלטן זיי זיך איינס דאָס אנדערע די אויגן אויסגעדראפּעט נאר דערפאר, וואָס איינער איז פאר דעם צווייטן געשטאנען.

דאס פאלק האט מיט גרויסע מאסן דעם קיסרס פּאלאץ ארומגערינגלט; אייניגע פון זיי האט זיך אפילו איינגעגעבן ביז צו סאמע די פענסטער זיך צו דערשלאָגן. אלעמען האט זיך זען געוואָלט, ווי אזוי די בת=מלכה וועט די חתנים צונעמען. אָבער ווי נאָר איינער פון די, וואָס האָבן זיך צו איר געשדכנט, פלעגט אין זאַל אריינקומען, אזוי פלעגט ביי אים באַלד ווי דאס לשון אפּנעמען, און ער פלעגט נאָר שטאמלען, בעבענדיק.

— ער טויג נישט! — פלעגט די בת=מלכה ארויסזאגן: — טרייבט אים אַרויס!

לסוף איז אויך די צייט פון דעם ברודער, וואָס ער האָט אויף אויסנווייניק דעם גאַנצן ווערטערבוך געקענט, געקומען. זיינען אים אָבער אלע ווערטער ווי פונם קאָפּ ארויסגעפלויגן. דער בריק אין זאל איז א גלאטער און אַ גלאנציקער געווען, די סטעליע פון שפּיגל=גלאָז פון ריינעם, אַזוי, אז ער האָט זיך מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף דערזען. און ביי יעדן פענסטער זיינען צו דריי שרייבערס און צו איין אויבערשרייבער געשטאנען, וואס האבן אלץ, וואס דא איז גערעדט געוואָרן, פארשריבן, כדי מ׳זאל עס באלד אין צייטונג אָפּדרוקן און אויף אַלע גאסן און געסלעך צו דריי קאָפּיקעס אַ נומער פארקויפן — היינט ווי אזוי=זשע זאל מען זיך געווען ניט שרעקן, און צום אומגליק צום איבעריקן, האָט מען דעם אויוון אזוי אנגעהייצט, אַז ער איז אזש אנגעגליט געוואָרן.

— ווי הייס דאָ איז! — האָט געזאָגט דער חתן.
— יאָ, יונגע הענדעלעך בראָט הייגט מיין טאטע, — האט געענטפערט די בת־מלכה.
— מע! — האט געזאָגט דער חתן און א קעלבערשע צורה געמאַכט. צו אזא מין שמועס האט ער זיך לחלוטין נישט געגרייט. קיין איין ווארט האט ער נישט געפונען אויף ענט־פערן, און ענטפערן האָט מען דאך געדארפט, נישט עפעס אַבי־ווי, נאר קלוג און שארפזיניק, — איז ביי אים נאָר „מע" אַרויסגעקומען.
— ער טויג נישט, — האָט געזאָגט די בת־מלכה: — שטופט אים אַרויס! — און מ'האט אים ארויסגעשטופט.
איז דער צווייטער ברודער אַריינגעקומען.



— ווי הייס דא איז! — האָט ער געזאגט.
— יאָ, הייס! יונגע הענדעלעך בראטן מיר היינט! — האָט געענטפערט די בת־מלכה.

— הע, הע, הע, — האט ער זיך פארהיקען אנגעהויבן. און אלע שרייבערס האָבן אזוי טאקע פארשריבן: הע, הע, הע.

— ער טויג נישט! שטופט אים אַרויס! — האט געזאגט די בת־מלכה.

דאן האט זיך האנס דער נאר באוויזן. ער איז גלייך אין זאל אויף זיין צאפ אריינגעפארן.

— נו, א היץ דא ביי אייך! — האט ער געזאגט.

— יא, הייס! יונגע הענדעלעך בראט איך היינט! — האט געענטפערט די בת־מלכה.

— אויב אזוי, איז דאך אויסגעצייכנט! — האט געזאגט האנס דער נאר. — וועל איך, הייסט עס, אויך מיין ראָב דאָ קאנען אפבראטן?

— מיטן גרעסטן פארגעניגן! — האט געזאגט די בת־מלכה, — איז אבער ביי אייך פאראן א כלי אין וואס צו בראטן? ביי מיר איז נישט קיין טאָפּ און נישט קיין פענדל פאראן.

— מיר וועלן אויך א כלי געפינען! — האט געענטפערט האנס דער נאר. — ביי מיר איז א פענדל און נאך מיט א צי־נערן הענטל פאראן. — און ער האט פון קעשענע אן אלטן שוך א הילצערנעם ארויסגעשלעפט און אהין דעם ראָב אריינגעלייגט.

— וועלן מיר דאָך טאקע א רייכע סעודה האבן! — האט געזאגט די בת־מלכה. — יא, אבער וואו־זשע וועלן מיר עפּעס שיטערס נעמען?

— אויך שיטערס וועט זיך געפינען! — האט געענטפערט האנס דער נאר. — ביי מיר איז אזוי פיל דא, אז א טייל וועט מען נאך דארפן ארויסגיסן. — און ער האט פון קעשענע אביסל בלאטע אויסגעשאטן.

— אָט דאס געפעלט מיר! — האט געזאגט די בת־מלכה.

— מ'קאן נישט זאגן, אפענטפערן קאנסטו. אין קיין ווערטער איז ביי דיר קיין מאנגל נישטא. נאר צי ווייסטו אבער, אז יעדעס ווארט, וואס מיר רעדן דא אויס אצינד, ווערט פאר־שריבן און מארגן וועט דאס אין די צייטונגען געדרוקט זיין?

דו זעסט, בײ יעדן פענסטער שטײען צו דרײ שרײבערס און צו אײן אויבערשרײבער, דער עלטסטער אויבערשרײבער איז ערגער פון זײ אלע, װײל ער פארשטײט װײניקער פון זײ אלע. — זי האט עס געזאגט נאר צוליב דעם, זי זאל אים איבערשרעקן, און אלע שרײבער האבן אזש פון געלעכטער געקײכט און פון פארגעניגן־גרויס געהירזשעט און יעדער האט אויפן בריק צו טינט־טראפנס אראפגעטראפנט.

— אזוי, איז אָט װער דא די חשובע זײנען! — האט געזאגט האנס דער נאר. — איז אויב אזוי, װעל איך דעם אויבערשרײבער מיט מײן בעסטן מכבד זײן. — און מיט די לעצטע װערטער האט ער די קעשענע אויף דער אנדערער זײט איבערגעקערט און אים אין פנים די גאנצע איבערגעבלײבענע בלאטע א שמיץ געטאן.

— אט דאס הײסט א שטיקל אפגעטאן! — האט געזאָגט די בת־מלכה. — פײן, אָט דאס הײסט אַ קונץ באװיזן! דאס װאלט איך שוין ניט געקאנט, אבער מיט דער צײט װעל איך זיך נאך אויסלערנען.

און האנס דער נאר איז מלך געװארן; האט א מלכה און א קרוין באקומען, און אויפן טראן צו קיניגן אנגעהויבן.

די גאנצע מעשה האבן מיר זיך פון דער צײטונג פון דעם אויבערשרײבער דערװאוסט, װען זי איז נאר װאס פון דרוק ארויס און איז נאך כמעט פײכט געװען. נישט יעדער מאָל אָבער קאן מען דאך גלויבן אין די צײטונגען.



די פרינצעסין אויפן ארבעסל.

אמאל איז געווען אַ פרינץ. האט זיך אים פארוואלט אַ פרינצעסין נעמען, אבער אַן אמתע פרינצעסין. איז ער גאר=די=וועלט אויסגעפארן און אזעלכע נישט געפונען. פרינצעסינס זיינען געווען אַ סך, אבער צי אמתע? דאס האט ער נישט געקאנט דערגיין. האט ער זיך מיט גארנישט אהיים אומגעקערט און דערפון גרויסע יסורים געהאט: ס'האט זיך אים זעהר=זעהר געוואלט אן אמתע פרינצעסין האבן.

איינמאל אַן אויפדערנאכט איז אַ שרעקליכער אינדרויסן געווען: ס'האבן בליצן געבליצט, ס'האט דער דונער געדונערט און אַ רעגן האט געגאסן — א מבול, א שרעק. פלוצים האט עמיצער אין די שטאָט=טויערן אנגעקלאפט און דער אלטער מלך איז אליין עפענען געגאנגען.

ביים טויער איז א פרינצעסין געשטאנען. גאט מיין גאט! ווי זי האט אויסגעזען, די פרינצעסין. דאָס וואסער איז איר פון די האָר און קליידער גלייך אין די שיך און זאקן גערונען און פון דארט דורך די פיאטעס ארויסגערונען. און דאך — האט זי זיך ביי אירן געהאלטן: אַן אמתע פרינצעסין איז זי.

— מיר וועלן דאָס געוואָר ווערן, מאל דיר, — האט די אלטע מלכה א טראכט געטאן, נאר גארנישט ניט געזאגט. און זי איז אין שלאפצימער אריינגעגאנגען, האט פון דער בעט אלע מאטראצן און קישנס אראפגענומען און אויף די ברעט=

לעך אן ארבעסל אנידערגעלייגט; אויפן ארבעסל האט זי צוואנציק מאטראצן אויסגעשפרייט און אויף די מאטראצן צוואנציק איבערבעטן געבעט, און אויף אט דעם בעט האט מען די פרינצעסין אויף נאכטלעגער באלייגט.

אינדערפרי האט מען ביי איר א פרעג געטאן: ווי איז זיך איר געשלאפן?

— זעהר שלעכט, — האט די פרינצעסין געזאגט, — כ'האב כמעט קיין אויג נישט צוגעמאכט, דער גוטער יאר ווייסט, וואס פאר א געלעגער ס'איז ביי מיר געווען, עפעס בין איך אויף אזא הארטס געלעגן, אז דאס גאנצע לייב איז מיר ברוין און בלוי געווארן.

— דא האט מען דערזען, אז דאס איז טאקע אן אמתע פרינצעסין געווען: זי האט א קליין ארבעסל דורך צוואנציק מאטראצן און צוואנציק איבערבעטן דערפילט, אזא איידל לייב קאן זיין נאר ביי אן אמתער פרינצעסין.

און דער פרינץ האט פאר איר חתונה געהאט.

און דאס ארבעסל האט מען אין א קונסט-קאמער אוועק-געלייגט און נאך עד-היום ליגט עס דארטן, אויב מ'האט עס נאר נישט צוגענומען. אט א מעשה פארלויפט זיך!

דאס ים־טעכטערל.

אין סאַמע מיטן ים איז דאָס וואַסער בלוי, ווי די בלעטעלעך פון קאָרן־בלומען, און קלאָר, ווי קרישטאָל. נאָר דערפאַר איז אָבער טיף דאָרט! קיין אַנקער קאָן דאָרט דעם גרונט נישט דערלאַנגען: אויף יענעם אָרט אין ים וואָלט מען באַדאַרפט אַ סך, אַ סך סלופּעס אײנס אויפן אַנדערן אָוועקשטעלן, כּדי זיי זאָלן זיך פונם וואַסער אַרויסזען. איז אָט, אין סאַמע טיפקייט דאָרט, וואוינען די וואַסער־טעכטער. מיינט ניט, אז אויפן גרונט דאָרט איז נאָר הוילע, ווייסע זאַמד דאָ. ניין. דאָרטן וואַקסן ביימער און בלומען מיט אַזוינע בויגעוודיקע צווייגעלעך און בלעטעלעך, וואָס באַוועגן זיך פונקט, ווי די לעבעדיקע ביי דעם מינדסטן און גרינגסטן ריר נאָר פון וואַסער. צווישן זייערע צווייגן לויפן און שנאָרן אַרום קליינע און גרעסערע פישעלעך, פונקט ווי די פויגעלעך ביי אונז אויף דער ערד. אין סאַמע טיפסטן אָרט דאָרט שטייט דער פּאַלאַץ פונם ים־מלך, דער פון קרעלן געמאַכטער, מיט די גרויסע פענסטער פון בורשטין פון רייכסטן און מיטן דאַך, וואָס איז מיט פּרעכטיק־שיינע מושלען געדעקט געווען. דער ים־מלך איז שוין לאַנג אַן אלמן געבליבן. די שטוב ביי אים געפירט האָט זיין אַלטע מאַמע, אַ פרוי אַ קלוגע, אָבער זעהר אַ שטאָלצע און אַ גרויסע מיוחסת.

ביים ים־מלך זיינען זעקס טעכטערלעך, זעקס שיינקייטן געווען. דאָך שענער פון אַלע איז געווען די יינגסטע, אַ

לופּטיקע און אַן איידעלע, ווי אַ רויזן בלעטעלע, דערצו מיט טיפע און בלויע ים-אויגן. אָבער אויך זי, ווי אַלע אַנדערע ים-טעכטער, האָט קיין פיס נישט געהאַט, נאָר אַ פיש-עק אויף וואָס זי איז אין וואַסער אַרומצושווימען.

אַלע טאָג פלעגן זיך די טעכטערלעך אין די זאַלן פונם מלכס פּאלאץ שפּילן, דאָרטן, וואו אויף די ווענט האָבן לעבעדיקע בלומען געוואַקסן, אין די אָפענע בורשטין-פענסטער פלעגן פישעלעך אַריינשווימען, אַזוי ווי ביי אונז אויף דער ערד פליען אַמאָל שוועלבעלעך אריין. די פישעלעך פלעגן צו די ים-טעכטערלעך צושווימען, פלעגן ביי זיי פון די הענט עסן און פון זיי זיך גלעטן לאָזן.

נעבן פּאלאץ איז אַ גרויסער גאָרטן געווען. דאָרטן זיינען געוואַקסן אַ סך פייעריק-רויטע און טונקל-בלויעביימער מיט אייביק-שאָקלענדיקע צווייגן און בלעטער. די ערד דאָרט איז מיט דינעם און בלויען זאמד געווען באַשאָטן. אויפן גרונט פון ים איז אויף אַלץ עפּעס אַן אומגעוויינליכער בלויליכער אָפּשיין געלעגן, אַזוי אַז זייענדיק דאָרט, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אז ניט אין ים און אין דער טיף זיינער געפינסטו זיך, נאָר ערגעץ הויך-הויך אונטערן הימל און אין דערלופט דאָרט, און דער הימל איז ניט נאָר אויפן קאָפּ דיר פון אויבן, נאָר אויך פון אונטן און אונטער די פיס דיר דיינע.

אַז ס'איז אויפן ים קיין ווינט נישט געווען, האָט מען אין ים אויך די זון געקאָנט זען. און אויסגעזען האָט די זון דאָרט, ווי אַ פּורפּור-בלום אַזוינע, וואָס פונם בעכער אירן האָט זיך ליכט געגאָסן.

יעדעס טעכטערל האָט זיך אין גאָרטן איר ווינקל געהאַט, וואו זי האָט געקאָנט טאָן, פאַרזייען און פאַרזעצן, וואָס נאָר זי האָט געוואָלט. איינע האָט זיך אַ בלומען-בייט געמאַכט אין דער געשטאַלט פון אַ פיש אַ גרויסן, דער צווייטער האָט זיך פאַרוואָלט, אַז איר בייט זאָל צו אַ ים-טעכטערל ענליך זיין, און גאָר די ייִנגסטע האָט זיך אַ קיילעכיק בייטעלע אין דער

זון־געשטאַלט געמאַכט און עס פֿאַרזעצט מיט העל־רויטע זון־בלימעלעך.

אַ מאָדנע קינד איז געווען אָט דאָס ים־טעכטערל: אַזאַ שטילע און פֿאַרטראַכטע... די אַנדערע שוועסטער פֿלעגן זיך אויספּוצן און אָנשטעקן מיט די אַלע מינים זאַכן און זאַכעניש, וואָס פֿלעגט צו זיי פֿון די פֿאַרזונקענע שיפֿן אַראָפּקומען, און זי, דאָס ייִנגסטע ים־טעכטערל, האָט נאָר אירע רויטע זון־בלימעלעך ליב געהאַט און אויך דאָס שיינע ייִנגל, דאָס ווייסע מירמלשטיינערנע, וואָס איז אַמאָל אויפֿן גרונט פֿון ים פֿון אַ שיף אַ דערטרונקענער אַראָפּגעפֿאַלן. האָט זי נעבן דער סטאַטוע, דער מירמלשטיינערנער, אַ ווייַדבוים פֿאַרזעצט, האָט זיך דער ווייַדבוים צעוואַקסן וואונדערליך, מיט די צווייגן איבער דעם ייִנגל־בילד זיך איבערגעהאָנגען און מיט די בלעטער זיין שטיל־שטיין פֿאַרשטעלט.

אָבער מער פֿון אַלץ האָט דאָס יונגע ים־טעכטערל ליב געהאַט מעשׂיות וועגן מענטשן הערן, די וואָס אויבן און אויף

דער ערד דאָרטן וואוינען. האָט איר די באָבע אירע וועגן אַלץ נאָר, וואָס זי האָט פון מענטשן געוואוסט, דערציילט, וועגן שיפן און וועגן שטעט, וועגן מענטשן און זייער לעבן, מנהגים און פירונג זייערער.

— אַז ס׳וועט אייך, קינדערלעך, פופצען יאָר ווערן, — האָט די באָבע געזאָגט, — וועט איר אויך אויפן אויבערפלאַך פון ים אַרויפשווימען, ביי דער שיין פון דער לבנה אויף די ים-פעלזן זיצן, אויף די נישט-ווייט דורכשווימענדיקע אומגעהייער גרויסע שיפן קוקן, אויף די וועלדער און אויף די [illegible] פון מענטשן, אויף אַלעם זייערן און וואָס ס׳געהערט צו זיי.

פונקט אין דעם יאָר האָט דעם עלטסטן ים-טעכטערל באַדאַרפט פופצען ווערן. די איבעריקע שוועסטערלעך — זיי זיינען איינס פונם אנדערן אויף אַ יאָר געווען געררוקט — איז נאָך אָבער לאַנג צו וואַרטן אויסגעקומען, און לענגער פון אַלע — גאַנצע פינף יאָר — איז אויסגעקומען דער יינגסטער. דערפאַר אָבער האָבן זיי יעדע דערציילן צוגעזאָגט דאָס, וואָס ס׳וועט זיי מער פון אַלץ אין ערשטן טאָג פון ערשטן אַרויפשווימען געפעלן. קיינעם אָבער האָט אַזוי אַרויף און אויף אויבן נישט געצויגן, ווי די סאַמע יינגסטע, שטילע און פאַרטראַכטע ים-שוועסטערל, וועלכער ס׳איז לענגער פון אַלע צו וואַרטן אויסגעקומען. וויפל נעכט האָט דאָס ים-טעכטערל אין מיטן ים פאַרבראַכט, איינקוקנדיק זיך אין בלויקייט אין זיינעם, וואו ס׳פלעגן זיך קוים רירן און מיט די פליצפעדערן מאַכן און מיט די עקלעך זייערע גאַנצע פישעלעך מחנות. זי פלעגט אויך דורכן וואסער די לבנה מיט די שטערן זען. אמת, נישט אַזוינע ליטערע און העלע, ווי ביי אונז, דערפאַר אָבער אַ סך גרעסער ווי ביי אונז. ס׳פלעגט זיך מאַכן, אַז אונטער זיי, אונטער לבנה און שטערן, איז עפעס ווי אַ גרויסער וואָלקן דורכגעגאַן, האָט דאָס טעכטערל געוואוסט, אַז דאָס איז אָדער אַ פיש אַ גרויסער אונטער איר אונטערגעשוואומען, אָדער אַ שיף איז דורכגעגאַנגען, אַ גרויסע און מיט

מענטשן הונדערטער. זיי, די מענטשן אויפן שיף, האָבן אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם ים־טעכטערל, וואָס איז דעמאָלט אין מיטן ים געשטאַנען, אין סאַמע דער טיף אין זייַנער און איר האַנט צו דער שיפס אונטערדעק אויסגעשטרעקט.

נאָר אָט איז דער עלטסטער שוועסטער פופצען יאָר געוואָרן. האָט זי רשות באַקומען אויפן ים און אויף זיין אויבערפלאַך ארויפצושווימען.

וויפיל מעשיות האָט זי זיך נאָכדעם אָנגעדערציילט, נאָכדעם אַז זי האָט זיך צוריק אומגעקערט! דאָס בעסטע פון אַלץ איז לויט איר מיינונג געווען — אין אַ שטילן אויפדערנאַכט, אין אַ שטילן איינדרויסן און אונטער לבנה־שיין אויף אַ זאַמדיקן ים־באַרג ליגן, קוקנדיק און הנאה האָבנדיק פון דער שטאָט און פון אירע בנינים, וואָס ליגן ביים ברעג צעוואָרפן; זען, ווי אין שטאָט דאָרט זייַנען, ווי הונדערטער שטערנדלעך, פייערלעך אָנגעצונדן, זען די טורעמס מיט די שפיצן די דאָרטיקע, הערן, ווי עס טראָגט זיך די מוזיק פון וויַיטן, דער הילך און דער רעדער־גערודער, דער שטאָט־רויש און אויך דאָס גלעקער־געקלאַנג.

אַך, מיט וואָס פאַר אַ דאָרשט און נייגעריקייט ס׳האָט זי אויסגעהערט די שוועסטער אירע די ייִנגסטע! שטייענדיק, ווי איר שטייגער, אויפדערנאַכט אין ים פון אונטן און איינקוקנדיק זיך אין בלויקייט זייַנעם, האָט זי נאָר געטאָן און געטראַכט, דאָס ים־טעכטערל, פון דער גרויסער שטאָט, דער רוישיקער, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז אַלץ, וואָס ס׳קומט דאָרט פאָר אין איר, הערט זי, דעם גאַנצן רויש און טומל דאָרטן און אויך דאָס גלעקער־געקלאַנג אפילו.

אין אַ יאָר אַרום האָט די צווייטע שוועסטער רשות באַקומען אויף אַרויפצוקומען און וואוהין זי וויל זיך שווימען.

און אַרויס איז די צווייטע שוועסטער פון וואַסער פונקט אין דער מינוט, ווען די זון האָט ביים פאַרגיין געהאַלטן. און זאָגן האָט זי געזאָגט, אַז קיין שענער בילד איז ניטאָ און ס׳קען ניט זיין. דער הימל, האָט זי דערציילט, איז

מיט גאָלדע גאָלד ווי באַגאָסן געווען, און די וואָלקנס... ניין, פֿאַר די וואָלקנס דעמאָלט האָט זי גאָר קיין ווערטער נישט. מיט פּורפּור און וויאָלעט־פֿאַרבן באַלויכטן און באַשײַנט, האָבן זיי זיך גיך איבערן הימל געטראָגן, נאָר גיכער פֿון זיי איז צו דער זון ווי אַ לאַנגער דעקטוך אַ ווייסער, — אַ ווייסע שוואַנען־שורה געפֿלויגן. האָט זיך אויך דאָס ים־טעכטערל געפּרובט צו דער זון זיך לאָזן, האָט זיך די זון אָבער אין ים אַראָפּגעלאָזט און איבערן הימל און וואַסער האָט זיך אויף אַן אומגעהײַערן שטח אַראָזע און פֿאַרנאַכטיקע שײַן צעגאָסן.

אין אַ יאָר אַרום איז אויפֿן ים־אויבערפֿלאַך די דריטע שוועסטער אַרויפֿגעשוואומען. די איז שוין מער אײַנשטעלערין געווען, האָט זי זיך אין אַ טײַך, וואָס פֿאַלט אין ים אַרײַן, אַוועקגעלאָזט. האָט זי דאָרטן אויף די בּרעגן פֿונם טײַך פֿון יענעם, גרינע בּערג מיט ווײַנגערטנער געדעקטע געזען, פּאַלאַצן און הויפֿן מיט וואונדערלעך־שיינע וועלדלעך קליינע אַרומגערינגלט. די זון האָט דאָרט אַזוי געשײַנט און געוואַרימט, אַז נישט איינמאָל איז איר אויסגעקומען אין וואַסער זיך אונטערצוטוקן, כּדי דאָס הייסע און פֿאַרפֿלאַמטע פּנים אירס צו דערפֿרישן. אין אַ קליינער בּוכטע איינער האָט זי אַ גאַנצע כאָפּטע קליינע מענטשעלעך דערזען, וואָס האָבן זיך אין וואַסער געפּליוסקעט, האָט זי זיך מיט זיי אַ שפּיל טאָן געוואָלט, האָבן זיי זיך דערשראָקן, די קליינע, זײַנען זיי פֿון וואַסער אַרויסגעלאָפֿן, און אויף זייער אָרט איז אַ קליין שוואַרץ חיהלע אַזוינס אָנגעלאָפֿן און אַזוי שרעקלעך האַווקען און דאָס העלזל רייסן זיך גענומען. דאָס חיהלע איז אַ הינטל געווען, נאָר דאָס טעכטערל האָט דאָך קיינמאָל קיין הינטל נישט געזען.

איז אָט, פֿלעגט זי, די דריטע שוועסטער דאָרט, זיך אַלץ אָן יענע וואונדערלעכע וועלדער דערמאָנען, די וואָס זי האָט בּיים ערשטן אַרויסשווימען געזען, אָן די גרינע בּערגלעך און אָן די אויסגעצייכנטע מענטשן־קינדערלעך, וואָס האָבן אַזוי ליבּ שווימען געקאָנט, הגם קיין פֿיש־עק איז בּיי זיי נישט געווען.

די פּערטע שוועסטער איז נישט קיין איינשטעלעו ן
געווען, האָט זי זיך מער אין אָפּענעם ים און אין זיין מיט
זיך געהאַלטן, און דערציילט האָט זי, אַז דאָס, וואָס זי האָט
געזען, איז שענער פון שיין געווען: וואוהין דו קוקסט זיך
נישט אום, אויף אסך, אַסך מיילן אַרום, איז נאָר וואסער
און וואסער און אַ הימל איבערן וואסער, ווי אַ גרויסער קיי=
לעכיקער און אומגעהייערער קאָלפּעק אַן איבערגעקערטער.
פון דער ווייט, פון דער ווייט טראָגן זיך און גייען גרויסע
שיפן דורך, דעלפינען קייקלען און שפּילן זיך, און אומגעהיי=
ער=גרויסע לויתנס, הונדערטער וואסער=פאָנטאנען פון די נעז=
לעכער שפּריצן.

נאָך דער פערטער איז די צייט פון פאר=דער=לעצטער
געקומען. איר געבורטס=טאָג איז אום ווינטער געווען, און דע=
ריבער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל דאָס, וואָס די איבע=
ריקע שוועסטער האָבן נישט געזען. זי האָט דערציילט: דער
ים האָט דעמאָלט אַ גרינליכע מראה געהאַט, אומעטום זיינען
אויף אים גרויסע אייז=בערג ארומגעשוואומען, אזעלכע גרויסע,
העכער פון די העכסטע טורעמס און קלויסטערס. אייניגע פון
זיי האָבן אַ משונה=מאָדנע געשטאלט געהאט און האָבן מיטן
אייז מיט זייערן, ווי מיט דימענטן געגלאנצט.

האָט דאָס ים=טעכטערל אויף סאַמע דעם גרעסטן אייז=
בארג דאָרטן זיך ארויפגעזעצט, דער ווינט האָט אירע לאַנגע
האָר צעבלאָזט, איז זי זיך אזוי געשוואומען, און די ים=פאָרער
האָבן זי מיטן בארג דערזעענדיק, זי אויסגעמיידט, זי אַרומ=
געפאָרן און וואָס ווייטער און אָפּגעשיידט פון איר זיך גע=
האלטן, האָט זיך דער הימל דאן מיט וואָלקנס צוגעדעקט,
האָט אַ בליץ אַ בליץ=געטאָן, און אַ דונער האָט זיך דערהערט,
און דער ים, דער טונקל=געוואָרענער, האָט מיט גרויסע אייז=
שטיקער פון איין זייט אויף דער צווייטער ווארפן גענומען...

פון די שיפן האָט מען די זעגלען אַראָפּגענומען, מענ=
טשן זיינען אין שרעק און אין פּחד אויף די שיפדעקן אומ=
געלאָפן, און דאָס ים=טעכטערל איז זיך רוהיק אויף איר אייז=

באַרג געשוואומען, האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט און געזען, ווי די בליצן־זיגזאַגן האָבן דעם הימל געשניטן און אין ים אַריינגעפאַלן.

בכלל זיינען די שוועסטער מיט דעם, וואָס זיי האָבן געזען, צופרידן געווען. אָפט אין די אויפדערנאַכטן פלעגן זיך אַלע פינף שוועסטער פאַר די הענט אָננעמען און אַזוי און אינאיינעם אויף דעם וואַסער אויפגיין.

ביי אַלע שוועסטער זיינען וואונדערלעכע שטימען געווען, אַזוינע, וואָס ביי מענטשן הערט מען גאָר נישט. און אָט, און אַז ס׳פלעגט זיך אַ שטורעם אָנהויבן, און די שוועסטער האָבן דערזען, אַז די שיפן אין סכנה שטייען, פלעגן זיי צו זיי צושווימען, פלעגן די גרויסע וואונדער פון דער אונטערוואַסער־וועלט באַזינגען און ביי די מאַטראָסן בעטן, זיי זאָלן פאַר זיי קיין מורא נישט האָבן און זאָלן זיך צו זיי צום גרונט אַראָפּלאָזן. האָבן אָבער מענטשן די ווערטער זייערע נישט איינגעהערט, ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער שטורעם רוישט אַזוי; און סיי ווי סיי וואָלטן די מענטשן די ים־וואונדער דאָך נישט געזען, ווײַל אויב דאָס שיף פלעגט אונטערגיין, פלעגן די מענטשן דאָך דערטרונקען ווערן און שוין טויטע נאָר צום פּאַלאַץ פון ים־מלך צושווימען.

אָט אין דער צייט, ווען די עלטערע שוועסטער פלעגן האַנט ביי האַנט אויפן ים אַרויסשווימען, פלעגט דאָס ייִנגסטע שוועסטערל זייערס איינע אַליין און פון הינטן בלייבן, זיי אין זייער אָפּשווימען נאָכקוקן און גרייט צו וויינען געווען. נאָר די ים־מיידלעך קאָנען דאָך נישט וויינען, איז דעריבער איר טאַקע נאָך שווערער געווען.

— אַך, ווען־זשע וועל איך שוין פופצן יאָר אַלט ווערן. — פלעגט זי זאָגן — איך ווייס, אַז איך וועל זעהר ליב באַקומען די וועלט יענע, די אויפדערוואַסעריקע און אויך די מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט.

לסוף איז אויך איר פופצן יאָר געוואָרן.

— האָבן מיר שוין אויך אין דיר נחת דערלעבט! — האָט

צו איר דאַן די באָבע געזאָגט — קום-זשע אַהער, וועלן מיר זיך אויך פֿאַרפּוצן, ווי די שוועסטער דײַנע דעמאָלט. און די באָבע האָט איר אויפֿן קאָפּ אַ קרענצל פֿון ווײַסע ליליעס אָנגעטאָן, וואָס יעדער בלעטעלע האָט ווי אַ האַלבער פּערל אויסגעזען. און דערנאָך, און כּדי איר הויכן יחוס, איר מלך-יחוס צו באַווײַזן, האָט זי צו אַכט אויסטערן באַפֿוילן, זיי זאָלן זיך איר אויפֿן פֿיש-עק אָנשטעקן.

— ס'טוט דאָך אָבער וויי! — האָט זיך דאָס ים-טעכטערל געקלאָגט.

— צוליב שײנקייט וועגן וועסטו צולײַדן אַ ביסעלע, — האָט געזאָגט די אַלטע.

אַך, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן וואָלט זי פֿון זיך אָט דאָס גאַנצע אָנטאָן אירס מיטן שווערן קראַנץ אַראָפּגעוואָרפֿן... רויטע בלימעלעך פֿון איר גערטנדל וואָלטן איר אַוודאי אַ סך שענער געפּאַסט, נאָר וואָס זאָל זי טאָן?...

— זײַט געזונט! — האָט זי אַ זאָג געטאָן, און גרינג, ווי אַ וואַסער-בולבעלע, אויפֿן ים-אויבערפֿלאַך אַרויף. די זון איז נאָר וואָס געווען פֿאַרגאַנגען, די וואָלקנס האָבן נאָך מיט פּורפּור און מיט גאָלד געשײַנט, און אין רויטליכן הימל האָבן שוין וואונדערליכע ליטערע נאַכט-שטערנדלעך זיך אָנגעצונדן. די לופֿט איז ווייך און פֿריש געווען, און דער ים איז גלייך און ווי אַ שפּיגל געלעגן.

ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, וואו דאָס ים טעכטערל איז אַרויסגעשוואומען, איז שטיל און רוהיק אַ שיף מיט זעגל-ביימער געשטאַנען מיט איין נאָר זעגל אַן אויפֿגעהאַנגענער, ווײַל ס'איז דאָך קיין מינדסט-ווינטעלע נישט געווען. אויף די זעגל-שטאַנגען און אויף די זעגל-ביימער זײַנען מאַטראָסן געזעסן, פֿון דער שיפֿדעק האָט זיך מוזיק, געזאַנג און שפּילן געטראָגן, און אַז עס איז אינגאַנצן פֿינסטער געוואָרן, האָט זיך דאָס שיף מיט הונדערטער פֿאַרשיידנפֿאַרביקע לאַמטערנדלעך באַלויכטן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין דערלופֿט האָבן זיך פֿענדלעך פֿון אַלערליי פֿעלקער געפֿענדלט. איז דאָס ים-

טעכטערל צו די סאַמע פענסטער פון שיף־שטוב צוגעשוואומען, און אַז די כוואַליעס האָבן זי אַ ביסעלע אונטערגעהויבן, האָט זי אַהין אַריינקוקן געקאָנט. און געזען האָט זי דאָרטן, ווי ס׳זיינען מאַסן פאַרפּוצטע מענטשן דאָרט געווען, נאָר שענער פון אַלע האָט זיך אַ יונגער פּרינץ מיט גרויסע שוואַרצע אויגן דאָרט געפרייט. אים, דעם פּרינץ, איז בערך דאַן אַ יאָר זעכצען געווען. אויפן שיף האָט מען דאַן זיין געבורטסטאָג געפייערט. דעריבער איז דאָרט אַזאַ שמחה געווען. די מאַט־ראָסן האָבן אויפן שיפדעק געטאַנצט, אויף אַרויף זיינען הונדערטער ראַקעטעס געפלויגן, אַז ס׳איז אַזוי ליכטיק געווען, אַז דאָס ים־טעכטערל האָט זיך אַלע מאָל דערשראָקן. האָט געמיינט, אַז ס׳איז בייטאָג און זיך אונטערן וואַסער אונטער־געטוקט, נאָר באַלד דאָס קעפל צוריק אַרויסגעשטעקט און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלע הימל־שטערנדלעך זיינען צו איר אין ים אַריינגעפאַלן. זינט זי לעבט האָט זי נאָך אַזאַ פייער־שפּיל ניט געזען: גרויסע זונען האָבן זיך, ווי די רע־דער, געדרייט, פּרעכטיקע פייער־פיש האָבן אין דערלופט מיט די עקן געמאַכט, און דאָס אַלץ האָט זיך אין שטילן און קלאָרן וואַסער אָפּגעשפּיגלט. אויפן שיף איז אַזוי ליכטיק געווען, אַז מ׳האָט געקאָנט יעדן שטריך פון צווייטן אָפּטיילן, פון מענטשן איז שוין אָפּגערעדט.

אַך, און ווי שיין איז דאָך דער יונגער פּרינץ געווען! ער האָט די מענטשן די הענט געדריקט, האָט געשמייכלט און געלאַכט, און די מוזיק האָט אַלץ גערוישט און אין שטילקייט פון דער שיינער וואונדער־נאַכט געשפּילט.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן שפּעט צו ווערן, נאָר דאָס ים־טעכטערל האָט נישט געקאָנט פון שיף און פונם פּרינץ זיך אָפּרייסן. די פאַרשיידנפאַרביקע פייערלעך זיינען פאַרלאָשן געוואָרן, קיין ראַקעטעס זיינען שוין מער אין דערלופט נישט געפלויגן, דערפאַר האָט זיך אָבער צעברומט און צעזיפּצט דער ים דאַן דער גרויסער... דאָס וואַסער־טעכטערל האָט זיך אויף די כוואַליעס, וואָס ביים שיף, געהוידעט, דאָס אַלץ אין

דער שיף־שטוב אַריינגעקוקט, און דאָס שיף האָט זיך שוין גיכער און גיכער געטראָגן, די זעגלען האָבן זיך איינס נעבן אַנדערן צעוויקלט, און דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט און די כוואַליעס האָבן אַ גיי געטאָן, די וואָלקנס זיינען געדיכטער געוואָרן און אַ בליץ האָט אַ בליץ געטאָן — ס'האָט אַ שטורעם זיך אָנגעהויבן. די מאַטראָסן האָבן זיך געאיילט די זעגלען אַראָפּנעמען, דאָס אומגעהייערע שיף האָט זיך צעהוידעט שרעקליך, און דער ווינט האָט עס איבער די רוישנדיקע כוואַליעס געטריבן. אַרום שיף זיינען גרויסע וואַסער־בערג שוין אויפגעשטאַנען, שרעקנדיק, אַז אָט־אָט וועלן זיי איבערן שיף און אַריבער זיינע זעגל־ביימער זיך צונויפגיין, נאָר דאָס שיף האָט זיך צווישן די וואַסער־ווענט, ווי אַ שוואַן געטונקט און באַלד דערנאָך ווייטער אויף די כוואַליע־רוקנס זיך אַרויפגעכאַפּט. פאַרן ים־טעכטערל זיינען די כוואַליעס נאָר אַ שפּילעכל געווען, פאַר די מאַטראָסן אָבער אַ מלאך־המות־שפּיל: דאָס שיף האָט געקראַכט, די גראָבע באַלקנס זיינע זיינען ווי שפּענדלעך זיך צעפלויגן, די כוואַליעס האָבן זיך איבער דער שיפדעק אַריבערגעוואָרפן, די זעגל־ביימער האָבן זיך ווי דינע טשערעט־שטעקעלעך געבראָכן און דאָס שיף האָט זיך אויף אַ זייט איבערגעקערט, און דאָס וואַסער איז אין איר צווישן־דעק אַריין. אויף אַ מינוט איז דאַן אַזוי פינסטער געוואָרן, כאָטש די אויגן אַרויסצונעמען... נאָר אָט, האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, און דאָס ים־טעכטערל האָט ווידער אַלע שיף־מענטשן דערזען, ווי זיי האָבן זיך אַלע, יעדער ווי נאָר ער האָט געקאָנט זיך, געראַטעוועט. האָט דאָס ים־טעכטערל מיט די אויגן דעם פּרינץ אָפּגעזוכט און האָט דערזען, ווי אַז דאָס שיף האָט זיך אויף צווייען איבערגעבראָכן, איז דער פּרינץ אין וואַסער אַראָפּ. לכתחילה האָט זיך דאָס ים־טעכטערל דערפרייט: דער פּרינץ וועט דאָך צו איר אין ים און אויפן גרונט דאָרט קומען, נאָר באַלד דערנאָך האָט זי זיך אָבער דערמאָנט, אַז קיין מענטשן לעבן נישט אין וואַסער, און אַז צו איר טאַטנס פּאַלאַץ קאָן ער נאָר אַ טויטער שוין אָנקומען; — ניין, זאָל

ער לעבן! — האָט זי אויסגעשריגן, און צווישן די באַלקנס און די ברעטער זיך אַ לאָז געטאָן. און אָט איז דאָס ים־טעכ־טערל אין וואַסער־טיפעניש אריין און באַלד צוריק מיט אַ כוואַליע אַרויף, אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ און אָט האָט זי לסוף צום פרינץ דערגרייכט. דער פרינץ האָט זיך שוין געהאַט פון די כּוחות ארויסגעשלאָגן, די הענט און די פיס האָבן זיך אים שוין דינען אָפּגעזאָגט, און די שיינע אויגן זיינע האָבן נאָכן ראַנגלען לאַנגן זיך שוין פאַרמאַכט; ער וואָלט אזוי געווען אויסגעגאנגען, ווען ניט דאָס ים־טעכ־טערל, וואָס איז אים צו הילף געקומען: זי האָט באַלד זיין קאָפּ פונם וואַסער אויפגעהויבן און אינאיינעם מיט אים זיך די כוואַליעס און וואוהין זיי טראָגן דאָרט זיך איבערגעגעבן...
דאָס ים־טעכטערל האָט פון פרינצס גרויסן און שיינעם שטערן די האָר פארשארט און אים אַ קוש געגעבן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צו איר מירמלשטיינערנעם יינגל ענליך, דאס יינגל, וואָס איז ביי איר אין איר גערטנדל געשטאַנען. זי האָט אים נאָך־אמאָל אַ קוש געגעבן און מיטן גאנצן לעבן באַגערט, אז ער זאל לעבן בלייבן.

צום טאָגליך האָט זיך דאס שלעכטע וועטער איינגע־שטילט. פונם שיף איז קיין שפּענדל נישט געבליבן. די זון האָט ווידער אויפן וואסער געשיינט און די לויטערע שטראלן אירע האבן דעם פרינץ ווידער די פארב אין פּנים אומגע־קערט, נאָר די אויגן זיינע זיינען נאך אלץ געשלאָסן געווען.
לסוף האט דאס ים־טעכטערל נאך לאנגן נאכט־שווימען פאר זיך א יבשה דערזען. א יבשה מיט הויכע, אזש אין הימל־שטייגנדיקע בערג, וואָס אויף די שפּיצן זייערע זיינען, אזוי ווי מחנות פויגלען, ווייסע־ווייסע שנייען דאָרט געלעגן. ביים סאמע ברעג פון דער יבשה האט א וואונדער־שיין גרין וועלדל געגרינט, און העכער פון דעם וועלדל האט זיך עפּעס א מין געביי ארויסגעזען, וואס איז אדער צו א קלויסטער, אדער צו א נזירים־הויז ענליך געווען. אין יענעם וועלדל האָבן לימענע־ביימער און מאראנצן־ביימער געוואקסן און ביי די טויערן

פון געבּיי, פון הויכן, זיינען פּאַלעם־בּיימער געשטאַנען. דער ים האָט זיך אין יענעם בּרעג דעם זאַמדיקן מיט אַ טייכל אַריינגעשניטן, און דאָס וואַסער איז דאָרט שטיל אָבער טיף געווען. אַהינצו איז דאָס ים־טעכטערל מיטן פּרינץ צוגעשוואומען, דאָרטן האָט זי אים אויפן זאַמד אַנידערגעלייגט, און געזען, אַז דער קאָפּ זאָל אים פון זיין קערפּער העכער און אויף סאַמע דער זון דאָרט ליגן.

און אָט, דעמאָלט האָט מען אין הויכן געבּיי אין גלעקער קלינגען אָנגעהויבּן, און אין גאָרטן דאָרט האָט זיך אַ גאַנצע מחנה מיידלעך יונגע זיך אַרויסגעשאָטן. דאָס ים־טעכטערל איז אין טייכל אַבּיסל ווייטער אָפּגעשוואומען, האָט אירע האָר מיט אירע פּלייצעס מיט ים־שוים צוגעדעקט, — איצט וואָלט זי קיינער פון ים־שוים נישט אַרויסגעזען — און וואַרטן גענומען: צו זען, צי וועט עמיצער דעם פּרינץ אויף הילף קומען, צי ניין. וואַרטן איז איר אויסגעקומען נישט לאַנג: בּאַלד איז צום פּרינץ איינע פון די יונגע מיידלעך צוגעגאַנגען, לכתחילה האָט זי זיך פאַר אים דערשראָקן, נאָר בּאַלד דערנאָך איז זי צו זיך געקומען און אויף הילף רופן גענומען, און געזען האָט דאָס ים־טעכטערל דערנאָכדעם, אַז דער פּרינץ האָט די אויגן געעפנט, דער פּרינץ האָט אויפגעלעבּט און צו אַלע די, וואָס זיינען אַרום אים געשטאַנען, געשמייכלט. און איר? פון איר האָט ער אפילו נישט געוואוסט. אומעטיק איז געוואָרן דעם ים־טעכטערל און, ווען מ'האָט נאָך זיין צו־זיך־קומען דעם פּרינץ אין גרויסן, הויכן געבּיי אַוועקגעפירט, האָט זי זיך טרויעריק אין וואַסער אונטערגעטוקט און אַוועקגעשוואומען.

שוין פון פריער איז דאָס ים־טעכטערל אַ שטילע און פאַרטראַכטע געווען, אָבּער נאָך שטילער און נאָך פאַרטראַכטער איז זי פון דעם אַלעם אָן, פון איר ערשטן אַרויפשווימען געוואָרן. די שוועסטער אירע האָבּן בּיי איר וועגן ערשטן געזעענעם געפרעגט, אָבּער זי האָט געשוויגן און זיי גאָרנישט נישט געענטפערט.

אפט, — אמאָל אינדערפרי און אמאָל אויפדערנאכט, — פלעגט זי צו יענעם ארט, וואוהין זי האט דעם פרינץ גע-בראכט, צושווימען. זי האט געזען, ווי אויף די ביימער, אויף די דארטיקע, זיינען שוין צייטיק געווארן און אויך שוין אָפּ-געריסן געווארן די פּירות זייערע, זי האט אויך געזען, ווי פון די בערג פון יענע איז דער שניי שוין צעגאנגען. אבער דעם פרינץ, דעם, וועמען זי האט מער פון אלץ זען גע-וואלט, האט זי ניט געזען, און אומקערן פלעגט זי זיך נאך אזעלכע שווימעכצן וואס אמאָל אלץ טרויעריקער און טרויערי-קער. דאס איינציקע פארגעניגן אירס איז געווען: ביי זיך אין סעדל זיצן און דאס מירמלשטיינערנע בילד, וואס איז אויפן פרינץ ענליך געווען, ארומנעמען, אבער אויף די בלומען אירע האט זי שוין מער נישט אכטונק געגעבן. זיי זיינען זיך גע-וואקסן, ווי זיי האבן זיך געוואלט, איבער די שטעגלעך און איבער די וועגלעך, זיך מיט זייערע בלעטלעך מיט די ביימער-צווייגלעך און בלעטלעך זיך איבערגעפלאכטן, און אין סעדל איז גאָר פינסטער געווארן.

לסוף האט זי נישט אויסגעהאלטן און פונם ערשטן גע-שעענעם איינער פון אירע שוועסטער דערציילט, פון דער איינער זיינען אלע איבעריקע געוואר-געווארן, אבער מער ניט; אויסער אפשר נאך א צוויי-דריי ים-מיידלעך אי דאס נאר פון די נאנטסטע חברטעס די שוועסטערס. איינע פון די שוועסטער האט אפילו געקענט דעם פרינץ, האט אויך יענע שיף-שמחה געזען, און האט אויך געוואוסט, וואו דאס קעניג-רייך זיינס געפינט זיך.

— קום מיט אונז, שוועסטער, — האבן דער ייִנגערער די עלטערע געזאגט און זיך אלע די הענט געגעבן און אויפן ים-אויבערפלאך אויפגעגאן, נעבן דעם ארט, וואו ס'איז דעם פרינצס פאלאץ געשטאנען.

דער פאלאץ איז פון ליכטיק-געלע און שטראלנדיקע שטיינער געבויט געווען, מיט גרויסע גאניק-טרעפּ מיט מיר-מלשטיינערנע, וואס איינער פון זיי אַ גאַניק דארט האט זיך

גלייך צום ים זיך אַראָפּגעלאָזט. פּרעכטיקע אָפּגעגילטע קופּאָלן האָבן פון איבערן דאַך זיך אַרויסגעזען און צווישן די זיילן, וואָס האָבן רינג=אַרום דעם פּאַלאַץ אַרומגערינגלט, זיינען מירמלשטיינערנע בילדער געשטאַנען און כמעט ווי לעבעדיקע אויסגעזען. דורך די הויכע שפּיגל=פענסטער פון פּאַלאַץ האָבן רייכע פּוץ=צימערן אַרויסגעקוקט, אומעטום אין זיי זיינען טייערע און זיידענע פאָרהאַנגען געהאַנגען, אויף דער ערד זיינען טייערע סטעשקעס אויסגעשפּרייט געווען און אויף די ווענט זיינען גרויסע בילדער געהאַנגען. אין מיטן דעם זאַל דעם גרעסטן האָט אַ גרויסער פאָנטאַן געצירקעט, דינע וואַסער=שטראָמעלעך האָבן הויך=הויך אַזש ביז דער גלעזערנער סטעליע דערלאַנגט, דורך יענער סטעליע האָבן די זון=שטראַלן אַריינגעשיינט און דאָס וואַסער פון פאָנטאַן און די געוויקסן, וואָס אַרום פאָנטאַן, מיט שיין און מיט ליכטיקייט באַגאָסן.

איצט האָט דאָס ים=טעכטערל דאָס אָרט, וואו דער פּרינץ האָט געוואוינט, שוין געוואוסט און פון דעמאָלט אָן אַמאָל בייטאָג און אַמאָל ביינאַכט פלעגט זי אַהער צום פּאַלאַץ צוקומען. קיינע פון די שוועסטער האָט זיך ניט איינגעשטעלט אַזוי נאָענט צום פּאַלאַץ יענעם צושווימען, ווי זי, זי פלעגט אויך אַריינשווימען אין שמאָלן שטראָמיקן טייכעלע, וואָס האָט אונטער איינעם אַ גאַניק אַ מירמלשטיינערנעם געשטראָמט, דאָרט פלעגט זי זיך אָפּשטעלן און לאַנג און זעהר לאַנג אויפן יונגן פּרינץ דאָרט קוקן.

ניט איינמאָל פלעגט זי זען, ווי דער פּרינץ האָט מיט זיינע הויף=כלי=זמר אויף זיין אויסגעצייכנט=שיין שיפל זיך געשיפט, אויף דעם שיפל, וואָס איז מיט אַ סך, אַ סך פענדלעך באַהאַנגען געווען, זיך נישט איינגעהאַלטן און אַרויסקוקן פלעגט די ים=טאָכטער פונם גרינעם טשערעט דעמאָלט, און אויב עמיץ האָט אַמאָל איר לאַנגן, זילבער=ווייסן דעקטוך, וואָס האָט אויפן ווינט זיך געפאָכעט, באַמערקט, האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט אַ פויגל נאָר מיט אַ פליגל אַ מאַך געטאָן.

אַ סך מאָל פֿלעגט זי אויך הערן, ווי די פישער, וואָס זיינען ביינאַכט ביי די ברעגן געזעסן און פיש געכאַפּט, האָבן פונם פּרינץ גערעדט. זיי פֿלעגן פון אים אַ סך גוטס דערציילן, האָט זי זיך געפרייט, וואס זי האט זיין ליב לעבן געראַטע-וועט, דעמאָלט ווען ער האָט זיך שוין האלב אַ טויטער אויף די כוואליעס געטראגן. זי פֿלעגט זיך דערמאָנען אָן די מינוטן, ווען זיין קאָפּ איז ביי איר ביים האַרצן געלעגן און ווען זי האָט אַזוי צערטליך זיין ווייסן שיינעם שטערן געגלעט. און ער? — ער האָט פון דער גאַנצער זאך דאָך נישט געוואוסט, נישט געקענט און אפילו פון איר קיין טראכט נישט געגעבן.

און דאָס ים-טעכטערל האָט וואָס-אַ-מאָל אַלץ מער און מער די מענטשן ליב-באַקומען און וואָס-אַ-מאָל אלץ מער און מער זיך געצויגן צו זיי. זייער מענטשליכע וועלט האָט זיך אויסגעוויזן אַ סך גרעסער ווי אירע, די אונטערוואַסערדיקע. די מענטשן האָבן דאָך אויף זייערע שיפן דעם ים געקאָנט איבערשווימען, אויף די הויכע בערג צו די סאַמע וואָלקנס זיך אַרויפדראפּען און די גרויסע שטחן-ערד מיט די פעלדער און וועלדער, וואָס צו מענטשן געהערן, האָבן זיך דאָך גע-צויגן אזוי ווייט, אזוי ווייט, אַז מיטן אויג נישט אָנצוזען. האָט זיך דעם ים-טעכטערל פון די מענטשן און זייער לעבן וויסן געוואָלט, האָט זי אירע שוועסטער געפרעגט, אָבער די שוועסטער אירע האָבן אַליין נישט געוואוסט, און אויך אויף די פראגעס אירע נישט געענטפערט. און דאָס ים-טעכטערל האָט זיך לסוף צו איר אַלטער באבע זיך געקערעוועט. זי, די באבע, האָט גוט געקענט די „יענע וועלט", ווי זי פלעגט די מענטשנס-וועלט אָנרופן.

— באָבע, און אַז די מענטשן ווערן נישט דערטרונקען, לעבן זיי דאן אייביק און שטארבן נישט אזוי ווי מיר? — האט ביי דער באבע דאָס ים-טעכטערל געפרעגט.

— יאָ, — האָט די אַלטע געענטפערט. — זיי דארפן אויך שטארבן, ווי מיר, און לעבן זיי נאָך ווייניקער ווי מיר. מיר לעבן דריי הונדערט יאר, און אַז ס'קומט די צייט, ווען

מיר דארפן שטאַרבן, ווערט פון אונז ים=שוים און מער גאָרנישט. און אונזער טויט איז שוין אַן אייביקער טויט, אונזער שטארבן איז אויף אייביק געשטאָרבן: קיינמאָל וועלן מיר קיין תחית=המתים ניט אויפשטיין. נישט אַזוי אָבער איז ביי די מענטשן: זייער נשמה לעבט אייביק, זייער נשמה לעבט אפילו דאן, ווען דער קערפער זייערער טוט אין דער ערד צו שטויב און צו נישט ווערן. זי, די נשמה זייערע, פליט דעמאָלט אַוועק דאָרט אַהין, וואו די קליינע שטערנדלעך די קלאָרע.

— פאַרוואָס=זשע לעבט אונזער נשמה נישט אייביק? — האָט אומעטיק דאָס ים=טעכטערל ביי דער באָבע געפרעגט, — איך וואָלט דאָך הונדערט יאָר מיין לעבן פאַר איין טאָג מענטשן=לעבן אָפּגעגעבן, אבי דערנאָך אויך ווי זיי אַ חלק אין אייביקן לעבן האָבן...

— מ׳דאַרף נישט טראכטן דערפון, אונז לעבט זיך דאָ פיל בעסער, און מיר זיינען גליקליכער, ווי די מענטשן אויף דער ערד זייערער — האָט די אַלטע געזאָגט.

— וועל איך, הייסט עס, שטאַרבן, און אין ים=שוים פארוואנדלט ווערן און אויך איך וועל לסוף דעם אייביקן כוואַליע=רויש ניט הערן און די ליבע זון און די בלומען נישט זען?... איז פון אייביקן לעבן, באָבע, קומט אויס נאָך דיר, קאָן איך אפילו נישט טראַכטן?

— טראַכטן קאָנסטו יאָ, — האָט די באָבע געזאָגט, — זאָל נאָר איינער פון די מענטשן דיך אַזוי ליב=באַקומען, אַז ער זאָל טאַטע=מאמע פארלאזן, דיר מיטן גאנצן לייב און לעבן זיך איבערגעבן און מיט דיר חתונה האָבן, — וועט ער דיר דעמאָלט אויך אַ חלק פון זיין אייביק=ליבנדיקער נשמה איבערגעבן, אָבער דאָס קאן קיינמאל נישט זיין, קיין מענטש וועט דיך נישט ליב=האָבן, קיין מענטש וועט דיך נישט נעמען, וואָרים דאָס, וואָס ביי אונז רעכנט זיך פאר שיין — דיין פיש=עק, למשל, — האלטן עס מענטשן פאַר מיאוס און העסליך, אַזאַ מאדנע געשמאַק איז שוין ביי זיי. נאָך זיי, קומט אויס,

אז כדי שיין צו זיין, דארף מען דווקא צוויי קוליעס האָבן — פיס, הייסט עס ביי זיי.

האָט דאָס ים־טעכטערל אַ טיפן זיפץ געטאָן און טרויע־ריק אויף איר פיש־עק אַ קוק געטאָן.

— נישט געזארגט, טעכטערל! — האט די אלטע א זאָג געטאָן, — לאָמיר, נארעלע, פריער אונזערע דריי הונדערט יאר אויסלעבן, וויניק איז דאָס געוויס נישט... און זע, טעכ־טערל, גרייט זיך נאָר צו: היינט אויפדערנאכט איז אַ באל אין פאַלאַץ.

און אין פאלאץ פון מלך איז אין דעם אויפדערנאַכט אזא שיינקייט געווען, וואָס אויף אונזער וועלט זעט מען גאָר נישט אזעלכס! די ווענט און די סטעליע פון דעם טאנץ־זאל זיינען מיט גראבן נאָר דורכזיכטיקן גלאָז געדעקט געווען; אין דער לענג פון די ווענט זיינען שורותווייז גרויסע, פורפור־און גראָזיק־גרינע מושלען מיט בלויע פייערלעך אין דערמיט, געלעגן. די פייערלעך האָבן ליכטיק דעם זאל באלויכטן און דורך די ווענט די גלעזערנע האָט מען דעם ים ארויסגעזען, ווי גאַנצע מחנות גרויסע און קליינע פיש זיינען הין־און־הער געשוואומען און מיט פורפור־גאָלדענע און זילבערנע ליסקעלעך געבליש־טשעט.

אין מיטן דעם זאל האט אַ ברייט טייכל אזא געשטראָמט. און אין דעם טייכל האָבן ים־מיידלעך מיט ים־יינגלעך, אַליין זיך צוזינגענדיק, אַ טאנץ געטאנצט: אזא געזאנג, אזוינע וואונדער־שטימען הערט מען נישט ביי מענטשן. בעסער פון אלע האט אונזער ים־טעכטערל געזונגען. אלע האבן זי גע־לויבט און איר געפּליעסקעט. אויף אַ מינוט איז זי פריילעך געווען, דאָס ים־טעכטערל, דערמאָנענדיק זיך, אַז אזא קול, ווי ביי איר, הערט מען נישט אין ערגעץ, נישט ביי די, וואָס אין ים, און נישט ביי די, וואָס אויף דער יבשה. אָבער באלד דערנאָך האָט זי זיך ווייטער אָן דער אויפדערוואַסער־וועלט דערמאָנט און אין פרינץ אין שיינעם און ווייטער טרויערן גענומען דערויף, וואָס זי איז פון מענטשן ווייט און

מיט זייער לעבט לעבט זי נישט. און דאָס ים-טעכטערל האָט זיך אומבאַמערקט פון דעם זאַל אַרויסגערוקט און, בעת דאָרט האָט מען זיך געפרייט און שטאַרק פאַרטאַראַמט געווען, איז זי זיך שטיל אין איר סעדל אַריינגעגאַנגען או ביי אַ בײַט זיך אַוועקגעזעצט.

פון פּאַלאַץ האָבן זיך צו איר קולות און מוזיק געטראָגן און זי האָט זיך געטראַכט: אָט, שלאָפט ער זיך אויף אַ שיף אַצינד... ווי שיין ער איז, ווי ליב ער איז! כ'וואָלט דאָך מיין לעבן מפקיר געווען, כ'וואָלט זיך דאָך מיין גאַנץ חיות אָפּגעגעבן, אַבי מיט אים און מיט אַלע זייניקע צו לעבן, מיט זיי צו זיין, מיט זיי צו-נישט-ווערן. און דאָס טעכטערל האָט באַשלאָסן צו דער ים-מכשפה זיך אַוועקלאָזן. אפשר וועט זי איר אַן עצה געבן, אָדער אַזוי עפּעס אַרויסהעלפן. און בעת דאָ, אין פּאַלאַץ, האָט מען געטאַנצט און זיך משמח געווען, האָט זיך דאָס ים-טעכטערל פאַמעליך פון סעדל אַרויסגערוקט און שטיל צו די גרויסע וואַסער-שטראָמען און וואַסער-קאָכעניש, דאָרט, וואו די מכשפה וואוינט, זיך אַוועקגעלאָזט. קיינמאָל איז איר אויף דעם אָרט צו שווימען נישט אויסגעקומען. דאָרט איז קיין בלום און קיין גרעזל נישט געוואַקסן, נאָר הוילע זאַמד גרויע. דאָס וואַסער און דאָס וואַסער-קאָכעניש האָט געשריגן און גערוישט אַזוי, ווי דאָס וואַסער אונטער מיל-רעדער ערגעץ און האָט מיט זיך אין דער טיף אַריין אַלץ נאָר, וואָס עס האָט אויפן וועג באַגעגנט, געשלעפּט. דעם ים-טעכטערל איז אויסגעקומען צווישן אַזעלכע שטורעמדיקע וואַסערן צו שווימען. דערנאָך, נאָך דעם אָרט, דעם קאָכיקן, איז אויפן וועג צו דער מכשפה ערשט אַ גרויסער שטח, וואָס איז מיט הייסער זודיקער ים-בלאָטע געדעקט געווען, און אויפן עק פון אָט דעם שטח האָט זיך דער מכשפהס וואוינונג באַוויזן.

און אַרומגערינגלט איז די וואוינונג אירע מיט עפּעס אַ מין משונה-וועלדל געווען: אויפן אָרט פון ביימער און קוסטעס האָבן דאָרט פּאָליפּן — האַלבע באַשעפענישן און האַל-

בע־געוויקסן אַזוינע — געוואַקסן. די צווייגן פון די געוויקסן האָבן ווי לאַנגע גליטשיקע און ווי ווערים־אויסגעדרייטע פינגער אויסגעזען, זיי, די געוויקסן דאָרטן, האָבן אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט מיט די אברים זייערע צו באַוועגן, פון די וואָרצלען ביז די שפיצן זיך באַשטענדיק באַוועגט און געשאָקלט. און מיט די בויגיקע פינגער זייערע האָבן זיי אַלץ, וואס נאָר צו זיי איז אַריינגעפאַלן, געכאַפּט, און אַריינגעכאַפּט — האָבן זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל צוריק נישט ארויסגעלאָזט.

דאָס ים־טעכטערל האָט זיך, דערשראָקן, פאַר דעם אָרט אָפּגעשטעלט, דאָס הערצל אירס האָט פון שרעק צו טיאָכקען אָנגעהויבן, זי איז שוין גרייט געווען צוריק זיך אומקערן, נאָר באַלד האָט זי זיך אָן פרינץ דערמאָנט און אָן לעבן אייביקן, האָט זי זיך מיט מוט אָנגענומען, האָט זי שטאַרק אַרום קאָפּ אירע האָר פאַרבונדן אַזוי, אַז ס׳זאָלן זיי די געוויקסן נישט פאַרכאַפּן, האָט דערנאָך די הענט צו דער ברוסט צוגעדריקט און אַזוי און פישלדיק גרינג און שטיל דורך די געוויקסן יענע דורכגעשוואומען. זי האָט, דורכשווימענדיק, געזען, ווי מיט אייזערנע אַפּצווענגעס האָבן זיי מיט די פינגער אַלץ, וואָס איז אריין צו זיי, געהאַלטן: ווייסע מענטשן־סקעלעטן, סקעלעטן פון חיות, רודערס פון שיפן, קעסטעלעך אַלערליי און אויך אַ ים־טעכטערל איינע. די געוויקסן האָבן זיי אַריינגעכאַפּט און דערשטיקט. דאָס איז אַ שרעקליך בילד געווען.

נאָר אָט, האָט זי זיך אין וואַלד אויף אַ גליטשיק פעלדל אַזוינס זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט וואו ס׳האָבן זיך גרויסע, פעטע וואַסער־שלענג זיך געקייקלט און די גלאַטע, ליכטיקגעלע בייכער זייערע געוויזן. אין מיטן פעלדל איז אַ שטוב פון ווייסע מענטשן־ביינער געשטאַנען, און אין יענער שטוב איז אַליין די ים־מכשפה געזעסן און האָט פון מויל אַ זשאַבע געהאָדעוועט, אַזוי ווי מענטשן קאַנאַריקלעך מיט צוקער האָדעווען. די גלאַטע, פעטע שלענג אירע פלעגט זי „עופעלעך מיינע" רופן, און פלעגט זיי אויך דערלויבן בײַ זיך אויף דער ברוסט צו ליגן.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס נאָך וואָס דו ביסט געקומען, — האָט די מכשפה צום ים־טעכטערל געזאָגט, — נאַרישקייטן האָסטו פאַרטראַכט. דאָך וויל איך דיר, מיין שיינינקע, אויף דיין קעפּעלע, צו דיין אומגליק, העלפן. דו ווילסט דאָך אויפן אָרט פון דיין פיש־עק צוויי קוליעס באַקומען, כדי דו זאָלסט קאָנען ווי מענטשן אומגיין; ווילסט דאָך, אַז דער יונגער פּרינץ זאָל דיך ליב קריגן, כדי דו זאָלסט אַן אייביק־לעבנדי־קע נשמה באַקומען, אַ־יאָ?

און די מכשפה האָט זיך אַזוי הויך און עקלדיק צע־לאַכט, אַז די זשאַבעס און די שלענג זיינען איר מיט אַמאָל פון שויס אַראָפּגעפאַלן און האָבן זיך אויפן זאַמד צעצויגן.

— נו, גוט: ביסטו אין דער צייט געקומען, — האָט צו־געגעבן די מכשפה. — ווען זאָלסט געווען קומען מאָרגן אינ־דערפרי, וואָלט שוין שפּעט געווען און דו וואָלסט שוין אויף הילף אַ קיילעכיק יאָר געמוזט וואַרטן. און איצט, וועל איך דיר באַלד אַ מין געטראַנק אַזאַ צוגרייטן, וועסטו עס נעמען, דערמיט צום ברעג נאָך איידער די זון וועט אויפגיין צושווי־מען, וועסטו זיך אַוועקזעצן און ביזן לעצטן טראָפּן אויסטרינ־קען. דעמאָלט וועט זיך דיר דיין עק אויף צווייען שפּאַלטן און אין אַ פּאָר וואונדער־שיינע מענטשן־פיסלעך זיך פאַרוואַנד־לען. נאָר ס׳וועט דיר אָבער אַזוי ווי טאָן, גלייך ווי מ׳זאָל דיך דורך־און־דורך מיט אַ שאַרפן מעסער דורכשטעכן. דערפאַר אָבער וועלן אַלע, וואָס וועלן דיך דערזען, זאָגן: אַז אַזאַ שיינקייט ווי דו, האָבן זיי נאָך נישט געזען. ביי דיר וועט פון איצט דיין לופטיק און שוועבנדיק גענגעלע פאַרבלייבן — קיין טענצערין אין דער וועלט וועט זיך מיט דיר נישט פאַרגלייכן, נאָר געדענק, אַז גייענדיק וועסטו אַזוי ווי אויף שאַרפע שווערדן טרעטן און די פיס דיינע וועסטו ביז בלוט פאַרוואונדן. באַשטייסט? באַגערסט מיין הילף?

— יאָ, — האָט מיט אַ ציטעריק קול דאָס ים־טעכטערל געזאָגט, פונם פּרינץ און פון דער אייביק־לעבנדיקער נשמה אַ טראַכט געבנדיק.

— געדענק־זשע, — האָט די מכשפה געזאָגט, — אַז אויב דו וועסט דאָס מענטשליכע אויסזען אָננעמען, וועסטו שוין צוריק קיין ים־מיידל נישט ווערן. קיינמאָל וועסטו שוין דעם ים־גרונט נישט זען, נישט די שטוב דעם טאַטנס, נישט די שוועסטער דיינע. און אויב דער פּרינץ וועט דיך נישט אַזוי ליב קריגן, אַז ער זאָל זיין פאָטער און מוטער פאַרגעסן, און אויב ער וועט זיך דיר נישט איבערגעבן מיטן גאַנצן האַרצן און וועט מיט דיר קיין חופּה ניט שטעלן, וועסטו דאַן קיין אייביק־לעבנדיקע נשמה אויך נישט באַקומען. מיטן ערשטן־זשע שאריען אויף טאָג, נאָך דעם, ווי דער פּרינץ וועט מיט אַן אַנדערער חתונה האָבן, וועט זיך דיין האַרץ אויף שטיקער צערייסן און פון דיר וועט מער ניט, ווי ים־שוים ווערן.

— זאָל זיין! — האָט דאָס ים־טעכטערל אַ זאָג געטאָן און, ווי דער טויט, בלאַס געוואָרן.

— כאַפּ נישט: דו דאַרפסט נאָך פאַר מיין הילף באַצאָלן — האָט געזאָגט די מכשפה, — און איך וועל ביליג נישט נעמען. ביי דיר איז אַ וואונדער־שיינע שטים פאַראַן, דאַרפסטו זי מיר פאַר מיין הילף געבן, פאַר מיין טייערסטן געטראַנק וויל איך דאָס טייערסטע, וואָס דו פאַרמאָגסט נאָר, נעמען. באַדאַרפסט וויסן, אַז צו דעם געטראַנק דאַרף איך מיין אייגן בלוט צו־מישן, כדי עס זאָל שאַרף, ווי די שאַרף פון אַ מעסער ווערן.

— אַז דו וועסט מיין שטים צונעמען, וואָס־זשע וועט מיר בלייבן? — האָט ביי דער מכשפה דאָס ים־טעכטערל גע־פרעגט.

— דיין שיין פנימל, דיין שוועבנדיק גענגעלע און דיינע רעדנדיקע אויגעלעך — געדענק־זשע, דו זאָלסט קיין מורא נישט האָבן: וועסט נאָר דאָס צינגעלע אַרויסשטעקן און איך וועל עס אָפּשניידן.

— גוט, — האָט געזאָגט דאָס ים־מיידל, — און די כשוף־מאכערין האָט צום פייער עפּעס אַ קעסעלע צוגעשטעלט דאָס געטראַנק אָפּצוקאָכן.

— ריין איז שיין, — האָט זיך בעת צושטעלן די מכשפה

געווערטלט, און דאָס קעסעלע מיט אַ לעבעדיק בינטל שלענג אויסגעווישט, דערנאָך מיט די נעגל זיך אין דער ברוסט אַ דראַפּע געטאָן: האָט אין קעסעלע איר שוואַרץ בלוט אַריינגעקאַפּעט, האָבן באַלד פֿון דאָרט גאַנצע דעמף־וואָלקנס אַרויסגעזעצט און האָבן אַזוינע משונה־מאָדנע געשטאַלטן אָנגענומען, אַז ס׳איז אַ שרעק געווען אַ קוק צו טאָן אויף זיי. די כּשוף־מאַכערין האָט אַלע מאָל אַלץ נייע און נייע קרייטעכצער אין קעסעלע אַריינגעוואָרפֿן און אַז דאָס געטראַנק האָט פֿאַרזאָטן, האָט זיך פֿון דאָרט ווי אַ געוויין פֿון אַ קראָקאָדיל דערהערט. לסוף, און אַז ס׳איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט עס גאָר ווי לויטערע, אמתע און קוואַלנדיקע ברונים־וואַסער אויסגעזען.

— אָט, נעם, — האָט געזאָגט די מכשפֿה, דאָס געטראַנק דעם ים־טעכטערל אָפּגעבנדיק, דערנאָך האָט זי איר דעם צונג אָפּגעשניטן און דאָס אומגליקליכע ים־טעכטערל איז פֿון דעמאָלט שטום געבליבן, נישט צו זינגען און נישט צו רעדן.

— אויב די פּאָליפּן וועלן דיך אַריינכאַפּן צוריקשווימענדיק, — האָט געזאָגט די מכשפֿה, — גיב אויף זיי אַ שפּריץ אַ פּאָר טראָפּנס פֿון אָט דעם געטראַנק, וועלן ביי זיי די הענט מיט די פֿיס אויף טויזנט שטיקלעך צעפֿאַלן ווערן. דאָס ים־טעכטערל איז אָבער דערצו נישט אָנגעקומען: די פּאָליפּן האָבן איר מיט שרעק און מיט ציטערניש דעם וועג אָפּגעטראָטן, ווי נאָר זיי האָבן אין די הענט ביי איר דאָס בלישטשענדיקע געטראַנק דערזען. איז זי אויף גיך דעם וואַלד דורכגעשוואומען, די ים־בלאָטע און אַלע ערטער פֿון די רוישנדיקע וואַסער־קאָכענישן.

און אָט איז זי צו איר פֿאָטערס פּאַלאַץ צוגעקומען. די פֿייערן אין טאַנץ־זאַל זיינען שוין אויסגעלאָשן געווען. אַלע זיינען שוין געשלאָפֿן. און זי האָט שוין די העזה נישט געהאַט אויף איניוייניק אַריינצוגיין: זי האָט זיך דאָך געגרייט דעם פֿאָטערס הויז אויף אייביק צו פֿאַרלאָזן. דאָס האַרץ איז איר פֿון בענקען און פֿון טרויער אויסגעגאַנגען. איז זי זיך צוריק אין סעדל אַריינגעשוואומען, האָט פֿון די בייטן פֿון

אַלע שוועסטער צו איינע בלימעלעך געוומען, האָט אירע איי־געגע אַלע מיט דער האַנט טויזנט קושן אָפּגעשיקט און דער־נאָך אויפן טונקל־בלויען ים־וואַסער זיך אויפגעהויבן.

די זון איז נאָך נישט געהאַט אויפגעגאַנגען, ווען זי האָט דעם פּרינצס פּאַלאַץ דערזען, האָט זי זיך דאָרט אויף אַ פּרעכטיקן מירמלשטיינערנעם גאַניק צוגעזעצט. די לבנה האָט זי מיט איר וואונדערליכער בלויער אָפּשיין באַלויכטן. האָט זי דאָס לויטערע, בלישטשענדיקע געטראַנק אויסגעטרונקען, און געדאַכט האָט זיך איר באַלד נאָכן אויסטרינקען גלייך, ווי מ׳האָט זי מיט אַ צווייִשאַרפיקן מעסער דורכגעשניטן. איז זי באַלד חלשות געבליבן און ווי אַ טויטע אַנידערגעפאַלן.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אויפן ים שוין די זון געשיינט. אין גאַנצן קערפּער האָט זי אַ שרעקליכן ווייטאָק געפילט, דערפאַר אָבער איז פאַר איר דער שיינער פּרינץ געשטאַנען און אויף איר מיט זיינע שוואַרצע שיינע אויגן געקוקט. דאָס ים־טעכטערל האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט. און דערזען האָט זי, אַז אויפן אָרט פונם פיש־עק ביי איר געווע־זענעם, זיינען איצט ביי איר צוויי וואונדער־שיינע, ווייסינקע און קליינינקע און קינדערשע פיסעלעך געווען... האָט זי דער פּרינץ אַ פרעג געטאָן: ווער זי איז און וואָס זי טוט דאָ, האָט זי אויף אים אַ פּאָר אומשולדיקע און ווי גאָרנישט־וויסנ־דיקע אויגן אָנגעשטעלט און אויף אים געקוקט: ווייל רעדן האָט זי דאָך נישט געקאָנט. האָט זי דער פּרינץ פאַר אַ האַנט דאַן אָנגענומען און אין פּאַלאַץ אַריין אָפּגעפירט. די כשוף־מאַכערין האָט פּאָראויסגעזען: יעדער טריט, וואָס דאָס ים־טעכטערל האָט געגעבן, איז איר גלייך געווען, ווי זי וואָלט אויף שאַרפע מעסערס און נאָדלען געטראָטן. נאָר זי האָט אָבער געדולדיק דעם ווייטאָק געליטן און אינאיינעם מיטן פּרינץ אַ גרינגע און אַ לופטיקע אויפן וועג געגאַנגען.

האָט מען באַלד דאָס ים־טעכטערל אין זייד און אין סאַמעט אָנגעטאָן, און אין מלכס פּאַלאַץ געלאָזט. האָט זי גע־זען: זיינען שקלאַפינס, אין גאָלד און אין זיידנס אָנגעטאָן,

פאַרן פרינץ און פאַר זיינע עלטערן — דעם מלך מיט דער מלכּה — געקומען, און זינגען אָנגעהויבן. איינע פון זיי האָט זיך מיטן זינגען אירן אויסגעצייכנט, און דער פרינץ האָט איר געפּליעסקעט און איר צוגעשמייכלט. איז דעם ים־טעכטערל אויפן האַרצן זעהר טרויעריק געוואָרן: אַמאָל האָט זי דאָך אויך זינגען געקאָנט, און אָן אַן ערך בעסער פון דער — אַך, ווען דער פרינץ זאָל וויסן, אַז דאָס האָט זי צוליב אים אויף אייביק איר קול פאַרלאָרן.

האָט דערנאָך אַוואונדער־שיינע מוזיק געשפּילט און די דינסטן דעם מלכס האָבן טאַנצן אָנגעהויבן. דאָ האָט שוין אויך דאָס ים־טעכטערל אירע ווייסע־שיינע הענטלעך אויפגעהויבן, האָט זיך ווי אויף די שפּיץ־פינגער אַ שטעל געטאָן, און אין אַ גרינגן און לופטיקן טאַנץ זיך אַוועקגעלאָזט: אַוועק, אַוועק, יעדע באַוועגונג אירע האָט איר חן און שיינקייט געמערט, אירע אויגן אַליין האָבן געזאָגט אַ סך מער, ווי דאָס זינגען פון די דינסטן אַלע.

אַלע זיינען אומגעהויער צופרידן און אויפגעלייגט געוועזן, באַזונדערס דער פרינץ, וואָס האָט דאָס ים־טעכטערל „מיין מציאהלע" גערופן, און דאָס ים טעכטערל האָט אַלץ געטאַנצט און געטאַנצט, הגם יעדעס מאָל, וואָס זי האָט אַ פוס אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט, האָט איר אַזוי ווי געטאָן, גלייך ווי זי וואָלט אים אויף שאַרפע מעסערס שטעלן. האָט דער פרינץ געוואָלט, אַז זי זאָל אויף באַשטענדיק שוין נעבן אים בלייבן. און דעם ים־טעכטערל איז דערלויבט געוואָרן אויף אַ סאַמעטן קישעלע נעבן דער טיר פונם פרינצס חדר שלאָפן.

האָט איר דער פרינץ אַ רייט־קלייד אויפנייען געהייסן, כּדי זי זאָל אים אויך אין זיינע רייט־שפּאַצירן באַגלייטן. פלעגן זיי — דער פרינץ מיטן ים־טעכטערל — דורך די שמעקנדיקע וועלדער רייטן דאָרט, וואו צווישן די גרינע בלעטער האָבן פויגל׳ן געזונגען און די גרינע ביימער־צווייגן האָבן זיי ווען זיי זיינען דורכגעפאָרן, אין די פּלייצעס געשמיסן. האָבן זיי זיך אויף די הויכע בערג אויפגעהויבן, און, הגם

פון די פיס פון ים־טעכטערל האָט דאָס בלוט גערונען, האָט זי דאָך געלאַכט און ווייטער דעם פרינץ אויף די העכסטע הויכן נאָכגעגאַנגען. דאָרט, אויף די בערג, האָבן זיי, אויף די וואָלקנס קוקנדיק, פאַרגעניגן געהאַט, אויף די וואָל־קנס, וואָס זיינען ביי זיי צופוסנס, ווי מחנות פויגלען גע־פלויגן.

ווען זיי פלעגן אָבער אינדערהיים בלייבן, פלעגט דאָס ים־טעכטערל אין די ביינאַכטן צום ים־ברעג זיך אַראָפּלאָזן, האָט אירע פיס, וואָס האָבן ווי אין העליש־פייער געברענט, אין וואַסער אַריינגעלאָזט און בעת מעשה פון איר פאָטערס הויז און פון דעם גרונט פון ים טראַכטן.

איינמאָל ביינאַכט זיינען אירע שוועסטער, האַנט ביי האַנט זיך האַלטנדיק, אויפן ים אַרויפגעשוואומען און אַ טרוי־ער־ליד געזונגען. האָט זי זיי אַ וואונק געטאָן, האָבן זיי זי דערקענט, דאָס ים־טעכטערל, זיינען זיי צוגעקומען און איר דערציילט, וואָס פאַר אַ יסורים זי האָט זיי אָנגעטאָן. פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי אַלע נאַכט צו איר געוואָר ווערן קו־מען, און איינמאָל האָט זי פונדערווייטנס אויך איר אַלטע באָבע דערזען, און אויך אַליין דעם פאָטער אירן, דעם ים־מלך מיט דער קרוין אויפן קאָפּ. זיי האָבן צו איר די הענט אויסגעשטרעקט און געווינקען, אָבער איינשטעלן זיך נאָנט צו דער יבשה צושווימען האָבן זיי זיך נישט איינגעשטעלט.

און פון טאָג אויף טאָג האָט זיך דער פרינץ אַלץ מער און מער צו דעם ים־טעכטערל צוגעלאָזט. ער האָט זי, ווי אַ גוט ליב־קינד, ליב געהאַט, אָבער פאַר אַ ווייב זי נעמען, פאַר איר חתונה האָבן און זי זאָל אים אַ מלכה זיין, איז אים אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען. און דאָס ים־טעכטערל האָט דאָך געמוזט ווערן ער זאָל פאַר איר חתונה האָבן, וואָ־רים אויב נישט, קאָן זי דאָך קיין אייביק־לעבנדיקע נשמה ניט באַקומען, און אויב ער וועט מיט אַ פרעמדער חתונה האָבן, וועט דאָך פון איר אויפן אַנדערן טאָג ים־שוים ווערן.

—האָסט מיך ליב מער פון אַלץ אין דער וועלט?—האָט זיך גע־

דאַכט ווי דאָס ים־טעכטערל האָט שטומערהייט ביים פּרינץ געפרעגט.

— יאָ, כ׳האָב דיך ליב, — האָט דער פּרינץ געענטפערט, — דערפאַר, וואָס דו האָסט אַ גוט האַרץ, דערפאַר, וואָס דו ביסט מיר איבערגעגעבן מער פון אַלע, און אויך דערפאַר, וואָס דו ביסט ענליך צו דעם מיידל, וואָס איך האָב איינמאָל געזען און וועל געוויס שוין מער נישט זען: איך בין אַמאָל אויף אַ שיף געפאָרן, איז די שיף צעבראָכן געוואָרן, האָבן די כוואַליעס מיך אויף אַ ברעג אַרויסגעוואָרפן נעבן איינעם אַ גאַסט־הויז אַ וואונדערליכן, דאָרט וואו יונגע מיידלעך גאָט דינען, האָט מיך אויפן ברעג סאַמע די יונגסטע געפונען און מיר מיין לעבן געראַטעוועט. געזען האָב איך זי סך־הכּל צוויי מאָל, אָבער נאָר זי איינע אין דער גאַנצער וועלט וואָלט איך ליב האָבן געקאָנט. נאָר דו ביסט ענליך צו איר און דו האָסט מיך אין איר פאַרגעסן געמאַכט. יענע קער צו גאָט און צו באַדינען אים, האָט מיר מיין מזל אויף יענערס אָרט דיך, מיין ליבע, צוגעשיקט. קיינמאָל, קיינמאָל וועלן מיר זיך ניט צעשיידן.

— וויי, וויי, — האָט געטראַכט דאָס ים־טעכטערל, — ער ווייסט דאָך ניט, אַז דאָס האָב איך אים דאָס לעבן געראַטעוועט, דאָס האָב איך אים פון די ים־כוואַליעס אויפן ברעג אַרויסגעטראָגן, האָב אים אין וועלדל, דאָרט וואו דאָס גאָט־הויז, אַוועקגעלייגט און אַליין אין ים־שוים זיך באַהאַלטן און געוואַרט, טאָמער וועט עמיצער אויף הילף קומען... און דאָס ים־טעכטערל האָט טיף־טיף אָפּגעזיפצט: וויינען האָט זי נישט געקאָנט. און דאָס ים־מיידעלע האָט זיך געטרייסט. יענץ מיידל אָבער האָט זיך גאָט און זיין דינסט איבערגעגעבן, זי וועט דאָך קיינמאָל, קיינמאל אין דער וועלט און צו מענטשן נישט קומען, און זיי — דער פּרינץ מיט איר — וועלן זיך קיינמאל נישט באַגעגענען. איך אָבער געפין זיך כּסדר נעבן אים, זע אים אַלע טאָג, קאָן ארום אים ארומגיין, אים ליב האָבן און דאָס לעבן אים אָפּגעבן.

האָט מען אָבער באַלד רעדן אנגעהויבן, אַז דער פּרינץ האָט פאַרן נאָנטסטן מלכּס שיינע טאָכטער חתונה, און דערויף

גרייט מען די גרויסאַרטיק־שיינע שיף זיינע צום אָפּשווימען צו: דער פּרינץ וועט פאָרן צום מלך צום נאָנטן, אויף כּלומרשט מיטן לאַנד מיט זיינעם זיך באַקענען, אין דער אמתן אבער די פּרינצעסין, די טאָכטער זיינע, אָנקוקן. מיטן פּרינץ וועט אויך אַ גרויסע האַרן־סוויטע פאָרן. דאָס ים־טעכ־טערל האט פון אַלע רייד געלאַכט, ווייל זי האָט דאָך בעסער געוואוסט, וואָס דער פּרינץ טראַכט.

— מע דאַרף פאָרן, — האָט ער איר געזאָגט, — איך וועל אויף דער פּרינצעסין נאָר אַ קוק טאָן. דאָס פאָדערן פון מיר די עלטערן מיינע, אָבער נויטן חתונה האָבן מיט איר וועלן זיי מיך ניט. איך אַליין וועל זי דאָך קיינמאָל נישט ליב האָבן, זי איז דאָך נישט ענליך צו דעם מיידל, צו וועלכער דו ביסט ענליך. אויב־זשע מיר וועט, סוף־כּל־סוף, אויסקומען זיך אַ כּלה אויסקלייבן, וועל איך גיכער פון אַלע דיך, מיין טייערע, געפונענע, מיט די רעדנדיקע אויגעלעך, אויסקלייבן. און דער פּרינץ האָט דאָס ים־טעכטערל אין שטערן אַ קוש געטאָן און זיין קאָפּ צו איר האַרצן צוגעלייגט, דאָרט וואו איר האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט און מענטשליך לעבן און מענטשליך אייביק־לעבן באַגערט.

— דו, מיין שטום ברויזעלע, האָסט דאָך פאָרן ים קיין מורא נישט, — האָט דער פּרינץ צום ים־טעכטערל געזאָגט, ווען זיי זיינען שוין אויף דער גרויסאַרטיק־פּאַרפּוצטער שיף, וואָס האָט זיי אין דעם נאָנטן מלכס גיטער אָפּפירן געזאָלט, געשטאַנען.

און דער פּרינץ האָט דעם טעכטערל פון ים־שטורעמס און ים־שטילשטאַנדן דערציילט, פון פאַרשיידענע פישן, וואָס אין ים־טיף לעבן, און פון די וואונדער, וואָס די וואַסער־זוכער זעען. און זי, דאָס ים־טעכטערל, האָט די מעשיות זיינע הערנדיק, געשמייכלט און גוט געשמייכלט: — זי האָט דאָך בעסער, וואָס אין ים טוט זיך, געוואוסט.

און אין אַ קלאָרער לבנה־נאַכט, ווען אַלע מענטשן אויף דער שיף, אויסער דעם רודערמאַן, זיינען שוין געשלאָפן, האָט

זיך דאָס ים־טעכטערל סאַמע בײַ דער פאָרענטשע פון דער שיף אַוועקגעזעצט און אין די קלאָרע דורכזיכטיקע כוואַליעס זיך אײַנקוקן גענומען. און אָט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האט איר פאָטערס ים־פּאַלאַץ דערזען, די אַלטע באַבע אירע איז אויפן שפּיץ דאַך געשטאַנען און דורך די כוואַליענדיקע וואַסער־שטראָמען אויף דער אונטערדעק פון שיף געקוקט. דערנאָך זײַנען אויפן ים־אויבערפלאַך אירע שוועסטער אַרויס־געשוואומען. זיי האָבן טרויעריק אויף איר געקוקט און די ווײַסע הענט זיך געבראָכן, און זי האט צו זיי מיטן קאָפּ גע־מאכט, זיי געשמייכלט און זיי דערציילן געוואָלט, ווי גוט ס'איז איר. איז אָבער אין דער רגע צו איר דער שיף־יונג צוגעגאַנגען, און די שוועסטער אירע זײַנען אין וואַסער אַראָפּ. דער יונג אבער האָט געמיינט, אז דאס האט אין וואַסער דער ים־שוים אַ שווינדל געטאָן.

אינדערפרי איז די שיף אין אַ רײַכן האַפן פון דער הויפּט־שטאָט פון נאָנטסטן קעניגרײַך אַרײַנגעגאַן. האט מען אין שטאָט אין די גלעקער קלינגען אנגעהויבן. פון די הויכע טורעמס האָבן זיך קולות פון שופרות דערהערט. אויף די שטאט־פּלעצער האָבן זיך סאלדאטן מיט בלישטשענדיקע שפּיזן און פענדלדיקע פאנען קלייבן אנגעהויבן. ס'האבן זיך אָנגע־הויבן שמחות איבער שמחות און בעלער אויף בעלער, נאָר די פּרינצעסין איז נאך נישט געווען. זי האט זיך ערגעץ ווײַט אין אַ נזירים־הויז דערצויגן, וואוהין מ'האט זי אָפּגעגעבן אויף מלוכה־מנהגים, מדות און דרך־ארץ זיך לערנען. לסוף איז אויך די פּרינצעסין געקומען.

האט זיך דאס ים־טעכטערל שטאַרק אין דער פּרינצעסין אײַנגעקוקט און מודה זײַן האט זי זיך געמוזט, אַז קיין שענער און ליבער פּנים, ווי בײַ איר, האט זי נאך קיינמאל נישט געזען. די הויט אויף איר פּנים איז געווען אַזאַ איי־דעלע און דורכזיכטיקע און פון די לאנגע טונקעלע וויעס אירע האָבן אַ פּאָר טונקל־בלויע און גוטמוטיקע אויגן געשמייכלט.

— דאס ביסטו, — האט דער פּרינץ געזאגט, — דאס

האסטו מיר דאס לעבן געראטעוועט, ווען איך בין שוין כמעט אַ טויטער אויפן ברעג פון ים געלעגן. — און ער האט שטארק צום הארצן זיין כלה צוגעדריקט.

— איך בין אַזוי גליקליך! — האט דער פרינץ דעם ים־טעכטערל אַ זאג געטאן, — דאס, וועגן וואס איך האב אפילו נישט געקאָנט טראַכטן, איז איצט מקוים געוואָרן! אַ־יאָ, ס'פרייט דיך? דו האסט דאך מיך אַזוי ליב!

דאס ים־טעכטערל האט אים אין דער האנט אריין אַ קוש געטאן און ס'האט זיך איר געדאכט, אַז אט־אט וועט איר דאס הארץ פאר ווייטאק פּלאצן: זיין חתונה וועט דאך דער טויט אירער זיין, זי וועט דאך באלד אין ים־שוים פארוואַנדלט ווערן.

און, אָט איז די חתונה געקומען. די גלעקער אין די קלויסטערס האָבן געקלונגען, איבער די גאַסן זיינען העראָלדן אַרומגעגאַן און דעם פאָלק וועגן דעם קנס־מאָל דער פרינצע־סינס מודיע געווען. פון די דעמף־פושקעלעך פון די גלחים האָט זיך שמעקנדיקער רויך פון ווייהרויך געררויכערט, חתן־כלה האָבן איינס דאָס אַנדערע די הענט געגעבן און פון דעם עלטסטן גלח זיין ברכה באקומען.

דאָס ים־טעכטערל איז געשטאַנען אין זייד און אין גאָלד פאַרפּוצט און האָט געהאַלטן דעם שלעפּ פון דער כלה, נאָר די אויערן אירע האָבן די פרייד־מוזיק נישט געהערט, די אויגן האָבן די פייערדיקע צערעמאָניע נישט געזען; זי האָט וועגן איר לעצטער שעה שוין געטראַכט.

אין דעם אויפדערנאַכט האָבן חתן־כלה צום פרינץ אין לאַנד געדאַרפט אָפּשווימען. האָבן אין זייער כבוד האַרמאַטן געשאָסן, האָבן פענדלעך זיך געפענדלט. אויפן שיף איז אַ רייך געצעלט פון פורפור און גאָלד געווען אויסגעשפּרייט און אין געצעלט זיינען חתן־כלה געזעסן.

דער ווינט האָט די זעגלען אָנגעבלאָזן און די שיף איז גרינג און נישט געהוידעט גלייך איר וועג איבער די כוואַל־יעס זיך געגאַנגען.

אַז ס׳איז פינסטער געוואָרן, האָבן זיך אויפן שיף הונדערטערליי פאַרשיידנפאַרביקע לאַמטערנדלעך אָנגעצונדן, און די מאַטראָסן האָבן טאַנצן אנגעהויבן. דאָס ים-טעכטערל האָט זיך אין דער ערשטער שיף-שמחה דערמאָנט, די שמחה, וואָס זי האָט געזען אין דעם טאָג, ווען זי איז צום ערשטן מאָל אויפן אויבערפלאַך פון ים אַרויפגעשוואומען; — האָט זי זיך דערמאָנט — און האָט זיך אין אַ גרינגן, לופטיקן און שרעקליך-גיכן טאַנץ אוועקגעלאָזט, און אויסגעזען האָט זי אין פליען דאַן אין גיכן, פונקט ווי עפּעס אַ שוועלבעלע פון אַ שפּאַרבער נאָכגעיאָגט. אַלע זיינען אַנטציקט און אויסער-זיך פאַר פרייד געווען: אַזוי וואונדערליך האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געטאַנצט. די איידעלע פיסלעך אירע האָט עס ווי מיט אַ מעסער געשניטן, נאָר זי האָט דעם פוס-ווייטאַק נישט געפילט, ווייל דאָס האַרץ אירס האָט איר נאָך מער וויי געטאָן. נאָר איין אויפדערנאַכט איז דאָך איר נאָר געבליבן אויף אינאיינעם צו זיין מיט דעם, צוליב וועלכן זי האָט אירע עלטערן, אַלע אייגענע און דעם פּאָטערס הויז-געזינט פאַרלאָזט, דאָס וואונדערליכע קול אירס אָפּגעבן, און אַזוי פיל טעג אָן אַ ברעג און אָן אַ מאָס יסורים געליטן. נאָר איין נאַכט איז דאָך איר איבערגעבליבן מיט אים איין לופט צו עטעמען, דעם בלויען ים און דעם אויסגעשטערנטן הימל צו זען און דאַן שוין אין דער אייביקער נאַכט צו פאַרשוואונדן ווערן, אין דער נאַכט אָן געדאַנקען און אָן חלומות...

ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך אויפן שיף די טענץ און מוזיק פאַרלענגערט, און דאָס ים-טעכטערל האָט געלאַכט און מיט טויט-שמערץ געטאַנצט. דער פּרינץ אָבער האָט מיט זיין שיינער כּלה אויפן שיף-דעק פאַרבראַכט. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט צווישן זיך גערעדט, דערנאָך האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע די הענט געגעבן און אין זייער פּרעכטיקן געצעלט זיך אַוועקגעגאַנגען.

אויפן שיף איז שטיל געוואָרן. אַליין דער שטורמאַן נאָר איז ביים רודער געבליבן. דאָס ים-טעכטערל האָט זיך

דאַן מיט די הענט אויף דער שיף=פאָרענטשע אָנגעשפּאַרט, דאָס פּנים צום מזרח אויסגעדרייט, און אויפן ערשטן זונענשטראַל וואַרטן גענומען; אויף דעם שטראַל, וואָס, ווי זי האט שוין געוואוסט, וועט איר דעם טויט ברענגען. און פּלוצים האָט זי אויפן ים אירע שוועסטער דערזען. זיי זיינען אויך אַזוי ווי זי בלאַס געווען. נאָר זייערע לאַנגע, שיינע, געדיכטע האָר האָבן זיך אויפן ווינט נישט געוויט: — זיי זיינען אָפּגעשניטן געווען.

— מיר האָבן אונזערע האָר דער מכשפה אָפּגעגעבן, אַבי זי זאָל אונז העלפן דיך פון טויט צו ראַטעווען. זי האָט אונז אָט דעם מעסער געגעבן. זעסט, וואָס פאַר אַ שאַרפער ער איז! איידער די זון וועט אויפגיין, דאַרפסטו אים דעם פּרינץ אין האַרצן אַריינשטעכן, און ווען דאָס הייסע בלוט זיינס וועט אויף דיינע פיס דיר אַ שפּריץ=טאָן, וועלן זיי זיך ווייטער אין אַ פיש=עק צונויפגיין, וועסטו ווייטער אַ ים=טאָכטער ווערן, וועסט זיך צו אונז אין ים אַראָפּלאָזן, וועסט, ווי אַלע אונזערע, דריי הונדערט יאָר אָפּלעבן,

איידער דו וועסט געזאַלצענע ים=שוים ווערן. אויף גיך, שוועסטער! אָדער ער, אָדער דו! איינער פון אייך דאַרף ביזן זון=אויפגיין שטאַרבן. גיכער=זשע, שוועסטער! דו זעסט

ווי אין הימל־עק האָט זיך אַ רויט־פּאַסעקל באַוויזן. באַלד וועט די זון אויפגיין! — און מיט די לעצטע ווערטער האָבן זיי טיף־טיף אָפּגעזיפצט, די שוועסטער, און אין ים אַריין געזונקען.

דאָס ים־טעכטערל האָט דעם פּורפּור־פאָרהאַנג פונם פּרינץ־געצעלט אויפגעהויבן און דערזען: דער פּרינץ מיט דער פּרינ־צעסין זיינען זיך יעדער אויף זיין געלעגער געלעגן. איז דאָס ים־טעכטערל צום פּרינץ צוגעגאַן, שטיל אים אויף זיין שטערן אַ קוש געטאָן, דערנאָך אויפן הימל אַ קוק געגעבן, דאָרט וואו דער מאָרגן־רויט האָט זיך שוין צעברענט, דערנאָך האָט זי אויפן שאַרפן מעסער אַ קוק געטאָן און נאָך־אַמאָל אויפן פּרינץ אויפן שלאָפנדיקן, און דאַן — און אין דער האַנט ביי איר האָט זיך דאָס מעסער אַ ריר געטאָן... נאָך אַ מינוט — און דאָס ים־טעכטערל האָט אים אין די ים־כוואַליעס אַ וואָרף געטאָן, וואָס זיינען באַלד פון וואָרף פון מעסער, רויט און ווי פון בלוט־געפאַרבט געוואָרן. נאָך־אַמאָל האָט דעמאָלט דאָס ים־טעכטערל אויפן פּרינץ אַ קוק געטאָן און באַלד נאָך דעם זיך אין ים אַריינגעוואָרפן און, אַריינפאַלנדיק, געפילט, ווי דער קערפּער אירער הויבט אָן פּאַמעליך־פּאַמעליך אין ים־שוים איבערגיין.

אויפן ים איז די זון אויפגעגאַנ אירע שטראַלן האָבן דעם קאַלטן ים־שוים אָנגעוואַרימט, און דאָס ים־טעכטערל האָט דעם טויט נישט געפילט: זי האָט נאָר אַ ליכטיקע זון געזען און עפּעס דורכזיכטיקע און וואונדערליכע לופט־באַשעפענישן אַזוינע, וואָס האָבן הונדערטער אין דערלופט און אַרום דער־לופט אַרומגעשוועבט. ביי די באַשעפענישן יענע זיינען קיין פליגלען נישט געווען און אין דערלופט האָבן זיי זיך גע־טראָגן נאָר אַ דאַנק דער גרינגקייט און דער לופטיקייט זייערער. און דאָס ים־טעכטערל האָט דערזען, אַז ביי איר איז אויך אַזאַ מין קערפּער, ווי ביי זיי, און, אַז זי טיילט זיך אויך שוין אַלץ מער און מער פון דעם ים־שוים אָפּ.

— צו וועמען גיי איך עס? — האָט דאָס ים־טעכטערל, אין דערלופט זיך אויפהויבנדיק, געפרעגט, און איר קול האָט מיט אַ וואונדערליכער און לופטיקער מוזיק געקלונגען.

— צו די לופט=טעכטער! צו די אייביק=לעבנדיקע לופט=טעכטער! — האָבן איר די באַשעפעניש גענטפערט. די ים=טעכטער האָבן קיין אייביק לעבן נישט און קאָנען דאָס אַנ=דערש נישט באַקומען, סיידן, אַז אַ מענטש זאָל זיי ליב קריגן. זייער אייביק=לעבן איז פון פרעמדנס ווילן אָפּהענגיק: וויל יענער — איז גוט, ניט — ניט. די לופט=טעכטער האָבן אויך קיין אייביק=לעבן נישט, אָבער זיי קאָנען עס אַליין באַקומען דורך מעשים=טובים. אָט, למשל, קומען מיר אין די הייסע לענדער אַריין צו פליען, דאָרט וואו מענטשן גייען אויס פון היץ און פון לופט פארפעסטעטער, הויבן מיר מיט קילן אָן צו בלאָזן. מיר צעשפרייטן אין דערלופט בלומען=ריחות און מיר ברענגען די מענטשן מיט זיך אַ היילונג און פאַרגעניגן. און אַז ס׳ענדיקן זיך די דריי הונדערט יאָר, אין וועלכע מיר האַלטן אין איין נאָר טאָן און גוטס טאָן, באַקומען מיר אַלס שכר אַן אייביק=לעבנדיקע נשמה. דו, אָרים ים=טעכטערל, האָסט דאָך מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט צו דעם, וואָס מיר. דו האָסט ליב געהאַט און יסורים געהאַט, הויב=זשע זיך אויף אינאיינעם מיט אונז אין דער איבער=וואָלקן=וועלט. איצט קאָנ=סטו אַליין אַן אייביק=לעבנדיקע נשמה באַקומען.

און דאָס ים=טעכטערל האָט אירע דורכזיכטיקע הענט צו גאָטס ליבער זון אויסגעשטרעקט און צום ערשטן מאָל האָט זי ביי זיך אין די אויגן טרערן דערפילט.

אויפן שיף האָט פאַר דער צייט שוין אַלץ צוריק צום טאָג אויפגעלעבט, און דאָס ים=טעכטערל האָט געזען, ווי דער פרינץ מיט דער פרינצעסין דאָרט זוכן זי. טרויעריק האָבן זיי אויפן כוואַליענדיקן ים=שוים געקוקט, גלייך ווי זיי וואָלטן גע=וואוסט, אַז דאָס ים=טעכטערל האָט זיך אין די כוואַליעס אַריינ=געוואָרפן. נישט=באַמערקט האָט דאָס ים=טעכטערל די פרינצעסין אין שטערן אַ קוש געטאָן, דעם פרינץ אַ שמייכל געגעבן, און אינאיינעם מיט אַלע איבעריקע לופט=קינדער צו די ראָזע וואָלקנס, וואָס זיינען אין הימלען געשוואומען, זיך אויפ=געהויבן.

— אין דריי הונדערט יאָר וועלן מיר אַזוי אַרום צום הימל־מלכות זיך דערהויבן.

— מיר קאָנען אַהין אויך פריער טרעפן, — האָט איינע פון די לופט־שוועסטער אַ פליסטער געטאָן, — אומבאַמערקט פליען מיר אין מענטשנס הייזער אַריין, דאָרטן, וואו ס׳זיינען קינדער פאַראַן, און פאַר יעדן טאָג, וואָס מיר געפינען אַ קינד, וואָס פרייט זיינע עלטערן און וואָס באַמיט זיך זיי פאַר זייערע זאָרגן וועגן אים באַלוינען, פאַרקירצט אונז גאָט דאָס אָפּקו־מעניש אונזערס. דאָס קינד ווייסט נישט, ווען מיר פליען אין צימער אַריין; אָבער, ווען פרייענדיק זיך אויף אים, מיר צע־שמייכלען־זיך קאָנען, ווערט אונז דאַן פון דעם זמן אַ יאָר אָפּגערעכנט; אויב־זשע אָבער אַ שלעכט קינד מיר טרעפן, דאַרפן מיר דאַן טרויער־טרערן פאַרגיסן, און יעדע טרער איז צו אונזער אָפּקומעניש אַ טאָג נאָך מוסיף.



אָלֿע־לֿוק־איע.

אויף גאָר דער וועלט איז ניטאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָלֿ קאָנען אַזוי פילֿ מעשיות, ווי אָלֿע־לֿוק־אָיע. היינט אַ דערציילֿער איז ער — אַ מייסטער.

אַלֿע אויפדערנאַכט, ווען די קינדערלֿעך זיצן נאָך ביים טיש, אָדער אויף די בענקעלֿעך אויף זייערע, קומט צו גיין אָלֿע־לֿוק־אָיע. שטילֿ, מיט טריט מיט שטילֿע (ער גייט אין זאָקן) — קומט ער אויף די טרעפ אַרויף, עפנט די טיר שטילֿ אויף, קומט צו די קינדער צו — טסס!... און פלֿוצים טוט ער זיי אין די אויגן מיט אַ מין זיסער מילֿך אַ שפריץ — מיט אַ דין־דין שטראָמעלֿע אַזאַ, און פונקט אַזוי פילֿ, אַז ס'זאָלֿן זיך ביי זיי די אויגן אָנהויבן קלֿעפן און זיי זאָלֿן אים, אָלֿע־לֿוק־אָיען, ניט זען. דאַן גנבעט ער זיך זיי הינטער דעם רוקן אונטער, טוט זיי שטילֿ אין האַלֿז־און־נאַקן אַ בלֿאָז־ווערן ביי זיי די קעפעלֿעך שווער. ווייַ אָבער טוט עס נישט

חלילה! אָלע-לוק-אָיע טוט קיין שלעכטס ניט די קינדער, ער וויל נאָר זיי זאָלן אַ ביסל שטילער ווערן, וואָס דאָס קאָן זיין נאָר, ווען מע לייגט זיי אין די בעטעלעך אַריין; און ווילן וויל ער עס צוליב דעם, ער זאָל זיי קאָנען מעשיות דערציילן.

און, אַז די קינדער שלאָפן איין, זעצט זיך אָלע-לוק-אָיע צו זיי אויפן בעטל צו. אָנגעטאָן איז ער שיין: דאָס סורדוטל זיינס איז אַ זיידנס, נאָר פון וואָס פאַר אַ פאַרב דאָס איז, קאָן מען ניט וויסן, ווייל אַ מאָל ווייזט עס זיך אויס גרין, אַ מאָל רויט, אַ מאָל בלוי, ס'ווענדט זיך פון דעם, אין וואָס פאַר אַ זייט עס דרייט זיך אויס אָלע-לוק-אָיע. צוויי פאַראַסאָלן טראָגט ער, צו איינעם אונטער אַן אָרעם. איינער פון זיי, אויף וועלכן ס'זיינען בילדער אויסגעמאָלט, עפנט ער אויף גוטע קינדער אויף, און דאַן חלומען זיך זיי אַ גאַנצע נאַכט גוטע חלומות, דער צווייטער, אויף וועלכן ס'איז גאָרנישט אויסגעמאָלט, עפנט ער איבער שלעכטע קינדער, און זיי שלאָפן דאַן, ווי די געהרגעטע, און אַז זיי כאַפּן זיך אינדערפרי אויף, קאָנען זיי גאָרנישט דערציילן.

איצט לאָמיר הערן, ווי אַזוי אָלע-לוק-אָיע איז אַמאָל אין משך פון אַ וואָך כסדר אַלע ביינאַכט צו איינעם אַ קליינעם יינגעלע, וואָס מ'האָט היאַלמאַר גערופן, געקומען, און וואָס אַזוינס ער האָט אים דערציילט. אַלע געשיכטעס וועלן זיין זיבן, ווייל אין אַ וואָך זיינען דאָך נאָר זיבן טעג פאַראַן.

מאָנטאָג.

אויפמערקזאַמקייט! — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע אויסדערנאַכט, אַז ער האָט היאַלמארן אין בעטעלע אַריינגעלייגט. — איך וועל דאָ אַ ביסל צוקלייבן פריער! — און פלוצים זיינען פון די בלומען אין די בלומען-טעפּ גרויסעביימער געוואָרן, די לאַנגע צווייגן זייערע האָבן איבער די ווענט און ביז צו דער סאַמע סטעליע אַזש דערגרייכט, אַזוי אַז דער חדר איז אויף אַן אויסגעצייכנט-שיין גאָרטן-שטיבעלע ענליך געוואָרן.

די צווייגן זיינען מיט בלומען אָפּגעשאָטן געשטאַנען, און די בלומען זיינען שענער פון די רויזן געווען, אַ שענערן ריח פון זיי פאַרשפּרייט, און אין טעם — זיסער פון איינגעמאַכטס געווען. די פרוכטן האָבן ווי גאָלד געשימערירט; אויך פלאָדעלעך אַזוינע האָבן זיך באַוויזן, וואָס זיינען מיט אַזוי פיל ראָזינקעס אָנגעפּילט געווען, אַז זיי זיינען שיער ניט צעזעצט געוואָרן פון אָנגעפולטקייט. ס׳איז שוין איינמאָל גוט געווען! נאָר אין דער רגע האָט זיך פונם שופלאָדל, וואָס היאַלמאַרס לערנביכלעך זיינען דאָרט געלעגן, אַ געוויין דערהערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט אָלע־לוק־אָיע, צום טיש צוגייענדיק און דאָס שופלאָדל אַרויסרוקנדיק. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם רעש האָט דאָס גריפעל־ברעטל אָנגעמאַכט, דאָס, וואָס געוויסע צאָלן האָבן זיך געשטופּט און געקנייפּט דאָרט אויף דעם, דערפאַר וואָס אין דער אויפגאַבע אין דער אַריטמעטישער האָט זיך איינע נישט קיין ריכטיקע צאָל אַריינגעכאַפּט. דער גריפעל איז געשפּרונגען און אויפן סטענגעלע געדרייט זיך, פּונקט ווי אַ הינטעלע אַ קליינטשיקס, ער האָט געוואָלט דעם טעות פאַרריכטן, האָט ער אָבער נישט געקאָנט. און דאָ האָט זיך אויך פון דעם קריץ־העפט ביי היאַלמאַרן אַ קרעכץ דערהערט — כאָטש די אויערן צו פאַרשטעקן! אויף יעדן בלעטל זיינען פון אויבן ביז אַראָפּ גרויסע, און נעבן זיי קליינע, אותיות געשטאַנען — דאָס איז דער קריץ געווען; און נעבן קריץ זיינען עפּעס אַנדערע אותיות געווען, אַזוינע, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען אויף די ערשטע ענליך. די האָט שוין היאַלמאַר אָנגעשריבן, אָבער באמת האָבן זיי אַזוי אויסגעזען, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף די ווירעס מיט די בייכער אַנידערגעפאַלן, דאָרט וואו זיי האָבן, אייגנטליך, שטיין באַדאַרפט.

— קוקט, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך האַלטן! — האָט געזאָגט דער קריץ — קוקט! אָט אַזוי ציט זיך אויס און שטעלט זיך גלייכער!

— מיר וואָלטן אַוודאי געוואָלט אַזוי, — האָבן געזאָגט

די אותיות היאַלמאַרס, — קאָנען מיר אָבער ניט, מיר זיינען אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך.

— נו, אויב אַזוי, וועט איר דאַרפן רעצעפּט איינגעמען!
— האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע.

— אוי, ניין, ניין! — האָבן אַלע אותיות אין איין קול זיך צעשריגן, און באַלד זיך אַזוי גלייך און פּינקטליך אויסגעשטעלט, אַז ס'איז אַ מחיה געווען צו קוקן.

— נו, היינט איז שוין קיין צייט ניטאָ אויף מעשיות צו דערציילן, — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע. — מ'דאַרף מיט זיי אַ ביסל צולערנען, מיט די אותיות. איינס, צוויי! איינס, צוויי!
— און ער האָט זיך גענומען די אותיות מושטירן, און יענע האָבן זיך אויסגעגלייכט און אַזוינע שיינע און גלייכע, פּונקט ווי דער קריץ, געוואָרן. אָבער, אַז אָלע-לוק-אָיע איז אַוועקגעגאַנגען און היאַלמאַר איז אינדערפרי אויפגעשטאַנען און נאָך אַמאָל אויף זיינע אותיות אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער זיי צוריק און ווי פריער פאַרקרענקטע און פאַרשלימזלדיקטע געפונען.

דינסטאָג.

ווי נאָר היאַלמאַר האָט זיך אין בעט אַריינגעלייגט, אַזוי האָט אָלע-לוק-אָיע מיט זיין כשוף-שפּריצער דאָס גאַנצע מעבל באַשפּריצט, און דאָס מעבל האָט באַלד בעבען גענומען, דערביי האָט יעדערער נאָר וועגן זיך גערעדט. אליין נאָר דאָס שפּיי-קעסטל איז שטיל געשטאַנען און עקל און מיט מיאוסגעפיל אויף אַלעמענס באַרימען זיך און איבערנעמען זיך געקוקט, ווי אַזוי אַלע זיינען נאָר מיט זיך פאַרנומען און באַמערקן נישט אפילו ווי דאָס אַזוי ענודיק אין אַ ווינקל שטייט און יעדערן צו שפּייען אין זיך דערלויבט...

איבער דעם קאָמאָד איז אַ גרויס בילד מיט אַן אָפּגעגאָלדעטער ראַם געהאַנגען. דאָס איז אַ לאַנדשאַפט געווען. אויפן לאַנדשאַפט זיינען גרויסע אַלטע ביימער אויסגעמאָלט

געווען, בלומען צווישן גראָזן און אַ טייך, וואָס נאָך דעם, ווי ער רינגלט דעם וואַלד דאָרט אַרום און גייט פאַרביי אַ סך פּאַלאַצן־שלעסער דורך, פאַלט ער אין גרויסן ברויזנדיקן ים אַריין. האָט זיך אָלע־לוק־אָיע מיט זיין שפּריצער צו דעם לאַנדשאַפט צוגערירט, האָבן אין דער רגע די פויגלען די אויסגעמאָלטע צו זינגען אָנגעהויבן, די צווייגן פון דיביימער האָבן זיך רירן גענומען. און די וואָלקנס—אָפּצוגיין; און אַזוי לע־בעדיק, אַז מ׳האָט געזען ממש, ווי דער שאָטן זייערער רוקט זיך איבערן לאַנדשאַפט דורך.

האָט דאַן אָלע־לוק־אָיע דעם קליינינקן היאַלמאַר צו דער ראַם אויפגעהויבן און מיט די פיסלעך איס אין בילד אַריינגע־שטעלט און אויף אַן אָרט, וואו גראָז איז געוואַקסן. איז דאָס יינגל אַ רגע דאָרט אָפּגעשטאַנען, דערביי האָט אים די זון דורך די ביימערס צווייגן באַלויכטן, דערנאָך איז ער אָפּגע־לאָפן, און אין אַ קליין שיפעלע, וואָס איז ביים ברעג גע־שטאַנען, זיך אַריינגעזעצט. איז דאָס שיפעלע מיט ווייסן און רויטן אויסגעפאַרבט געווען, די זעגלען האָבן ווי זילבער גע־בלישטשעט, און זעקס שוואַנען מיט גאָלדענע רינגען־רייפלעך אַרום די העלזער און מיט צעשטראַלטע בלויע שטערנדלעך אויף די קעפ האָבן עס אין דער לענג פון גרינעם וואַלד גע־פירט, דאָרט, וואו די ביימער האָבן וועגן גזלנים און מכשפות דערציילט, און די בלומען—וועגן שיינע עליפן פיצעלעך און וועגן אַלץ, וואָס די זומער־פויגעלעך האָבן זיי איבערגעגעבן.

אויסגעצייכנט־שיינע פיש מיט שופן, וואָס האָבן מיט גאָלד און זילבער געשימערט, זיינען נאָכן שיפעלע נאָכגע־שווומען. צייטנווייז פלעגן זיי אַזוי הויך אונטערשפּרינגען, די פיש, אַז דאָס וואַסער פלעגט זיך אין שיפעלע אַריינכליו־פּען; פויגלען—רויטע און בלאַסע, גרויסע און קליינע זיינען ביים שיפל אין צוויי לאַנגע שורות געפלויגן; קליינע פליגע־לעך האָבן זיך אין דערלופט געדרייט, מאַי־באַבעלעך האָבן „בום!־בום! געקלונגען, אַלע האָבן זיי נאָך היאַלמאַרן נאָכ־גיין געוואָלט און יעדערער האָט געאײַלט אים זיין געשיכטע

דערציילן. ס'אַ שפּאַציר געווען, שוין איינמאָל! אָט איז דער וואַלד געדיכט און פינסטער געווען און אָט איז ער אויף אַ טייערן גאָרטן, אָנגעפּולט מיט בלומען און זונען-שיין ענליך געוואָרן, אויפן וועג האָבן זיך זיי גרויסע קרישטאָלענע און מירמלשטיינערנע פּאַלאַצן געטראָפן, אויף די גאַניקעס זיינען פּריצעסינס געשטאַנען, און אַלץ מיידעלעך, וואָס היאַל-מאַר האָט זיי געקענט, וואָס ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי. יענע האָבן צו אים די הענטלעך אויסגעשטרעקט, אין וועלכע זיי האָבן קליינע האַרץ-צוקערלעך געהאַלטן, אַזוינע שייניקע, וואָס אין קיין שום קאָנדיטעריי קאָן מען זיי פאַר קיין געלט נישט געפינען. דורפאָרנדיק האָט היאַלמאַר דאָס הערצל פאַר איין עק אָנגעכאַפּט, די פּרינצעסין האָט זיך שטאַרק פאַרן צווייטן געהאַלטן, אַזוי אַז יעדערער האָט אויף אַזאַ אופן אַ האַלבס געקראָגן: ער אַ גרעסערס און זי אַ קלענערס. ביי יעדן פּאַלאַץ זיינען אויף דער וואַך קליינע פּרינצן געשטאַנען, האָבן מיט שווערדן מיט די גאָלדענע „כבוד" אָפּגעגעבן און מיט אַ רעגן פון ראָזינקעס און סאָלדאַטעלעך ציינערנע גערעגנט. זיי האָבן אַלע סימנים פון אמתע פּרינצן געהאַט!

און היאַלמאַר איז אַלץ געשוואומען. אָט איז ער דורך וועלדער דורכגעשוואומען, אָט דורך זאַלן גרויסע, און אָט דורך שטעט גאָר גרויסע. ער איז אויך דורך דער שטאָט פון זיין אַם דורכגעפאָרן, די, וואָס האָט אים קליינערהייט, ווען ער איז נאָך אַ קליין פּיצל ייִנגעלע געווען, אויף די הענט געטראָ-גן און וואָס האָט אים ליב געהאַט זעהר. זי האָט צו אים מיטן קאָפּ אַ וויג געטאָן, און אים אַ שיין לידעלע געזונגען, אַ לי-דעלע, וואָס זי האָט אַליין אַמאָל געמאַכט, און עס אים אי-בערגעשיקט.

און אַלע פויגלען האָבן מיט איר נאָכגעזונגען, אַלע בלומען האָבן אויף די שטעקעלעך אונטערגעטאַנצט און די אַלטעביימער האָבן מיט די קעפּ צוגעשאָקלט, גלייך ווי אָלע-לוק-אָיע וואָלט זיי אויך מעשיות דערציילט.

מיטוואָך.

אָט אַ רעגן! היאַלמאַר האָט אים פון שלאָף אַזש דער־הערט, און אַז אָלע־לוק־אָיע האָט דאָס פענסטער געעפנט, האָט שוין דאָס וואַסער ביזן שוועל־פענסטער דערגרייכט. די גאַס האָט ווי אַן אָזערע אַ גאַנצע אויסגעזען, דערפאַר איז אָבער סאַמע ביי דער שטוב אַן אויסגעצייכנט־שיינע שיף געשטאַנען.

— ביסט אפשר אַ בעלן זיך דורכשיפן אַ ביסל, קליין היאַלמאַרעלע? — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — פאַר דער נאַכט וועסטו אַ וועלט אויסזען און אויף אינדערפרי וועסטו נאָך קאָנען זיך צוריק אומקערן.

אין דער רגע איז שוין היאַלמאַר, אין זיינע יומטובדיקע קליידער אָנגעטאָן, אין שיף געווען; דער אינדרויסן האָט זיך אויסגעלייטערט. האָבן זיי זיך באַלד דורך די גאַסן דורכגע־שיפט, דעם קלויסטער אַרומגעפאָרן און אין ברייטן, ברויזנדיקן ים זיך אַוועקגעלאָזט. זיינען זיי אַזוי לאַנג געפאָרן און געפאָרן, ביז זיי האָבן שוין אינגאַנצן די ערד נישט אָנגעזען, און דאַן האָבן זיי אַ מחנה שטאָרכן דערזען, וואָס זיינען פון היאַלמאַרס פאָטערלאַנד אין די וואַרימע לענדער געפלויגן. גע־פלויגן זיינען זיי שורותווייז, איינער נאָך דעם אַנדערן און ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, זיינען זיי שוין לאַנג אין וועג געווען. איינער פון זיי איז שוין אַזוי מיד געווען, אַז ער האָט זיך קוים אין דערלופט געהאַלטן. ער איז דער לעצטער פון דער שורה געווען, איז ער הינטערשטעליק געבליבן, באַלד אויף אַ שטיק שוין פון די איבעריקע אָפּגעשטאַנען, און לסוף שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגלען אַלץ נידעריקער און נידעריקער זיך אַראָפּלאָזן גענומען: נאָך אַ צוויי פליגלען־מאַך, ס׳האָט נישט געהאָלפן... אָט האָט ער זיך שוין מיט די פיס אין זעגל־בוים צונויפגעקריגט, דערנאָך האָט ער זיך פון זעגל־בוים אַ־ראָפּגעגליטשט און — בוך! און ער איז אויף דער אויבערדעק אַנידערגעפאַלן.

האָט אים אַ ייִנג גענומען און אים אין עופות־קעמערל

פול מיט הינער, ענטלעך און אינדיקעס אַריינגעזעצט. און דער אָרימער שטאָרך איז אין גרויס אָפּהענטיקייט צווישן זיי שטיין געבליבן.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם לאַנגגן דראָנג! — האָבן געזאָגט די הינער.

און דער אינדיק האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק נאָר קאָן, און אים אַ פרעג געטאָן: ווער ער איז; אַליין נאָר די ענטלעך האָבן זיך אָפּגערוקט, קאַטשענדיק זיך, און עפּעס צו גאָלמאָגען אָנגעהויבן. האָט דער שטאָרך וועגן דער הייסער אַפריקע דערציילן גענומען, וועגן די פּיראַמידן און וועגן שטרויס־פויגל, וואָס ער טראָגט זיך איבער די מדבריות, ווי אַ פערד אַ ווילדער. די ענטלעך האָבן אָבער גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען פון וואָס ער רעדט, האָבן זיי זיך צעגאָלמאָגעט:

— האַ, ווי מיינט איר, אַ־יאָ, ער איז אַ נאַר?

— אוודאי אַ נאַר! — האָט געזאָגט דער אינדיק און זיך אָנגעבלאָזן.

איז דער שטאָרך שוין אַנטשוויגן געוואָרן און וועגן זיין אַפריקע זיך פאַרטראַכט.

— וואָס פאַר אַ פיינע, דינע פיס ס'זיינען ביי אייך! — האָט געזאָגט דער אינדיק, — וויפל האָט איר געצאָלט אַן אַרשין?

— גאַ—גאַ—גאַ — האָבן זיך אַלע ענטלעך צעלאַכט; נאָר דער שטאָרך האָט זיך ניט הערנדיק געמאַכט.

— איר וואָלט, כ'לעבן, אויך געמעגט אַ לאַך טאָן, — האָט געזאָגט דער אינדיק, — אויף מיר די עבירה. ס'איז דאָך אַזוי קלוג געווען געזאָגט, מיין ווערטל... און אפשר איז דאָס בישט פאַר אייך, ניט פאַר אייער קאָפּ און אייער פאַרשטאַנד? ווי ס'ווייזט אויס איז ער, נעבעך, גאָרנישט קיין איבערגעשפּיצטער, אָט דער לאַנגער. מילא, וועלן מיר זיך שוין באַנוגענען מיט ערפּאָלג נאָר צווישן אייגענעם עולם! — און ער האָט זיך צעהאָלדערט, און די ענטלעך האָבן זיך צעגאָלמאָגעט: גאַ—גי! גאַ—גי! אַ שרעק ווי!

דאַן איז היאַלמאַר צום עופות־קאַמערל צוגעגאַנגען, האָט דאָס טירעלע דערפון אויפגעעפנט, און דעם שטאָרך צוגערופן. און דער שטאָרך איז באַלד צו אים אויפן איבערדעק אַרויס־געקומען. ער האָט שוין אָפּגערוט געהאַט און אַלס דאַנק אים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן; דערנאָך האָט ער די פליגלען צע־לאָזט און אין די ווייטע לענדער אַוועקגעפלויגן, און די הינער האָבן ווייטער געקוואָקעט און דער אינדיק איז, ווי אַ צוויק, רויט געוואָרן.

— מאָרגן וועלן מיר פון אייך אַ יויך אָפּקאָכן, — האָט געזאָגט היאַלמאַר און מיט די ווערטער זיך ביי זיך אין בעטל אויפגעכאַפּט.

אַ־יאָ, אַ מאָדנע נסיעה האָט ער יענע נאַכט אַדאַנק אָלע־לוק־אָיען געמאַכט!

דאָנערשטאָג.

ווייסטו וואָס? — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע, — נאָר שרעק זיך ניט. — באַלד וועסטו אַ קליין מייזעלע זען! — און ער האָט די האַנט אויסגעשטרעקט און ס׳איז אויף איר אַ קליין שיין חיהלע געזעסן. — ס׳איז געקומען דיך אויף אַ חתונה בעטן. דאָ זיינען צוויי מייזעלעך פאַראַן, וואָס וועלן היינטיקע נאַכט חתונה האָבן. וואוינען וואוינען זיי אונטערן דיל פון דיין מאַ־מעס קעמערל: מ׳זאָגט, ס׳איז אַן אויסגעצייכנטע וואוינונג דאָרט!

— ווי אַזוי־זשע וועל איך דורך אַ קליין לעכעלע דורכ־קריכן דאָרט? — האָט געפרעגט היאַלמאַר.

— נו, דאָס איז שוין מיין עסק! — האָט געענטפערט אָלע־לוק־אָיע. — איך וועל דאָך שוין זען דיך קליין מאַכן. — און ער האָט זיך מיט זיין כשוף־שפּריצער צו היאַלמאַרן צוגע־רירט, און היאַלמאַר האָט אָנגעהויבן אַלץ קלענער און קלענער ווערן, און ביז ער איז לסוף ווי זיין מינדסטער פינגער געוואָרן.

— איצט קאָנסטו ביים צינערנעם סאָלדאַטעלע זיינע קליידער אַנטלייען. ס׳וועט דיר פּאַסטן זעהר. און אויסער דעם

איז אין אַ געזעלשאַפט אַ מונדיר פֿיינער פֿון אַלץ.

— אַוודאי! — האָט געזאָגט היאַלמאַר, — און אין דער רגע שוין ווי איינער פֿון די סאַמע פֿאַרפּוצטע צינערנע סאָלדאַטעלעך אָנגעטאָן געווען.

— וועט איר אפֿשר באַווייליקן אַזוי גוט זיין און אין אייער מאַמעס פֿינגערהוט זיך אַריינזעצן? — האָט געזאָגט דאָס מייזל. — דאַן וועל איך די ערע האָבן אייך אויף דער חתונה צו פֿירן.

— נאָך וואָס זאָלט איר זיך מטריח זיין? — האָט געזאָגט היאַלמאַר, און זיי זיינען אויף דער מייזן=חתונה געפֿאָרן.

לכתחילה האָבן זיי אונטער דער דיל עפּעס אין אַ לאַנגן קאָרידאָר אַ דורכגאַנג געטראָפֿן, וואָס ער איז אַזוי הויך געווען, ווען דליק מ׳זאָל און אים קאָנען אין אַ פֿינגערהוט דורכפֿאָרן. דער גאַנצער דורכגאַנג איז מיט פֿויל האָלץ אילומינירט געווען.

— האַ, ווי זאָגט איר, ווי ס׳שמעקט דאָ, אַ=יאָ, אַ חיות?

— האָט געפֿרעגט דאָס מייזל, וואָס האָט היאַלמאַרן געפֿירט. — דער דורכגאַנג איז אינגאַנצן מיט חזיר=שמאַלץ אָנגעריבן געווען. — בעסערס דערפֿון איז דאָך נישטאָ אויף דער וועלט.

דערנאָך זיינען זיי אין דעם חתונה=זאַל אַריינגעקומען. זיינען אין דער רעכטער זייט די מייז די דאַמען געשטאַנען, געקוויטשעט און געטשיריטשעט און גלייך ווי זיך אויסגעלאַכט איינס פֿון דער צווייטער; און אין דער לינקער זייט — די קאַוואַלערן און מיט די לאַפּקעלעך די וואָנסעלעך געדרייט. אין מיטן דעם זאַל איז אַן אָרט פֿאַר חתן=כּלה געמאַכט געווען. זיינען זיי אין אַן אויסגעהוילטן שטיקל קעז=שאָלעכץ געשטאַנען און אומרחמנותדיק פֿאַר אַלעמען אין די אויגן זיך געקושט; געקושט און געקושט און אָן אַן אויפֿהער: זיי זיינען דאָך שוין פֿאַרקנסט געווען, און באַלד האָט די חופּה באַדאַרפֿט זיין. און די געסט דערווייל זיינען אַלץ צוגעקומען און צוגעקומען: די מייז האָבן זיך שיער איינס דאָס אנדערע ניט דערשטיקט, און דאָס יונגע פּאָר האָט זיך פּונקט אויף דער טיר אַוועקגעזעצט, אַזוי אַז קיינער האָט ניט געקאָנט ניט

אַריין און ניט אַרויס. אויך דער זאַל, אַזוי ווי דער קאָרידאָר, דער דורכגאַנג, איז אײנגאַנצן מיט חזיר־שמאַלץ אָנגעריבן געווען; דאָס איז דער „כּיבוד" געווען און דערינען איז ער באַשטאַנען. נאָר דערפאַר האָט מען פאַר צימעס דעם עולם אַן אַרבעסל באַוויזן, וואָס איינע אַ מויז פון חתנס צד האָט אויף דעם דעם חתן־כּלהס מאָנאָגראַמע אויסגעקריצט. ס'איז געווען אַ חידוש, איינס אין דער וועלט!

און אַלע מייז זיינען קאָנטענט געווען און געזאָגט, אַז די חתונה איז אַן אויסגעצייכנטע געווען און די שמועסן דאָרט זעהר און זעהר אינטערעסאַנט.

נאָכדעם האָט זיך היאַלמאַר אַהיים אומגעקערט. נו, אוודאי האָט ער אין אַ פיינער געזעלשאַפט פאַרבראַכט, אָבער דערפאַר איז זיך אים אויסגעקומען נישט קיין ביסעלע זיך צונויפקאָרטשען, אַ ברויזעלע ווערן און אין אַ מונדיר פון אַצינערן סאָלדאַטעלע זיך אָנטאָן.

פרייטאָג.

קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויפיל עלטערע מענ־טשן וואָלטן מיך גערן געזען ביי זיך! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — באַזונדערס די, וואָס האָבן עפּעס שלעכטס געטאָן און אַ פאַרברעך באַגאַנגען. „גוט קליין אָלעלע״! — זאָגן זיי מיר: — „מיר קאָנען מיט קיין אויג נישט צומאַכן, מיר ליגן די גאַנצע נאַכט און זעען נאָר די שלעכטע מעשים אונזערע, וואָס אַזוי ווי מיאוסע און קליינע שטוב־רוחעלעך זיצן זיי אויף די בעטלעך ביי אונז און מיט הייסער וואַסער אויף אונז שפּריצן. אַך, ווען דו וואָלסט קומען און זיי דורכטרייבן, מיר זאָלן קאָנען אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ ביסל״! — און דערביי זיפצן זיי, נעבעך. — „מיר וואָלטן דיר גוט באַצאָלט דערפאַר! אַ גוטע נאַכט, אָלע! געלט ליגט אויפן פענסטער דאָרט״... נאָר איך טו עס ניט פאַר קיין געלט! — האָט מוסיף געווען אָלע־לוק־אָיע.

— וואָס־זשע וועלן מיר היינטיקע נאַכט טאָן? — האָט געפרעגט היאַלמאַר.

— כ׳ווייס ניט, צו דו וועסט ווייטער וועלן זיין אויף אַ חתונה, אָבער די היינטיקע וועט זיין גאָר אַן אַנדערע, נישט ווי נעכטן: די גרויסע לעלע דיין שוועסטערס, — די, וואָס זעט אויס ווי אַ מאַנסביל און מע רופט זי הערמאַן, — וויל חתונה האָבן פאַר דער לעלע בערטאַ. אויסער דעם איז היינט דער געבורטסטאָג אירער, וועט זי אַ סך מתנות באַקומען.

— כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס, — האָט געזאָגט היאַלמאַר. — יע־דעס מאָל, ווען די לעלעס דאַרפן קליידער נייע, יומטובט די שוועסטער דעם געבורטסטאָג זייערן, אָדער חתונה פּראַוועט. ס׳שוין אַוודאי אַמאָל הונדערט!

— יאָ, אָבער היינט וועט זיין דאָס הונדערט איינסטע. און נאָך דער הונדערט איינסטער חתונה איז שוין אַלץ פאַר־ענדיקט, און דערום וועט די היינטיקע סאַמע די רייכסטע און שענסטע זיין. אָט זע!

און היאַלמאַר האָט אויפן טיש אַ קוק געטאָן; איז דאָרט אַ שטוב פון קאָרטן געמאַכט געשטאַנען, אין די פענסטער האָבן ליכט געברענט און פאַר דער שטוב זיינען אַלע סאָלדאַטעלעך צינערנע אויף דער וואַך געווען. חתן־כלה זיינען אויף דער ערד, אין זייערע רעיונות פאַרטיפט, געזעסן — גע־וויס האָבן זיי דערויף זייערע טעמים געהאַט — און אין פיסל פון טיש אָנגעשפאַרט. און אָלע־לוק־אָיע, אין דער באָבעס שוואַרצן ראָק אָנגעטאָן, האָט ביי זיי די חופה געפראַוועט. נאָך דער חופה האָט דאָס גאַנצע שטוב־מעבל אַן אויסגעצייכנט־שיין ליד געזונגען, דאָס ליד, וואָס דער בליישטיפט האָט צוליב דער חתונה פאַרפאַסט. דערנאָך האָט מען דער יונגער פאָר דרשה־געשאַנק און חתונה־מתנות געגעבן, און זיי האָבן געגומען; נאָר פון שפּייז און עסנוואַרק האָבן זיי זיך אָפּגע־זאָגט: זיי זיינען זאַט פון ליבע געווען.

— ווי מיינסטו, וואו וועלן מיר זומער פאַרברענגען אויף אַ זומער־וואוינונג, צי אין אויסלאַנד ערגעץ? — האָט געפרעגט דער מאַן דער יונגער.

נאָך אַן עצה האָבן זיי זיך צום שוועלבעלע, וואָס האָט אַ סך געררייזט, געקערעוועט, און אויך צו דער אַלטער הויף־הון, וואָס איז שוין פינף מאָל הינדלעך אויסגעזעסן. דאָס שוועלבעלע האָט וועגן וואונדערליכע וואַרימע לענדער דער־ציילט, דאָרט, וואו פון די ווייִנשטאָק־ביימער הענגען גרויסע און שווערע ענגלען־ווייַנטרויבן אַראָפּ, דאָרט וואו די לופט איז אַזוי ווייך און די בערג זיינען מיט אַזוינע וואונדערליכע פאַרבן באַצירט, וואָס ביי אונז זעט מען גאָר נישט אַזעלכע.

— דערפאַר איז אָבער דאָרט אונזער גרינע קרויט נישט בנמצא! — האָט געזאָגט די הון. — איך בין איינמאָל אַ זומער מיט מיינע הינדלעך אויף אַ זומער־וואוינונג געווען, איז דאָרט אַ גראָבן געווען, וואו מ׳האָט אונז אַרומשפּאַצירן און זיך פּאָרפלען דערלויבט; אויסער דעם האָבן מיר נאָך אַן אַריינ־גאַנג אין אַ קרויט־גאָרטן געהאַט. איז דאָך דאָרטן געווען גוט,

וואָס גוט הייסט. בעסער ווינטש איך זיך גאָרנישט.

— יאָ, אָבער אַלע היפּטלעך־קרויט זיינען דאָך איינס אויפן אַנדערן ענליך, — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע. — היינט זיינען דאָך דאָ שלעכטע וועטערן אָפּט.

— עט, מ׳קאָן צוגעוויינט ווערן! — האָט געזאָגט די הון.

— ס׳איז אָבער קאַלט און ס׳מאַכן זיך פרעסט!

— איז וואָס? פאַר קרויט איז דאָס גוט, — האָט געזאָגט די הון. — אגב, ס׳מאַכט זיך אויך ביי אונז וואַרים. אָט, איז מיט אַ יאָר פיר צוריק ביי אונז אַזאַ היץ געווען, אַז מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳וועט פון זינען קומען, און ס׳האָט גאַנצע פינף וואָכן געדויערט! און אויסער דעם זיינען ביי אונז די בייזע חיות מיט די גיפטן, ווי דאָרט אין יענע לענדער, נישטאָ. פון גזלנים איז אָפּגערעדט. נאַריש איז דער, וואָס האַלט נישט אונזער פאָטערלאַנד פאַרן בעסטן! ער איז נישט ווערט די רייד און נישט צו דערמאַנען! — און דאָ האָט זיך די הון אַזש צעוויינט. — איך בין אויך אַמאָל געפאָרן, — האָט זי ווייטער גערעדט. — איך בין אַ מייל צוועלף פון דאַנען אין אַ פאַס אָפּגעפאָרן, און גאָרנישט. קיין גוטס אין די נסיעות האָב איך נישט געפילט.

— יאָ, די הון ווייסט, די הון איז אַ באַטראַכטע, — האָט געזאָגט די לעלע בערטאַ, — מיך נעמען אויך נישט די רייזעס אויף די בערג: האַלטסט אין איין קלעטערן אַרויף אַראָפּ, אַרויף אַראָפּ... ניין, מיר וועלן בעסער אויסער דער שטאָט אויף אַ זומער־וואוינונג אַרויספאָרן און אין גראָבן דאָרט און אין קרויט־גאָרטן שפּאַצירן.

און דערויף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. און דערביי איז עס געבליבן.

שבת.

— היינט וועל איך הערן עפּעס אַ מעשה? — האָט גע־פרעגט דער קליינינקער היאַלמאַר, באַלד נאָכדעם, ווי אָלע־

לוק-אָיע האָט אים פאַרשלעפערט.

— היינט האָבן מיר דערויף קיין צייט נישט, — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע און האָט איבער אים זיין פאַראַסאָל געעפנט.

— טו נאָר אַ קוק אויף די כינעזער דאָרט! — דער פאַראַסאָל איז אויף אַ גרויסן כינעזישן טעלער ענליך געווען, מיט בלויעביימער דאָרט און מיט שמאָלע בריקן, אויף וועלכע ס'זיינען קליינע כינעזערלעך געשטאַנען און מיט די קעפעלעך געמאַכט. — מיר דאַרפן אויף מאָרגן די גאַנצע וועלט צוקלייבן, — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע: — מאָרגן איז דאָך זונטאָג. דאַרף איך זיין אויף די קלויסטערס ביי די גלעקער, אַ קוק טאָן צי האָבן די קלויסטער-רוחעלעך אַלע גלעקער אויסגעפוצט, זיי זאָלן גוט קלינגען דאָרטן; איך דאַרף אויך אין פעלד

אַרויסגיין זען צי בלאָזן דיווינטן דעם שטויב פון גראָז און ביימער אָפּ; נאָר שווערער פון אַלץ איז, וואָס איך דאַרף פונם הימל אַלע שטערן אַראָפּנעמען און זיי אויסרייניקן און איבערפוצן. איך קלייב זיי אַלע צו זיך אין פאַרטוך צונויף. נאָר פּאָר זאַלעמען דאַרף מען זייערע נומערן פאַרצייכענען און אויך די לעכלעך-נומערן, וואו זיי שטעקן דאָרט, כדי דערנאָכ-דעם זיי אויף די פריערדיקע ערטער אַריינזעצן. אויב-זשע דו ווייסט זיי פאַרמישן, וועלן זיי שטייף ניט זיצן, און ס'וועלן ביי אונז צופיל פאַלנדיקע זיין.

— הערט גאָר, זייט אַזוי גוט, הער אָלע-לוק-אָיע!... — האָט געזאָגט אַן אַלטער פּאָרטרעט איינער, וואָס איז אויף דער וואַנט, ביי וועלכער היאַלמאַר איז געשלאָפן, געהאַנגען.

— איך — דער עלטער-זיידע היאַלמאַרס, — בין אייך זעהר דאַנק-באַר דערפאַר, וואָס איר דערציילט אים מעשיות, דעם קינד. אָבער קיין בבא-מעשיות וויל איך ניט און בעט אייך ניט, קיין שטערן פאַלן ניט. די שטערן זיינען אויך אַזוינע הימל-קערפּערס, ווי די ערד, ווי אונזערע, און טאַקע דאָס איז דאָס גוטע אין זיי.

— אַ שיינעם דאַנק, זיידעניו! — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע: — אמת דו ביסט דער עלטסטער פונם הויז-געזינט, דו ביסט דער ערשטער פון זייער שטאַם, אָבער איך בין עלטער פון דיר! — איך בין דער אַלטער געצנדינער. די רוימער און די גריכן פלעגן מיך „דער גאָט פון חלומות” רופן. איך גיי אַריין און בין אויס אין אַלע הייזער אין די פאָרנעמסטע. איך קום אויס אַזוי ווי מיט פּראָסטע אַזוי אויך מיט האַרן גרויסע. און איצט קאָנסטו דיר אַליין דערציילן”. — און אָלע-לוק-אָיע האָט זיין פּאַראַסאָל פאַרנומען און זיך אַוועקגעגאַן.

— נו, נו, מ'טאָר שוין גאָר קיין וואָרט נישט זאָגן, — האָט דער פּאָרטרעט דער אַלטער אַרויסגעברומט. און דאָ האָט זיך היאַלמאַר אויפגעכאַפּט.

זונטאָג.

— אַ גוט-נ'אָוונט! — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע, און היאַל-

מאַר האָט אים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן, אויפגעשפּרונגען אזן דעם עלטער־זיידנס פּאָרטרעט צו דער וואַנט אויסגעדרייט, ער זאָל זיך ווי נעכטן אין שמועס ניט אַריינמישן.

— היינט דאַרפסטו מיר דערציילן די מעשה מיט די פינף אַרבעסלעך, וואָס זיי זיינען אין איין בייטעלע געזעסן, פון דעם הענדעלע, וואָס האָט זיך אַרום דעם הינדעלע געדרייט, און וועגן דער [illegible] צירעווע־נאָדל, וואָס האָט זיך אַזוי גרויס געהאַלטן, אַז זי האָט זיך [illegible] דינער ביי־נאָדל פאַר־געשטעלט.

— גוטס אַ ביסעלע אין קליינעם שיסעלע! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — דו ווייסט דאָך, אַז איך האַלט בעסער פון פאַרשיידענע זאַכן דיר צו ווייזן. אָט וועל איך דיר מיין ברו־דער ווייזן. אים רופט מען אויך אָלע־לוק־אָיע. נאָר קומען קומט ער צו יעדן איינמאָל נאָר און צו דעם, וואָס ער קומט, דעם נעמט ער צו זיך אויפן פערד ארויף און דערציילט אים מעשיות. און מעשיות קען ער נאָר צוויי: איינע אַן אומגע־וויינליך שיינע, וואָס שענער קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, און די צווייטע אַן עקלדיק־שרעקליכע. — און דאָ האָט אָלע־לוק־אָיע דעם קליינעם היאַלמאַרן צום פענסטער אויפגעהויבן און געזאָגט: „אָט איז ער דער ברודער מיינער, דער צווייטער אָלע־לוק־אָיע. מענטשן רופן אים: טויט. זעסט, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ מיאוסער, ווי מע מאָלט אויף די בילדער אויס: אין אַ שאַרבן־פאָרם. דאָס קלייד זיינס איז מיט זילבער גע־שטיקט, זיין מונדיר איז א שיינער הוזאַרן־מונדיר, און זיין אויבער־מאַנטל פון שוואַרצן סאַמעט פליט אין דער לופט איבערן פערד איבער זיינעם אַרום. זעסט, ווי ער גאַלאָפּירט!

און היאַלמאַר האָט דערזען, ווי דער צווייטער אָלע־לוק־אָיע איז אויפן פערד רייטנדיק געשפּרונגען און סיי יונג, סיי אַלט צו זיך אַרויפגעכאַפּט. אייניגע האָט ער פאַר זיך אַנידער־געזעצט, און אייניגע — הינטער זיך. ביי יעדערן נאָר האָט ער צום אַלעם ערשטן אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַר אַ באַל פאַר אויפפירונג ער האָט. „גוטע!“ — האָבן אַלע געוויינטליך געענט־

פערד. — „אַ'נו, באַווייזט נאָר מיר אַ קוק טאָן!" — האָט ער געזאָגט, און בײַ יעדערן דאָס ביכל מיט די באַלן צוגענומען. און אָט, די, בײַ וועלכע ס'איז פאַר אויפפירונג „זעהר גוט" און „אויסגעצייכנט" אָנגעשריבן געווען, האָט ער פאַר זיך אַנידערגעזעצט און זיי אַ שיינע מעשה דערציילט, די אָבער, בײַ וועלכע ס'איז נאָר „נישקשה" און „מיטלמעסיק" געשטאַנען, די האָבן געמוזט הינטן זיצן און אַ שרעקליכע מעשה אויס־הערן. זיי האָבן געוויינט און געציטערט אויף די געוואָלט פון פערד־שפּרינגען, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט, וואָרים זיי זייניגן צו דעם אַזוי ווי צוגעוואַקסן געוואָרן.

— זע נאָר: דער טויט איז דאָך גאָר — דער שיינער אָלע־לוק־אָיע! — האָט אויסגעשריגן היאַלמאַר. — איך האָב דאָך פאַר אים גאָר קיין מורא נישט!

— און ס'איז ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע, — זע נאָר, ס'זאָלן בײַ דיר כסדר נאָר גוטע באַלן פאַר אויפפירונג זיין.

— אָט דאָס הייסט אַ קינד אין גוטע דרכים פירן! — האָט אַרויסגעזאָגט דער פּאָרטרעט דעם עלטערן דנס, — כ'זאָב טאַקע גוט געטאָן, וואָס איך האָב מיין מיינונג אַרויסגעזאָגט.

און ער איז זעהר צופרידן געווען.

אָט דאָס איז די מעשה מיט אָלע־לוק־אָיען; היינטיקע נאַכט זאָל ער דיר שוין אַליין דערציילן.



די ווילדע שוואַנען.

ווייט=ווייט פון דאַנען, דאָרט, וואוהין די שוועלבעלעך פליען זיך אויף ווינטער אַוועק, האָט געוואוינט אַ מלך, וואָס האָט עלף זין געהאַט און אַ טאָכטער אַ קליינע, וואָס מ'האָט זי עליזאַ גערופן. זיינען די עלף ברידער פּרינצן געווען, האָבן זיי דערום אויך אין שול און ביים לערנען שטערן-מעדאַליען אויף די ברוסטן און שווערדן אויף די זייטן געטראָגן. מיט גריפּעלן פון דימענט האָבן זיי אויף גאָלדענע

וואָלען געשריבן און האָבן אַלץ אַזוי גוט אויף אויסנווייניק געקענט, גלייך זיי וואָלטן פון אַ ביכל עס געלייענט. פון אַלע־מען איז צו דערקענען געווען, אַז דאָס זיינען פרינצן געווען. דאָס שוועסטערל עליזאַ זייערס איז אויף אַ בענקעלע פון שפּיגל־גלאָז געזעסן און אַ ביכעלע מיט געמעלן געהאַט, וואָס מ׳האָט דערפאַר אַ האַלבע מלוכה אָפּגעצאָלט.

האָט זיך די קינדער זעהר גוט געלעבט, אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט.

זייער פאָטער — דער מלך פונם לאַנד — האָט פאַר אַ שלעכטער מלכה חתונה געהאַט, וואָס האָט די קינדער נישט ליב געקראָגן. זיי האָבן עס פונם ערשטן טאָג שוין באַמערקן געקאָנט. אין פּאַלאַץ האָט מען אַ גרויסע סעודה געפּראַוועט, און די קינדער האָבן גענומען אין „געסט", אין אַ שפּיל אַזאַ מין, שפּילן. תמיד פלעגט מען זיי צו אָט דער שפּיל זיסע קיכעלעך און געבראָטענע עפּל, וואָסערע מ׳האָט נאָר געקאָנט קריגן, אַרויסגעבן, דאָס מאָל האָט די מלכה זיי אין טיי־שאָלעכלעך זאַמד געגעבן און געזאָגט, אַז אויך דערפון קאָן מען אַלערליי געבעקסן מאַכן.

אין אַ וואָך אַרום האָט זי דאָס שוועסטערל, עליזאַן, אין אַ דאָרף און אין אַ פּויער־געזינדל אָפּגעשיקט און אין אַ צייט אַרום האָט זי דעם מלך אויף זיינע זין אַזוי פיל שלעכטס אָנגערעדט, אַז ער האָט זיך פון זיי שוין גאָר מיאש געווען.

— גייט אייך, וואוהין די אויגן וועלן אייך טראָגן און שפּייזט זיך, ווי איר וועט זיך שפּייזן! — האָט געזאָגט די מלכה די שלעכטע, — ווערט פאַרוואַנדלט אין פויגלען אין גרויסע אָן קול און אָן שטים! — דאָך האָט זיך דער מלכה נישט איינגעגעבן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס זי האָט פאַר זיי פאַרטראַכט, זיי אָפּטאָן: די עלף פרינצן האָבן זיך אין פרעכ־טיק־שיינע ווילדע שוואַנען פאַרוואַנדלט, זיינען זיי מיט אַ משונה־געשריי דורך די פענסטער פון פּאַלאַץ אַרויסגעפלויגן אין ווייט־ווייט דורך וואַלד און מאַרק זיך אַוועקגעטראָגן.

ס׳איז נאָך גאַנץ פרי געווען, ווען זיי זיינען צו פליען

געקומען צו דעם אָרט, וואו דאָס שוועסטערל זייערס איז אי שטיבעלע ביים דאָרפסמאַן געווען און נאָך געשלאָפן. האָבן זיי זיך לאַנג איבערן דאַך דאָרט אַרומגעטראָגן, די לאַנגע העלזער אויסגעצויגן און מיט פליגל=פאָך געפאָכעט. האָט אָבער קיינער נישט געזען, האָט אָבער קיינער נישט געהערט. נו, — זיינען זיי זיך ווייטער אַוועקגעפלויגן, האָבן זיך אַזש ביז אונטער די סאַמע וואָלקנס אַרויבערהויבן און לסוף אין אַ גרויסן און פינסטערן וואַלד געקומען, וואָס הייבט זיך האַרט און ביזן סאַמע ים=ברעג געצויגן.

די אָרימע קליינע עליזאַ איז אין שטיבעלע ביים דאָרפסמאַן געשטאַנען און מיט אַ גרין בלעטל זיך געשפילט; קיין אַנדערע שפילעכלעך האָט זי נישט געהאַט. האָט זי אין בלעטעלע אַ לעכעלע דורכגעשטאָכן און דורך דאָרטן אויף דער זון געקוקט. און געדאַכט האָט זיך איר. נאָר זי זעט די ליכטיקע אויגן פון די ברידער אירע. און יעדעס מאָל, ווען די זונען=שטראַלן האָבן זי איבער די באַקן געגלעט, האָט זי זיך אין די ברידערס קושן דערמאַנט.

און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער ווינט, דורכפליענדיק פארביי די רויזן=קוסטעס, וואָס זיינען פאַר דער שטוב פונם דאָרפסמאַן געשטאַנען, פלעגט ביי זיי אַ פרעג טאָן: „איז נאָך פֿאַראַן וואָס שענערס פון אייך?” אָבער די רויזן פלעגן מיט די קעפ שאָקלען און זאָגן: „עליזא איז שענער פון אונז”. און ווען די אַלטע פויערטע פלעגט זיך אַלע זונ=טאָג אויף דער שוועל פון דער שטוב צעזעצן און עפּעס אין סידור דאָרטן זאָגן, פלעגט דער ווינט די בלעטלעך מישן און ביים סידור פרעגן: „איז נאָך דאָ פרומערס פון דיר?” — „עליזא!” — פלעגט דער סידור ענטפערן. און אין די רייד איז דער סידור האָבן דעם ריינעם אמת געזאָגט.

און אַז עליזאַן איז פופצען יאָר געוואָרן, האָט מען זי צוריק אַהיים גענומען; נאָר ווי די מאַמע האָט דערזען, ווי שיין זי איז, איז זי בייז געוואָרן און נאָך מער ווי פריער זי פיינט געקראָגן. זי וואָלט זעלבסט געוואָלט א יך עליזאַן, ווי

אירע ברידער, אין אַ ווילדז שוואַ[illegible]ען, באַלד אָבער דאָס אויספירן האָט זי זיך נישט איינגעשטעלט, ווייל דער מלך האָט זי זען געוואָלט. גאַנץ פרי איז די מלכה אין באָד אַריין אַוועקגעגאַן, אין דער באָד, וואָס איז פון מירמלשטיין אויסגעבויט געווען, און וואָס אינעווייניק איז מיט טייערע טעפּיכער און ווייכע קישנס אויסגעשפּרייט געווען. און זי האָט דריי זשאַבעס גענומען, יעדער זשאַבע אַ קוש געטאָן, און דער ערשטער אַזוי געזאָגט: „אַז עליזאַ וועט אין באָד קומען, זאָלסטו זיך איר אויפן קאָפּ זעצן, כּדי זי זאָל ווערן אַזוי נאַריש, ווי דו". — „זעץ זיך איר אויפן שטערן, — האָט זי געזאָגט דער צווייטער, — זי זאָל ווערן אַזוי מיאוס און העסליך, ווי דו, און דער פאָטער זאָל זי נישט דערקענען!" — „רו אויפן האַרצן ביי איר, — האָט זי איינגערוימט דער דריטער, — כּדי זי זאָל אַ שלעכטע ווערן און פון שלעכטס קיין רו נישט וויסן"... דערנאָך האָט זי די זשאַבעס אין אַ ריין וואַסער אַריינגעלאָזט, וואָס האָט באַלד טאַקע אַ גרינע מראה באַקומען, עליזאַן צוגערופן, זי אויסגעטאָן און איר אין וואַסער גיין געהייסן. און אָט, ווי נאָר עליזאַ האָט זיך אין וואַסער אונטערגעטוקט, אַזוי האָט זיך באַלד איין זשאַבע איר אין די האָר איינגעפלאָכטן, די צווייטע האָט זיך איר אויפן שטערן געזעצט, און די דריטע — אויפן האַרצן. עליזאַ אָבער האָט עס גאָרנישט ניט באַמערקט; און אַז זי האָט דעם קאָפּ פון אונטערטוקן אַרויסגענומען, זיינען אויפן וואַסער דריי רויטע מאָנבלומען אַרומגעשוואומען. וואָלטן די שרצים קיין גיפטיקע ניט גיצ[illegible]ען און וואָלט די מכשפה ניט געקושט זיי, וואָלטן זיי זיך אין רויטע רויזן פאַרוואַנדלט. אָבער בלומען זיינען זיי דאָך געוואָרן, און דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אויף עליזאַס קאָפּ און עליזאַס האַרץ גערוט. דאָס מיידל איז אַזוי ריין און אומשולדיק געווען, אַז קיין כּשוף האָט אויף איר קיין שליטה ניט געהאַט.

דאָס דערזען, האָט די שלעכטע מלכה עליזאַן מיט זאַפט פון טערקישע ניסלעך אָנגעריבן, אַזוי אַז די הויט אירע האָט

אַ טונקל ברוינע פאַרב באַקומען, דאָס פּנים האָט זי איר מיט אַ שטינקענדיק שמירעכץ אויסגעשמירט און די וואונדער־שיינע האָר אירע — צעפּאַטלט. ס׳איז אוממעגליך געווען אַפילו די פריערדיקע עליזאַ צו דערקענען.

אַז דער פּאָטער האָט זי דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן און געזאָגט, אַז ס׳איז ניט זיין טאָכטער. אויסער די שוועלבעלעך און דעם הונט אויף דער קייט, האָט פון פּאַלאַץ קיינער די פּרינצעסין נישט דערקענט; נאָר דאָס זיינען דאָך מער ניט ווי אָרימע חיות געווען, וואָס קיינער באַמערקט זיי נישט און קיינער לייגט אויף זיי קיין אַכט נישט.

און עליזאַ האָט זיך צעוויינט; זי האָט זיך אין אירע ברידער, וואָס זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, דערמאָנט. טיף־פאַרטרויערט איז זי פון פּאַלאַץ־הויף אַרויסגעגאַן, אַ גאַנצן טאָג איבער די פעלדער אין איבער די בלאָטעס אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז זי איז לסוף צום גרויסן וואַלד דערגאַן. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, וואוהין זי גייט; נאָר ס׳האָט זיך איר זעהר שטאַרק אירע ברידער זען געוואָלט, וואָס האָבן געוויס אויך, ווי זי, ערגעץ אצינד אָהן אַ היים אַרומגעבלאָנדזשעט. און עליזאַ האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיי צו זוכן און אָפּזוכן.

נישט לאַנג איז עליזאַ אין וואַלד אָפּגעווען, און דערווייל איז שוין די נאַכט צוגעפאַלן. האָט זי זיך גאָר פון וועג אַראָפּגעשלאָגן; האָט זי זיך דערום אויפן ווייכן מאָך אַוועקגעלייגט, האָט פאַרן שלאָף קריאת־שמע אָפּגעלייענט און דעם קאָפּ אין אַן אונטערגעהאַקטן בוים־וואָרצל אָנגעשפּאַרט. אין וואַלד האָט אַ טיפע שטילקייט געהערשט; די לופט איז אַזאַ שטילע געווען און אַרום און אַרום, אין גראָז און אין מאָך האָבן אַלע מאָל, ווי גרינע פייערלעך, הינטער גלי־ווערימלעך זיך אָנגעצונדן. אַז עליזא האָט זיך גרינג מיט דער האַנט צו איינעם אַ צווייגעלע צוגערירט, זיינען די בלישטשענדיקע ברואימלעך, ווי די פאַלנדיקע שטערן, אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר די ברידער געחלומט: זיי האָבן מיט איר ווידער, ווי ווען זיי זיינען נאָך קינדער געווען, געשפּילט, מיט דימענט=גריפּעלן אויף גאָלדענע טאָוולען געשריבן און אין ביכעלע מיט די געמעלן, וואָס האָט אַ האַלבע מלוכה אָפּגעקאָסט, אַריינגעקוקט. איצט אָבער האָבן זיי די טאָוולען שוין נישט מיט קיין נולן און פּאַסיקלעך באַשריבן, נאָר מיט מעשים גרויסע, וואָס זיי האָבן געטאָן און אויפגעטאָן, און אויך אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און זיך אָנגעליטן. און אין ביכל מיט די געמעלן איז אַצינד אַלץ לעבעדיק געווען: די פויגלען האָבן געזונגען, די מענטשן זיינען פון ביכל אַרויסגעגאַנגען און מיט עליזאַן און מיט די ברידער גערעדט. ווען זי האָט אָבער אַ בלעטל איבערגעמישט, זיינען זיי צוריק אויף די ערטער אַריין, כדי ס'זאָל קיין אומאָרדנונג נישט זיין.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די זון שוין הויך אין הימל געשטאַנען. אמת, זען זי האָט זי נישט געקאָנט: די הויכע פּנימער האָבן זי מיט זייערע געדיכטע צווייגן פאַרשטעלט, אָבער די זונען=שטראַלן האָבן זיך אויף די בלעטער געהוידעט, פּונקט ווי אַ פּאָכנדיקע נעץ אַ גאָלדענע; פון דעם גראָז און פון די בלומען האָט זיך אַ טייערער ריח געטראָגן און די פויגלען זיינען אַזוי נאָנט אַרום איר אַרומגעפלויגן, אַז זיי האָבן זיך איר כמעט אויף די אַקסלען געזעצט. פונדערווייטנס האָט זיך אַ פּליעסקען פון וואַסער געהערט: דאָס זענען אַ פולע טייכעלעך געווען, וואָס זיינען אין איינער אַן אַנדערע מיט אַ קלאָרן זאַמדיקן באָדן, אַריינגעפאַלן. אַרום=און=אַרום זיינען געדיכטע קוסטעס געוואַקסן; נאָר אויף איינעם אַן אָרט דאָרט האָבן די הירשן אַ וועג דורכגעשלאָגן, און אָט דורך דעם אָרט איז אַצינד עליזא צו דער אַנדערע צוגעגאַנגען. דאָס וואַסער דאָרט איז אַזוי לויטער געווען, וואָס ווען ניט דער ווינט זאָל געווען מיט די קוסטעס=צווייגן רירן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז זיי זיינען דאָרט גאָר אויסגעמאָלט אויפן באָדן: אַזוי קלאָר האָט זיך אינם וואַסער יעדעס בלעטע=

לע אָפּגעשפּיגלט — סיי דאָס, וואָס איז מיט זון געווען באַלויכטן, און סיי דאָס, וואָס האָט זיך אין שאָטן געפונען.

אַז עליזאַ האָט אין וואַסער איר פּנים דערזען, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן: אַזוי שוואַרץ און העסליך איז עס געווען; אָבער ווי נאָר זי האָט איר קליין הענטל אין וואַסער איינגענעצט און דערמיט דעם שטערן און די אויגן זיך אויסגעריבן, אַזוי האָט איר הויט צוריק איר בלענדנדיקע ווייסקייט באַקומען. האָט זי זיך דאן אינגאנצן אויסגעטאָן און אין וואַסער אַריינגעגאן, אויף דער גאַנצער וועלט האָט מען שוין קיין שענערע פּרינצעסין נישט געזען.

אַז זי האָט זיך אָנגעטאָן און די לאַנגע האָר פאַרפלאָכטן, איז זי צום שוימענדיקן קוואַל צוגעגאַן, אַ האַנט מיט וואַסער אָנגענומען, זיך אָנגעטרונקען און ווייטער אין וואַלד אויף בלאָנקען און אַליין, וואוהין ניט-וויסנדיק, אַוועקגעגאַנגען. זי האָט וועגן אירע ברידער געטראַכט און אויך וועגן גאָט דעם דערבארימדיקן, וואָס פאַרלאָזט נישט די פאַרלאָזענע. האָט איר גאָט אויף איינעם אַ בוים אָנגעוויזן, וואָס זיינע צווייגן האָבן זיך אונטער דער פרוכטן-שווערקייט געבויגן. האָט עליזא מיט זיי איבערגעביסן, די אַראָפּגעבויגענע צווייגן מיט דרענגלעך אונטערגעשפּאַרט און אין סאַמע וואַלד-געדיכטעניש אַריין. דאָרטן איז אַזוי שטיל געווען, אַז זי האָט אירע אייגענע טריט געהערט און אויך דאָס קנאַקן פון יעדן בלעטעלע, וואָס זי האָט דערויף מיטן פיס אָנגעטראָטן. קיין פויגל איז דאָרט נישט צו זען געווען, קיין איין זונען-שטראַל האָט זיך דורך די דאָרטיקע פינסטערע און געדיכטעביימער-צווייגן נישט דורכגעשלאָגן; די הויכע שטאַמען זיינען אַזוי נאָנט איינס נעבן אַנדערן געשטאַנען, אַז ווען עליזא האָט אויף זיי און פאָראויס געקוקט, האָט זיך איר געדאַכט, גלייך ווי פאַר איר וואָלט אַ גאַנצע ריי געדיכטע ביימער-גראַטעס געשטאַנען. קיינמאַל האָט נאָך עליזא אַזאַ אָפּגעזונדערט אָרט נישט געזען.

די נאַכט איז שרעקליך פינסטער געווען. קיין איין גליווערימל האָט אין מאָך ניט געבלישטשעט. טרויעריק האָט זיך

עליזא אויפן גראָז אַנידערגעלייגט, אויף אַנטשלאָפן ווערן בדעה. האָט זיך איר דאַן אויסגעדאַכט: ווי די צווייגן פון דיביימער צענעמען זיך איבער איר, אַ לויטערער און קלאָרער הימל עפנט זיך, און דער דערבאַרימדיקער גאָט מיט גוטע, פרומע אויגן קוקט אויף איר, און קליינע מלאכימלעך ביי זיין קאָפּ און זיינע הענט אַרויסקוקן.

אַז זי האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָט זי אַליין נישט געוואוסט, צי דאָס איז אַ חלום געווען, צי זי האָט עס טאַקע בהקיץ געזען.

איז זי ווייטער געגאַנגען און באַלד זיך אויף אַן אַל־טיטשקער מיט אַ קוישל יאַגדעס אין די הענט אָנגעשלאָגן. יע־נע האָט איר עטליכע יאַגדעס געגעבן. דאַן האָט עליזא ביי איר אַ פרעג געטאָן, צי האָט זי נישט באַגעגנט זיין וואַלד עלף פרינצן רייטנדיק פאָרן.

— ניין! — האָט געענטפערט די אַלטע, — נאָר נעכטן האָב איך עלף שוואַנען מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ געזען; זיי זיינען אויפן טייך אַראָפּ וואַסער געשוואומען, און אָט דאָ, און נישט ווייט פון דאַנען.

און זי האָט עליזאַן צו אַ באַרג־אָפּרייס צוגעפירט, וואָס צופיסנס ביי אים האָט זיך אַ טייכעלע געשלענגלט; ביידע ברעגן זיינען מיט ביימער, ווי אַרומגעזוימט געווען, וואָס האָ־בן איינס אַנטקעגן אַנדערן זייערע לאַנגע און געדיכט־בלעטער־דיקע צווייגן אויסגעשטרעקט און דאָרט, וואו זיי האָבן זיך איינס מיט אַנדערן צונויפגיין נישט געקאָנט, האָבן זיי די וואָרצלען זייערע פון דער ערד אַרויסגעשטעקט, איבערן וואַ־סער זיך אַריבערדערלאַנגט און מיט די צווייגן זיך צונויפ־געפלאָכטן.

האָט זיך עליזא מיט דער אַלטער געזעגנט און אַוועק־געגאַנגען מיט דער לענג פונם ברעג צו דעם אָרט, וואו דאָס טייכל איז אין ברייטן און אין אָפּענעם ים אַריינגעפאַלן.

פאַרן יונגן מיידל האָט זיך דער אָנברעגיקער ים מיט זיין גאַנצער מעכטיקער שיינקייט אויסגעשפרייט; אויף אים

אָבער האָט זיך נישט קיין זעגל און ניט קיין שיפל נישט אָנגעזען. נישט ווילנדיק איז זיך איר אָפּשטעלן אויסגעקומען. האָט זי באַטראַכטן גענומען די אָנצאָליקע שטיינדעלעך, מיט וועלכע דער ברעג איז ווי פאַרזייט געווען און וואָס דאָס וואַסער האָט פאַרקיילעכדיקט. גלאָז, אייזן, שטיינער — אַלץ, וואָס ס׳איז דורך די כוואַליעס אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, איז דורך דעם וואַסער פאַרשלייפט געוואָרן, דאַן ווען דאָס וואַסער איז דאָך נאָך ווייכער, ווי עליזאס צאַרט הענטל געווען. און קוקנדיק אויפן וואַסער, האָט דאָס מיידעלע זיך געטראַכט: אומערמידליך קאַטשעט זיך דאָס וואַסער הין און הער און סאַמע די האַרטסטע זאַכן פאַרשלייפט. וועל איך אויך אַזוי אומערמידליך זיין. „אַ דאַנק אייך פאַר דער לערע, ליכטיקע, לויפנדיקע כוואַליעס! ווען ניט איז — אַזוי זאָגט מיר דאָס האַרץ — וועט איר מיך צו מיינע ליבע ברידער טראָגן".

אויפן פייכטן גראָז פון ברעג האָט זי עלף ווייסע שוואַנען־פעדערן באַמערקט. האָט זיי עליזאַ אין איין בינטל צונויפגענומען. די פעדערן זיינען מיט וואַסער־טראָפּנס באַדעקט געווען: מעגליך, אַז דאָס איז טוי געווען און מעגליך טרערן עמיצנס — ווער ווייסט? פוסט און איינזאַם איז אויפן ים־ברעג געווען; נאָר עליזא האָט דאָס נישט געפילט, ווייל דער ים האָט מיט זיך אַן אומאויפהערליכן בייט פון בילדער פאָרגעשטעלט; אין אַ משך פון אַ שעה האָס ער זיך אַ סך מאָל מער געביטן, ווי דאָס וואַסער פון די אָזערעס אין משך פון יאָרן. האָט זיך אַ שוואַרצע כמאַרע אָנגערוקט — האָט דער ים באַלד אַזאַ אויסזען באַקומען, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „אויך איך קאָן אָנגעברוגזט זיין". און דאַן האָט אַ ווינט גענומען בלאָזן, און די כוואַליעס האָבן בייזעריק ווייסן שוים אַרויסגעוואָרפן. ווען אָבער די וואָלקן אויפן הימל האָבן ראָז אויסגעזען, און דער ווינט איז שטיל געוואָרן, איז דער ים ענליך צו אַ רויזן־בלעטעלע געוואָרן, אָט האָט ער זיך גרין געוויזן, און אָט ווייס גאָר. נאָר ווי רוהיק ער זאָל זיך נישט געווען אויסווייזן, דער ים, איז אויפן ברעג אויף זיינעם כסדר אַ

גרינגע באַוועגונג פאָרגעקומען, און דאָס וואַסער האָט זיך געהוי־ דעט גרינג, פּונקט ווי די ברוסט פון אַ קינד אַ שלאָפנדיקס.

פאַרן זון־פאַרגיין האָט עליזא עלף שוואַנען מיט גאָל־ דענע קרוינען אויף די קעפּ דערזען, וואָס זיינען אין דער ריכטונג צו איר און ווי צום ברעג צוגעפלויגן. און געטראָגן האָבן זיי זיך איינס נאָכן אנדערן אין א שורה אַ לאַנגער, אַזוי אַז פונדערווייטנס האָבן זיי זיך, ווי אַ לאַנגע ווייסע סטענגע אויסגעוויזן. האָט זיך עליזא באַלד אויפן שפּיץ פון אַ פעלז אויפגע־ הויבן און אונטער אַ קוסט זיך באַהאַלטן; האָבן זיך די שוואַנען נישט ווייט פון איר אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און מיט זייערע גרויסע ווייסע פליגלען זיך פון פליען אָפּגעפּאָכעט.

ווי נאָר די זון איז אינגאַנצן פאַרגאַנגען, זיינען פון זיי די שוואַנען־פעדערן אַראָפּגעפאַלן, און עלף פּרינצן, עליזאס ברידער, זיינען אויפן ים־ברעג געשטאַנען. האָט זי הויך א געשריי געטאָן. וואָרים הגם זיי האָבן זיך שטאַרק געביטן, דאָך האָט זי זיי באַלד דערקענט: דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס זיינען די ברידער אירע. און זי האָט זיך זיי אין די אָרעמס געוואָרפן און זיי ביי די נעמען אָנגערו־ פן; אויך די פּרינצן האָבן פון פרייד די קעפּ פאַרלאָרן, אַז זיי האָבן זייער שוועסטערל דערזען. אויך זיי האָבן זי באַלד דערקענט, הגם אויך זי איז אויסגעוואָקסן און אַזאַ שיינהייט געוואָרן. האָבן זיי געלאַכט און געוויינט און באַלד איינס פונס אַנדערן געוואָר־געוואָרן, ווי שלעכט זייער שטיפמוטער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי אַלעמען.

— מיר, ברידער, — האָט געזאָגט דער עלטסטער, — פליען אין געשטאַלט פון ווילדע שוואַנען אַרום, ביז די זון אין הימל שיינט; נאָר ווי זי פאַרגייט, אַזוי נעמען מיר ווידער אַ מענטשליך אויסזען אָן. דערום דאַרפן מיר כסדר אויפ־ פּריער זיך באַוואָרענען, אַז צום זונען־פאַרגיין זאָלן מיר אונ־ טער די פיס אַ האַרטן באָדן האָבן; ווען מיר זאָלן אין יענער צייט אונטער די וואָלקנס שוועבן, וואָלטן מיר, מענטשן ווערנדיק, געמוזט אויף דר׳ערד אַראָפּפאַלן. וואוינען וואוינען מיר

נישט דאָ. פון יענער זייט ים איז פאַראַן אַ לאַנד אויך אַזאַ שיינס, ווי דאָס. נאָר דער וועג אַהין איז זעהר אַ ווייטער: מיר מוזן אַ גרויסן ים איבערפליען, און אויפן ים איז קיין איין אינזל נישטאָ, וואָס מיר זאָלן אויף אים איבערנעכטיקן קאָנען; נאָר אויף סאַמע דעם מיט פון וועג שטעקט אַרויס אַן איינזאַמער פעלז אַ קליינער, וואָס איז אַזוי קליין, אַז זיך אויסשטעלן אויף אים קאָנען מיר ניט אַנדערש, סיידן מיר זאָלן זיך גוט צונויפדריקן אינאיינעם. אַז דער ים שטורעמט, קאַטשען זיך די כוואַליעס איבער אונז דאָרט אַריבער, אָבער מיר דאַנקען גאָט אויך פאַר דעם שטיקל היים-שוץ אויך. און מיר פאַרברענגען דאָרט די נאַכט אין מענטשליכן אויסזען; וואָלט יענער פעלז נישט געווען, אַזוי וואָלטן מיר קיינמאָל אונזער ליב געבורטס-לאַנד נישט געקאָנט באַזוכן, ווייל אויף איבערפליען דערויף דאַרפן מיר די לענגסטע צוויי טעג אין יאָר האָבן. נאָר איין מאָל אין יאָר ווערט אונז דערלויבט אונזער געבורטס-לאַנד צו באַזוכן און דאָרט עלף טעג פאַרברענגען. פליען מיר דעמאָלט אָט דעם גרויסן וואלד אַריבער, וואָס פון דאָרטן קאָן מען דעם שלאָס אונזערן אָנזען, דאָרט וואו מיר זיינען געבוירן געוואָרן און וואו דער פאָטער אונזערער לעבט, און אויך דאָס הויכע קלויסטער-טורעמל, וואו אונזער מוטער איז באַגראָבן. יעדער בוים, יעדער קוסטל דאָרט איז אונז באָנט, טייער און אייגן; דאָ טראָגן זיך די ווילדע פערד איבער די סטעפעס ארום, ווי אין דער צייט פון אונזער קינדהייט נאָך; דאָ זינגט דער קוילן-גרעבער די זעלבע לידער, אונטער וועלכע מיר האָבן געטאַנצט אַמאָל קינדווייז; דאָ איז אונזער געבורטס-לאַנד, אַהער ציען מיר זיך מיט דער נשמה שטענדיק און דאָ אויך האָבן מיר דיך, אונזער ליב און טייער שוועסטערל, געפונען. אָבער נאָך צוויי טעג איז אונז אויף צו זיין דאָ געבליבן, דערנאָך דאַרפן מיר ווייטער אויף יענער זייט ים אַוועקפליען, אין יענעם וואונדער-לאַנד, וואו מיר פילן זיך דאָך, ווי פרעמדע. ווי אַזוי נעמט מען דיך מיט מיט אונז? מיר האָבן דאָך קיין שיף און קיין שיפל ניט!

— און ווי אַזוי טוט מען פון אַייך דעם כשוף אָפּ? — האָט געפרעגט די שוועסטער.

אַזוי האָבן זיי מיט שמועסן די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט; און נאָר אויף איינציגע שעה אַנטדרימלט געוואָרן. עליזא האָט זיך פונם רויש פון שוואַנען־פליגלען אויפגעכאַפּט: די ברידער האָבן זיך ווייטער אין שוואַנען פאַרוואַנדלט. זיי האָבן אין דער לופט גרויסע עגולן געמאַכט און דערנאָך אינגאַנצן פון אויג פאַרשוואונדן; נאָר איינער פון זיי, סאַמע דער ייִנגסטער, איז מיט דער שוועסטער געבליבן; אַזוי האָבן זיי דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט. פאַרנאַכט־צו האָבן זיך אויך די איבעריקע אומגעקערט, און, אַז די זון האָט זיך געזעצט, האָבן זיי ווייטער אַ מענטשן־געשטאַלט באַקומען.

— מאָרגן, — האָט געזאָגט דער עלטערער, — וועלן מיר פון דאַנען אַוועקפליִען און ביז איבער־אַ־יאָר זיך שוין נישט אומקערן אַהער. אָבער דיך אַליין דאָ לאָזן קאָנען מיר נישט. וועסט ביי דיר מוט קלעקן אונדז נאָכצוגיין? אין מיינע הענט פיל איך גענוג כח דיך איבערן וואַלד איבערטראָגן; זאָלשע זיין, אַז ביי אונדז אַלע וועט קיין כוחות נישט קלעקן דיך איבערן ים איבערצוטראָגן?

— נעמט מיך מיט אייך! — האָט געזאָגט עליזא.

האָבן די ברידער אַ גאַנצע נאַכט ביי דער אַרבעט פאַרבראַכט און פון בויגנדיקער ווערבע־אָפּשיילעכץ און טשערעט אַ גרויס און שטאַרק נעץ־וויגל אויסגעפלאָכטן. און עליזא האָט זיך אין דערין אַריינגעלייגט. און, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען און די ברידער האָבן זיך אין ווילדע שוואַנען פאַרוואַנדלט, האָבן זיי דאָס נעץ־וויגל מיט די פּיסקעס אָנגענומען און דערמיט זיך הויך־הויך אויפגעהויבן און אויך מיט דער ליבער שוועסטער זייערער, וואָס איז נאָך געשלאָפן דעמאָלט. די זונען־שטראַלן זיינען גלייך איר אויפן פּנים געפאַלן און דערום איז איינער פון די שוואַנען באַשטענדיק איבער איר קאָפּ געפלויגן, כדי זי פאַר דער זון מיט זיינע ברייטע פליגלען שיצן.

זיי זײַנען שוין ווייט פון ברעג געווען, אַז עליזא האָט זיך אויפגעכאַפּט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז עפּעס אַ חלום, אַזוי משונה האָט זיך איר אויסגעוויזן דאָס טראָגן־זיך אונטער די הימלען דאָרטן און איבערן ים, דעם אָנבּרעגיקן. נעבן איר איז אַ צווייג מיט פרישע צײַטיקע יאַגעדעס געלעגן און אויך אַ בינטל געשמאַקע וואָרצלען אַזוינע; די בײדע זאַכן האָט פאַר איר דער ייִנגערער ברודער צונויפגעקליבן. האָט זי מיט דאַנק געלאַכט צו אים, ווײַל זי האָט אים דערקענט: דאָס איז ער איבער איר קאָפּ געפלויגן און זי מיט זײַנע פליגלען פון דער זון געשיצט.

זײַנען זיי אַזוי הויך געפלויגן, אַז סאַמע די גרעסטע שיף, וואָס זיי האָבן אונטער זיך געזען, האָט זיך זיי, ווי אַ ווײַסער ים־פויגל, וואָס האָט זיך אויף די כוואַליעס געוויגט, אויסגעזען. איז זיי אַ גרויסער וואָלקן נאָכגעשוואומען, אויף וועלכן עליזא האָט דעם שאָטן פון זיך און פון די עלף שוואַנען געזען; אָבער די שאָטנס דאָרט האָבן זיך, ווי ריזן געוויזן. אַזאַ וואונדערליך בילד האָט נאָך עליזא קיינמאָל ניט געזען, נאָר אַז די זון האָט זיך העכער אויפגעהויבן און דער וואָלקן איז ווייט פון אונטער זיי געבליבן, איז דאָס לופט־בילד פאַרשוואונדן.

אַ גאַנצן טאָג זײַנען זיי אָן אָפּשטעל און פּונקט, ווי אַ פײַל פון בויגן אַרויסגעלאָזט, געפלויגן. דאָך האָבן זיי איצט פּאָראויס פּאַמעליכער ווי געוויינליך געצויגן; זיי האָבן דאָך די שוועסטער געטראָגן.

און דער אינדרויסן האָט זיך געביטן, אויפן ים איז אַ שנוי געוואָרן, און דער אָוונט האָט זיך דערנענט. האָט עליזא אומרוהיק דער זון נאָכגעקוקט, ווי זי האָט זיך אַלץ נידעריקער צום האָריזאָנט אַראָפּגעלאָזט און דעם איינזאַמען פעלז אויפן ים האָט מען נאָך נישט אָנגעזען. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַנען איצט אַלץ שטאַרקער מיט די פליגלען מאכן. אַך, דאָס איז דאָך איר שולד געווען, וואָס זיי האָבן זיך נישט מיט דער געהעריקער גיכקייט פּאָראויס געטראָגן.

און געוואוסט האָט זי, אַז ווי נאָר די זון וועט פֿאַרגיין, וועלן זיי מענטשן ווערן, אין ים אַריינפֿאַלן און דערטרונקען ווערן. און עליזא האָט פֿון טיפֿן האַרצן גאָט געבעטן, נאָר דעם פֿעלז האָט מען נאָך אַלץ נישט אָנגעזען. שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך אַלץ נענטער אָנגערוקט, שטאַרקע ווינטן־בלאָזן האָבן אויף אַ שטורעם נביאות געזאָגט; לסוף האָבן זיך די כמאַרעס אין איין גרויזאַמער שוואַרצער מאַסע צונויפגעגאָסן, וואָס האָט זיך פֿאָראויס מיט אַן אומאויפהערלעכן כח געטראָגן, און די בליצן האָבן געבליצט אָן אַן אויפהער.

און אָט איז שוין די זון צום סאַמע ים־ברעג פֿאַרגאַנגען. בײַ עליזאן האָט דאָס האַרץ צו קלאַפּן אויפגעהערט... אין דער מינוט זײַנען די שוואַנען אַזוי נידעריק געפֿלויגן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי נידער פֿאַלט. נאָר אָט האָבן זיי זיך ווידער גלײַך און פֿאָראויס גענומען טראָגן. די זון האָט זיך שוין אויף דער העלפֿט אונטערן וואַסער אַראָפּגעלאָזט... און דאַן ערשט האָט זי אונטער זיך אַ קליינעם פֿעלז דערזען, די גרויס נישט מער פֿון אַ קאָפּ פֿון אַ ים־לייב, וואָס האָט זיך פֿון וואַסער אַרויסגעשטעקט. די זון האָט שוין גענידערט גיכער; אָט האָט זי זיך שוין, ווי אַ קליין שטערנדל די גרויס אויסגעזען... נאָר אין דער מינוט האָט עליזאס פֿוס אין הארטן באָדן זיך אָנגערירט. די זון האָט זיך פּונקט, ווי אַ לעצטער פֿונק פֿון אַ פּאַפּיר אַ ברענענדיקן, אויסגעלאָשן. האָט עליזא אַרום זיך אירע ברידער דערזען, ווי זיי זײַנען האַנט בײַ האַנט געשטאַנען און קוים־קוים אויפֿן פֿעלז זיך אויסגעשטעלט. די ים־כוואַליעס האָבן זיך אין פֿעלז אָנשלאָגנדיק, זיי מיט וואַסער־שפּריצן באַשפּריצט; דער הימל האָט פֿון אומאויפהערלעכע בליצן געבליאַסקעט; די דונער־בראָכן האָבן זיך אין איין ניט־אָנטשוויגן־ווערנדיקן ברומען צונויפגעגאָסן, אָבער די שוועסטער און די ברידער האָבן זיך ענג צונויפגערוקט איינס צום צווייטן און תהלים זאָגנדיק פֿון דאָרט טרייסט און מוט געשעפּט.

מיטן טאָגליך איז די לופֿט ריין און לויטער געוואָרן,

און ווי נאָר די זון איז אויפֿגעגאַנגען, אַזוי זײַנען די שוואַנען מיט דער שוועסטער זייערער ווײַטער געפֿלויגן. דער ים האָט נאָך געכוואַליעט. און אַז עליזאַ האָט אויף אים פֿון אויבן אַראָפּגעקוקט, האָט איר דער וואַסער־שוים אויף די טונקלגרינע כוואַליעס, ווי שווימענדיקע שוואַנען, אויסגעזען.

און אַז די זון האָט זיך העכער אויפֿגעהויבן, האָט עליזאַ פֿאַר זיך דערזען, ווי אין דערלופֿט איז ווי אַ באַרגיק לאַנד געשוואומען מיט בלישטשענדיקע אייז־מאַסן אויף די פֿעלז־שפּיצן דאָרטן; צווישן די פֿעלזן האָט זיך אַ שלאָס פֿון עטליכע מײַל די לענג אַרויסגעזען, מיט שאַרף־פֿאַרשפּיצטע טורעמלעך איינס איבערן אַנדערן איבערגעוואָרפֿן; אונטן האָבן זיך פֿאַלעם־וועלדער און וואונדער־שיינע בלומען די גרויס, ווי מיל־שטיינער, געשאָקלט. האָט עליזאַ אַ פֿרעג געטאָן, צי איז נישט דאָס דאָס לאַנד, וואָס זיי פֿליען אַהין, נאָר די שוואַנען האָבן מיט די קעפּ געשאָקלט, ווײַל דאָס בילד, וואָס ס׳האָט זיך איר פֿאַרגעשטעלט, איז געווען נישט קיין זאַך, נאָר דער שיינער און אייביק־זיך־בײַטנדיקער לופֿט־שלאָס פֿון פֿ אַ ט אַ־מ אָ ר ג אַ נ אַ, וואָס אַהין קאָן ק יי ן לעבעדיק באַשעפֿעניש נישט אַרײַנקומען. עליזאַ האָט שטאַרק זיך אײַנגעקוקט אין אים; נאָר פּלוצים זײַנען די בערג, די וועלדער און דער שלאָס אומגעפֿאַלן, און אויף זייער אָרט האָבן זיך צוואַנציק וואונדערליכע קלויסטערס באַוויזן, איינער אויפֿן צווייטן ענליך און מיט הויכע טורעמס און מיט פֿענסטער פֿאַרשפּיצטע. איר האָט זיך אַפֿילו דאָס קול פֿון אַן אָרגאַן געהערט, נאָר דאָס איז נאָר דער ווײַטער ימרעש געווען. אָט איז זי שוין גאָר נאָענט צו די קלויסטערס צוגעקומען, האָבן זיי זיך אין איין כהרף־עין אין אַ גאַנצן שיפֿן־פֿלאָט פֿאַרוואַנדלט, וואָס האָט אויף אַלע זעגל־כּלים צעלאָזט זיך; האָט זי אויף הינטן אַראָפּגעקוקט — האָט זי דערזען. אַז ס׳איז בסך־הכּל נאָר אַ היפּל געווען, וואָס האָט איבערן וואַסער דאָרט גערוקט זיך. אָט אַזוי האָבן זיך פֿאַר איר אַלע מינוט די בילדער געביטן, ביז ס׳האָט זיך לסוף טאַקע באמת דאָס לאַנד, וואוהין זיי זײַנען געפֿלויגן, באַוויזן. דאָרט האָב=

זיך וואונדערליכע בערג בלויע מיט צעדערן־וועלדער, מיט שטעט און טורעמס זיך דערהויבן. נאָך אַ סך פריער פאַרן זון־פאַרגיין האָבן זיי זיך אויף אַ פעלז געטראָפן, ביים אַריינגאַנג פון אַ הייל אַ גרויסער, וואָס איז מיט איידעלע, גרינע און זיך־פלעכטנדיקע געוויקסן געוועזן באַוואָקסן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע הייל איז מיט אויסגעניייטע טעפיכער אויסגע־שפרייט געווען.

— נו, מיר וועלן זען וואָס פאַר אַ חלומות ס'וועלן זיך דיר ביי־נאַכט חלומען! האָט געזאָגט דער ברודער דער ייִנגע־רער עליזאַן, איר שלאָף־צימער אָנווייזנדיק.

— אַך, ווען גאָט זאָל מיר אין שלאָף אַ מיטל צושיקן, ווי אייך צו ראַטעווען! — האָט זי געזאָגט. דער געדאַנק האָט זי שטאַרק באַהערשט. האָט זי שטאַרק צו גאָט געבעטן, ער זאָל איר העלפן. אויך אין שלאָף האָט זי אים געבעטן. האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז הויך־הויך אין דער לופט צום שלאָס פון פאַטאַ־מאָרגאַנאַ געפלויגן, און איר אַנטקעגן איז אַליין די פעע אַרויסגעגאַנגען, אַזאַ שיינע און בלישטשענדיקע, און, דאָך, ווי צוויי טראָפּן צו דער אַלטיטשקער ענליך, צו יענער אַלטיטשקער, וואָס האָט אין וואַלד איר יאַגדעס געגעבן און וועגן די שוואַנען מיט די גאָלדענע קרוינען אויף די קעפ דערציילט.

— דיינע ברידער קאָן מען העלפן! — האָט געזאָגט די פעע: — וועט אָבער ביי דיר דערויף געדולד און שטאַרקייט קלעקן? אמת, די וואַסערן זיינען ווייכער, ווי דיינע הענט, און דאָך שלייפן זיי שטיינער; נאָר זיי פילן אָבער נישט דעם ווייטאָק, וואָס דיינע הענט וועלן פילן; זיי האָבן קיין האַרץ ניט און פילן נישט דעם שרעק און די ליידן, וואָס דיר וועט ליידן אויסקומען. דו זעסט, אָט די קראָפּיווע, וואָס ביי מיר? אַזאַ מין קראָפּיווע וואַקסט אויך אַרום דער הייל, וואָס דו שלאָפסט אין איר; נאָר די קראָפּיווע און אויך נאָר די, וואָס אויף אַ בית־הקברות וואַקסט, טויגן פאַר דער זאַך פאַר דיינער. געדענק עס גוט! אָט די קראָפּיווע זאָלסטו אָנרייסן, דיינע הענט זאָלן זיך אַפילו אינגאַנצן מיט בלאָטערן באַדעקן. צע־

טרעט זי מיט די פיס, וועסטו אַ שפינעכץ באַקומען; פון דעם שפינעכץ זאָלסטו עלף פאַנצערן מיט לאַנגע אַרבל אויספלעכטן; אָט די פאַנצערן וועסטו אויף די עלף שוואַנען אַרויפוואַרפן — און דער כשוף וועט פאַרשוואונדן ווערן. נאָר געדענק, אַז פון דער מינוט, וואָס דו הויבסט אָן די אַרבעט, ביז דער מינוט, וואָס דו וועסט זי פאַרענדיקן, טאָרסטו קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן, ווען אַפילו אויף דער אַרבעט זאָלן דאַרפן גאַנצע יאָרן אַוועקגיין; דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דו וועסט אַרויסרעדן, וועט עס דאָס האַרץ פון דיינע ברידער, ווי מיט אַ שטעך־מעסער דורכשטעכן. זייער לעבן הענגט אויפן שפיץ צונג ביי דיר. געדענק עס!

און דאָ האָט די פעע מיט דער קראָפּיווע צו עליזאס הענט זיך צוגערירט, האָט עס זי, ווי מיט פייער אַ ברי געטאָן, און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ס'איז שוין גוט ליכטיק געווען, האָט זי נעבן זיך אַ צווייגעלע קראָפּיווע געטראָפן, פונקט אַזאַ, וואָס זי האָט אין חלום געזען. האָט זיך עליזא אויף די קני אַנידערגעשטעלט, גאָט געדאַנקט, און פון דער הייל אויף צו דער אַרבעט זיך נעמען אַרויסגעגאַן.

מיט אירע צאַרטע הענט האָט זי אָנגעהויבן די שלעכטע קראָפּיווע צו רייסן, וואָס זי האָט זי ווי מיט פייער געבריט; גרויסע בלאָטערן זיינען איר אויף די הענט און אויף די פיס אויפגעלאָפן; נאָר זי האָט מיט פרייד דעם ווייטאָק געליטן, אַבי אירע ברידער די טייערע צו באַפרייען. און זי האָט די קראָפּיווע מיט די באָרוויסע פיס געטראָטן און אַ גרין שפינעכץ פון איר געשפינט.

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, זיינען די ברידער צו פליען געקומען. און, זעענדיק, אַז די שוועסטער זייערע רעדט קיין וואָרט ניט אַרויס, האָבן זיי זיך זעהר דערשראָקן, זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ ניי כשוף־שטיק פון דער שלעכטער שטיפמאַמע זייערער. נאָר אַז זיי האָבן אויף אירע הענט אַ קוק געטאָן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קרבן זי האָט ברענגען צוליב זיי זיך גענומען, און דער יינגעריער ברודער האָט זיך צעוויינט, און דאָרט, וואו זיינע טרערן זיינען גע־

פאַלן, איז דער ווייטאָק איבערגעגאַן און די ברענענדיקע בלאָטערן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

די ערשטע נאַכט האָט זי פאַר דער אַרבעט פאַרבראַכט — זי האָט רוען נישט געקאָנט. דעם גאַנצן צווייטן טאָג, ביז די שוואַנען זיינען אַרומגעפלויגן, האָט זי אין איר אָפּגעזונדערטקייט פאַרבראַכט; אָבער קיינמאָל איז נאָך ביי איר אַזוי די צייט נישט געפלויגן, ווי דעמאָלט. איז שוין איינער אַ פּאַנצער גרייט געווען, און זי האָט פאַר אַ צווייטן זיך גענומען.

פּלוצים האָט זיך אין די בערג דאָס טרומייטן פון אַ יעגער-האָרן דערהערט. דעם מיידל האָט אַ שרעק אָנגעכאַפּט; און די קולות האָבן זיך אַלץ דערנענטערט; און ס'האָט זיך אַ בילן פון הינט דערהערט. עליזא איז אין שרעק צו דער הייל אַוועקגעלאָפן, איר צונויפגעקליבענע קראָפּיווע אין איין בינטל צונויפגעבונדן און זיך אַרויפגעזעצט דערויף.

אין דער מינוט איז פון דעם פעלז-גראָבן אַ הונט אַרויסגעשפּרונגען, נאָך דעם ערשטן — אַ צווייטער, און נאָך דעם צווייטן — אַ דריטער; זיי האָבן הויך געבילט, אַנטלאָפן און ווייטער אָנגעלאָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך פאַר דער הייל אַלע יעגערס באַוויזן; סאַמע דער שענסטער און דער שטאַלטיקסטער פון זיי איז דער מלך פון יענעם לאַנד געווען. איז ער צו עליזאן צוגעגאַנגען — ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ שיינקייט נישט געזען!

— ווי קומסטו אַהער, קינד שיינס? — האָט ער זי געפרעגט. נאָר עליזא אַלס ענטפער האָט נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט: רעדן האָט זי זיך נישט איינגעשטעלט, ווייל דאָס לעבן און די רעטונג פון אירע ברידער איז דאָך פון דעם אָפּהענגיק געווען. און זי האָט אירע הענט מיט קראָפּיווע אָפּגעבריטע אונטערן פאַרטוך באַהאַלטן, דער מלך זאָל זיי נישט באַמערקן.

— קום מיט מיר! — האָט ער איר געזאָגט: — ס'איז קיין אָרט ניט דאָ פאַר דיר. אויב דיין האַרץ איז אַזוי שיין, ווי דאָס פּנים דיינס, וועל איך דיך אין סאַמעט און אין זיידנס אָנטאָן, דיר אויפן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין אַרויפלייגן, און דו

וועסט לעבן, הערשן און באַפעלן אין סאַמע דעם שענסטן פון די פּאַ־לאַצן מיינע. — און מיט די ווערטער האָט ער זי צו זיך אויפן פערד אַרויפגעזעצט. עליזא האָט געוויינט און די הענט געבראָכן; נאָר דער מלך האָט איר ליב אַזוי געזאָגט: איך וויל דאָך נאָר דאָס גליק דיינס... דו וועסט זען, ס׳וועט קומען אַ צייט און דו וועסט מיר אָפּדאַנקען דערפאַר! — און ער האָט זיך מיט איר דורך די בערג אַוועקגעטראָגן און די יעגערס זיינען אים נאָכגעפאָרן.

בעתן זון־פאַרגיין האָט זי אַ שיינע הויפּטשטאָט מיט קלויסטערס און קופּאָלן דערזען. דער מלך האָט עליזאַן אין אַ שלאָס אַריינגעפירט, וואו אין הויכע מירמלשטיינערנע זיילן האָבן פאָנטאַנען געשלאָגן, און די ווענט און די סטעליע זיינען מיט געמאָלעריי באַצירט געווען. עליזא האָט אָבער אויף גאָר־נישט קיין אַכט נישט געגעבן. זי האָט געוויינט און געטרויערט און מיט גלייכגילטיקייט זיך אין מלוכה־קליידער פאַרפּוצן דערלויבט, אין די האָר זיך פּערל איינפלעכטן און דינינקע הענטשקעס אויף די פאַרוואונדעטע הענט זיך אַרויפציען.

און אַז עליזאַ איז מיט איר נייעם פּרעכטיקן פּוץ פון פּוץ־צימער אַרויסגעגאַן, איז זי אַזוי בלענדנדיק שיין געווען, אַז אַלע הויפלייט האָבן זיך פאַרבויגן. דער מלך האָט זי פאַר זיין כלה פאָרגעשטעלט, הגם דער ערצבישאָף האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט און געזאָגט, אַז די וואַלד־שיינהייט איז אַ מכשפה געוויס, וואָס האָט דעם מלך זיינע אויגן פאַרבלענדט און זיין האַרץ פאַרנעפּלט.

דער מלך אָבער האָט אים נישט געהערט. ער האָט גע־הייסן דער מוזיק שפּילן, האָט געהייסן די טייערסטע געקעכצן דערלאַנגען, און די שענסטע מיידלעך האָבן באַדאַרפט פאַר עליזאַן טאַנצן. האָט מען זי דורך שמעקנדיקע סעדער און פּרעכטיקע זאַלן דורכגעפירט, נאָר קיין מינדסט שמייכעלע האָט זיך ביי איר נישט אויף די ליפּן און נישט אויף די אויגן געוויזן. פּונקט ווי אַ סטאַטוע פון טרויער איז זי צווישן דער אַלגעמיינער פרייד געשטאַנען. דאַן האָט דער מלך אַ קליין צימערל, נעבן וועלכן זי האָט שלאָפן געדאַרפט, אויפגעעפנט.

דאָס צימערל איז מיט טייערע גרינע טעפּיכער צוגעקליבן געווען, און אויף דער הייל, וואו זי האָט פריער געלעבט, ענליך געווען. אויף דער בריק דאָרט איז אירס אַ בינטל קראָפּיווע=שפּינעכץ געלעגן, און אונטער דער סטעליע איז אַ פּאַנצער געהאַנגען, דער, וואָס זי האָט אים שוין פאַרענדיקט געהאַט. די אַלע זאַכן האָט מיט זיך איינער פון די יעגערס אַלס זעלטנקייטן און חידושים מיטגענומען.

— אָט דאָ וועסטו דיר קאָנען אין דיין פאַנטאַזיע אין דיין פריערדיקן געבורטס=לאַנד זיך איבערטראָגן! — האָט געזאָגט דער מלך. — אָט איז די אַרבעט, מיט וועלכער דו האָסט זיך דאָרטן פאַרנומען; אין רייכטום, וואָס געפינסט זיך אַצינד, וועט דיר געוויס איינגענעמען זיין זיך אָן פריערדיקן דערמאַנען.

אַז עליזא האָט דערזען דאָס, וואָס איז אַזוי נאָנט איר האַרצן געווען, האָט זיך צום ערשטן אויף אירע ליפּן אַ שמייכל באַוויזן און אירע בלאַסע באַקן האָבן זיך ווידער מיט אַ רויטקייט באַדעקט. זי האָט וועגן די ברידערס רעטונג אַ טראַכט געטאָן און דעם מלך די האַנט אַ קוש געטאָן, און דער מלך האָט זי צו זיין האַרצן געדריקט און געהייסן אין די גלעקער קלינגען און וועגן זיין חתונה אויסרופן. די שטומע וואַלד=שיינהייט איז די מלכּה פונם לאַנד געוואָרן.

דאַן האָט דער ערצבישאָף געגומען דעם מלך שטיל אין אויער עפּעס שלעכטע רייד איינרוימען. דער מלך האָט אָבער אויף זיי קיין אכט נישט געגעבן. די חתונה איז פאָרגעקומען, און אַליין דער ערצבישאָף האָט באַדאַרפט עליזאַן אויפן קאָפּ די קרוין אַרויפלייגן; פון פאַרדראָס האָט ער איר אַזוי נידעריק דאָס שמאָלע רייפל אויפן שטערן אָנגערוקט, אַז ס׳האָט איר זעהר וויי געטאָן און זי שטאַרק געדריקט. אבער איר האַרץ האָט נאָך אַ גרעסערער ווייטאָק געדריקט — דאָס בענקען אירס נאָך די ברידער, און איבער דעם האָט זי קיין קערפּערליכע ווייטאָקן נישט געפילט. די ליפּן אירע זיינען געשלאָסן געווען — וואָרים איין וואָרט אירס האָט דאָך געקאָנט

די ברידער אומבּרענגען; נאָר אין די אויגן בּיי איר האָט אמתע ליבע צום גוטן, שיינעם מלך געלויכטן, וואָס האָט אַלץ געטאָן, אַבּי זי פריילעכער מאַכן; און מיט יעדן טאָג איז ער איר טייערער געוואָרן, דער מלך. אַך, ווען זי זאָל זיך קאָנען פאַר אים אנטדעקן און אים איר צרה פאַרטרויען! נאָר זי האָט אָבער געמוזט שטום בּלייבּן און שטום איר אַרבּעט אויספירן. און זי פלעגט זיך בּיינאַכט אין קליינעם צימערל, וואָס איז ווי די הייל צוגעקליבּן געווען, אַריינגנבּענען און די פאַנצערן איינעם נאָך דעם אַנדערן פלעכטן. נאָר ווען זי האָט זיך פאַרן זיבּעטן גענומען, האָט בּיי איר קיין שפּינעכץ נישט געקלעקט.

זי האָט געוואוסט, אַז די קראָפּיווע, וואָס איר איז נויטיק געווען, איז אויפן בּית־הקברות געוואַקסן; האָט זי אָבער אַליין זי בּאַדאַרפט אָנרייסן. ווי אַזוי־זשע רייסט מען זיך בּיינאַכט פון פּאַלאַץ אַרויס און מע קומט אַהין?

„אָ, וואָס איז דער ווייטאָק פון מיינע הענט אַנטקעגן דעם ווייטאָק פון מיין האַרצן!“ — האָט זי זיך געטראַכט. — איך מוז עס אָבער טאָן און גאָט וועט מיך נישט פאַרלאָזן.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, גלייך ווי צו אַ שלעכטער זאַך טאָן גייענדיק, האָט זי זיך אין אַ לבנה־נאַכט אין סאָד אַריינגעגנבעט און דורך דער לאַנגער אַלעע און פּוסטע גאַסן אויפן בּית־הקברות אַוועקגעגאַנגען. דאָרט איז אַרום איינער אַ מצבה אַ בּרייטער אַ גאַנצע גרופּע העסלעכע מכשפות געזעסן, זיי האָבּן פון זיך זייערע שמאַטעס אַראָפּגעוואָרפן, גלייך ווי זיי האָבּן זיך צום בּאָדן געקליבּן, דערנאָך מיט זייערע לאַנגע בּיינערדיקע פינגער פרישע קברים אויסגעגראָבּן, פון דאָרט די מתים אַרויסגענומען און זייער פלייש געפרעסן. עליזאַן איז אויסגעקומען זיי פאַרבּיי דורכגיין און זיי האָבּן זיך אויף איר מיט זייערע שלעכטע אויגן אָנגעשטעלט, זי האָט אָבער אַ תּפלה געפּליסטערט, בּשעת־מעשה זיך די קראָפּיווע אָנגעריסן און זי אין פּאַלאַץ אַוועקגעטראָגן.

איינער אַ מענטש נאָר האָט דאָס אַלץ געזען: דאָס איז

דער ערצבישאָף געווען. ער פלעגט אויף־זיין, ווען אַנדערע פלעגן שלאָפן. איצט האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז מיט דער מלכה איז עפּעס ניט גלאַטיק. — קלאָר, ווי דער טאָג, — האָט ער זיך געטראַכט: זי איז אַ מכשפה און דערום האָט זי דעם מלך און דאָס גאַנצע פאָלק פאַרכשופט.

בשעת דער ודוי *), האָט ער דעם מלך דערציילט, וואָס ער האָט געזען און פאַרוואָס ער טראַכט איבער. און אַז ער האָט די רשעהדיקע ווערטער פון באַשולדיגונג פון מויל אַרויסגעלאָזט, האָבן די געשניצטע בילדער פון די קלויסטער־הייליקע מיט די קעפּ געשאָקלט, גלייך ווי זיי האָבן זאָגן געוואָלט: „נישט אמת, עליזאַ איז אומשולדיק!" דער ערצבי־שאָף אָבער האָט עס אויף זיין שטייגער אויסגעטייטשט, אַז דאָס זיינען די הייליקע אויף דער מלכהס זינד אויפגעבראַכט. צוויי היפּשע טרערן האָבן זיך פונם מלכס באַקן אַראָפּגע־קייקלט, און ער איז אַהיים מיט אַ דריקנדיקן ספק אין האַרצן אַוועקגעגאַנגען. פון דעמאָלט אָן איז אויף זיינע אויגן קיין שלאָף ניט געקומען, ער האָט זיך נאָר געמאַטערט, ווי ער שלאָפט, און געזען, ווי עליזאַ פלעגט פון בעט אויפשטיין און אַלע נאַכט האָט זיך איינס און דאָס זעלבע איבערגעחזרט, און יעדעס מאָל פלעגט ער איר אומגעהערט נאָכגיין און זען, ווי זי ווערט אין קליינעם צימערל פאַרשוואונדן.

פון טאָג צו טאָג איז דעם מלכס פנים אַלץ פינסטערער געוואָרן. עליזאַ האָט עס באַמערקט, זי האָט אָבער די סבה נישט געוואוסט פאַרוואָס האָט זי געליטן אי פאַר אים אי פאַר די ברידער אירע. די הייסע טרערן אירע האָבן זיך אויפן מלכשן סאַמעט און פורפור געגאָסן און, ווי בריליאַנטן, אויף זיי געבליאַסקעט, און אַלע, וואָס האָבן אָט דאָס שיינ־קייט געזען, האָבן איר מקנא געווען און זיך געוואונטשן אויף

---

*) אַלע כריסטן, אפילו דער מלך, זיינען זיך איין מאָל אין יאָר פאַרן גלח מתודה.

איר אָרט צו זיין. דערווייל די אַרבעט אירע איז שוין כמעט פֿאַרענדיקט געווען, ס'איז איר נאָר נאָך איין פֿאַנצער מאַכן געבליבן, האָט איר אָבער ווייטער שפּינעכץ אויסגעפּעלט. נאָך איין מאָל, נאָר דאָס לעצטע מאָל האָט זי באַדאַרפֿט אויפֿן בית־הקברות גיין און עטליכע ביסלעך קראָפּיווע אָנרייסן. האָט זי מיט שרעק וועגן דעם שרעקליכן נאַכטישן וויזיט געטראַכט, און אויך וועגן די מכשפות די העסליכע, אָבער דער ווילן אירער און אין־גאָט־גלויבן זיינען שטאַרק און נישט אויף אַראָפּצופירן געווען.

און עליזא איז געגאַנגען; נאָר דער מלך מיטן ערצבי־שאָף זיינען איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געזען, ווי זי האָט זיך דורך די גראַטע־טויערן פונם בית־הקברות דורכגערוקט, און נענטער צוגייענדיק, האָבן זיי אויף יענער מצבה אויך די זעלבע מכשפות, וואָס עליזא האָט געזען, באַמערקט. האָט דער מלך מיט שרעק זיך אָפּגעקערעוועט און אַוועקגעגאַנגען; ער האָט געמיינט, אַז צווישן זיי געפינט זיך אויך די, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און דערהויבן.

— זאָל־זשע זי דאָס פֿאָלק משפּטן! — האָט ער געזאָגט.
און דאָס פֿאָלק האָט זי פֿאַרמשפּט אויף אַ שייטערהויפֿן צו פֿאַרברענען.

פון די טייערע מלך־זאַלן האָט מען זי אין אַ פֿינסטערן און נאַסן קעלער אָפּגעפירט, וואו דורך די גראַטעס האָט זיך דער ווינט מיט רחמנות־ווייען געריסן; אויפֿן אָרט פון אַ ווייך קישעלע האָט מען איר דאָס בינטל קראָפּיווע, וואָס זי האָט זיך צום לעצטן מאָל אָנגעריסן, געגעבן; אויף דעם קראָפּיווע־בינטל האָט זי געזאָלט דעם קאָפּ אַנידערלייגן, די האַרטע ברענענדיקע פֿאַנצערס, וואָס זי האָט אויסגעפלאָכטן, האָבן איר באַדאַרפֿט פֿאַר אַ צודעק דינען. נאָר דאָס איז דאָך געווען דאָס בעסטע, וואָס זי האָט זיך נאָר ווינטשן געקאָנט. זי האָט זיך ווייטער פֿאַר דער אַרבעט גענומען, נישט אויפהערנדיק די גאַנצע צייט גאָט צו בעטן. אויף דער גאַס האָבן שלעכטע יינגלעך אויף איר געמאַכטע זידל־לידלעך געזונגען, און קיינער

האָט זי מיט קיין טרייסט־וואָרט נישט געטרייסט.

פלוצים אויפדערנאַכט האָט זיך ביי דער סאַמע גראַטע אַ פּאָכן פון שוואַנען־פליגלען דערהערט, דאָס איז עליזאס ייִנגערער ברודער געווען. אים האָט זיך איינגעגעבן די שוועס־טער צו געפינען, און זי האָט זיך צעוויינט פאַר פרייד, הגם געוואוסט האָט זי, אַז די קומענדיקע נאַכט איז די לעצטע פון איר לעבן גאָר. דערפאַר אָבער איז די אַרבעט שוין פאַרענדיקט געווען, און די ברידער — אין דערנאָנט.

באַלד איז צו איר דער ערצבישאָף געקומען, כדי מיט איר די לעצטע שעהן צו פאַרברענגען. אַזוי האָט ער דעם מלך צוגעזאָגט. עליזאַ אָבער האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט און מיט די אויגן און מיט אַ האַנט־זשעסט אים אַוועקגיין געהייסן: איר איז נויטיק געווען אַליין בלייבן און איבער נאַכט די אַרבעט פאַרענדיקן, אויב ניט, איז דאָך אַלץ אומזיסט געווען: די ליידן, די יסורים און די נעכט די שלאָפלאָזע. איז דער ערצ־בישאָף מיט זיינע שטראָף־ווערטער אַרויסגעגאַן, די אָרימע עליזא אָבער האָט געוואוסט, אַז זי איז אומשולדיק, און זי האָט ווייטער איר אַרבעט געטאָן.

קליינע מייזעלעך זיינען אויף דער ערד אַרומגעלאָפן און צו אירע פיס קראָפּיווע צוגעטראָגן, מיט דעם מיין כאָטש מיט עפּעס איר צו העלפן, און דער דראָסל האָט זיך אויף דער גראַטע פון איר פענסטער אַוועקגעזעצט און די גאַנצע נאַכט סאַמע די פריילעכסטע לידער זיינע איר געזונגען, זי זאָל דעם מוט און שטאַרקייט ניט פאַרלירן.

ס'איז נאָך פינסטער געווען און ס'איז נאָך אַ גאַנצע שעה ביזן זון־אויפגיין געבליבן, ווען צום פּאַלאַץ פון מלך זיינען די עלף ברידער אָנגעקומען און געפאָדערט, מ'זאָל זיי צום מלך פירן. האָט מען זיי געענטפערט, אַז דאָס איז אומ־מעגליך, ווייל דער מלך שלאָפט נאָך און קיינער וועט זיך ניט איינשטעלן אים וועקן אַצינד. האָבן זיי געבעטן און גע־שריגן. איז די פּאַלאַץ־וואַך געקומען און לסוף איז דער מלך אַליין אַרויסגעגאַן און געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעש

דאָרט. פונקט דעמאָלט אָבער איז די זון אויפגעגאַנגען און די ברידער זיינען נישט געבליבן; נאָר עלף ווילדע שוואַנען האָבן זיך אין דער מינוט איבערן פּאַלאַץ אויפגעהויבן.

פון די שטאָט־טויערן האָבן זיך גאַנצע פאָלקס־מחנות אַרויסגעלאָזט: אַלעמען האָט זיך געוואָלט זען, ווי מ׳וועט די מכשפה פאַרברענען. אַן אַלט פגר־פערדל האָט געשלעפּט דעם שאַנד־וואָגן, אויף וועלכן עליזא איז געזעסן. מ׳האָט איר אַ העמד פון גראָבן לייוונט אָנגעטאָן; די וואונדער־שיינע האָר אירע זיינען אין אומאָרדנונג אויף אירע פּלייצעס געלעגן; אירע באַקן זיינען טויט־בלאַס געווען און די ליפּן האָבן זיך קוים נאָר באַוועגט; נאָר די פינגער אירע האָבן אָן אַן אויפהער אַלץ דאָס גרינע שפּינעכץ געפלאָכטן; אפילו אויפן וועג צום טויט האָט זי די אַרבעט ניט געוואָרפן; צען פּאַנצערס זיינען ביי אירע פיס געלעגן, דעם עלפטן האָט זי געפלאָכטן, און דאָס פאָלק האָט זי מיט געלעכטערן און מיט זידלערייען באַגעגנט.

— קוק זי נאָר אָן, די מכשפה, ווי זי מורמלט עס אַ ביסל! קיין סידור האָט זי ניט, נאָר די מיאוסע האַנט־אַרבעט האַלט זי.

און דער המון האָט זי פון אַלע זייטן באַלעגערט און די פּאַנצערס געוואָלט צערייסן. דאַן אָבער זיינען עלף ווילדע שוואַנען אָנגעפלויגן, זיך אַרום איר אין וואָגן אַרומגעזעצט און מיט זייערע מעכטיקע פליגלען געפאָכעט. דער המון איז אין שרעק אויף צוריק אָפּגעלאָפן.

— ס׳איז אַ סימן, אַן אות מן השמים, זי איז אומשולדיק געוויס! — האָבן אייניגע איינס דאָס אַנדערע אין דער שטיל געזאָגט, אָבער הויך דאָס אַרויסרעדן האָבן זיי זיך ניט איינגעשטעלט.

— דער תליין האָט זי פאַר דער האַנט אַ נעם געטאָן, נאָר זי האָט אים אָפּגעשטופּט און אויף די שוואַנען די פּאַנצערס אַרויפגעוואָרפן. אין דער מינוט האָבן זיך אויף זייערע ערטער עלף שיינע פּרינצן באַוויזן. נאָר ביים קלענסטן איז אויפן אָרט פון איין האַנט אַ שוואַנען־פליגל געווען, ווייל אין

זיין פאַנצער האָט אַן אַרבל געפּעלט. עליזא האָט קיין צייט ניט געהאַט אים צו פאַרענדיקן.

— איצט קאָן איך שוין רעדן! — האָט זי געזאָגט. — איך בין אומשולדיק!

און דאָס פאָלק, אַז ס׳האָט דאָס אַלץ פאָרגעקומענע דערזען, האָט זיך עס פאַר עליזאַן, ווי פאַר אַ הייליקער פאַר־בויגט; אָבער זי איז אין חלשות צו די ברידער אין די אָרעמס געפאַלן. — דאָס האָבן אויף איר אַזוי די אויפרעגונג, דער טויט־שרעק און די קערפּערליכע ליידן געווירקט.

— יאָ, זי איז אומשולדיק! — האָט אויך דער עלטסטער פון די ברידער געזאָגט און אַל׳דאָס געשעענע דערציילט. און אין דער צייט, ווען ער האָט דאָ גערעדט, האָט זיך אין דער לופט דערוויילן אַ טייערער ריח, ווי פון מיליאָנען רויזן, פאַרשפּרייט, ווייל יעדער שייטל האָלץ פונם שייטערהויפן האָט וואָרצלען אַרויסגעלאָזט, מיט צווייגן זיך באַדעקט, און פאַר אַלעמענס אויגן איז אין איין כהרף־עין אַ שמעקנדיקער גע־וויקסן־פליית אויסגעוואַקסן, אַ הויכער און געדיכטער, מיט רויטע רויזן באַזייט, און אויפן סאַמע שפּיץ פון פריערדיקן שייטער־הויפן האָט זיך אַ וואונדערליך־ווייסע בלום באַוויזן און ווי אַ שטערן זיך געשיינדלט. האָט דער מלך די בלום אָפּגעריסן און זי צו עליזאַס ברוסט צוגעשפּיליעט; דאַן האָט זי זיך באַרוהיקט און מיט פרייד זיך פון חלשות אויפגעכאַפּט.

און אַלע גלעקער האָבן פון זיך קלינגען אָנגעהויבן, די פויגלען זיינען אין גאַנצע מחנות צו פליען געקומען, און צום מלכס פּאַלאַץ האָט זיך אַזאַ חופּה־צוג געלאָזט, וואָס איז נאָך ביי קיין מלך נישט געזען געוועזן.

בּרויזעלע.

אַ מאָל איז געווען א פרוי, וואָס האָט זיך איר זעהר געוואָלט אַ קליין קינדעלע האָבּן, נאָר זי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי בּאַקומט מען עס. איז אָט, איז זי צו דער אַלטער כשוף־מאַכערין אַוועקגעגאַנגען און איר אַזוי געזאָגט:

—ס'ווילט זיך מיר זעהר־זעהר אַ קליין קינדעלע האָבּן, קאָנסטו מיר ניט זאָגן, ווי אַזוי בּאַקומט מען עס?

— זעהר גרינג, — האָט געזאָגט די כשוף־מאַכערין — אָט בּאַ'דיר אַ גערשטן־קערנדל. דאָס איז נישט אַזאַ, וואָס ס'וואַקסט אין פעלד, אָדער וואָס מע גיט די הינער עסן, זאָלסטו עס אין אַ בּלומען־טעפּעלע פאַרזעצן, וועסטו זען, וואָס דערפון וועט אַרויס.

— אַ דאַנק! — האָט געזאָגט די פרוי און דער כשוף־

מאַכערין פאַר דער עצה צוועלף שילינגען געגעבן: אַזאַ פרייז איז שוין ביי איר געווען. נאָכדעם איז זי אַ היים געגאַנגען און דאָס גערשטן-קערנדל פאַרזעצט. אין דער מינוט איז פון קערנדל אַן אויסגעצייכנטע בלום, וואָס איז אויף אַ טולפּאַן ענליך געווען, אויסגעוואַקסן, נאָר די בלעטעלעך פון דער בלום זיינען נאָך שטייף צונויפגענומען געווען.

— אַך, ס׳אַראַ חיותדיק בלימעלע דאָס איז! — האָט געזאָגט די פרוי און די רויט-געלע בלעטעלעך פון דעם געקושט; נאָר אין דער מינוט, ווי זי האָט די בלעטעלעך אַ קוש געטאָן, אַזוי האָט זיך די בלום מיט אַ קנאַק אַן עפן געטאָן. דאָס איז, ווי מ׳האָט אַצינד שוין געקאָנט אַרויסזען, טאַקע אַן אמתער טולפּאַן געווען, נאָר אין מיטן בלימעלע אויפן סאַמעט-גרינעם שפּיץ פונם אויבער-שטייסעלע איז אַ ברעקעלע מיידעלע, זעהר אַ שיינס און אַ ציטעריקס געזעסן. און אַזוי ווי דאָס מיידעלע איז זעהר אַ ברויזעלע געווען, האָט מען איר דערום טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן: ברויזעלע.

אַ גוט אָפּגעלאַקירט ניסל-שאָלעכצל האָט איר פאַר אַ בעטעלע געדינט; בלויע פיאַלקע-בלעטעלעך זיינען איר בעטגעוואנט געווען, און איר קאָלדרעלע — אַ רויזן בלעטעלע אַ קליינס. דאָס איז ביינאַכט. און בייטאָג האָט זי זיך אויפן טיש געשפּילט. דאָרט האָט די פרוי אַ טעלער מיט וואַסער אַנידערגעשטעלט, קיילעכדיק און אַרום אים מיט אַ קרענצל פון בלומען אַרומגעלייגט, אַזוי אַז די שטעקעלעך זייערע זיינען אין וואַסער געלעגן; און אין דער מיט פון טעלער איז אַ גרויסער טולפּאַנען-בלאַט געשווימען, אויף אים איז ברויזעלע געזעסן, פון איין עק טעלער צום צווייטן געשיפט זיך און פאַר צוויי רודערס האָבן איר צוויי פערדישע האָר געדינט. דאָס איז אַ וואונדער, ווי שיין געווען! זי האָט אויך זינגען געקאָנט, ברויזעלע, און אַזוי איידל און אַזוי שיין, ווי קיינער אין דער וועלט נישט!

איינמאָל ביינאַכט, ווען זי איז אַזוי ביי זיך אין ליבן בעטעלע געלעגן, איז דורך איינעס אַ פענסטער, אין וועלכן

ס'איז געווען אַ שויב אויסגעשלאָגן, אַן אַלטע זשאַבע אַריינ־
געשפּרונגען, די זשאַבע איז אַן אומגעוויינליך העסליכע, אַ
גרויסע און אַ נאַסע געווען. איז זי גלייך אויפן טיש אַרויפ־
געשפּרונגען; דאָרט וואו ברויזעלע איז אונטערן ראָזע־בלעטעלע
געשלאָפן.

— אָט אַ ווייבעלע פאַר מיין זונדעלע! — האָט געזאָגט
די זשאַבע. — און דאָס ניסל־שאָלעכצל, אין וועלכן ברויזעלע
איז געשלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן און דערמיט דורכן פענסטער אין
גאָרטן אַרויסגעשפּרונגען.

דורכן גאָרטן האָט אַ גרויס און ברייט טייכל דורכגע־
שטראָמט. די ברעגן דערפון זיינען בלאָטיקע און קריכנדיקע
געווען, און דאָרטן האָט די זשאַבע מיט איר זונדעלע גע־
וואוינט. פע! וואָס פאַר אַן עקלדיקער און מיאוסער ער איז
געווען — צוויי טראָפּן די מאַמע זיינע! — „קאָאַקס, קאָאַקס,
ברעקעקעקעקס!“ — אָט דאָס איז אינגאַנצן, וואָס ער האָט
אַרויסגעזאָגט, אַז ער האָט דאָס שיינע ברויזעלע אין שאָלעכצל
דערזען.

— רעד ניט אַזוי הויך, זי וועט דאָך דערהערן, — האָט
געזאָגט די אַלטע זשאַבע. — זי קאָן פון אונז אַנטלויפן. זי איז
דאָך גרינג, ווי פּוך ווי גרינגער. מיר וועלן זי דערום אין
טייכל אויף אַ ברייטן בלאַט פון אַ קריגל־בלימל אַוועקזעצן;
פאַר אַזאַ פּיצעלע און ברעקעלע, ווי זי, וועט דער בלאַט ווי
אַן אינזל זיין. פון דאָרט וועט זי שוין נישט אַנטלויפן. און
מיר וועלן דערווייל אונטן אין בלאָטע דאָרט אַ שיין צימער
צוקלייבן, דאָרט וואו איר וועט וואוינען און בעלי־בתים זיין.

אין טייכל זיינען געוואַקסן אַ סך קריגל־בלימעלעך מיט
ברייטע גרינע בלעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן, ווי אויף
דער וואַסער שווימענדיקע. די אַלטע זשאַבע איז צום סאַמע
דעם ברייטסטן צוגעשוואומען, צו דעם, וואָס איז ווייטער פון
אַלע פון ברעג געלעגן, און דאָרטן דאָס ניסל־שאָלעכצל מיט
ברויזעלען אַוועקגעלייגט.

גאַנץ פרי, אַז ברויזעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דער־

זען, וואו זי געפינט זיך, האָט זי גענומען וויינען און קלאָגן: דער גרינער בלאַס איז אַרום-און-אַרום מיט וואַסער געווען אַרומגערינגלט און צו דער ערד צוקומען איז אוממעגליך געווען.

די אַלטע זשאַבע דערווייל איז הינטן און אין דער בלאָטע געזעסן און האָט דאָס צימער מיט טשערעט און געלן בלאַטבלום צוגעקליבן. זי האָט געוואָלט אַ שיינע וואוינונג פאַר דער יונגער שנור אויספוצן, דערנאָך איז זי מיט איר זון דעם מיאוסן צו דעם בלאַט, אויף וועלכן ברויזעלע איז געזעסן, צוגעשוואומען. זי האָט געוואָלט איר שיין בעטעלע נעמען און אין שלאָפצימער אַוועקשטעלן, איידער נאָך זי אַליין וועט אַהין איבערגיין. האָט די אַלטע זשאַבע זיך פאַר איר אין וואַסער פאַרנויגט און אַזוי געזאָגט:

— אָט איז דער זון מיינער, ער וועט דיר אַ מאַן און אַ הערשער זיין, און איר וועט מיט מזל אין בלאָטע וואוינען. מזל טוב אייך!

— קאָאַקס, קאָאַקס, ברעקעקעקעקס! — האָט דער זון נאָר זאָגן געקאָנט.

דערנאָך האָבן זיי דאָס שיינע בעטעלע גענומען און דערמיט אָפּגעשוואומען; און ברויזעלע איז אַליין אויפן גרינעם בלאַט געבליבן און זיך ביטער צעוויינט: זי האָט נישט געוואָלט נישט ביי דער מיאוסער זשאַבע צו וואוינען און נישט איר עקלדיקן זון אַ ווייב צו זיין. די קליינע פישעלעך, וואָס זיינען אונטער דעם וואַסער געשוואומען און וואָס האָבן די זשאַבע געזען און, וואָס זי האָט געזאָגט, געהערט, האָבן אויך געוואָלט דאָס פיצעלע מיידעלע זען, און זיי האָבן דערום די קעפּעלעך פון וואַסער אַרויסגעשטעקט; נאָר, אַז זיי האָבן דערזען, וואָס פאַר אַ ברויזעלע דאָס איז, האָבן זיי דערויף רחמנות געקראָגן, וואָס ס'וועט דאַרפן מיט מיאוסע זשאַבעס וואוינען, — „ניין, מ'דאַרף עס נישט דערלאָזן!" — האָבן זיי געזאָגט. און זיי האָבן זיך אונטער דעם וואַסער אַרום דעם גרינעם בלומען-שטעקעלע, אויף וועלכן ס'האָט זיך דער

בלאַט געהאַלטן, צונויפגעקליבן און דאָס מיט די ציינדעלעך אָפּגעריסן. איז אין דער מינוט דער בלאַט אינאיינעם מיט ברויזעלען אַראָפּ וואַסער אַראָפּגעשוואומען און ווייט, און ווייט, און אַהין, וואוהין די זשאַבע האָט שוין נישט קומען געקאָנט.

איז ברויזעלע אַ סך שטעט פאַרבייגעפאָרן, די קליינע פויגעלעך, וואָס זיינען אין די קוסטעס געזעסן, האָבן זי געזען און געזונגען: — „וואָס פאַר אַ קליין און פּיצל מיידעלע דאָס איז!“ — און דער בלאַט איז מיט איר געשוואומען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז ברויזעלע איז לסוף אין אַ פרעמד לאַנד אָנגעקומען.

אַ שיין ווייס זומער־פויגעלע האָט זיך עפּעס אַלץ אַרום איר געדרייט און לסוף זיך אויף איר בלאַט אַראָפּגעלאָזט, ווארים ברויזעלע איז דעם זעהר געפעלן, דעם זומער־פויגעלע. אויך ברויזעלע איז דאַן איבערגליקליך געווען: איצט וועלן זי שוין די זשאַבעס נישט דערגרייכן. און די ערטער, ביי וועלכע זי איז דורכגעפאָרן, זיינען אַזוי שיין געווען, די זון האָט דאָס וואַסער באַלויכטן און דאָס וואַסער האָט ווי ריין זילבער געבלישטשעט. האָט ברויזעלע פון זיך איר גערטעלע אַראָפּגענומען, איין עק צום זומער־פויגעלע צוגעבונדן, דעם אַנדערן צו דעם בלאַט צו אירן, איז דער בלאַט נאָך גיכער געשוואומען, אינאיינעם מיט אים אויך ברויזעלע, ווארים זי איז דאָך געזעסן אויף אים.

פּלוצים איז אַ גרויס מאַי־באַבעלע אָנגעפלויגן, האָט עס דאָס מיידעלע דערזען, האָט עס תיקף מיט זיינע לאַפּקעס איר איידעלע טאַליע אַרומגעכאַפּט, מיט אים אויף אַ בוים אַרויפגעפלויגן און נאָך אים איז דאָס זומער־פויגעלע נאָכגעפלויגן, ווארים ס'איז דאָך צוגעבונדן געווען, דאָס זומער־פויגעלע, און באַפרייען זיך נישט געקאָנט.

אַך, ווי געשראָקן ס'האָט זיך ברויזעלע, ווען דאָס באַבעלע איז מיט איר אויפן בוים געפלויגן! נאָר מער פון אַלץ האָט זי יסורים געהאַט פון דעם זומער־פויגעלע דעם ווייסן, וואָס איז צום בלאַט געווען צוגעבונדן, וואָרים אויב

ס׳וועט זיך נישט באַפרייען, וועט זיך דאָס פון הונגער אויסגיין... נאָר דאָס מאַי=באַבעלע האָט אָבער דערפון נישט וויסן געוואָלט, ס׳איז נישט זיין עסק... האָט עס זיך מיטן מיידעלע אויפן סאַמע גרעסטן בוים=בלעטעלע אַנידערגעזעצט, זי מיט בלומען=זאַפט אָנגעהאָדעוועט און איר געזאָגט, אַז הגם זי איז אויף קיין מאַי=באַבעלע נישט ענליך, איז זי דאָך שיין און חנעוודיק. אַביסעלע שפּעטער זיינען אַלע איבעריקע מאַי=באַבעלעך, די וואָס האָבן אויפן בוים געוואוינט, מיט וויזיטן געקומען. זיי האָבן זי באַטראַכט און אויף איר חשבון פאַרשיידענע באַמערקונגען געמאַכט: „זי האָט דאָך בסך=הכל צוויי פיס נאָר... ווי זי זעט אויס רחמנותדיק!״ — האָט איינער געזאָגט. — „זי האָט קיין קלעמערלעך ניט״, — האָט באַמערקט אַ צווייטער. — „וואָס פאַר אַן איידעלע טאַליע ס׳איז ביי איר! פע, זי איז דאָך צו אַ מענטשן ענליך! — זי איז דאָך פּשוט מיאוס!״ — האָבן אַלע דאַמעס פון די מאַי=באַבעלעך באַשלאָסן, ווען אינדעראמתן איז זי אַזוי חנעוודיק געווען; דאָס האָט אויך דאָס מאַי=באַבעלע, דער, וואָס האָט זי אויסגעכאַפּט, פאַרשטאַנען. נאָר, אַז אַלע האָבן געזאָגט — מיאוס, האָט אויך ער לסוף דערינען גלויבן אָנגעהויבן און זי מער נישט האַלטן געוואָלט. און ער איז מיט איר פון בוים אַראָפּגעפלויגן און זי אויף אַ מאַרגעריטקעלע אַוועקגעזעצט. און ברויזעלע איז ווייטער אַליין געבליבן, און פאַר צרות זיך צעוויינט, דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי מיאוס, אַז אַפילו מאַי=באַבעלעך ווילן זי ניט האַלטן, — ווען אינדעראמתן איז זי אַזאַ אויסגעצייכנט=שיין באַשעפעניש׳ל געווען, וואָס מ׳קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן אַזאַ איידלס און ציטעריקס, ווי אַ רויזן=בלעטעלע ממש.

דעם גאַנצן זומער האָט ברויזעלע איינע אַליין אין וואַלד געלעבט, האָט זיך פון גרעזעלעך אַ בעטעלע אויסגעפלאָכטן אין אונטער אַ דריי=בלאַט אויפגעהאַנגען; דאָרט פלעגט זי זיך פון רעגן באַהאַלטן. געגעסן האָט זי בלומען=זאַפט און געטרונקען דעם טוי, וואָס האָט זיך אַלע פרי=מאָרגן אויף די בלעטלעך אָנגעקליבן. אַזוי איז דער זומער מיטן שפּעט=יאָר

אַריבער, נאָר אָט איז דער ווינטער אָנגעקומען — דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער. אַלע פויגלען, וואָס פליגן איר אַזוי שיין זינגען, זיינען אין פרעמדע געגנטן פאַרפלויגן; די ביימער און די בלומען זיינען נאַקעט און הויל געבליבן; אויך דער גרויסער דריי־בלאַט, אונטער וועלכן בראָוויזעלע האָט אַ גאַנצן זומער געוואוינט, איז אַזוי הויל געוואָרן, אַז ס'איז פון אים אַ פאַר־פוילט שטעקל נאָר געבליבן. און בראָוויזעלע האָט געפרוירן שרעקליך; דאָס קליידעלע אירס איז צעריסן געוואָרן, און זי איז דאָך אַזאַ דינינקע און אַזאַ קליינינקע געווען... אָרים בראָוויזעלע! ווי ס'איז איר, נעבעך, צו פרירן אויסגעקומען! און ס'איז אַ שניי געגאַנגען, און יעדער שניייעלע, וואָס איז אויף איר געפאַלן, איז געווען פאַר איר, ווי אַ פולע און גאַנצע לאָפּעטע פאַר אונז, וואָרים מיר זיינען דאָך אַזוינע גרויסע און זי איז דאָך אַזאַ פּיצינקעלע, אַזאַ בראָוויזעלע געווען... האָט זי זיך עפּעס מיט אַ דאַר בלעטעלע צוגעדעקט, האָט עס זיך אויף דער העלפט צעריסן און זי שוין נישט געוואַרימט. און זי, די אָרימע, האָט, נעבעך, פון קעלט געציטערט.

סאַמע פאַרן וואַלד, וואו בראָוויזעלע האָט געוואוינט, איז אַ גרויס קאָרן־פעלד געלעגן; נאָר דעם קאָרן האָט מען שוין לאַנג אַראָפּגעפירט, און פון דער פאַרפרוירענער ערד האָבן איצט נאָר הוילע, דאַרע שטרויעלעך זיך אַרויסגעשטעקט. דורכ־גיין דורך זיי איז געווען פאַר בראָוויזעלען, ווי פאַר אונז דורך אַ וואַלד אַ גאַנצן. איז זי דאָרט אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זי איז לסוף צו אַ מייזן־לאָך צוגעקומען. אין יענער לאָך האָט זיך וואָרים און געמיטליך די פעלד־מויז באַזעצט; דאָרט איז אַ תבואה־שפּייכלער, אַ קיך און אַ אויסגעצייכנטע און אַ שפּייז־קעמערל געווען. האָט זיך בראָוויזעלע אויף דער טיר, ווי אַ הייזער־גייערין, אַוועקגעשטעלט און אַ שטיקל גערשטן־קערנדל געבעטן: שוין צוויי טעג, אַז זי האָט אין איר מויל קיין מאָן־קערנדל נישט געהאַט.

— אָרים באַשעפעניש! — האָט די פעלד־מויז געזאָגט. (ווייל אין דער־אמתן איז זי זעהר אַ גוטע אַלטע געווען,

— קום צו מיר אין קעמערל, וועל איך דיר מיין גוטסקייט ווייזן און מיין עסן געבן.

און אַזוי ווי ברויזעלע איז איר זעהר געפעלן געוואָרן, דער פעלד־מויז, האָט זי איר טאַקע באַלד אַזוי געזאָגט: אויב דו ווילסט, קאָנסטו ביי מיר דעם גאַנצן ווינטער איבערזיין. דאַרפסט נאָר זען דאָס צימער ריין האַלטן און מיר מעשיות דערציילן — איך האָב עס ליב זעהר.

האָט ברויזעלע געטאָן אַלץ, וואָס די אַלטע גוטע מויז האָט פון איר געפאָדערט, האָט זיך איר דערום טאַקע זעהר גוט געלעבט דאָרט.

— אָט וועלן אינגיכן צו אונז געסט קומען! — האָט די פעלד־מויז געזאָגט. — דער שכן אונזערער קומט געוויינליך איינמאָל אין וואָך צו גיין צו אונז. לעבן לעבט זיך אים בעסער ווי אונז. ביי אים זיינען גרויסע זאַלן פאַראַן און אַן אויסגעצייכנט־שיין סאַמעטן פעלצל טראָגט ער! ווען דו זאָלסט האָבן דאָס גליק פאַר אים חתונה צו האָבן, וואָלסטו געווען אויף אייביק אַ פאַרזאָרגטע. איז ער אַ בלינדער אָבער... דאַרפסטו זען די שענסטע מעשיות דיינע אים דערציילן.

ברויזעלען איז אָבער די גאַנצע זאַך נישט אָנגעגאַנגען, דער שכן פון דער פעלד־מויז האָט זי אויף אַ האָר אפילו ניט אינטערעסירט, ווייל ס'איז דער מוילוואָרף געווען.

און דער שכן איז געקומען. דעם וויזיט האָט ער אין סאַמעטענעם שוואַרצן פעלצל געפּראַוועט. — ער איז אַזוי רייך און אַזוי געלערנט, — האָט וועגן אים די פעלד־מויז געזאָגט, — און זיין וואוינונג איז צוואַנציק מאָל גרעסער פון אונזערער. געלערנטקייט האָט אינדעראמתן דער מויל־וואָרף געהאַט אַ סך, אָבער די זון און די בלומען האָט ער נישט געקאָנט פאַרליידן, ער האָט וועגן זיי זעהר אַ שלעכטע מיינונג געהאַט, וואָרים ער האָט זיי דאָך קיינמאָל ניט געזען.

האָט מען ברויזעלען עפּעס זינגען געבעטן, האָט זי געזונגען: „מאַי־באַבעלע, מאַי, פלי פאַרביי" און „גייט דער גלח אין פעלד אַריין", האָט זיך דער מויל־וואָרף אין איר און אין

איר קול פֿאַרליבט, נאָר וועגן זײַנע געפֿילן זאָגן האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, וואָרים נישט קיין כאַפּנדיקער און אַ באַטראַכטער איז געווען דער מוילוואָרף.



נישט לאַנג פֿאַר דעם האָט ער אַ לאַנגן קאָרידאָר פֿון זײַן שטוב צו זײַן שכנהס אויסגעגראָבן, האָט ער אַצינד דער פֿעלד־מויז מיט בּרויזעלען פֿאַרגעלייגט, אַז אויב זיי וועלן וועלן, מעגן זיי דאָרט שפּאַצירן, וויפֿיל זייער האַרץ וועט גלוסטן. ער האָט זיי נאָר געבעטן פֿאַרן טויטן פֿויגעלע, וואָס ליגט דאָרט, זיך ניט שרעקן. דאָס איז אַ גאַנץ פֿויגעלע מיט אַ פּיקערל און מיט פֿעדערלעך געווען, געוויס נישט לאַנג געשטאָרבן און באַגראָבן געוואָרן דאָרט, וואו דער מוילוואָרף האָט זײַן קאָרידאָר אויסגעגראָבן.

האָט דער מוילוואָרף אין מויל אַ פֿויל שטיקל האָלץ גענומען, אַזאַ, וואָס לויכט אין דער פֿינסטער, און אַליין פֿאַר פֿריער געגאַנגען, דעם לאַנגן און פֿינסטערן קאָרידאָר באַלויכטנדיק. און אַז זיי זײַנען צו דעם אָרט, וואו דער פֿויגל איז געלעגן, צוגעקומען, האָט דער מוילוואָרף מיט זײַן נאָז דער ברייטער אין דער סטעליע זיך אָנגעשפּאַרט, די ערד דאָרט אונטערגעהויבן אַזוי, אַז ס'איז אַ גרויסע לאָך געוואָרן, דורך וועלכער ס'האָט זיך דאָס ליכט אַהין דורכגעשלאָגן. אויף דער ערד דאָרט איז אַ טויט שוועלבעלע געלעגן; די שיינע פֿליגעלעך זײַנען שטײַף צו די זײַטעלעך דעם צוגעדריקט געווען,

און דאָס קעפּעלע מיט די פיסעלעך זיינען אין די פעדערלעך איינגעגראָבן געלעגן. דאָס אָרימע פויגעלע איז געווים פון קעלט געשטאָרבן. ברויזעלע האָט אויף דעם זעהר רחמנות געהאַט: זי האָט זעהר ליב געהאַט די קליינע פויגעלעך, וואָס האָבן איר אַזוי שיין געזונגען און געצוויטשערט דעם זומער דעם גאַנצן, נאָר דער מוילוואָרף האָט דאָס פויגעלע מיט זיינע קרומע פיס אַ שטויס געטאָן און געזאָגט: — „שוין, מער צוויטשערט עס שוין ניט! אַך, וואָס פאַר אַן אומגליק ס׳דאַרף זיין אַ קליין פיצל-פויגעלע געבוירן ווערן!... דאַנקען גאָט! מיינע קינדער זיינען שוין פון דעם באַוואָרנט. וואָרים אויסער דעם „קווי-וויט״ פאַרמאָגט דאָך אַזאַ פויגעלע גאָרניט און ווינ-טער קומט דאָך דעם אויס פון הונגער אויסגיין.״

— איר רעדט, ווי אַ חכם, רעדט איר, — האָט געזאָגט די פעלדמויז, — וואָס אַזוינס באַקומט אַ פויגעלע פאַר זיין צוויטשערן, אַז ס׳קומט צוגיין דער ווינטער? נאָר הונגערן און פרירן.

האָט דערויף ברויזעלע גאָרנישט ניט געענטפערט, נאָר אַז ביידע האָבן זיך שוין מיט די רוקנס צום פויגעלע אויס-געדרייט, האָט זי זיך צו דעם אָנגעבויגן, די פעדערלעך, וואָס האָבן דאָס קעפּעלע צוגעדעקט, צענומען, און גלייך אין די אויגעלעך דעם אַ קוש געטאָן. — מעגליך, אַז טאַקע דאָס שוועלבעלע האָט איר אַזוי שיין געזונגען זומער, — האָט זי זיך געטראַכט, — וויפיל פאַרגעניגן האָט עס איר פאַרשאַפט, אָט דאָס קליינע שיינע פויגעלע.

נאָכדעם האָט דער מוילוואָרף די לאָך, דורך וועלכער ס׳איז די שיין אַריין, פאַרשטעקט און זיינע דאַמעס אַהיים אָפּגעפירט. דעם ביינאַכט אָבער האָט ברויזעלע נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן; איז זי פון געלעגער אויפגעשטאַנען, פון היי אַן אויסגעצייכנטן טעפּיך אויסגעפלאָכטן, אים אַהין, וואו דאָס טויטע פויגעלע איז געלעגן, געבראַכט און דאָס איינגעדעקט מיט אים. דערנאָך האָט זי דעם פויגעלע, כדי ס׳זאָל דעם וואָרים זיין אין דר׳ערד צו ליגן, די זייטעלעך מיט בלומען-

שטויב־שטעקלעך אַרומגעלייגט, מיט די, וואָס זיינען ביי דער פעלדמויז אין קעמערל געלעגן און וואָס זיינען אַזוי ווייך, ווי וואַט, געווען.

— זיי געזונט, שיין קליין־פויגעלע! — האָט זי געזאָגט — זיי געזונט! אַ דאַנק דיר פאַר דיין שיינעם זינגען זומער, ווען די ביימער זיינען גרין געווען און די זון האָט אַזוי געלויכטן ליכטיק. — דערנאָך האָט זי איר קעפּעלע צום פויגעלעס הערצעלע צוגעלייגט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שוועלבעלע איז גאָר נישט טויט געווען, און דאָס הערצעלע ביי דעם האָט זיך געקלאַפּט; ס'איז נאָר פאַרקלעמט געוואָרן, האָט זיך עס אָבער נאָר אָנגעוואַרימט, איז עס באַלד לעבעדיק געוואָרן.

סוף זומער פליען אַלע שוועלבעלעך אין די וואַרימע לענדער אַוועק; אויב־זשע איינס פון זיי פאַרשפּעטיקט, פרירט זיך עס אַזוי אָן, ביז ס'פאַלט לסוף ווי טויט אויף דער ערד אַנידער און אַזוי בלייבט עס שוין דאָרט, וואו ס'איז אַנידער־געפאַלן, ביז ס'קומט דער שניי און פאַרדעקט עס דאָרט.

ברויזעלע איז פאַרציטערט געוואָרן — אַזוי דערשראָקן האָט זי זיך: דאָס קליינע פויגעלע איז דאָך אין פאַרגלייך מיט איר גוואַלדיק־גרויס געווען, מיט איר, וואָס האָט, ווי אַ נאָגל די גרויס אויסגעזען. דאָך האָט זי זיך מיט מוט אָנגענומען, האָט נאָך בעסער דאָס שוועלבעלע מיט וואַט אַרומגעלייגט, דערנאָך האָט זי אַ בלעטעלע פון געגרייזלטער מענטע באַקומען, דאָס, וואָס ס'האָט איר אַליין פאַר אַ קאָלדרעלע געננוצט, און דערמיט דעם פויגעלע דאָס קעפּעלע צוגעדעקט.

אויך אויף דער צווייטער נאַכט האָט זיך ברויזעלע צו דעם שוועלבעלע צוגעגנבעט; איצט איז דאָס פויגעלע שוין אויפגעלעבט געווען, נאָר זעהר שוואַך נאָך אָבער, ס'האָט נאָר געקאָנט אויף אַ רגע די אויגעלעך אויפעפענען און אויף ברויזעלען אַ קוק טאָן, ווי אַזוי זי איז מיטן שטיקעלע פוילן האָלץ אין האַנט — קיין בעסערן לאַמטערן האָט זי ניט געהאַט — איבער דעם אָנגעבויגן געשטאַנען.

— אַ דאַנק דיר, שיין ברויזעלע! — האָט איר דאָס

שלאַפע שוועלבעלע געזאָגט, — איך האָב זיך שוין אַזוי גוט אָנגעוואַרימט, אַז אינגיכן וועל שוין קאָנען אין וואַרימען זונען־שיין אין דער לופט אַרויספליען.

— אָ! — האָט ברויזעלע געזאָגט — אין דרויסן איז נאָך אָבער קאַלט, ס׳גייט אַ שניי און ס׳איז אַ פראָסט. בלייב בעסער ביי דיר אין וואַרימען בעטעלע איבער און איך וועל אויף דיר דאָ אַכטונג געבן.

דערנאָך האָט זי דעם שוועלבעלע אין אַ בלומען־בלעטעלע וואַסער געבראַכט, האָט זיך עס אָנגעטרונקען און איר דערציילן גענומען, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַ פליגעלע אין אַ דאָרן צעשטאָכן, און ווי אַזוי ס׳האָט דערום נישט געקאָנט אַזוי גיך פליען, ווי די איבעריקע שוועלבעלעך, וואָס זיינען ווייט־ווייט און אין די וואַרימע לענדער אַריין פאַרפליגן, און ווי אַזוי ס׳איז לסוף אויף דער ערד אַראָפגעפאַלן, און וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען — געדענקט עס שוין ניט, ס׳ווייסט אפילו נישט, ווי אַזוי ס׳איז אַ הער געקומען.

אָט אַזוי איז דאָס שוועלבעלע דעם גאַנצן ווינטער אונטער דער ערד געבליבן, און ברויזעלע האָט עס געקעכלט און אַלץ פונם פולן האַרצן אונטערגעטראָגן. נישט דער מוילווארף און נישט די פעלדמויז האָבן דערפון גאָרנישט ניט געוואוסט, — זיי האָבן דאָך דאָס שוועלבעלע אָנקוקן נישט געקאָנט.

ווי נאָר ס׳איז דער פרי־יאָר אָנגעקומען און די זון האָט די ערד דערוואַרימט, אַזוי האָט זיך דאָס שוועלבעלע מיט ברויזעלען געזעגנט, און ברויזעלע האָט דעם די לאָך, וואָס דער מוילוואָרף האָט אין דער ערד געמאַכט, געעפנט. די זון האָט אַזוי וואונדערליך אַריינגעשיינט אַהין, האָט דאָס שוועלבעלע ביי ברויזעלען אַ פרעג געטאָן, צי וואָלט זי אפשר ניט געוואָלט אינאיינעם מיט דעם אַוועקצופליען איצט; זי וואָלט זיך געקאָנט ביי דעם אויפן רוקן אַרויפזעצן און זיי וואָלטן ווייט און אין אַ גרינעם וואַלד אַוועקגעפליגן. האָט אָבער ברויזעלע געוואוסט, אַז די אַלטע פעלדמויז וועט צרות האָבן דערפון, וואָס זי וועט זי אַליין לאָזן.

— ניין, כ'קאָן ניט! — האָט זי דעם פויגעלע געזאָגט.

— זיי־זשע מיר געזונט, ליב, גוט מיידעלע! — האָט גע־זאָגט דאָס שוועלבעלע און אין זונען־שיין זיך אַ הויב געטאָן.

ברויזעלע האָט דעם נאָכגעקוקט און אין די אויגן ביי איר האָבן זיך טרערן באַוויזן: זי האָט דאָך אַזוי ליב גע־קראָגן דאָס פויגעלע.

— קווי־וויט! קווי־וויט! — האָט געזונגען דאָס שוועלבעלע און אי'ן גרינעם וואַלד אַוועקגעפליגן. ברויזעלען איז זעהר אומעטיק געווען. איר האָט מען אַפילו אויף דער זון זיך ווייזן נישט דערלויבט, און דער קאָרן, וואָס מ'האָט איבער דער שטוב פון דער פעלדמויז פאַרזייט, איז אויסגעוואַקסן הויך, און ביי דעם מיידעלע, וואָס איז אַ שפאַן די גרויס געווען, האָט זיך עס, ווי אַן אמתער געדיכטער וואַלד אויסגעוויזן.

— מזל טוב! ביזט אַ כלה געוואָרן, ברויזעלע! — האָט געזאָגט די פעלדמויז, — דער שכן אונזערער נעמט דיך. וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר אַזאַ געמיין מיידעלע, ווי דו! איצט דאַרפסטו זיך חתונה־קליידער נייען. זע־זשע נאָר ניט זשאַלע־ווען, גאָרנישט ניט פאַרשפּאָרן און וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט: עפּעס דאַרפסטו דאָך דעם מוילוואָרפס ווייבל ווערן! האָט זיך ברויזעלע פאַר דער שפּינראָד גענומען, און די פעלדמויז האָט איר פיר שפּינערינס אויף זי צו באַשפּינען געדונגען. אַלע אויפדערנאַכט פלעגט צו זיי דער מוילוואָרף קומען און כסדר געדעדט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי אַז דער זומער האַלט שוין ביים אָפּגיין, וואַרימט שוין ניט די זון, ווי איצטער: איצט גליט זי דאָך די ערד, ווי אַ שטיין אָן, — און אויך דערפון, אַז ווען דער זומער וועט זיך ענדיקן, וועט ער די חתונה פּראַווען. ברויזעלען אָבער האָט די זאַך נישט געפרייט; וואָרים אָנקוקן האָט זי נישט געקאָנט דעם מרוק דעם אומעטיקן. יעדן פרימאָרגן, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, און יעדן פאַרנאַכט, ווען זי איז פאַרגאַנגען, פלעגט זי זיך פאַר דער

איר אַרויסגנבענען, און אַז דער ווינט האָט די זאַנגען צעשוומען אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט דעם בלויען הימל דערזען, פלעגט זי זיך טראַכטן: אַך, ווי ליכטיק און גוט ס'איז אויף דערלופט אויף דער פרייער, און האָט שרעקליך ווי געגאַרט באַכאַמאָל דאָס ליבע שוועלבעלע צו זען. דאָס פויגעלע אָבער האָט זיך שוין מער ניט אומגעקערט: אויף געוויס איז דאָס ערגעץ ווייט אין אַ וואונדער-וואַלד אַוועקגעפלויגן.

און אַז ס'איז דער שפּעט-יאָר געקומען, איז שוין ביי ברויזעלען אַלץ צו דער חתונה גרייט געווען.

— אין אַ חודש אַרום וועט די חתונה זיין! — האָט די פעלדמויז איר די בשורה אָנגעזאָגט. האָט זיך ברויזעלע צעוויינט און געזאָגט, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן פאַרן מוילוואָרף.

— פוסטע נאַרישקייטן! — האָט איר די פעלדמויז געזאָגט. — זיי ניט קיין איינגעשפּאַרטע, אַ'ניט וועל איך דיך מיט מיינע ווייסע ציין אַ ביס טאָן! אַ שלעכטער מאַן פאַר דיר, וואָס? ביי דער מלכה אַליין איז דאָך נישטאָ אַזאַ שוואַרץ סאַמעט-פעלצל, ווי ביי אים. ה'ײנט די קיך און דער קעלער זיינען דאָך ביי אים מיט אַלעם גוטן אָנגעפילט. דאַרפסט דאָך גאָט דאַנקען, דו אַזוינע און אַזוינע!...

און אָט איז דער טאָג פון דער חופה געקומען. איז געקומען דער מוילוואָרף ברויזעלען צו זיך צו נעמען. איצט וועט זי שוין דאַרפן זיין ביי אים, און טיף אונטער דר'ערד דאָרט, און קיינמאָל די ליכטיקע שיין ניט זען, ווייל דער מוילוואָרף האָט דאָך אָנקוקן ניט געקאָנט נישט די זון און ניט דאָס ליכט אירע. איז דעם אָרימען ברויזעלע זעהר טרויעריק געוואָרן. זי וועט זיך דאָך איצט אויף אייביק מיט דער זון זיך געזעגענען, מיט דער זון, וואָס די פעלדמויז האָט איר פון דער טיר אויף איר אַ קוק טאָן דערלויבט.

— זיי געזונט, זון ליבע! — האָט זי געזאָגט, הויך דאָס הענטעלע אויפהויבנדיק, און אַ ביסל פון דער מייזן-לאָך אָפּגעגאַנגען, איצט איז שוין דער קאָרן אַראָפּגענומען געווען

און אויפן פעלד זיינען נאָר די דאַרע שטרויעלעך פאַרבליבן — זיי געזונט! — האָט זי געזאָגט, און מיט די הענט אַ בלומע־לע אַ רויטס, וואָס איז נאָך דאָרט פאַרבליבן ארומגענומען. — גיב אָפּ אַ גרוס דעם קליינעם שוועלבעלע, אויב דו וועסט עס זען.

— קווי־וויט, קווי־וויט! — האָט זיך פּלוצים פון איבער איר קאָפּ דערהערט. האָט זי אַרויף אַ קוק געטאָן: איז דאָס דאָס קליינע שוועלבעלע געווען, וואָס איז פּונקט דעמאָלט דורך דעם אָרט דאָרט דורכגעפלויגן. האָט זיך ברויזעלע מיט דעם זעהר דערפרייט, און זי האָט דעם דערציילט, ווי אַזוי ס'גלוסט זיך איר פאַרן מיאוסן מוילוואָרף נישט חתונה האָבן, און ווי אַזוי, אַז זי וועט פאַר אים יאָ חתונה האָבן, וועט איר אויסקומען טיף אונטער דר'ערד צו וואוינען, דאָרט, וואו די זון קוקט גאָר קיינמאָל נישט אַריין. און זי האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און זיך צעוויינט.

— באַלד וועט דער קאַלטער ווינטער אָנקומען, — האָט גע־זאָגט דאָס קליינע שוועלבעלע: — וועל איך אין די וואַרימע לענדער אַוועקפליען, אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיך צו מיר אויפן רוקן אַרויפזעצן, וועלן מיר אַוועקפליען ווייט פון דיין מוילוואָרף דעם מיאוסן, פון זיין וואוינונג דער פינסטערער ווייט אויף די בערג די ווייטע, ווייט אין די לענדער אין די וואַרימע, אַהין, וואו די זון שיינט ליכטיקער, ווי דאָ, וואו ס'איז באַ־שטענדיק זומער און וואונדערליכע בלומען וואַקסן. קום מיט מיר, ליב ברויזעלע, דו, וואָס האָסט מיר דאָס לעבן גע־ראַטעוועט, ווען איך בין אַ פאַרפרוירענער אין פינסטערן קעלער געלעגן.

— יאָ, מיט דיר, מיט דיר! — האָט געזאָגט ברויזעלע און זיך צום פויגעלע אויפן רוקן אַרויפגעזעצט, די פיסלעך אויסגעצויגן און מיטן גאַרטעלע זיך צו איינעם פון די שטאַרק־סטע פעדערלעך צוגעבונדן. דערנאָך האָט זיך דאָס שוועלבעלע אינאיינעם מיט ברויזעלען אין דערהויך און אין דערלופט אויפ־געהויבן און אַוועק, און אַוועק, איבער וועלדער און איבער

ימים, און איבער הויכע בערג, וואו דער אייביקער שניי ליגט דאָרט. האָט ברויזעלע אָפּט אין דערלופט דאָרט אַ ציטער געבאַפּט, פלעגט זי זיך דאַן אונטער דעם פויגעלעס וואַרימע פעדערלעך באַהאַלטן און נאָר דאָס קליינע קעפּעלע אַרויסשטעקן, כדי דאָס אַלע וואונדערליכע, וואָס אונטן טוט זיך, צו זען.

לסוף זיינען זיי אין די וואַרימע לענדער אָנגעקומען. האָט די זון דאָרט געשיינט אַ סך העלער ווי ביי אונז; דער הימל איז צוויי מאָל העכער געווען; אין די גראָבנס און ביי די פּלויטן האָבן אויסגעצייכנטע שיינע גרינע און בלויע ווייַנטרויבן געוואַקסן; די ביימער אין די וועלדער זיינען מיט לימענעס און מאַראַנצן אָפּגעשאָטן געווען; אומעטום האָט מיט הדסן און שמעקנדיקער מענטע געשמעקט און אויף די שליאַכן און פאָר=וועגן זיינען שיינע קינדער אומגעלאָפן און מיט גרויסע און פאַרשיידנפאַרביקע זומער=פויגעלעך זיך געשפּילט.

און דאָס שוועלבעלע איז ווייטער אַלץ געפלויגן, אַלץ שענערע און שענערע ערטער האָבן זיך דעם אויפן וועג באַגעגנט. אונטער וואונדערליך=שיינע ביימער גרינע ביים סאַמע ים, ביים בלויען, איז אַ ווייסער=ווייסער מירמלשטיינערנער פּאַלאַץ געשטאַנען. ער איז שוין פון לאַנג דאָרט אויסגעבויט געווען. אַרום די זיילן זיינע האָבן זיך ענגלען=ווייַנטרויבן געפלאָכטן, אויפן סאַמע שפּיץ=דאַך ביי אים זיינען אַ סך שוועלבעלעךנעסטן געווען, און איינע פון זיי האָט צו דעם, וואָס האָט ברויזעלען אויפן רוקן געטראָגן, געקערט.

— אָט איז דאָס הויז מיינס דאָ! — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע. — פאַר דיר אָבער איז עס קיין וואוינונג נישט: ס'איז ניט אַזוי איינגעאָרדנט, ווי סבאַדאַרף צו זיין. קלייב דיר דערום איינע פון די שיינע בלומען אויס, איינע פון די, וואָס וואַקסן דאָ אונטן, וועל איך דיך אַהין אַוועקזעצן, און ס'וועט דיר אַזוי גוט זיין, ווי נאָר דו קאָנסט זיך ווינטשן.

— גוט! — האָט אויסגעשריגן ברויזעלע און אין די הענטלעך געפּליעסקעט.

אונטן אויף דער ערד איז געלעגן אַ גרויער זייל אַ מירמלשטיינערנער, וואָס איז אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן און אויף דריי שטיקער זיך צעבראָכן; צווישן די שטיקער דאָרט זיינען וואונדערליך־שיינע ווייסע בלומען געוואָקסן. איז אָט צו יענע בלומען האָט זיך דאָס שוועלבעלע אינאיינעם מיט ברויזעלען אַראָפּגעלאָזט און זי אויף איינע פון די סאַמע ברייטסטע בלעטער דאָרט אַנידערגעזעצט. נאָר ווי פאַרוואונדערט איז ברויזעלע געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, ווי, אינעווייניק, אין בלימעלע און אין מיטן, איז אַ פּיצעלע מענטשעלע, אַ ווייס און דורכזיכטיקס, ווי פון פאַרצעליי געמאַכט, געזעסן, אויפן קעפּעלע ביי דעם איז אַן אויסגעצייכנטע גאָלדענע קרוין אָנגעטאָן געווען, און אונטער די פּלייצעס ביי דעם האָבן זיך צוויי חיותדיקע פליגעלעך געפאָכעט. דאָס איז אַ בלומען־עלפעלע געווען. אין יעדער בלימעלע וואוינט אַזעלכס: אַן עליף אַ ייִנגעלע, אָדער אַן עליף אַ מיידעלע, דאָס אָבער איז דער מלך פון אַלע עליפן געווען.

— מיין גאָט, ווי שיין ער איז! — האָט ברויזעלע דעם שוועלבעלע אין אויערל איינגערוימט. דער קליינער פּרינץ האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, דאָס פויגעלע דערזעענדיק — ווייל אין פאַרגלייך מיטן פּרינצעלע, איז דאָך דאָס פויגעלע אַן אמתער ריז געווען. נאָר אַז ער האָט אָבער ברויזעלען באַמערקט, האָט ער זיך זעהר דערפרייט, ווייל זי איז געווען דאָס שענסטע מיידעלע, וואָס ער האָט נאָר אויף זיין לעבן געזען. און דערום האָט ער באַלד פון זיין קאָפּ די גאָלדענע קרוין אַראָפּגענומען, זי אויף ברויזעלען אָנגעטאָן און ביי איר אַ פרעג געטאָן, ווי רופט מען זי און צי וואָלט זי נישט געוואָלט זיין ווייב זיין — וואָלט זי דאַן די מלכּה איבער אַלע בלומען געוואָרן. נו, יאָ, נו, געוויס איז אַזאַ מאַן שענער, ווי דער זון דער זשאַבעס, אָדער דער מוילוואָרף מיטן שוואַרצן זאַמעטענעם פּעלצל מיט זיינעם. און דערום האָט טאַקע ברויזעלע דעם פּרינץ באַלד „יאָ" געזאָגט; דאַן איז פון יעדער בלום אַן עליף אַ דאַמע, אָדער אַ קאַוואַליער אַרויסגעגאַן; אַלע

זיינען אַזוינע שיינע געווען, אַ חיות צו קוקן ממש. יעדער האָט ברויזעלען אַ מתּנה צוגעטראָגן, נאָר סאַמע די בעסטע מתּנה איז געווען, אַ פּאָר אויסגעצייכנטע שיינע פליגעלעך פון אַ גרויסער פליג אַ ווייסער. האָט מען די פליגעלעך צו ברויזע־לעס רוקן צוגעהעפט, האָט שוין אויך ברויזעלע פון איין בלום צו דער צווייטער פליען געקאָנט. איז דאָרט אַ חתונה און אַ פרייד געווען — ביי אַלע אונזערע ליבע! דאָס קליינע שוועל־בעלע איז אויבן ביי זיך אין דער נעסט געזעסן און אַ חתונה־ליד געזונגען. און געזונגען האָט דאָס שוועלבעלע אַזוי גוט, ווי נאָר ס'איז ביכולת געווען, נאָר טיף אין הערצל איז דאָס טרויעריק געבליבן. ס'האָט דאָך ברויזעלען ליב געקראָגן און ס'איז דעם זעהר לייד געווען זיך מיט איר צו שיידן איצטער.

מער ווער וועסטו נישט הייסן ברויזעלע, — האָט איר דער בלומען־עליף געזאָגט. — ביסט דאָך אַזוי שיין, וועלן מיר דיך בעסער מאַיעלע רופן.

— אַ גוטן תּמיד, אַ גוטן תּמיד, ברויזעלע, — האָט אומע־טיק דאָס שוועלבעלע געזאָגט און פון די וואַרימע לענדער דאָרט צוריק קיין דאַניע אָפּגעפלויגן. דאָרט האָט עס אַ נעסט אויף אַ פענסטער פון איינעם אַ מענטשן, וואָס קאָן מעשיות דערציילן, געהאַט. האָט עס אים „קווי־וויט", „קווי־וויט" געזונ־גען, און אָט פון וואַנען מיר זײַנען די גאַנצע מעשה ווייסן.



די גריקע.

אָפּט, אַז מיר גייען נאָך אַ שטורעם איבער אַ פעלד פון גריקע דורך, באַמערקן מיר, אַז עפּעס איז עס שוואַרץ געוואָרן, גלייך ווי אַ פייער וואָלט איבער דעם איבערגעגאַן. די פויערים אין אַזוינע פאַלן זאָגן: „דאָס האָט דער בליץ אָפּגעטאָן"... נאָר פאַרוואָס איז דער בליץ זיך גראָד מיט דער גריקע אַזוי באַגאַנגען? — וועגן דעם וועל איך אייך איבערגעבן דאָס, וואָס כ'האָב געהערט פונם שפערל; דער שפערל האָט דאָס געהערט פון אַן אַלטער ווערבע, וואָס איז אויף אַ פעלד פון גריקע געשטאַנען. און געווען איז די ווערבע דאָרט אַ הויכע און בכבודיקע, נאָר שוין אַן אַלטע און אַ קאַליע: זי איז אין מיטן צעשפּאָלטן געווען און אין די שפּאַלטן זיינען גראָזן געוואַקסן. האָט זיך די ווערבע זעהר נידעריק אויף פאַר זיך אויסגעבויגן און אירע צווייגן, ווי די לאַנגע האָר, ווי גרינע, האָבן זיך ביז דער ערד כמעט אַראָפּגעהאָנגען.

אויף אַלע פעלדער אַרום זיינען נאָך די תּבואות אין די זאַנגען געשטאַנען; ניט נאָר דער קאָרן און דער גערשטן, נאָר אויך דער האָבער. — יאָ, דער געוויסער, גוטער האָבער, וואָס אַז ער ווערט פאַרטיק, ווערט ער ענליך צו אַ סך קאַנאַריקלעך, וואָס האָבן זיך אויף איין צווייגעלע אויסגעזעצט. אויף די תּבואות איז דאַן אַ גרויס געזעגעניש געווען; און וואָס פולער די זאַנגען זיינען געווען, אַלץ נידעריקער האָבן זיי זיך מיט גוטן מוט און מיט שטילער הכנעה אַראָפּגעבויגן.

צווישן אַלע פעלדער דאָרט איז אויך אַ פעלד פון גריקע געווען, טאַקע דאָס פעלד, אויף וועלכן די אַלטע ווערבע איז געשטאַנען. אָבער די גריקע האָט זיך ניט אַראָפּגעבויגן, ווי אַלע אַנדערע תּבואות, נאָר זי איז גלייך און שטאָלץ געשטאַנען.

— היפּש בין איך אַזוי ווי די קאָרן־זאַנגען — האָט זי געזאָגט, — און נאָך דערצו אַ סך שענער פון קאָרן; מיינע בליטן זיינען אַזוי שיין, ווי די עפּל־בליטן; אַ מחיה צו קוקן אויף מיר און מיין גלייכן! זאָג נאָר, ווערבע, האָסט שוין אַמאָל געזען שענערס פון מיר?

די ווערבע האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט, גלייך ווי זי האָט געוואָלט זאָגן: נו, יאָ, געוויס געזען... נאָר די גריקע האָט נאָך שטאָלצער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געזאָגט: נאַרישער בוים! פון עלטער איז דאָך ביי דיר שוין אויפן קערפּער גראָז אויסגעוואָקסן.

און אָט האָט זיך אַ שטורעם אויפגעהויבן.

האָבן אַלע פעלד־בלימעלעך די בלעטעלעך צונויפגעוויקלט און, ביז דער שטורעם וועט זיך דורכטראָגן, די קעפּעלעך אַראָפּגעבויגן. אַלע — אַליין נאָר די גריקע איז גלייך און אויסגעצויגן געבליבן.

— בויג זיך אָן! — האָבן איר די בלימעלעך געעצהט.

— ס'ניט נויטיק, — האָט געענטפערט שטאָלץ די גריקע.

— בויג אָן דעם קאָפּ, ווי אַלע מיר! — האָבן איר אויך אַלע תּבואה־זאַנגען געזאָגט. — אָט פליט דער שטורעם־מלך דורך! זיינע פליגלען זיינען אַזוי גרויס, ווי פון די וואָלקנס ביז דער ערד אַראָפּ; ער וועט דיך דערשלאָגן, איידער נאָך דו וועסט ביי אים רחמים בעטן.

— כ'וועל זיך נישט בויגן! — האָט געענטפערט די גריקע

— און זאָל זיין, וואָס ס'וועט זיין!

— פאַרדעק די בלימעלעך און לאָז אַראָפּ די בלעטעלעך! — האָט געזאָגט די אַלטע ווערבע — קוק ניט צו די בליצן אַ־

רויף, ווען זיי שניידן דאָרט די וואָלקנס דורך... אפילו מענטשן דערלויבן זיך עס נישט, וואָרים דער בליץ עפנט דעם הימל אויף, און יענע מראה קאָן אפילו דעם מענטשן דערשלאָגן, בפרט אונז, געוויקסן, וואָס מיר שטייען אַ סך נידעריקער פונם מענטשן.

— נידעריקער פונם מענטשן! — האָט געזאָגט די גריקע — ווען איך אויף צו להכעיס אין הימל אַריינקוקן. און זי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן. האָט דער בליץ אַזאַ ציק און אַ צינד געטאָן, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אין אַ העליש פייער אָנגעצונדן.

און אַז דער שטורעם איז אַריבער, זיינען אַלע פעלדבלומען און תבואות דערפרישטע אויף דער שטילער, ריינער לופט געשטאַנען, און די גריקע האָט דער בליץ פאַרברענט. און זי איז שוואַרץ, ווי קויל, טויט און דערשלאָגן, דאַר און איבעריק אויף איר פעלד געלעגן. און די אַלטע ווערבע האָט זיך מיט אירע צווייגן אַ ריר געטאָן און פון אירע בלעטלעך האָבן היפּשע טראָפּנס וואַסער אַראָפּגעקאַפּעט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער בוים האָט טרערן פאַרגאָסן. האָבן ביי איר די שפּערלען געפרעגט:

— וואָס וויינסטו, אַלטע ווערבע? זע נאָר, וואָס פאַר אַ גוטס דאָ איז! די זון שיינט, די וואָלקנס גייען אַריבער, און די בלומען און די קוסטעס שמעקן אַזוי! וואָס־זשע וויינסטו, אַלטע ווערבע?

האָט זיי די ווערבע פון דער גריקעס שטאָלץ און גאווה דערציילט און פון דעם עונש, וואָס זי האָט באַקומען. און די שפּערלען האָבן די געשיכטע מיר איבערגעגעבן. דאָס האָבן זיי מיר דערציילט אַמאָל אַן אויפדערנאַכט, ווען איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיר עפּעס אַ מעשה דערציילן.

די שניי-מלכה.

(אַ מעשה אין זיבן מעשהלעך).

ערשטע מעשה.

וואו עס ווערט דערציילט וועגן שפּיגל און וועגן זיינע שטיקלעך.

הערט! איך הויב אָן! אַז מיר וועלן דערגיין ביזן סוף, וועלן מיר וויסן מער, וויפיל מיר ווייסן איצט. איז אָט, האָט אַמאָל אַ נישט-גוטער געלעבט, דער ערגסטער פון אַלע — דער שטן אַליין.

איינמאָל איז ער זעהר אויפגעלייגט געווען: ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַ שפּיגל מאַכן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אייגנשאַפט, אַז אַלעס גוטס און שיינס, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט, — איז כמעט צו נישט געוואָרן, דערפאַר אָבער אַלעס שלעכטס און מיאוס איז זעהר קלאָר געוואָרן און נאָך ערגער און מיאוסער, ווי איינדערמאַמתן, זיך אויסגעוויזן. אויסגעצייכנטע לאַנדשאַפטן האָבן אין שפּיגל, ווי געקאָכטער שפּינאַק אויסגעזעהן, און די בעסטע מענטשן האָבן זיך ווי די ערגסטע מיאוסקייטן געוויזן, אָדער זיינען מיט די קעפּ אַראָפּ און אָן גופים גאָר געשטאַנען. די פּנימער זייערע זיינען אַזוי מיאוס-נשתנה געוואָרן, אַז ס'איז זיי אוממעגליך צו דערקענען געווען, און אויב ביי עמיצן איז אַ זומער-שפּרענקעלע געווען, איז עס אין שפּיגל אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז אַזש אויף

דער נאָז און אויף די ליפּן אַרויפגעקראָכן. „אַט אַ קונצל!" — האָט געזאָגט דער נישט־גוטער. ווען אַ מענטשן איז אין קאָפּ אַ גוטער און שיינער געדאַנק אַריינגעקומען, האָט זיך אין שפּיגל באַלד אַ „צורה" באַוויזן, אָבער אַזאַ מיאוסע, אַז אַליין דער נישט־גוטער האָט אין ווילדער הנאה פון זיין קלוגער המצאה קייכן גענומען.

אַלע, וואָס האָבן זיין כשוף־שול באַזוכט, — ס'איז ביי אים אַזאַ שול געווען — האָבן אומעטום וועגן דעם נייעם וואונ־דער דערציילט. איצט ערשט, האָבן זיי געזאָגט, וועט מען קאָנען די וועלט און די מענטשן אין אמתן תּוך אַריין דער־קענען. און זיי זיינען אומעטום מיטן שפּיגל אַרומגעלאָפן, ביז, לסוף, איז קיין איין לאַנד און קיין איין מענטש ניט גע־בליבן, וואָס זיי האָבן אים אין דער פאַרקרומטער אָפּשפּיגלונג ניט אָפּגעשפּיגלט. האָט זיך זיי דאַן פאַרוואָלט צום הימל אויפהויבן. וואָס העכער זיי האָבן זיך מיטן שפּיגל אויפגע־הויבן אַלץ מער „צורות" האָט ער געמאַכט, אַזוי אַז זיי האָבן אים שוין קוים אין די הענט איינגעהאַלטן. און אָט זיינען זיי שוין נאָענט צו גאָט און צו די מלאכים געווען. נאָר פּלוצים האָט דער שפּיגל אַזאַ ציטער געטאָן, אַז ער איז זיי פון די הענט אַרויסגעפאַלן, אויף דער ערד אַראָפּגעפלויגן און אויף מיליאָנען־מיליאַסן און נאָך מער שטיקלעך זיך צעבראָכן. דאַן אָבער האָט ער נאָך מער אומגליקן, ווי פריער, אָנגעמאַכט, וואָרים אַ סך שטיקעלעך זיינען די גרויס נישט מער, ווי זעמ־דעלעך געווען און זיי זיינען זיך איבער דער גאַנצער וועלט צעפלויגן. ווען אַזאַ שטיקעלע האָט עמיצן אין אַן אויג גע־טראָפן, איז עס שוין דאָרט פאַרבליבן, און יענער מענטש האָט שוין דאַן אַלץ אויף פאַרקערט געזען, אָדער אין יעדער זאַך נאָר דאָס שלעכטס דערפון, וואָרים יעדעס שפּיגל־שטיקעלע האָט פאַרמאָגט די זעלבע אייגנשאַפט, וואָס ס'האָט געהאַט דער שפּיגל דער גאַנצער. אַנדערע האָבן די שטיקעלעך אַפילו אין האַרצן אַריין געטראָפן, פלעגט דאַן עפּעס שרעקליכס פאַרקומען: דאָס האַרץ איז צו אַ שטיק אייז

ענליך געוואָרן. אייניגע שטיקעלעך שפּיגל זיינען דאָך אַזוי גרויס געבליבן, אַז מ׳האָט זיי אין פענסטער־ראַמען פאַר טאַפּליעס אַריינגעשטעלט. נאָר זאָל גאָט היטן דורך אַזוינע טאַפּליעס אויף די אייגענע פריינט אַ קוק צו טאָן! אַנדערע שטיקעלעך זיינען אויף ברילן געגאַנגען, און ווען איינער פלעגט זיי אָנטאָן, ער זאָל בעסער זען און זאָל אַ ריכטיקן קוק וועגן עפּעס באַקומען, האָט זיך דער רוח אויפן בויך פאַר געלעכטער געקאַטשעט — אַזאַ הנאה האָט עס אים געטאָן. נאָר ס׳זיינען נאָך געבליבן אַ סך שטיקעלעך, וואָס האָבן נאָך אין פליען געהאַלטן. איז אָט, הערט, וואָס ס׳האָט זיך ווייטער געטראָפן.

צווייטע מעשה.

וועגן דעם קליינעם יינגעלע און וועגן דעם קליינעם מיידעלע.

אין איינער אַ גרויסער שטאָט, דאָרט, וואו ס׳זיינען אַזוי פיל מענטשן און הייזער פאַראַן, אַז ניט פאַר יעדערן בלייבט אַן אָרט אויף אַ גערטנדל זיך מאַכן, און דער גרעסטער טייל איינוואוינער דערום מוזן זיך מיט בלומען־טעפּעלעך באַנוגענען, האָבן געוואוינט צוויי אָרימע קינדערלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ גערטנדל עטוואָס גרעסער פון אַ בלומען־טעפּעלע. זיי זיינען נישט קיין שוועסטער־און־ברידער געווען, נאָר זיי האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט, גלייך ווי זיי וואָלטן עס יאָ געווען. די עלטערן זייערע האָבן געוואוינט אַ שטוב קעגן אַ שטוב, אין צימערלעך, וואָס אויף די בוידימער. דער דאַך פון איין מויער איז זיך צונויפגעגאַן מיטן דאַך פונם צווייטן, און צווישן זיי איז אַ מין רינווע איבערגעלייגט געווען. אין יעדן צימערל איז אַ פענסטער געווען; מ׳האָט נאָר באַדאַרפט דורך דער ריווגע איבערשפּאַנען, כדי פון איין פענסטער צום צווייטן קומען. ביי ביידנס עלטערן זיינען אויפן הויף צו הילצערנע קעסטעלעך געווען, וואו ס׳זיינען גרינסן געוואַקסן, וואָס זיי האָבן

צום עסן באַנוצט, און קליינע רויזן־קוסטעלעך. אין יעדן קעסטל איז אַזאַ רויזן־קוסט געווען, און געוואַקסן האָבן זיי אויסגעצייכנט.



איז אָט, האָט זיך איינמאָל די עלטערן פֿאַרוואָלט די קעסטעלעך איבער דער ברייט פֿון דער רינווע אַוועקשטעלן, אַזוי אַז זיי האָבן כמעט פֿון איין פֿענסטער ביזן צווייטן דערגרייכט און אויסגעזען, ווי צוויי בערגעלעך מיט בלומען אָנגעזעצטע. דער זיך פֿלעכטנדיקער אַרבעס האָט זיך אַראָפּ פֿון די קעסטעלעך אַראָפּגעהאַנגען, און די רויזן־קוסטעס האָבן לאַנגע צווייגן אַרויסגעלאָזט, וואָס האָבן זיך אַרום די פֿענסטער אַרומגעדרייט און זיך איינס מיטן אַנדערן צונויפֿגעפֿלאָכטן. ס׳איז אויסגעקומען, ווי אַ טריאומף־טויער פֿון בלעטער און בלומען געמאַכט. די קעסטעלעך זיינען זייער הויך געווען, און די קינדער האָבן געוואוסט, אַז זיי טאָרן אויף זיי ניט אַרויפֿקריכן. דערפֿאַר אָבער האָט מען זיי אָפֿט איינס צום צווייטן צו גאַסט גיין דערלויבט. דעמאָלט פֿלעגן זיי זיך אויפֿן קליינעם בענקעלע, וואָס אונטער די רויזן־קוסטעס, אַוועקזעצן און ליב שפּילן זיך איינס מיטן צווייטן.

ווינטער איז דאָס שפּילן ניט מעגלעך געווען. די פֿענסטער זיינען אָפֿט אינגאַנצן פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. נאָר דעמאָלט פֿלעגן די קינדער ביי די הרובעס קופּערנע צענערס אָנוואַרימען, זיי צום פֿאַרפֿרוירענעם גלאָז צוקוועטשן, און אַזויער נאָך זיינען שיינע און קיילעכדיקע לעכעלעך אַרויסגעקומען.

וואָס דורך יעדערן פון זיי פלעגט אַ פריילעך אויגעלע אַרויס־קוקן. די אויגעלעך האָבן צו דעם קליינעם יינגעלע און קליי־נעם מיידעלע געקערט. דאָס יינגעלע האָט מען גערופן קיי, און דאָס מיידעלע – גערדאַ. זומער האָבן זיי געקאָנט מיט איין שפּרונג איינס צום צווייטן קומען. ווינטער האָבן זיי ביידע צוליב דעם אַ סך טרעפּ אַרויף און אַראָפּ באַדאַרפט איבער־גיין. איינמאָל איז אין דרויסן אַ שניי געגאַנגען.

— דאָס פליען די ווייסע בינעלעך, – האָט די אַלטע באָבע געזאָגט.

— און ביי זיי איז אויך פאַראַן אַ מלכּה? – האָט גע־פרעגט דאָס קליינע יינגעלע: — ער האָט געוואוסט, אַז ביי אמתע בינען איז אַ מלכּה פאַראַן.

— יאָ, ס'פאַראַן, — האָט געזאָגט די באָבע, — זי פליט אַהין, וואו ס'קלייבן זיך וואָס מער בינעלעך צונויף. זי איז גרעסער פון זיי אַלע און זיצט קיינמאָל אויף קיין אָרט נישט איין: אָט לאָזט זי זיך אויף אונטן אַראָפּ, און אָט הויבט זי זיך איבעראיינס אויף די שוואַרצע וואָלקנס אויף. אַמאָל אין די ווינטער־נעכט פליט זי איבער די שטאָט־גאַסן אַרום און קוקט אין די פענסטער אַריין, דעמאָלט ווערן זיי פאַרפרוירן און באַדעקן זיך מיט משונה מוסטערן אַזוינע, וואָס זיינען אויף בלומען ענליך.

— יאָ, מיר האָבן עס געזען! — האָבן די קינדער גע־זאָגט; זיי זיינען איבערצייגט געווען, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אמת.

— און אַהער קאָן די שניי־מלכּה קומען? – האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידעלע.

— זאָל זי נאָר קומען! — האָט געזאָגט דאָס יינגל: — וועל איך זי אויפן וואַרימען אויוון אַרויפזעצן, וועט זי גאָר צעגיין.

די באָבע אָבער האָט אים איבערן קעפּעלע געגלעט און מיט אַנדערע מעשיות פאַררעדט.

אויפדערנאַכט, ווען קיי איז שוין אין דערהיים אין

האַלב־אויסגעטאָן געווען, איז ער אויפן בענקל, וואָס נעבן פענסטער, אַרויפגעקראָכן און אין קליינעם לעכעלע קוקן גענומען. אייניגע שנייעלעך האָבן זיך אין דערלופט געדרייט און איינס פון זיי, סאַמע דאָס גרעסטע, איז אויפן בלומען־קעסטל געבליבן. דאָס שנייעלע איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן, ביז ס'איז לסוף צו אַ דערוואַקסענער פרוי אויסגעוואַקסן, וועלכע איז אָנגעטאָן געווען אין אַן איידעלן געוועב אַזאַ, וואָס איז, ווי פון מיליאָנען שנייעלעך, אויף שטערנדלעך ענליכע, אויסגעוועבט געווען. זי איז אומגעוויינליך שיין און צאַרט געווען, אָבער אינגאַנצן פון אייז — פון בלענדנדיקן און בלישטשענדיקן אייז. און דאָך איז זי לעבעדיק געווען; אירע אויגן האָבן, ווי צוויי העלע שטערן, געבלישטשעט. נאָר אין זיי איז קיין מנוחה און קיין גוטס נישט געווען, זי האָט מיטן קאָפּ צום פענסטער צו געשאָקלט און עפּעס מיט דער האַנט גערופן. האָט זיך דאָס קליינע יינגעלע דערשראָקן און פון פענסטער אַראָפּגעשפּרונגען. אין דער מינוט האָט אונטערן פענסטער עפּעס אַ רעש זיך דערהערט, גלייך ווי אַ גרויסער פויגל וואָלט דאָרט דורכגעפלויגן.

אויף מאָרגן איז דער דרויסן אַ לויטערער געווען, הגם אַ פראָסטיקער, דערנאָך האָט געלאָזט, און דערנאָך איז דער פרילינג געקומען. די זון האָט געשיינט, דורך דער ערד האָבן זיך גרעזעלעך דורכגעשלאָגן און די שוועלבעלעך האָבן זייערע נעסטן געמאַכט. האָבן זיך ווייטער פון די הייזער די פענסטער געעפנט, און די קינדער זיינען ווי פריער אין זייער גערטנדל געזעסן, הויך און איבער אַלע הייזער העכער. דעם זומער האָבן זיך די רויזן באַזונדער־שיין צעבליט. דאָס קליינע מיידעלע האָט אויסגעלערנט אַ ליד'עלע, וואו ס'האָט זיך פון רויזן גערעדט, און אַז זי פלעגט עס זינגען, פלעגט זי זיך אין אירע אייגענע רויזעלעך דערמאָנען. האָט זי עס אויך דעם יינגעלע געזונגען, און ער האָט איר אונטערהאַלטן גענומען:

די רויזן זיי בליען און וואַקסן, ווי שיין;
ביי אונז איז דער זומער, דער זומער אַליין...

און די קינדער האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַר די הענט־לעך אָנגענומען, די רויזן געקושט, אויף דער העלער זון גע־קוקט און גערעדט מיט איר, גלייך ווי פאַר זיי וואָלט טאַקע באמת אַליין דער זומער געשטאַנען. וואָס פאַר אַ וואונדערליכע זומערדיקע טעג דאָס זיינען געווען! ווי גוט ס'איז געווען אונטער די שמעקנדיקע רויזן־קוסטעס זיצן, וואָס, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, וועלן גאָר קיינמאָל צו בליען נישט אויפהערן.

איינמאָל זיינען קיי און גערדאַ אינאיינעם געזעסן אין אין אַ ביכל מיט געמעלן אַריינגעקוקט, וואו ס'זיינען חיות און פויגלען אויסגעמאָלט געווען. פלוצים — דער שטאָט־זייגער האָט נאָר־וואָס געהאַט פינף אָפּגעשלאָגן — האָט קיי אַ געשריי גע־טאָן: „אוי, ס'האָט מיך עפּעס אין האַרצן אַ שטאָך געטאָן! און אין אויג איז מיר אויך עפּעס אַריין!” האָט אים דאָס מיידעלע אַרום האַלז אַרומגענומען; ער האָט מיטן אויג געפּינ־טלט, נאָר אין אויג האָט מען גאָרנישט ניט געזען.

— דאַכט זיך, שוין אַרויס! — האט ער געזאגט, נאר ער האָט אַ טעות געהאַט. דאָס איז אים אין אויג איינס פון די פיצעלעך־שטיקעלעך כשוף־שפיגל אַריין, פון דעם, וואָס איר געדענקט נאָך געוויס, — פון דעם מיאוסן שפיגל, וואָס האָט אַלעס דערהויבנס און שיינס, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגע־שפיגלט, צו נישט און מיאוס געמאַכט, און פאַרקערט, אַלעס נישט גוטס און בייזס קלאָר אַרויסגעשטעלט, און פון יעדער זאַך באַלד די פעלערן אויפגעדעקט. דעם אָרימען קיי האָט אַזאַ מין שטיקעלע אין האַרצן געטראָפן, און ס'האָט באַלד באַדאַרפט אַ שטיק אייז ווערן. דער ווייטאָק איז איבערגעגאַן, אָבער דאָס שטיקעלע איז געבליבן.

— וואָס וויינסטו? — האָט ער גערדאַן געפרעגט — דו ווערסט זעהר מיאוס, אַז דו וויינסט! ס'טוט דאָך מיר שוין ניט וויי! פע! — האָט ער פלוצים אויסגעשריגן, — זע נאָר, ווי די רויז איז ווערימדיק, און אָט יענע איז דאָך אַ קרומע גאָר! בסך־הכל זיינען דאָס גאָר מיאוסע רויזן. אַזוינע מיאוסע, ווי דאָס קעסטל, אין וועלכן זיי וואַקסן! — און מיט די

ווערטער האָט ער מיטן פוס איינע פון די קעסטלעך אַ שטופּ געטאָן און ביידע רויזן יענע אויסגעריסן.

— קיי, וואָט טוסטו? — האָט אויסגעשריגן דאָס מיי־דעלע. נאָר אַז ער האָט דערזען, אַז זי האָט זיך דער־שראָקן, האָט ער נאָך אַ רויז אויסגעריסן, און דורכן פענ־סטער פון דער קליינער ליבער גערדאַן אַוועקגעלאָפן.

אַז זי פלעגט שוין נאָכדעם צו אים מיטן ביכל מיט די בילדער קומען, פלעגט ער זאָגן, אַז דאָס ביכל טויג פאַר זויג־קינדער נאָר; און אַז די באָבע פלעגט זיי מעשיות דערציילן, פלעגט קיי שוין באַשטענדיק וואָס אָפּצופרעגן געפינען. דאָס איז נאָך אַ קלייניקייט; ווען נאָר ס׳איז מעגליך געווען, פלעגט ער זיך איר אויך נאָכקרימען, דער באָבען: למשל, ער פלעגט זיך איר פון הינטן אַנידערשטעלן, ברילן אָנטאָן און אָנהויבן נאָכמאַכן אין רעדן, פּונקט אַזוי ווי זי. דאָס פלעגט זיך אים זעהר גוט איינגעבן, און אַלע, וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן, קוקנדיק אויף אים, שטאַרק געלאַכט. אינגיכן האָט זיך דאָס יינגל אויסגעלערנט נאָכקרימען אַלע, וואָס האָבן אויף זיין גאַס געוואוינט. ער האָט געקאָנט זייערע אַלע „שטיק" און ניט קיין שיינע מאַנירן באַמערקן, און דעריבער פלעגט מען ווע־גן אים זאָגן: „אָ, דאָס וואַקסט אַ יונג מיט ביינער!" אין דעם אַלעם אָבער זיינען שולדיק געווען נאָר די שטיקלעך שפּיגל, וואָס האָבן אים אין אויג און אין האַרצן געטראָפן. אָט פאַר־וואָס קיי פלעגט אפילו די קליינע גערדאַ דערגרזענען, די, וואָס האָט אים אַזוי און מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט.

איצט זיינען אויך זיינע שפּילעכלעך גאָר אַנדערע, נישט ווי די פריערדיקע, געווען: ער איז שוין גאָר אַ חכם גע־וואָרן. איינמאָל אין אַ ווינטער־טאָג, ווען דער שניי איז מיט גרויסע פליאַכעס געפאַלן, איז ער צו גערדאַן מיט אַ גרויס פאַרגרעסער־גלאָז געקומען, און האָט די פאָלע פון זיין גרין סורדוטל אויסגעשפּרייט, ס׳זאָלן דערויף עטליכע שנייעלעך אָנפאַלן.

— גיב נאָר אַ קוק אין גלאָז, גערדאַ, — האָט ער גע־

זאָגט. — די שנייעלעך האָבן זיך איצט אַ סך גרעסער אויסגעוויזן און זיי זיינען אויף שיינע בלומען אָדער אויף צענווינקלדיקע שטערן ענליך געווען. ס'איז אויסגענומען־שיין געווען.

— זע, ווי קונציק דאָס איז געמאַכט, — האָט ער געזאָגט. — די זיינען אַ סך אינטערעסאַנטער, ווי די אמתע בלומען! און אין זיי איז קיין פעלער ניטאָ: זיי זיינען אַלע פּונקט־ריכטיקע. אַן עבירה נאָר, וואָס זיי צעגייען אַזוי גיך.

באַלד נאָך דעם איז קיי מיט גרויסע הענטשקעס און מיט אַ שליטעלע אויף די פּלייצעס געקומען, און געראַן אין אויער איינגערוימט: מ'האָט מיר דערלויבט אויפן פּלאַץ, וואו די ייִנגלעך שפּילן זיך, „זיך שליטלען" — איז ער אַוועקגעלאָפן.

אויפן פּלאַץ פלעגן אָפט סאַמע די פאַרשייטסטע ייִנגלעך זייערע שליטעלעך צו די פּויערים־שליטנס צוטשעפּען, און אַזוי־ערנאָך פלעגט זיך זיי איינגעבן אַ גרויסע שטרעקע אָפּצופאָרן. דאָס איז געווען שוין איינמאָל גוט! אויפן צווייטן טאָג, ווען די שפּיל איז סאַמע אין מיטן ברען געווען, איז איבערן פּלאַץ אַ גרויסער ווייסער שליטן דורכגעפאָרן. אין שליטן איז עפּעס איינער אַ פאַרשוין געזעסן, אין אַ ווייסן פעלץ איינגעהילט און אין אַ גרויס היטל אַ פּוטערנס. דער שליטן איז צוויי מאָל דעם פּלאַץ אַרומגעפאָרן; האָט קיי אויף גיך צום גרויסן שליטן זיין קליין שליטעלע צוגעטשעפּעט און אינאיינעם מיט אים אַוועק. האָט דער שליטן אַ גיכערן פּאָר געטאָן און אין אַ נאָענטער גאַס פאַרקערעוועט; די, וואָס איז אין שליטן געזעסן, האָט זיך אומגעקוקט און צו קיי מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג באַקענטע געווען. יעדעס מאָל, ווען קיי האָט געוואָלט זיין שליטעלע אָפּטשעפּען, האָט אים יענע מיטן קאָפּ געשאָקלט, און קיי איז ווייטער געפאָרן. לסוף זיינען זיי פון די שטאָטטויערן אַרויסגעפאָרן. דאָרט איז אַזאַ געדיכטער שניי געגאַנגען, אַז דאָס ייִנגל האָט גאָרניש ניט געזען פאַר זיך, און

דאָס פּאָרן איז אַלץ גיכער געוואָרן. לסוף האָט ער דאָס שטריקל אַרויסגעלאָזט, כּדי זיך פון גרויסן שליטן אָפּטשעפּען, האָט עס אָבער נישט געהאָלפן: דאָס שליטעלע האָט זיך נישט אָפּגעטשעפּעט און ווייטער פייל פון בויגן געפלויגן. האָט דע־מאָלט קיי הויך צו שרייען אָנגעהויבן, האָט אים אָבער קיינער נישט געהערט; דער שניי איז, ווי פריער, אין פליאַכעס גע־פאַלן, און דאָס שליטעלע האָט זיך ווייטער געטראָגן, ערטער־ווייז אונטערגעשפּרונגען, גלייך ווי ס'וואָלט איבער גראָבנס און פלויטן איבערגעטאַנצט. האָט זיך קיי שרעקליך דערשראָקן. ער האָט געוואָלט זיך עפּעס אין אַ תּפילה דערמאָנען, נאָר אָנשטאָט דער תּפילה האָט ער אין איין חזרן געהאַלטן: „איין מאָל איינס — איז איינס".

די שניי־פליאַכעס זיינען גרעסער און גרעסער געוואָרן; ביז לסוף זיינען זיי אויף גרויסע ווייסע הינער ענליך געוואָרן. פלוצים האָבן זיי אין דער זייט אַ שפּרונג געטאָן, דער גרוי־סער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די, וואָס איז אין אים געזעסן, האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבן. דער פּעלץ און דאָס היטל האָבן אויסגעוויזן צו זיין פון שניי געמאַכט, און די אומבאַקאַנטע — אַ הויכע, אַ שטאַלטיקע און בלענדנדיקע פרוי אַ ווייסע. דאָס איז די שניי־מלכּה געווען.

— האַ, גוט זיך דורכגעשליטלט! — האָט זי געזאָגט. — נאָר נאָך־וואָס זאָלסטו פרירן? קלייב זיך צו מיר אונטערן בערן־פּעלץ אַרונטער! — און זי האָט אים צו זיך אין שליטן אַריינגעזעצט, האָט אים מיט איר פּעלץ צוגעדעקט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אין אַ שניי־באַרג איינגעזונקען.

— נו, וואָס? שוין ניט קאַלט? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן און אין שטערן אַ קוש געטאָן. אָ, דער קוש אירער איז קעלטער פון אייז געווען! ער האָט אים אין סאַמע האַרצן דערלאַנגט, וואָס איז שוין סיי ווי סיי אויף האַלב צו אַ שטיק אייז געוואָרן. קיי האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד שטאַרבט ער. נאָר דאָס האָט געדויערט איין מינוט נאָר; נאָכדעם איז אים גוט געוואָרן, און ער האָט מער שוין קיין קעלט נישט געפילט.

— מיין שליטעלע! פאַרגעס ניט מיין שליטעלע! — דאָס איז זיין ערשטער געדאַנק געווען. און דאָס שליטעלע איז צו איינע פון די ווייסע הינער צוגעבונדן געוואָרן, וואָס האָט נאָך זיי נאָכלויפנדיק, שוין מיט דעם אויפן רוקן זיך נאָכגעטראָגן. דאַן האָט די שניי=מלכּה קיי נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן, און דער קוש האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אי אָן גערדאַן אי אָן דער באָבען, אי לחלוטין אָן אַלע אין דערהיים.

— מער וועל איך דיך שוין ניט קושן! — האָט געזאָגט די שניי=מלכּה, — אלא ניט, וועל איך דיך אויף טויט דערקושן.

קיי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן; איז זי שיין געווען — אומגעוויינליך! קיין מער קלוגן און ליבן פּנים פון אירן האָט ער זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן. איצט האָט זי אים שוין ניט אויסגעוויזן פון אייז צו זיין, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים דורכן פענסטער מיטן קאָפּ געשאָקלט. אין זיינע אויגן האָט זי ווי די פולקומענהייט אַליין איצט אויסגעזען. ער האָט שוין מער פאַר איר קיין מורא נישט געפילט, און ער האָט איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַלץ: ווי אַזוי ער קאָן אַפילו תּשבּרת אויפן קאָפּ רעכענען, און ווי אַזוי ער ווייסט דעם שטח פון יעדן לאַנד און די צאָל איינוואוינער פון דעם. און די שניי=מלכּה האָט אַלץ געהערט און געשמייכלט. דאַן איז אים אין זינען געקומען, אַז ער ווייסט, דאַכט זיך, גאָר זעהר ווייניק, און ער האָט פאַר זיך אין דער לופט=שטרעקע אַ קוק געטאָן. אין דער מינוט האָט זיך מיט אים די שניי=מלכּה הויך און אין סאַמע דער שוואַרצער כמאַרע אַריין אויפגעהויבן; דאָרט אַרום האָט דער שניי=שטורעם געוואוינט און געוואָיעט, ווי ער וואָלט אַלטע לידער אַזוינע געזונגען. און זיי זיינען איבער וועלדער און אזערעס, איבער ימים און קאנטינענטן געפלויגן; אונטער זיי האט אַ קאַלטער ווינט געפייפט, וועלף האבן געוואיעט, דער שניי האט געבלישטשעט, און שוואַרצע ראבן האבן זיך מיט שלעכט=נביאותדיקן קראַ=קראַ געטראגן.

נאר הויך אויפן הימל האט אַ לבנה געלויכטן, אַ גרויסע און אַ ליכטיקע, און אט אויף איר האט קיי די גאַנצע ווינטער־נאַכט געקוקט. בייטאג איז ער ביי די פיס פון דער שניי־מלכּה געשלאפן.

דריטע מעשה.

דאס בלומען־גערטנדל פון דער פרוי, וואס האט כּשוף געקאנט.

וואס־זשע איז געווארן מיט דער קליינער גערדאַ, אַז קיי איז אַהיים נישט געקומען? וואו איז ער אַהינגעקומען? קיינער האט נישט געוואוסט, קיינער האט דערויף קיין ענטפער נישט געקאנט געבן. די יינגלעך האבן נאר דערציילט, אַז זיי האבן געזען, ווי ער האט זיין שליטעלע צו איינעם אַ גרויס־אַרטיקן און גרויסן שליטן צוגעבונדן, און ווי אַזוי יענער שליטן האט אין אַ נאַנטער און שכנישער גאַס אפּגעקערט און פון דארטן צו די שטאט־טויערן אַוועק. אבער קיינער האט ניט געוואוסט, וואס נאכדעם איז מיט אים געשען.

אַ סך טרערן האָט מען פאַרגאָסן אויף קיי, אָבער מער פון אַלע און לענגער פון אַלע האָט גערדאַ געוויינט. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן זאָגן, אַז ער איז געשטאָרבן, מעגליך אין טייך דערטרונקען געוואָרן, אין דעם טייך, וואָס גייט נעבן דער שטאָט דורך. אָ, וואָס פאַר אַ לאַנגער און טרויעריקער ווינטער דאָס איז געווען!

נאָר אָט האָט זיך דער פרילינג אומגעקערט, און מיט אים אויך די זון, די לויטערע און וואַרימע.

— קיי איז געשטאָרבן! — האָט געזאָגט די קליינע גערדאַ.

— כ׳גלויב ניט! — האָט געענטפערט די זון.

— ער איז געשטאָרבן, ער איז נישטאָ! — האָט זי צו די שוועלבעלעך געזאָגט.

— מיר גלויבן ניט! — האָבן יענע געענטפערט. ביז גערדאַ אַליין האָט לסוף שוין צו גלויבן אויפגעהערט.

— איך וועל אָנטאָן די נייע רויטע שיכעלעך מיינע, די, וואָס קיי האָט נאָך נישט געזען, — האָט זי געזאגט אין אַ פרימארגן איינמאל, — און כ׳וועל צום טייך אַראפגיין און ביי אים אַ פרעג טאָן דארט.

ס׳איז נאָך זעהר פרי געווען, האָט זי די באָבע, וואָס איז נאָך געשלאָפן דעמאָלט, אַ קוש געטאָן, האָט די רויטע שיכעלעך אָנגעטאָן און איינע אַליין אונטער דער שטאָט צום טייך אַוועקגעגאַן.

— ס׳אמת, אַז דו האָסט צו זיך מיין קליינעם חבר צוגענומען? כ׳וועל דיר שענקען מייע רויטע שיכעלעך, אויב דו וועסט מיר אים צוריק אָפגעבן.

און איר האָט זיך געדאַכט, אז די כוואַליעס ווינקען צו איר נישט געוויינליך. האָט זי דאַן פון זיך די סאַמע בעסטע זאַך אירע, די נייע רויטע שיכעלעך אַראָפגענומען און אין טייך אַריינגעוואָרפן. זיינען אָבער די שיכעלעך נישט וויים פון ברעג געפאַלן, האָבן זיי די כוואַליעס ווידער אויף דער ערד אַרויסגעטראָגן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער טייך וויל ניט איר בעסטע זאַך נעמען, דערפאַר ווייל ער קאָן איר צוריק קיי נישט געבן. נאָר גערדאַ האָט געמיינט, אַז זי האָט די שיכעלעך נישט גענוג וויים אַריינגעוואָרפן, איז זי דעריבער אין שיפל, וואָס איז אין טשערעט געשטאַנען, אַריינגעגאַנגען, זיך אויפן סאַמע עק אַוועקגעשטעלט און פון דאָרטן די שיכעלעך אין וואַסער אַריינגעוואָרפן. איז אָבער דאָס שיפל נישט צוגעבונדן געווען, איז עס פונם שטויס, וואָס דאָס מיידעלע האָט דעם געגעבן, פונם ברעג אַוועקגעגאַן. האָט דאָס גערדאַ באַמערקט און זיך אַרויסגיין געאיילט, נאָר איידער זי האָט זיך גערירט צום צווייטן עק דערגיין, האָט זיך דאָס שיפל שוין אויף אַן אַרשין אַוודאי פונם ברעג אָפגעטיילט, און דער שטראָם האָט דאָס גיך און אַראָפ טייך אַראָפגעשלעפט.

האָט זיך גערדאַ נישט אויף קיין קאַטאָוועס דערשראָקן און וויינען אָנגעהויבן. אָבער נאָר די שפערלען האָבן זי דערהערן געקאָנט, זיינען זיי אָבער נישט בכוח געווען אויף דער

ערד זי צו ברענגען; זיי זיינען נאָר פּאַזע פרעג געפלויגן און געטשיריקעט: „אָט אויך מיר! אָט אויך מיר!״ ווי זיי וואָלטן זי דערמיט טרייסטן געוואָלט. און דאָס שיפל דערווייל האָט זיך אַלץ מיטן שטראָם געטראָגן. און די קליינע גערדאַ איז דערין שטיל און ווי אַ טייבעלע געזעסן און אין די הוילע זעקעלעך נאָר: אירע שיכעלעך זיינען דעם שיפל נאָכגעשוואומען, אָבער דעריאָגן עס האָבן זיי נישט געקאָנט, ווייל דאָס שיפעלע איז גיכער געשוואומען. און אויף ביידע ברעגעס איז געווען פון וואָס הנאה צו האָבן: אומעטום האָבן זיך שיינע בלומען געוויזן, ביימער און בערגלעך, אויף וועלכע ס'האָבן זיך קי און שאָף געפּאַשעט; נאָר קיין מענטשן האָט מען אין ערגעץ ניט געזען.

— מעגליך, אַז דער טייך טראָגט מיך גאָר צו קיי! — האָט גערדאַ אַ טראַכט געטאָן און פון דעם געדאַנק פריילעכער געוואָרן. האָט זי זיך אויפגעשטעלט אזן אין אַ משך פון שעהן אַלץ אויף די שיינע און גרינע ברעגעס געקוקט. לסוף איז זי צו אַ גרויסן וויינשל-סאָד צוגעשוואומען, וואו ס'איז אַ קליין שטיבעלע געשטאַנען מיט עפּעס משונה רויטע און גרינע פענסטער אַזוינע; דער דאַך פון שטיבעלע איז אַ שטרויענער געווען, און האַרט פאַר דער שטוב זיינען צוויי הילצערנע סאָלדאַטן געשטאַנען, וואָס האָבן די דורכפאָרער מיט די ביקסן „כבוד״ אָפּגעגעבן. האָט גערדאַ צו די סאָלדאַטן אַ געשריי געטאָן, ווייל זי האָט זיי פאַר לעבעדיקע גערעכנט, נאָר קיין ענטפער האָט זי, פאַרשטייט זיך, ניט באַקומען. איז זי צו זיי שוין גאָר נאָענט צוגעשוואומען, און נאָך העכער אַ געשריי געטאָן. דאַן איז פון שטיבעלע אַן אַלטע פרוי, אויף אַ קוליע אָנגעשפּאַרט, אַרויסגעגאַן. אויפן קאָפּ ביי איר איז אַ גרויסער הוט געווען מיט די וואונדערלעכסטע בלומען באַצירט.

— אָרים מיידעלע! — האָט די אַלטע פרוי געזאָגט: — ווי אַזוי ביסטו אויף אַזאַ מין שטראָמיקן טייך געקומען און אַזוי ווייט אַוועקגעשוואומען?

און די אַלטע איז אין וואַסער אַריינגעגאַן, מיט דער

קוליע דאָס שיפל פאַרטשעפעט, עס צום ברעג צוגעצויגן און גערדאַן אויפן ברעג אַרויסגעטראָגן.

האָט זיך גערדאַ שטאַרק דערפרייט, ווייטער אויף דער ערד קומענדיק, הגם זי האָט פאַר דער אומבאַקאַנטער אַלטער אַ ביסל מורא געהאַט.

— קום אַהער, דערצייל מיר, ווער דו ביסט און ווי קומ־סטו אַהער, — האָט געזאָגט די אַלטע.

און גערדאַ האָט איר אַלץ דערציילט. די אַלטע, פון איר זייט, האָט, זי אויסהערנדיק, נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט און עפּעס געבורטשעט: „הם! הם!" נאָר אַז גערדאַ האָט איר דער־ציילט געענדיקט, אויך צו איר זיך מיט דער פראַגע געווענדט, צי האָט זי נישט געזען דעם קליינעם קיי, האָט איר די אַלטע פרוי געענטפערט, אַז ער איז נאָך דאָ נישט דורכגעפאָרן, נאָר ער וועט געוויס דורכפאָרן, און דערווייל זאָל זי זיך נישט זאָרגן: — אָט עס ווייַנשל, קוק אויף די בלומען, זיי זיי־נען אַ סך שענער פון די, וואָס זיינען אין די ביכלעך אויס־געמאָלט; יעדער בלימל קאָן אַ מעשה דערציילן. — און דאָ האָט זי גערדאַ פאַר דער האַנט אָנגענומען, זי אין שטוב אַריינגעפירט און די טיר פאַרמאַכט.

די פענסטער אין שטיבעלע זיינען שטאַרק הויך פון דר'ערד געווען, און די טאַפּליעס אין זיי זיינען רויטע, בלויע און געלע געשטאַנען, אַזוי אַז די טאָג־שיין, דורך זיי דורכ־גייענדיק, האָט פאַרשיידענע פאַרבן אָנגענומען. אויפן טיש זיי־נען טייערע ווייַנשל געלעגן, און גערדאַ האָט דערלויבעניש באַקומען עסן וויפיל זי וויל. און בשעת זי האָט דאָ געגעסן, האָט איר דערווייל די אַלטע מיט אַ גאָלדן קעמל אירע ליכ־טיקע האָר צעקעמט. און די האָר האָבן זיך געקרייזלט און ווי גאָלד געבלישטשעט, און איר ליב פּנימל, דאָס קיילעכיקע און ווי אַ רויז, דאָס פרישע, אַרומגעברוימט.

— ס'האָט זיך מיר שוין לאַנג געוואָלט אַזאַ קליין מיי־דעלע האָבן, — האָט געזאָגט די אַלטע. — אָט וועסטו זען, ווי גוט מיר וועלן דאָ לעבן!

און וואָס מער זי האָט איר די האָר געקעמט, אַלץ מער האָט יענע אָן איר קליינעם חבר קיי פאַרגעסן. וואָרים די אַלטע איז אַ מכשפה געווען, הגם אפילו ניט קיין שלעכטע. זי האָט נאָר אַ ביסעלע געכשופט, אי דאָס נאָר צוליב איר הנאה וועגן, און דערצו נאָך האָט זיך איר זעהר געוואָלט גערדאַן ביי זיך פאַרהאַלטן. און דעריבער איז זי אין סאָד אַרויסגעגאַן און האָט מיט איר קוליע איבער אַלע רויזן־קוסטעס אַ מאַך געטאָן; און הגם די בלומען זיינען דעמאלט פונקט אין פולער בליעכץ זייערער אנגעטאן געווען, נאר פאַר דער אַל־טערס מאַך זיינען זיי אין איין כהרף־עין אין דער נאַסער ערד אַריין, אַזוי אַז פון זיי איז קיין סימן אפילו נישט געבליבן. די אַלטע האט מורא געהאַט, אַז אויב זי וועט די רויזן זען, וועט זי זיך אָן איריקע דערמאנען און צוגלייך אויך אָן קיי — און וועט אַנטלויפן פון איר.

דערנאך האט זי גערדאַן צו זיך אין בלומען־גערטנדל אריינגעפירט. אַך, ווי גוט ס'איז דארטן געווען, ווי וואונדער־ליך ס'האט געשמעקט דארטן! אלערליי בלומען פון אלע צייטן יאר האבן זיך דארט מיט זייער גאַנצער פראַכט ארויסגעוויזן, קיין ביכל מיט קיינע געמעלן האט נישט געקאנט זיין שענער און פילפאַרביקער. גערדאַ האט פון פרייד אַזש שפרינגען אנ־געהויבן, און געשפילט זיך אזוי לאַנג, ביז די זון איז אונטער די הויכע וויינשל־ביימער פאַרגאַן. דערנאך האט זי די אַלטע אין אַ גוט בעטעלע מיט רויטע קישעלעך אריינגעלייגט, און זי איז זיס אנטשלאפן געווארן און אזוינע וואונדערליכע חלו־מות געזען, וואס ס'זעט נאר אַ בת־מלכּה ערב דער חתונה אירער.

אויפן צווייטן טאג האט זי זיך ווייטער אויף דער זון מיט די בלומען געשפילט. אזוי זיינען אַ סך טעג אוועקגעגאַן, גערדאַ האט געקענט יעדן בלימל פון סאד; און הגם ס'זיי־נען דארט אַ פולע געווען, דאך האט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז עפעס איינע אַ בלום פעלט דארט; נאר וואסערע אַזוינע — דאס האט זי ניט געוואוסט.

נאר אט איז זי איינמאָל געזעסן און אויף דער אַלטערס הוט מיט די אויסגעמאָלטע בלומען זיך פאַרקוקט — און די שענסטע פון די הוט־בלומען זיינען די רויזן געווען. די אַלטע, אַז זי האָט די רויזן פון סאָד און דער ערד פאַרטריבן, האָט גאָר פאַרגעסן זיי אויך פון איר הוט אַפּרייסן. אַזוי טרעפט כּסדר מיט דעם, וואָס איז פאַרדולט און איילט זיך.

— „וואָס הייסט?" — האָט אויסגעשריגן גערדאַ. — „זאָל זיין, אַז דאָ זיינען גאָר קיין רויזן נישטאָ?"

און זי איז צו די קלומבעס אַוועקגעלאָפן, געזוכט און געזוכט, און קיין רויזן דאָרט טאַקע נישט געפונען. האָט זי זיך דאַן אויף דער ערד אַנידערגעזעצט און זיך צעוויינט, דערביי זיינען אירע טרערן פּונקט אויף דעם אָרט געפאַלן, וואו איינער אַ רויזן־קוסט איז אין דער ערד אַריין. ווי נאָר די הייסע טרערן דעם מיידעלעס האָבן די ערד באַנעצט, אַזוי איז דער קוסט באַלד אויף אויסן אַרויס, און אַזוי בליענדיק, פּונקט ווי ער איז בשעת זיין פאַרשוואונדן־ווערן געווען. האָט גערדאַ אים אַרומגענומען, אַלע זיינע רויזן אויסגעקושט, און דערביי זיך אָן אירע אייגענע, וואָס האָט אינדערהיים געלאָזט, דערמאָנט, און צוגלייך אויך אָן קיי, אָן קליינעם.

— אַך, ווי איך האָב זיך עס דאָ פאַרזאַמט! — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע. — איך דאַרף דאָך קיי אָפּזוכן! ווייסט איר ניט, וואו ער איז? — האָט זי ביי די רויזן אַ פרעג געטאָן — ווי מיינט איר, ער לעבט נאָך?

— יאָ, ער לעבט! — האָבן געענטפערט די רויזן: — מיר זיינען דאָך אין דער ערד געווען, דאָרט, וואו די טויטע געפינען זיך, און קיי איז דאָרט ניטאָ.

— אַ דאַנק! — האָט געזאָגט גערדאַ און צו די אַנדערע בלומען צוגעלאָפן, האָט זי אין זייערע בעכערלעך אַריינגעקוקט און געפרעגט: — ווייסט איר ניט, וואו געפינט זיך קיי דער קליינער?

נאָר יעדעס בלימעלע, אויף דער זון זיך וואַרימענדיק, האָט נאָר וועגן זיין אייגענער געשיכטע געטראַכט. גערדאַ האָט ניט

איינע אזא געשיכטע אויסגעהערט, אבער אין קיינער האט זיך וועגן קיי נישט גערעדט.

אט־וואס ס'האט איר די פייערדיקע ליליע דערציילט:

— דו הערסט דעם פויק? בום! בום! ער פארמאגט ניט מער, ווי אט די צוויי קלאנגען נאר: בום! בום! הער די קבורה־געוויינען פון די פרויען, הער די הויכע אויסגעשרייען פון די גלחים! איינגעהילט אין איר לאנגן, רויטן מאנטל שטייט אויפן שייטערהויפן אן אינדיאנישע פרוי; דער פלאם האט פייערדיק זי מיט איר טויטן מאַן ארומגעכאפט. די אינדיאנערין אבער טראכט איצט גאר וועגן דעם, וואס וועט נאך אויף דער ערד דא בלייבן, וועגן דעם, וועמענס פייעריקע בליקן האבן געברענט איר הארץ שטארקער, ווי דער פלאם, וואס וועט באלד פון איר קערפער אש מאכן. קאן דער פלאם פון הארצן אין פלאם פון שייטערהויפן פארלאשן ווערן?

— דאס פאַרשטיי איך גאר ניט, — האט געזאגט גערדא.

— דאס איז מיין געשיכטע, — האט געזאגט די פייעריקע ליליע.

וואס־זשע האט דער האפן דערציילט?

— אויף אַ שמאל באַרג־סטעשקעלע פון אויבן שטייט אַן אַלטער ריטער־שלאס. געדיכטע גרינס פלעכט זיך אַרום זיינע אַלטע ווענט די רויטע און אַרום דעם באַלקאָן, אויף וועלכן אַ שיינהייט אַ מיידל שטייט; זי האט זיך איבער דער פאַרענטשע אַריבערגעבויגן און אויפן וועג אַראפּגעקוקט. קיין רויז קאן זיך צו איר מיט איר פרישקייט נישט גלייכן, קיין בלעטעלע פון עפל־בליט, וואס דער ווינט פאַרטראגט, קאן זי אין גרינגקייט נישט איבערשטייגן. ווי ס'רוישט איר זיידן קלייד דאס פרעכטיקע! — וואס־זשע קומט ער ניט?

— דו רעדסט פון קיי? — האט געפרעגט גערדא.

— ניין, דאס דערצייל איך נאר מיין געשיכטע, מיינע טרוימען, — האט געענטפערט דער האפן.

וואס־זשע האט דאס קליינע שניי־גלעקל דערציילט?

— צווישן דיביימער אויף אַ שטריק הענגט אַ ברעט אַ

לאַנגע: דאס איז אַ הוידלקע. צוויי אויסגעצייכנט־שיינע מיי־דעלעך — די קליידעלעך אויף זיי זיינען ווייס, ווי שניי, און לאַנגע, גרינע סטענגעס פליען זיי ביי די היטעלעך אַרום — זיצן אויף איר און הוידען זיך; דאס עלטערע ברודערל שטייט אין מיטן דער ברעט, די שטריק מיט די איינגעבויגענע הענט אַרומגענומען, ער זאל ניט אַראפפאלן. אין איין האַנט האלט ער אַ שאָלעכל, און אין דער צווייטער אַ ליימען רערעלע: ער לאזט זייפן־בלאזן. די הוידלקע הויבט זיך אויף, און די זייפן־בלאזן פליען אין דער הויך אַרויף, אין אַלע פאַרבן פון דעם רעגנבויגן שפילנדיק; דאס לעצטע בלעזעלע הענגט נאך אויפן שפיץ פון רערעלע, און דער ווינט שאקלט עס אין פאַרשיידענע זייטן. די הוידלקע הוידעט זיך אַהין און צוריק; דאס קליינע שוואַרצע הינטל, וואס איז ווי אַ בלעטל גרינג, הויבט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך אויף און וויל אויף דער ברעט אַרויפשפרינגען; די ברעט פליט, דאס הינטל קערט זיך איבער, האַווקעט און כעסט זיך, די קינדער רייצן זיך דערמיט, און די זייפן־בלאזן צו־נישט ווערן... די הוידנדיקע ברעט, די צונישטווערנדיקע זייפן־בלאזן, אט דאס איז מיין לידעלע.

— מעגליך, אַז זי איז שיין, די געשיכטע דיינע, — האט געזאגט גערדאַ: אבער דו דערציילסט אַזוי טרויעריק און דו דערמאנסט גאר ניט וועגן קליינעם קיי.

און זי איז צו די היאַצינטן אַוועקגעגאַן.

— אַמאל זיינען געווען דריי שוועסטער־שיינהייטן, אַזוינע לופטיקע און צאַרטע, — האבן דערציילט די היאַצינטן: — ביי איינער איז דאס קלייד רויט געווען, ביי דער צווייטער בלוי, און ביי דער דריטער אינגאַנצן ווייס. אנגענומען פאַר די הענט פלעגן זיי ביי דער לבנה־שיין אויפן ברעג פון אַשטי־לער אזערע טאנצן. דאס זיינען נישט קיין עליפן געווען, נאר מענטשליכע באשעפענישן. פונם וואלד האט זיך א טייערער ריח געטראגן, און די מיידעלעך זיינען אהין פאַרשוואונדן געווארן. דער ריח איז נאך שטארקער געווארן; האבן זיך

דריי טרומנעס — אין זיי זיינען די שיינהייטן די שוועסטער געלעגן — פון וואלד ארויסבאוויזן און אויף דער אזערע גע־שוואומען. די גלי־ווערימלעך האבן זיך ארום זיי געטראגן, ווי פייערלעך בלאנדזשענדיקע. וואס איז דאס? שלאפן זיי, צי זיינען זיי געשטארבן די שוועסטער־טענצערינס? דער בלו־מען־ריח זאגט, אז זיי זיינען געשטארבן; די נאכט־גלעקער צו קבורה קלינגען.

— איר ווארפט אויף מיר אן א מרה־שחורה! — האט געזאגט די קליינע גערדא. — איר שמעקט אזוי שטארק, — און איך מוז ניט ווילנדיק פון געשטארבענע מיידלעך טראכטן. זאל זיין, אז דער קליינער קיי איז געשטארבן? די רויזן זיינען דאך אונטער דער ערד געווען און זיי זאגן, אז ער איז דארט נישטא.

— דין־דין־דין! — האבן זיך די היאצינטן־גלעקעלעך צעקלונגען. — מיר קלינגען ניט נאכן קליינעם קיי, מיר קענען אים גארניט! דאס זינגען מיר דאס לידעלע אונזערס – דאס איינציקע, וואס מיר פארמאגן.

און גערדא האט זיך צו דער מארגאריטקע געקערט, וואס האט פון צווישן בלישטשענדיקע גרינע בלעטלעך ארויס־געקוקט.

— דו ביסט געראטן אין א קליין זונעלע! — האט איר געזאגט גערדא. — זאג מיר, אויב דו ווייסט, וואו זאל איך מיין שפיל־חבר זוכן?

און די מארגאריטקע האט זיך נאך מער צעשיינט און אויף גערדאן א קוק געטאן. וואס פאר א לידעלע קאן זי איר זינגען? אך, אז אויך דערין רעדט זיך ניט פון קיי.

אויף איינעם א הויף האט די זון אזוי געווארימט אינם ערשטן פרילינגס־טאג; אירע שטראלן האבן זיך געגליטשט איבער די ווייסע ווענט פון דער שכן־שטוב, וואס נעבן איר איז דאס ערשטע געלע בלימעלע אויסגעוואקסן און, ווי א גאלדענע, אונטער די ווארימע זון־שטראלן געבלישטשעט. אויפן הויף איז אין איר שטול די אלטע באבע געזעסן; איר

אײניקל, אַ שײן אָרים דינסט=מײדעלע, איז צו איר געװאָר=װערן געקומען און זי געקושט, די אַלטע. איר קוש איז, װי אמת גאָלד, רײן געװען; גאָלד אויף די ליפּן, גאָלד אין האַרצן, און גאָלד אין דער שעה, דער פרימאָרגנדיקער!... אָט איז דאָס לידעלע מײנס אײנגאַנצן! — האָט געענדיקט די מאַרגאַריטקע.

— ארימע באבע מײנע! — האט גערדא מיט א זיפץ געזאָגט. — געװיס בענקט זי נאָך מיר און זאָרגט זיך פאַר מיר, װי פאַרן קלײנעם קײ. נאָר אײנגיכן װעל איך זיך אומקערן און אויך אים מיט זיך מיטברענגען. ס'איז נאָר אומזיסט צו די בלומען זיך צו װענדן. זײ װײסן נאָר די אײגענע לידלעך זײערע, און װאָס איך דאַרף, װעלן זײ מיר ניט זאָגן.

און די האָט איר קלײדעלע פאַרנומען, ס'זאָל איר גרינגער זײן צו לויפן. נאָר די געלע ליליע האָט איר איבער די פיסלעך אַ שמײס געטאָן, אַז זי האָט איבער איר איבערשפּרינגען געװאָלט. האָט זיך גערדאַ דאַן אָפּגעשטעלט, אויפן בלימל מיטן לאַנגן שטעקעלע אַ קוק געטאָן און געפרעגט: „אפשר װײסטו מיר עפּעס צו דערצײלן?“ — און זי האָט זיך נאָנט צו דער געלער ליליע אָנגעבויגן. װאָס=זשע האָט יענע איר דערצײלט?

— איך קאָן זיך אַלײן זען און זיך שפּיגלען אין זיך! — האָט געזאָגט דאָס בלימל. — אָ, װאָס פאַר אַ טײערער ריח ס'איז בײ מיר! דאָרט פון אויבן אין צימערל, װאָס אונטערן דאַך, שטײט אַ האַלב=אָנגעטאָנענע קלײנע טענצערין: זי שטײט אַמאָל אויף אײן פוס, און אַמאָל אויפן צװײטן: די גאַנצע װעלט איז בײ איר אונטער די פיס; זי איז נישט מער, װי אַן אויגן=פאַרבלענדעניש. זי גיסט װאַסער פון טײ=קענדל אויף אַ שטיקל מאַטעריע, װאָס זי האַלט אין די הענט — דאָס איז איר גאַרטעלע: — רײנקײט — איז אַ גוטע זאַך! דאָס װײסע קלײד הענגט אויפן הענגער, ס'איז אויך מיט װאַסער פון טײ=קענדל אויסגעװאַשן און אויפן דאַך אויסגעטריקנט; זי טוט עס אָן, װאַרפט אויף די אַקסלען אַ העל, געל טיכל אַרויף, פון װאָס דאָס קלײד זעט נאָך װײסער אויס. אָט האָט זי װידער

אַ פּוס אויסגעצויגן. — זע נאָר, ווי זי שטייט אויף אַ שפּיץ־שיכל דאָרט! ווי אויף אַ בלומען־שטענגעלע!... איך קאָן אַליין זיך זען, און זיך שפּיגלען אין זיך!

— דאָס אינטערעסירט מיך ווייניק! – האָט געזאָגט גערדאַ.– איבעריק געווען צו דערציילן! און זי איז צום אַרויסגאַנג פון גערטנדל אַוועקגעלאָפן.

דאָס טירל איז פאַרשלאָסן געווען. האָט זי אָבער אַזאַ שטאַרקן נעם געטאָן ביים פאַרזשאַווערטן פאַררוקער, אַז ער האָט זיך באַלד אויפגערוקט. דאָס טירל האָט זיך אויפגעעפנט, און גערדאַ האָט זיך באָרוויס לויפן געלאָזט. דריי מאָל האָט זי זיך אויף צוריק אומגעקוקט, נאָר קיינער איז איר ניט נאָכגעלאָפן. לסוף האָט זי זיך זעהר איינגעמידט און האָט זיך אויף אַ גרויסן שטיין אָפּרוען אַנידערגעזעצט. ערשט דאַן האָט זי זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט, אַז דער זומער איז שוין אַוועקגעגאַן און אין דרויסן איז שוין שפּעטער האַרבסט. אין טייערן סאָד פון דער אַלטער פרוי, וואו די זון האָט אַ קיילעכיק יאָר געבליט און וואו ס'האָבן בלומען פון אַלע צייטן יאָר געבליט, האָט מען דאָס, פאַרשטייט זיך, באַמערקן נישט געקאָנט.

— מיין גאָט, ווי איך האָב זיך עס פאַרזאַמט! — האָט אויסגעשריגן די קליינע גערדאַ. — אָט איז שוין דער האַרבסט אָנגעקומען; ס'איז נישט קיין צייט אויף רוען אציגד! — און זי האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבן, אויף ווייטער אין וועג זיך לאָזן.

אָ, ווי ס'האָבן איר די פאַרוואונדעטע פיסלעך וויי געטאָן און געבראָכן! און אַרום איז אַזוי קאַלט און ברוגז אַלץ געווען. די לאַנגע ווערבע־בלעטלעך זיינען שוין אינגאַנצן געל געוואָרן, און מיט גרויסע טראָפּנס האָט פון זיי דער טוי געקאַפּעט; איינס נאָכן אַנדערן זיינען די בלעטלעך פון די ביימער אַראָפּגעפאַלן. אַליין נאָר דער דאָרן האָט נאָך זיינע פרוכט געהאַט, אָבער זיי זיינען האַרט און הייליק געווען. די גאַנצע וועלט האָט זיך אויסגעוויזן גרוי און ברוגז.

פערטע מעשה.

דער פרינץ מיט דער פרינצעסין.

גערדאַ האָט ווייטער באַדאַרפט אָפּרוען. אַנטקעגן דעם אָרט, וואו זי איז געזעסן, איז אַ גרויסער ראָב אַרומגעשפּרונגען. ער האָט לאַנג אויפן מיידעלע געקוקט, מיטן קאָפּ געשאָקלט און לסוף אַרויסגעזאָגט: „קראַ! קראַ! גאָט העלף! גאָט העלף!" בעסער זיינע געפילן אויסדריקן האָט ער ניט געקאָנט. נאָר ער האָט דעם מיידלס גוטס באַגערט און האָט ביי איר געפרעגט, וואוהין זי האָט זיך עס אַליין געלאָזט. דאָס וואָרט „אַליין" האָט גערדאַ אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען; זי האָט טיף דורכגעפילט, וואָס דאָס באַטייט. און זי האָט דעם ראָב איר געשיכטע דערציילט און ביי אים געפרעגט, צי האָט ער נישט געזען איר קיי.

האָט דער ראָב מיט אַן ערנסטן אויסזען מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן און געזאָגט: ס'קאָן זיין! ס'קאָן זיין!

— ווי, דו רעכנסט? — האָט אויסגעשריגן דאָס מיידעלע, און פון פרייד שיער דעם ראָב מיט אירע קושן ניט דערשטיקט.

— שטילער! — האָט געזאָגט דער ראָב. — איך רעכן, אַז דאָס דאַרף זיין דער קליינער קיי, נאָר איצט האָט ער דיך שוין געקערט צוליב דער פרינצעסין פאַרגעסן.

— ער וואוינט דען ביי אַ פרינצעסין? — האָט געפרעגט גערדא.

— יאָ, און דו הער נאָר אויס! — האָט געזאָגט דער ראָב. — נאָר מיר איז שווער אויף דיין לשון צו רעדן, אפשר פאַרשטייסטו די ראָבן־שפּראַך, וואָלט איך דיר דאַן אַלץ אַ סך בעסער דערציילט.

— ניין! — האָט געזאָגט גערדאַ. — מ'האָט מיך עס ניט געלערנט. די באָבע קען דאָס יאָ. טוט מיר טאַקע באַנג, וואָס איך האָב זיך עס נישט אויסגעלערנט.

— קיין אומגליק ניט! — האָט געזאָגט דער ראָב, — כ'וועל דערציילן, ווי איך קאָן — אָזן דו האָב קיין פאַריבל ניט! — און ער האָט איר אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט, דערציילט: —

אין דער מדינה, אין וועלכער מיר געפונען זיך אַצינד, וואוינט אַ פּרינצעסין. זי איז אומגעווייגליך קלוג, ווייל זי האָט אַלע צייטונגען, וואָס גייען אויף דער וועלט אַרויס, איבערגעלייענט, איבערגעלייענט און אַלץ פאַרגעסן, — אָט וואָס קלוג הייסט! איז זי אָט דאָ נישט לאַנג אויפן טראָן געזעסן — און דאָס, זאָגט מען, איז גאָר ניט אַזוי איינגענעמען. און פלוצים הויבט זי אָן זינגען אַ לידעלע פאַר זיך. און אין יענעם לידעלע זינגט זיך: „פאַרוואָס זאָל איך נישט חתונה האָבן?" — און באמת טאַקע פאַרוואָס ניט? — האָט זי זיך געזאָגט, און דאָ טאַקע באַלד חתונה האָבן באַשלאָסן; נאָר פאַר אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל קאָנען קלוגע געשפּרעכן פירן, און ניט לייטיש שווייגן, ווייל דאָס איז זעהר אומעטיק. האָט זי דעמאָלט אַלע אירע הויף־דאַמען צונויפגערופן, און ווען יענע זיינען געוואָר־געוואָרן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָבן זיי זיך זעהר דערפרייט. — „אָט אַ וואוילער איינפאַל!" — האָט יעדע איינציקע געזאָגט. — „די טעג האָב איך וועגן דעם אויך טאַקע געטראַכט!". מעגסט מיר גלויבן, איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת, — האָט פאַראויסגעזעצט דער ראָב. — ביי מיר איז אין פּאַלאַץ אַ כלה פאַראַן, זי איז צו דער שטוב אַ צוגעוואוינטע, שפּאַצירט זי פראַנק־און־פריי איבער אַלע צימערן אַרום, און אָט פון איר ווייס איך אַלעס, וואָס דאָרטן טוט זיך.

אויפן צווייטן טאָג זיינען אַלע צייטונגען מיט אַ רעמל פון גאָלע הערצער און מיט דער פּרינצעסינס וועגזל אַרויסגעגאַן. און אין זיי האָט זיך געזאָגט, — אַז יעדער יונגערמאַן פון פיינעם אויסזען קאָן אין פּאַלאַץ צו דער פּרינצעסין קומען, און אויב אין געשפּרעך וועט ער שכל און קלוגשאַפט אַרויסווייזן, וועט זי אים פאַר אַ מאַן אויסקלייבן.

— יאָ, יאָ, גלויב=זשע מיר! — האָט געזאָגט דער ראָב, — דאָס איז אַזוי אמת, ווי דו זעסט מיך דאָ אַ זיצנדיקן. — האָבן זיך פון אַלע זייטן יונגעלייט אַ לאָז געטאָן; איז געוואָרן אַ הו=האַ און אַ לויפעניש אין לשער, נאָר ניט אין ערשטן טאָג, נישט אין צווייטן האָט קיינער פון זיי קיין ערפאָלג נישט געהאַט. אַלע האָבן זיי געקאָנט רעדן, כּל זמן זיי זיינען נאָר אויף דער גאַס געווען; אָבער ווי נאָר זיי האָבן די שוועל פון פּאַלאַץ אַריבערגעטראָטן און די גוואַרדיע אין זילבער אָנגעטאָן דערזען, און אויף די טרעפּ די לאַקייען אין גאָלד=געניטע ליווריייעס, און די הויכע העל=באַלויכטענע זאַלן, אַזוי האָבן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און נאָר דאָס לעצטע וואָרט פון דער פּרינצעסין איבערחזורן געקאָנט, און דער פּרינצעסין איז דאָך גאָר נישט אינטערעסאַנט געווען אירע אייגענע ווערטער איבערגעחזרטע צו הערן. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז עפּעס אַ מין שלאַפקייט — אַ שלאַק איז אויף זיי געקומען, וואָס איז זיי איבערגעגאַן נאָר דאַן, ווען זיי האָבן זיך ווידער אויף דער גאַס אַרויסגעכאַפּט. יאָ, אויף דער גאַס האָבן זיי געוואוסט וואָס צו רעדן. אין אַ גאַנצער שערענגע זיינען זיי דאָרט געשטאַנען, פון די שטאָט=טויערן ביז צו דעם פּאַלאַץ צו. איך בין דאָרט אַליין געווען, כּדי דאָס אַ׳ליין צוקוקן. די אָרימע זיינען הונגעריק געווען און דאָרשט געליטן, נאָר אין פּאַלאַץ האָט מען זיי אַפילו קיין גלאָז וואַסער נישט פאָרגעלייגט. אמת, אייניקע פון זיי, די מער פאַרשטאַנדיקע, האָבן מיט זיך בוטערבראָדן מיטגענומען, נאָר קיינער פון זיי האָט זיך דערמיט מיטן שכן ניט געוואָלט טיילן. יעדער האָט געטראַכט: „זאָל ער הונגעריק אויסזען, וועט אים די

פּרינצעסין פּאַר קיין מאַן נישט נעמען".

— וואָס=זשע איז מיט קיי, מיטן קליינינקן קיי? — האָט געפרעגט גערדאַ. — ווען=זשע איז ער געקומען? ער איז אויך אינאיינעם מיט די איבעריקע געשטאַנען?

— געדולד, זאָג איך דיר, געדולד! באַלד וועלן מיר אויך צו אים צוקומען. אויפן דריטן טאָג איז אין פּאַלאַץ אַן אומבאַוואוסטער יונגלינג געקומען; ער האָט נישט געהאַט נישט קיין עקיפּאַזש, נישט קיין פּערד, נאָר ער איז זיך אַזוי פריילעך צופוס געגאַנגען; זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט, אַזוי ווי דיינע, און ער האָט לאַנגע שיינע האָר געהאַט, נאָר אָנגעטאָן איז ער געווען זעהר אָרים.

— ס'איז קיי! — האָט אויסגעשריגן גערדאַ מיט פרייד. — יאָ, איצט לסוף האָב איך אים שוין געפונען! — און זי האָט פון פרייד אין די הענט געפּאַטשט.

— אויפן רוקן איז ביי אים אַ קליין רענצעלע געווען, — האָט מוסיף געווען דער ראָב.

— אַך, דאָס איז געוויס זיין שליטעלע געווען, — האָט גערדאַ איר מיין אַרויסגעזאָגט, — ער איז דערמיט פון דער היים אַוועקגעגאַן.

— זעהר מעגליך! — האָט געזאָגט דער ראָב. — איך האָב דערויף קיין אַכט נישט געגעבן. נאָר וואָס איך ווייס פון מיין צום=שטוב=צוגעוואוינטער כלה אויף געוויס איז דאָס, אַז בשעת ער האָט ביים אַריינגאַנג די אָנגעטאָנענע גוואַרדיאַנער דערזען און די אָפּגע..לטע לאַקייען אויף די טרעפּ, איז ער אויף אַ האָר ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, האָט זיי נאָר מיטן קאָפּ אַ מאַך געטאָן און אַזוי געזאָגט: „אָט אַן אומעט אַ ביסל דאַרף זיין אויף די טרעפּ דאָ צו שטיין! איך וועל בעסער אין פּאַלאַץ אַריינגיין!" די זאַלן זיינען מיט אומצאָליקע ליכט אויסגעצייכנט באַלויכטן געווען; געהיים=ראַטן און גענעראַלן זיינען באָרוויס אַרומגעגאַן און גאָלדענע כלים אַרומגעטראָגן — ס'איז געווען פון וואָס נתפּעל צו ווערן; זיינע שטיוול האָבן שרעקליך געסקריפּעט, נאָר אויך דאָס האָט אים נישט אויסגעמאַכט.

— נו, דאָס איז קיי געווען! — האָט געזאָגט גערדאַ. — איך ווייס, ביי אים זיינען נייע שטיװל געווען; כ'האָב געהערט, ווי זיי האָבן אין דער באָבעס צימער געסקריפּעט.

— יאָ, זיי האָבן נישקשהדיק געסקריפּעט, — האָט פאַר־אויסגעזעצט דער ראָב. — אָבער ער איז מוטיק און שטאַרק ביי זיך צו דער פּרינצעסין צוגעגאַנגען, וואָס איז אויף אַ פּערל, די גרויס ווי אַ שפּינראָד, געזעסן. אַרום איר זיינען אַלע הויפישע דאַמען געשטאַנען מיט זייערע באַדינערינס און מיט די באַדינערינס פון זייערע באַדינערינס און אַלע הויפישע קאַוואַליערן מיט זייערע קאַמערדינערס און מיט די באַדינערס פון זייערע קאַמערדינערס, וואָס אויך יענע האָבן באַדינטע געהאַט, און וואָס נענטער ווער צו דער טיר ס'איז געשטאַנען, אַלץ אָנגעבלאָזענער און גדולדיקער איז זיין אויסזען געווען. אויפן באַדינער פונם קאַמערדינערשן לאַקייס באַדינער, וואָס איז באַשטענדיק אין שטעק־שיך געגאַנגען, האָט מען אָן קיין ציטער גאָר נישט געקאָנט קיין קוק טאָן — אַזאַ מין אויסזען האָט ער געהאַט, ווען ער איז ביי דער טיר געשטאַנען.

— ווי שרעקליך ס'האָט באַדאַרפט זיין! — האָט געזאָגט די קליינע גערדאַ. — נו, און וואָס קיי, ער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט דער פּרינצעסין? —

— ווען איך בין נישט קיין ראָב, וואָלט אפילו איך אַ־ליין פאַר איר חתונה געהאַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין שוין אַ פאַרקנסטער. וואָס־זשע געהער צו דעם בחורל, האָט ער אַזוי גוט גערעדט, פונקט ווי איך בשעת איך רעד אויף ראָבן־לשון, — דאָס האָט מיר מיין שטוב־זיצערין, די כלה, דער־ציילט. ער איז געווען אַזאַ שיינער און פרייליכער. און ער האָט מודיע געווען, אַז געקומען איז ער ניט צוליב דעם, ער זאָל זיך צו דער פּרינצעסין שדכענען, נאָר צוליב דעם, ער זאָל אירע קלוגע רייד הערן; און זי איז אים געפעלן געוואָרן, אונער איר אויך.

— יאָ, געוויס איז דאָס קיי געווען! — האָט געזאָגט גערדאַ. — ער איז דאָך אַזאַ קלוגער געווען, ער האָט דאָך אפילו תשברת געקאָנט אויפן קאָפּ רעכענען... אָך, זיי אַ

גוטער און פיר מיך אין פּאַלאַץ צו אים.

— ס׳איז גרינג צו זאָגן! — האָט באַמערקט דער ראָב. — איך ווייס אפילו ניט, ווי דערפאַר זיך צו נעמען. אָט וועל איך מיט מיין כּלה איבעררעדן — מעגליך, אַז זי וועט אַן עצה געבן. פּשוט אַזוי אָבער וועט מען אַזאַ מיידעלע, ווי דו, אין פּאַלאַץ נישט אַריינלאָזן.

— נישקשה, מ׳וועט מיך אַריינלאָזן! — האָט געזאָגט גערדאַ. — אַז קיי וועט דערהערן, אַז איך בין דאָ, וועט ער באַלד הייסן מיך אַריינלאָזן.

— וואַרט־זשע מיך אויס ביי די פּאַרקאַן־שטאַכעטן דאָרטן, — האָט געזאָגט דער ראָב, מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן און אַוועק־געלאָפן.

ס׳איז שוין גאָר פינסטער געוועז, ווען דער ראָב האָט זיך צוריק אומגעקערט. — קראַ! קראַ! — האָט ער געזאָגט. — מיין כּלה שיקט דיר טויזנט גרוסן און אָט דאָס ברויטל, וואָס זי האָט אין קיך אַוועקגעלקחנט. דאָרט זיינען אַזוינע ברויטלעך פאַראַן אַ סך, און דו האָסט זיך שוין געוויס אויסגעהונגערט. ס׳איז קיין מעגליכקייט ניטאָ, זאָלסט אין פּאַלאַץ אַריין קומען — דו ביסט דאָך באָרוויס. די גוואַרדיאַנען, וואָס זיינען אין זילבער אָנגעטאָן, און די אָפּגעגילטע לאַקייען וועלן דיך בשום־אופן נישט דורכלאָזן. נאָר וויין ניט: דו וועסט דאָך אַהין אָנקומען. מיין כּלה ווייסט פון איינער אַ הינטערטיר, וואָס פירט אין דער פּרינצעסינס שלאָפצימער אַריין. און ווייסט אויך, וואו דער שליסל פון דער טיר, וואָס פירט אַהין.

זיינען זיי אין פּאַלאַץ־סאָד אַריינגעגאַן און אויף אַ גרוי־סער אַלעע אַרויפגעקומען, וואו די בלעטלעך פון די ביימער האָבן אין איין פאַלן געהאַלטן; און ווי נאָר אין פּאַלאַץ האָבן זיך אַלע ליכט אויסגעלאָשן, אַזוי האָט דער ראָב גערדאַן צו דער הינטערטיר צוגעפירט, וואָס איז א ביסעלע אויפגע־עפנט געוועז.

אָ, ווי גערדאַן האָט דאָס האַרץ פון פּחד און פון האָ־פענונג געקלאַפּט! איר האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי זי וואָלט

עפעס א שלעכטע זאך פארטראכט, הגם באמת האָט זי דאָך נאָר געוואָר־ווערן געוואָלט, צי איז דער קליינער קיי דאָ פאַראַן. יאָ, דאס האט באדארפט זיין ער! און זי האט זיך לעבעדיק זיינע קלארע אויגן פארגעשטעלט, זיינע לאַנגע האר און זיין שמייכל, ווען זיי זיינען אינאיינעם אונטער די רויזן־קוסטעס געזעסן. יאָ, אים וועט געוויס הנאה טאָן, אז ער וועט געוואָר־ווערן, וואס פאר א ווייטן וועג זי האָט צוליב אים גע־מאכט, און וויפיל צרות אלע אין דערהיים: דאָרט פון זיין פארשוואונדן־ווערן האבן. און דאס הערצל אירס האט זיך כמעט אפגעשטעלט פון פרייד און פחד גרויסן.

און אט זיינען זיי אויף די טרעפ ארויפגעקומען. א קליין לעמפעלע האט אויף דער שאפע געברענט, און אויף דער ערד איז די שטוב־זיצערין, די ראָב, געשטאַנען; זי האָט איר בשעת־מעשה א קניקסן געמאכט, אזוי ווי די באָבע האט זי געלערנט.

— דער חתן מיינער האט מיר וועגן אייך פיל גוטס דערציילט, קליינע פריילין, — האט געזאָגט די ראָב די היי־מישע, — אייער געשיכטע איז זעהר רירנדיק. און אויב איר וועט זיך מטריח זיין און דעם לאָמפ נעמען, וועל איך אייך אויף אַ גלייכן וועג פירן, אויף וועלכן מיר וועלן קיינעם נישט באַגעגענען.

— מיר דאכט, אַז עמיצער גייט אונז נאָך! — האָט געזאָגט גערדאַ. און באמת, אין דער מינוט האָבן זיך פאַרביי איר טאָקע עפעס שאָטנס אַזוינע פאַרבייגעטראָגן. — דאָס זיינען פערד מיט צעלאָזטע האַלז־האָר און מיט דינע פיס געווען, און יעגערס, קאַוואַליערן און דאַמען רייטנדיק.

— דאָס זיינען נאַכט־זעענישן נאָר! — האָט געזאָגט די ראָב. — זיי קומען צוליב דעם, זיי זאָלן די הערנס געדאַנקען מיט יאַגד פאַרנעמען. דאָס איז אָבער באַקוועם פאַר אייך. איר וועט דאַן בעסער די שלאָפנדיקע באַטראַכטן קאָנען. נאָר איך האָף, אַז ווען איר וועט גרויס און דערהויבן ווערן, וועט איר באַווייזן, אַז ביי אייך איז אויך אַן איידל האַרץ פאַראַן.

— אָ, דאָס געוויס, — האָט געזאָגט דער וואַלד־ראָב.

דאַן זיינען זיי אין דעם ערשטן זאַל אַריינגעקומען, וואָס די ווענט זיינע זיינען מיט ראָזן אַטלאַס געווען באַשלאָגן, און אין אַטלאַס זיינען קינסטליכע בלומען אריינגעשטעקט געווען. אויך דאָ האָבן זיך פאַר זיי די נאַכט־זעענישן פאַרבייגעטראָגן, אבער אזוי גיך, אַז גערדאַן האט זיך נישט איינגעגעבן זיי באַטראַכטן אין דערנאָנט. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ פרעכטיקער זיינען די זאַלן געוואָרן — קיין חידוש ניט: מ'האָט געקאנט אין התפעלות קומען. לסוף האבן זיי זיך אין שלאפצימער געטראָפן. די סטעליע איז אויף אַ גרויסן פאלעם מיט גלעזערנע בלעטער ענליך געווען, און אין מיטן צימער אויף אַ גראָבן גאָלדענעם בלומען־שטעקעלע זיינען צוויי בעטלעך, אין דער פאָרם פון ליליעס, געהאנגען. איין בעטל איז אַ ווייס געווען, און דערין איז די פרינצעסין געשלאפן; דאס צווייטע — אַ רויטס, און דערין האט גערדאַ קיי באדארפט זוכן. האט זי אין דער זייט אריין איינס פון די רויטע בלעטלעך אפגעבויגן און פאר זיך אַ שטייפן האַלז־און־נאַקן דערזען. יאָ, דאס איז קיי געווען! — זי האט אים הויך ביים נאמען אנגערופן און צו אים דעם לאמפ צוגעטראגן. די נאכט־זעענישן האבן זיך ווייטער דורך דעם זאַל דורכגעטראגן, — דער שלאפנדיקער האט זיך אויפגעכאפט, דעם קאפ אויסגעדרייט און — דאס איז ניט קיי געווען!

דער פרינץ איז נאר מיטן האַלז־און־נאַקן אויף קיי ענליך געווען, הגם ער איז אויך אַזאַ יונגער און אַזאַ שיינער געווען. פון דעם נוייסן ליליענפאָרמיקן בעטל האט די פרינצעסין אַרויסגעקוקט און אַ פרעג געטאן, וואס איז דא געשען. האט דאַן גערדאַ זיך צעוויינט און איר גאַנצע געשיכטע דערציילט, און אויך אַלץ, וואס ס'האבן פאַר איר ביידע ראָבן געטאן.

— אָרים קינד! — האָבן געזאָגט דער פרינץ מיט דער פרינצעסין, און האָבן די ראָבן געלויבט און אויף זיי ברוגז נישט זיין צוגעזאָגט, און אַפילו זיי באַשענקען, אויב זיי וועלן נאָר צוזאָגן, אַז מער אַזוינס וועלן זיי שוין נישט טאָן.

— איר ווילט אויף דער פריי זיין, — האָט געפרעגט די פּרינצעסין, — אָדער דאָס אָרט פון הויף־ראָבן פאַרנעמען און אויף אַלעם גרייטן און אויף אַלע קיך־שיריים?

האָבן זיך ביידע ראָבן שטאַרק גענויגט און געזאָגט, אַז זיי האַלטן בעסער פון אַ באַשטענדיק אָרט. זיי האָבן זיך אָן דער עלטער דערמאָנט און באַשלאָסן, אַז דעמאָלט איז ניט שלעכט אַ פאַרזיכערט שטיקל־ברויט האָבן.

איז דער פּרינץ פון זיין בעטל אויפגעשטאַנען און דאָס גערדאן אָפּגעטראָטן, מער פאַר איר האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. האָט זי אירע הענטלעך צונויפגעלייגט און גע־טראַכט: „ווי גוט אַלע מענטשן און אַלע חיות זיינען!" דער־נאָך האָט זי די אויגן פאַרמאַכט און זיס אַנטשלאָפן געוואָרן. זיינען די נאַכט־זעעונישן ווידער אין צימער אריינגעפלויגן, און גערדאן האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז עפּעס מלאכים אַ שליטעלע שלעפּן, אין וועלכן קיי זיצט און מיטן קאָפּ איר מאַכט. נאָר דאָס אַלץ איז מער ניט, ווי אַ חלום געווען און דערום איז דאָס באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי נאָר זי האָט די אויגן געעפנט.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זי פונם קאָפּ ביז די פיס אין סאַמעט און אין זיידנס אָנגעטאָן; מ'האָט איר פאָרגעלייגט אין פּאַלאַץ איבערבלייבן, וואו ס'וועט זיך איר לעבן, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זיין. אָבער גערדא האָט געבעטן, מ'זאָל איר נאָר אַ פערד־און־וואָגן און אַ פּאָר שיך געבן, ווייל זי האָט באַשלאָסן זיך ווייטער אַוועקלאָזן קיי צו זוכן.

האָט מען איר שיך און אַ מופטע געגעבן, אָנגעטאָן זי זעהר גוט, און אַז זי האָט זיך שוין אין וועג אַריין געקליבן, האָט שוין ביים טויער אַ קאַרעטע פון ריין גאָלד, מיט די הערבן פונם פּרינץ מיט דער פּרינצעסין, געוואַרט. דער אָנטרייבער, דער לאָקיי און די פאָררייטערס — מ'האָט איר אַפילו פאָררייטערס געגעבן — האָבן אויף די קעפּ גאָלדענע קרוינען געטראָגן. אַליין דער פּרינץ מיט דער פּרינ־צעסין האָבן זי אין דער קאַרעטע אַריינגעזעצט און אַ גליק־ליכע רייזע געוואונטשן. דער וואַלד־ראָב, וואָס האָט שוין גע־

האַט חתונה געהאַט, האָט גערדאַן די ערשטע דריי מייל באַגלייט; ער איז איר בײַ דער זייט געזעסן, ווייל ער האָט ניט געקאָנט מיטן רוקן צום אָנטרייבער זיצן. די צווייטע ראָב איז בּיים טויער געשטאַנען און מיט די פליגלען געמאַכט; ווייטער גערדאַן באַגלייטן האָט זי נישט געקאָנט, ווייל פון דער צייט, זינט זי האָט דאָס גוטע אָרט מיט די גוטע עסנס באַקומען, האָט זי אָנגעהויבן פון קאָפּ-ווייטאָק ליידן. אינעווייניק איז די קאַרעטע מיט מאַנדל-בּייגעלעך באַשלאָגן געווען, און אין קעסטעלע, וואָס אונטערן געזעס, זיינען פרוכטן און לעקעכלעך געלעגן.

— זיי געזונט! אַ גליקליכע רייזע! — האָבן דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין געשריגן. די קליינע גערדאַ האָט געוויינט, אויך דער ראָב האָט טרערן פאַרגאָסן, אַזוי האָט געדויערט די ערשטע דריי מייל; דערנאָך האָט זיך אויך דער ראָב מיט איר געזעגנט, און דאָס איז שווערער פון אַלץ געווען. ער איז אויף אַ בוים אַרויפגעפלויגן און אַזוי לאַנג מיט די שוואַרצע פליגלען געמאַכט, בּיז די קאַרעטע, וואָס האָט, ווי די לויטערע זון געלויכטן, איז פון אויג ניט פאַרשוואונדן.

פינפטע מעשה.

דאָס קליינע רויבער-מיידעלע.

גערדאַ איז דורך אַ פינסטערן וואַלד דורכגעפאָרן, נאָר די קאַרעטע אירע האָט ווי אַ פייער געלויכטן, האָבן זי די גזלנים דערזען און אויפן רייכן רויב זיך אַרויפגעוואָרפן.

— ס'איז גאָלד, ריין גאָלד! — האָבן זיי געשריגן, פונם לאָקער אַרויסשפּרינגענדיק, און האָבן די פערד פאַרהאַלטן, און די קליינע פאָררייטערס, דעם אָנטרייבער און די לאַקייען געהרגעט און גערדאַן פון דער קאַרעטע אַרויסגעשלעפּט.

— אָט וואָס פאַר אַ פעטינקע און גוטינקע! ווי ס'ווייזט אויס, האָט מען זי מיט לעקעכלעך געהאָדעוועט! — האָט געזאָגט

די אַלטע גזלנטע מיט דער לאַנגער צעשויבערטער באָרד און מיט די ברעמען, די אַראָפּגעלאָזטע. — זי איז ווי אַ שעפעלע אַ פעטס, ס׳וואָלט ניט שלעכט געווען זי צו פאַרזוכן! — און מיט די ווערטער האָט זי אַ שאַרפן מעסער אַרויסגענומען, וואָס האָט אַזוי געבליאַסקעט, אַז ס׳איז אַ שרעק געווען צו קוקן.

— איי! — האָט די אַלטע אין דער זעלבער מינוט אַ געשריי געטאָן: דאָס האָט איר טעכטערל, וואָס איז ביי איר אויפן רוקן געזעסן, אזא ביס אין אויער געטאָן. — אך, דו שד איינער! — האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן, אָבער הרגענען גערדאן האָט זי שוין קיין צייט נישט געהאַט.

— זי וועט זיך שפּילן מיט מיר! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע. — זי וועט מיר איר מופטע און איר שיין קליידעלע אָפּגעבן און מיט מיר אין איין בעט שלאָפן. — און דערביי האָט זי נאָך־אַ־מאָל די מוטער אַ ביס געטאָן, און אַזאַ שטאַרקן, אַז יענע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען און אַרום איר אָרט זיך געדרייט. די גזלנים פון זייער זייט האָבן גע־לאַכט און געזאָגט: „זעט נאָר, ווי אונזער אַלטע טאַנצט מיטן אויסוואורף אירן!

— איך וויל זיך אין דער קאַרעטע זעצן! — האָט אויסגע־שריגן דאָס רויבער־מיידעלע, און איר באַגער איז באַלד דער־

פּילט געוואָרן — אַזאַ קאַפּריזע און איינגעשפּאַרטע איז זי גע־וועזן. האָט זי זיך מיט גערדאַן אין קאַרעטע אַריינגעזעצט און אויף גיך אין טיף־וואַלד זיך אַוועקגעטראָגן, אויף קיינע בוים־וואָרצלען און אויף קיינע שטיינער נישט קוקנדיק. דאָס מיידעלע איז אין איין גרויס מיט גערדאַן געווען, נאָר שטאַר־קער פון איר, און די פּלייצעס ברייטער און אַ שטייפע אָנגע־צויגענע הויט געהאַט. אירע אויגן זיינען שוואַרץ, זעהר שוואַרץ געווען און עפּעס האָבן זיי אומעטיקליך געקוקט. האָט זי גערדאַן פאַר דער טאַליע אַרומגענומען און געזאָגט: „זיי וועלן דיך נישט הרגענען, ביז איך וועל אויף דיר אין כּעס נישט ווערן. ביזט אַ פּרינצעסין געוויס?"

— ניין! — האט געזאָגט גערדאַ, און איר אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, דערציילט, און ווי ליב זי דעם קליינעם קיי האָט.

האָט דאס רויבער־מיידעלע אויף איר זעהר ערנסט אַ קוק געטאַן, מיטן קאָפּ אַ שאקל געטאַן און ווידער געזאגט: „זיי וועלן דיך שוין נישט הרגענען אפילו דעמאלט, ווען איך וועל אויף דיר יא אין כּעס ווערן — דעמאָלט וועל איך עס שוין בעסער אַליין טאָן!" דערנאָך האט זי גערדאַן די טרערן אָפּ־געווישט, און אירע הענט אין דער גוטער מופטע, וואו ס'איז אַזוי ווייך און וואַרים געווען, באַהאַלטן.

לסוף האט זיך די קאַרעטע אפּגעשטעלט. זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן הויף פון אַ גנבים־מויער, וואס ער איז פון אויבן ביז אַראָפּ אין הוילע שפּאַלטן געווען. פון די שפּאַלטן זיינען ראָבן און קראָעס אַרויסגעפלויגען, און די גרויסע קייטן־הינט, וואָס האָבן אַזוי בייז געקוקט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַ מענטשן איינשלינגען, זיינען פון זייערע בודקעלעך אַרויס, נאָר געהאַווקעט האָבן זיי ניט, ווייל ס'איז פאַרווערט געווען.

אין אַ גרויסן אַלטן זאַל אַ פאַררויכערטן, אויף אַ שטיינערנעם באָדן, איז אַ גרויס פייער צעלייגט געווען; דער רויך פון פייער האָט זיך ביז צו סאַמע דער סטעליע אויפ־

געהויבן, זיך אַן אויסגאַנג געזוכט; אין אַ גרויסן קעסל האָט זיך אַ יויך געקאָכט און קראָליקלעך און האָזעלעך האָבן זיך אויף בראָט־שפּיזן געבראָטן.

היינטיקע נאַכט װעסטו שלאָפן מיט מיר און מיט אַלע מיינע חיהלעך! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע. האָט מען זיי געגעבן עסן און טרינקען, און דערנאָך זיינען זיי אין אַ ווינקל אַוועקגעגאַן, וואו ס'איז שטרוי, מיט קאָלדרעס באַדעקט, אויסגעשפּרייט געווען. איבער אָט דעם אויסגעבעט, אויף פּאָליצעס און דראָנגען זיינען בײַ אַ הונדערט טויבן געזעסן; די טויבן, ווייזט אויס, זיינען שוין געשלאָפן, נאָר אַז די מיידעלעך זיינען צוגעקומען, האָבן זיי זיך עטוואָס ריִרן גענומען.

— זיי געהערן אַלע מיר! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע, איינע פון די טויבן פאַר די פיסלעך אַ כאַפּ טוענדיק, און אַזוי שטאַרק מיט איר טרייסלען גענומען, אַז דאָס אָרימע טייבעלע, נעבעך, האָט מיט די פליגלען זיך צעפּאָרפּלט. — גיב עס אַ קוש! — האָט זי זיך צעשריגן און עס גערדאַן אין פּנים אריין געוואָרפן. — און אָט זיצן די פרייע וואַלד־וואַנדערער! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אייניקע דרענגלעך, וואָס זיינען צו דער וואַנט צוגעשלאָגן געווען. — אָט די צוויי זיינען פרייע וואַלד־וואַנדערער, זיי וואָלטן תיכף אַנטלאָפן, ווען מ'זאָל זיי גוט ניט פאַרשליסן; און אָט איז מיין ליבער אַלטיטשקער בע! — און מיט די ווערטער האָט דאָס מיידעלע פאַר די הערנער דעם צפון־הירש אַרויסגעשלעפּט, וואָס איז אויף אַ שטריק צוגעבונדן געשטאַנען און אויפן האַלז אַ בלישטשענדיקן קופּערנעם האַלזבאַנד געהאַט. — אים דאַרף מען אויך אויף אַ שטריק האַלטן, אַ'ניט וועט ער אומבאַדינגט אַנטלויפן. אַלע אויפדערנאַכט קיצל איך אים איבערן האַלז מיט מיין שאַרפן מעסער — דערפאַר האָט ער שטאַרק מורא. — און דאָס מיידעלע האָט פון אַ וואַנט־שפּאַלט אַ לאַנגן מעסער אַרויסגענומען און מיט אים איבערן הירשס האַלז איבערגעגאַן. די אָרימע חיה, נעבעך, האָט גענומען מיט די

פיס קלאַפּן, נאָר דאָס רויבער־מיידעלע האָט נאָר געלאַכט און גערדאַן שלאָפן .אָפּגעפּירט.

— דו שלאָפסט דען מיטן מעסער? — האָט געפרעגט גערדאַ, דערשראָקן זיך אַרומקוקנדיק.

— איך שלאָף באַשטענדיק מיטן מעסער! — האָט גע־ענטפערט דאָס רויבער־מיידעלע. — מ׳קאָן ניט וויסן, וואָס ס׳קאָן זיך מאַכן. און איצט דערצייל מיר נאָך אַמאָל די גע־שיכטע מיטן קליינעם קיי און נאָכוואָס דו האָסט זיך אויף דער וועלט וואַנדערן געלאָזט.

און גערדאַ האָט איר איבגאַנצן איר געשיכטע דערציילט; די וואַלד־טויבן האָבן פון אויבן אין זייער שטייגל געמרוקעט, און די איבעריקע טויבן זיינען געשלאָפן. האָט דאָס רויבער־מיידעלע מיט איין האַנט גערדאַס האַלז אַרומגענומען און אין דער צווייטער דעם מעסער געהאַלטן און אַזוי געכראָפּעט, אַז גערדאַ האָט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט געקאָנט צו־מאַכן; זי האָט ניט געוואוסט, צי וועט מען זי הרגענען, צי וועט מען זי לעבן לאָזן. די גזלנים זיינען אַרום פייער גע־זעסן, געטרונקען און געזונגען און די גזלנטע האָט זיך פאַר זיי געבראָכן און קונצן געוויזן. אַך, ווי שרעקליך ס׳איז גע־ווען גערדאַן דאָס אַלץ צוזען!

פלוצים האָבן זיך די וואַלד־טויבן צערעדט: „קור־ראַ, קור־ראַ! מיר האָבן דעם קליינעם קיי געזען! אַ ווייס הינטעלע ווי שניי, האָט זיין שליטעלע געטראָגן, ער איז אין שליטן ביי דער שניי־מלכּה געזעסן, וואָס איז דורכן וואַלד דורכגע־פאָרן, ווען מיר זיינען נאָך קליינע אין די נעסטן געווען. זי האָט אויף אונז אַ בלאָז געטאָן, אויף די יונגע פויגעלעך, און אַלע, אויסער אונז צוויי, זיינען אומגעקומען... קור־ראַ, קור־ראַ!”...

— וואָס רעדט איר דאָרט? — האָט אויסגעשריגן גערדאַ.— וואוהין איז זי אַוועקגעפאָרן די שניי־מלכּה? איר ווייסט עפּעס וועגן איר?

— זי איז געוויס קיין לאַפּלאַנד אַוועקגעפאָרן, ווייל

דאָרטן איז דאָס אייביקע אייז און שניי! פרעג ביים הירש, וואָס שטייט אויף דעם שטריק אָן דאָרט.

— דאָרט איז אייביק אייז און שניי, דאָרט איז וואונ־דער! — האָט געזאָגט דער הירש: — דאָרט שפרינגט מען אויף דער פריי איבער די גרויסע טאָלן אַרום. דאָרט איז דאָס זומער־געצעלט פון דער שניי־מלכּה. און דער שטאַרקער שלאָס אירער איז העכער, ביים סאַמע צפון־פּאָל, אויף אַן אינזל, וואָס הייסט שפּיצבערגען.

— אָ, קיי, אָרימער, קליינער קיי! — האָט גערדאַ מיט אַ זיפץ געזאָגט.

— ליג רוהיק! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע, — אַ'ניט וועל איך דיר דעם מעסער אין האַרצן אַריינשטעכן.

אויפן צווייטן טאָג האָט איר גערדאַ דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט פון די טויבן געהערט, און דאָס רויבער־מיידעלע האָט מיט אַן ערנסטן אויסזען מיטן קאָפּ געשאָקלט און גע־זאָגט: „ס'איז אַלצאיינס!"...

— און דו ווייסט, וואו לאַפּלאַנד געפינט זיך? — האָט זי דעם צפון־הירש אַ פרעג געטאָן.

— ווער־זשע זאָל וויסן, אויב ניט איך? — האָט געענטפערט דער הירש, און די אויגן ביי אים האָבן זיך אַזש צעלויכטן. — דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן; דאָרט בין איך איבער די שניי־פעלדער אַרומגעלאָפן.

— הער! — האָט דאָס רויבער־מיידעלע גערדאַן געזאָגט — דו זעסט אַלע אונזערע מאַנספּילן זיינען אַוועקגעגאַנגען; נאָר די מאַמע איז דאָ און זי וועט אין דערהיים בלייבן. נאָר נאָכן איבערבייסן, טרינקט זי פון אַ גרויסער פלאַש אויס און זי ווערט אויף אַ שטיקל צייט אַנטשלאָפן; דעמאָלט וועל איך פאַר דיר עפּעס טאָן.

און דאָ איז דאָס מיידעלע פון איר בעט אַראָפּגעשפּרונגען, די מוטער אַרום האַלז אַרומגעכאַפּט, פאַר דער באָרד זי אַ שלעפּ געטאָן און געזאָגט: „וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס, מיין טייער ציגן־בּאָק!" און די מאַמע האָט איר אַ פּיק אין דער

נאָז געטאָן, אָבער אַזאַ שטאַרקן, אַז די נאָז ביים מיידעלע איז ברוין און בלוי געוואָרן, נאָר דאָס אַלץ איז זיך ליבנ־דיקערהייט געטאָן געווען — אַזוינע ליבע־שפּילן זיינען ביי זיי געווען.

אַז די מוטער האָט דערנאָכדעם פון פלאַש אויסגע־טרונקען און אַנטשלאָפן געוואָרן, איז דאָס רויבער־מיידעלע צום הירש צוגעגאַנגען און אים אַזוי געזאָגט: „ס'וואָלט מיר איינגענעמען געווען נאָך לאַנג דיך מיט מיין שאַרפן מעסער צו קיצלען, ווייל דעמאָלט ביזטו אַזוי לעכערליך און צום לאַכן, נאָר אַ ז ו י וועט זיין: איך וועל דיך אָפּבינדן און דיך אין דיין לאַפּלאַנד אַנטלויפן לאָזן. נאָר לויף, ווי פייל פון בויגן, און שטעל צו דאָס מיידעלע אין שלאָס פון דער שניי־מלכּה, ביי וועלכער איר חבר וואוינט. דו האָסט דאָך געהערט, וואָס זי האָט פריער דערציילט, — זי האָט גענוג הויך גערעדט, און דו האָסט זיך געוויס אונטערגעהערט.

דער הירש איז פון פרייד אַזש אונטערגעשפּרונגען, האָט דאָס רויבער־מיידעלע אויף אים דאָן גערדאַן אַרויפגעזעצט, און כּדי צו פאַרזיכערט זיין, האָט זי צוגעבונדן זי און אפילו אונטערן געזעס אַ קישעלע אונטערגעלייגט.

— אַזוי בלייבט עס! — האָט זי געזאָגט: — אָט האָסטו די פוטערנע שטיוועלעך דיינע, ווייל די פרעסט קומען אָן; די מופטע אָבער לאָז איך ביי זיך איבער, זי איז זעהר אַ שיינע, און צו אַ שיינע. דאָך פרירן וועל איך דיך פאָרט ניט לאָזן. אָט האָסטו דיר דער מאַמעס גרויסע הענטשקעס, זיי וועלן דיר ביז די עלנבויגנס דערגרייכן. טו זיי אויף די הענט אָן. נו, איצט ביסטו מיט די הענט אינגאַנצן אויף מיין מיאוסער מאַמע ענליך!

און גערדאַ האָט זיך פאַר פרייד צעוויינט.

— איבערטראָגן קאָן איך ניט קיין געוויין־געשמיין! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע. — איצט פאַרקערט דאַרפסטו דאָך פריילעך זיין! אָט נאַ'דיר צוויי ברויטן און אַ שטיקל פלייש, זאָלסט אויפן וועג ניט הונגעריק זיין.

אוןביידע זאַכן זיינען צום הירש צוגעבונדן געוואָרן; דאָס מיידעלע האָט די טיר אויפגעעפנט, האָט פון הויף אַלע גרויסע הינט אַריינגעטריבן, דערנאָך האָט זי מיט איר שאַרפן מעסער די שטריק, צו וועלכן דער הירש איז צוגעבונדן געווען, איבערגעשניטן און אים אַזוי געזאָגט:

— איצט לויף, נאָר זע, היט דאָס מיידעלע אָפּ! — האָט גערדאַ אירע ביידע הענט אין די גרויסע הענטשקעס צו דעם רויבער־מיידעלע אויסגעשטרעקט און געזאָגט: „זיי געזונט!״ און דערנאָך האָט דער הירש זיך מיט די פיס צעלאָזט איבער שטיינער און וואָרצל־ביימער, איבערן וואַלד דעם גרויסן און איבער בלאָטעס. וועלף האָבן געוואָיעט, ראָבן האָבן געקראקעט. „פוט! פוט!״ — האָט זיך אין דער לופט געטראָגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער הימל איז אין העליש פייער געווען.

— דאָס איז מיין לאַנד־געבירטיקע צפון־שיין — האָט געזאָגט דער הירש. — זע, ווי ס'לויכט! — און ער האָט זיך נאָך גיכער צעלאָזט! איז ער געלאָפן טאָג ווי נאַכט. אַז דאָס ברויט און דאָס פלייש זיינען שוין אויסגעגאַן, זיינען זיי שוין אין לאַפּ־לאַנד געווען.

זעקסטע מעשה.

די לאַפּלענדערין און די פינערין.

אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך פאַר אַ קליין שטיבעלע, וואָס האָט זעהר אַן אָרימען אויסזען געהאַט; דער דאַך איז כמעט ביי דר'ערד געווען, און די טיר איז געווען אַזוי נידעריק, אַז דורכגיין דורך איר האָט מען געקאָנט נישט אַנדערש, סיידן אויף אַלע פיר קריכנדיק. אין דערהיים איז נאָר איינע אַן אַלטיטשקע לאַפּלענדערין געווען, וואָס האָט געפּרעגלט פיש אויף אַ לאָמפּ, מיט פיש־אייל אָנגעפילט. אָט איר האָט דער הירש אינגאַנצן גערדאַס געשיכטע דערציילט. נאָר פריער האָט

ער זיין אייגענע איבערגעגעבן, ווייל ער האָט זי פֿאַר אַ סך וויכטיקער גערעכנט. גערדא איז אַזוי דערפֿרוירן געווען, אַז זי האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.



— אַך, איר אָרימענקע מיינע! — האָט געזאָגט די לאַפּלענדערין — אַייך שטייט נאָך אַ ווייטער וועג פֿאָר. ביז פֿינלאַנד איז נאָך אַ ווערסט הונדערט כמעט. דאָ איז די זומער-רעזידענץ פֿון דער שניי-מלכּה; דאָ צינדט זי אַלע אויפֿדערנאַכט בענגאַלישע פֿייערן אָן. איך וועל אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַן אויסגעטרוקנטן שטאָקפֿיש — קיין פּאַפּיר האָב איך נישט. איר וועט דאָס אָפּגעבן דער פֿינערין, וואָס וואוינט אין יענע ערטער, און יענע וועט אַייך שוין זאָגן, וואָס איר האָט צו טאָן.

און אַז גערדאַ האָט זיך אָנגעוואַרימט און דעם הונגער און דעם דאָרשט געשטילט, האָט די לאַפּלענדערין עטליכע

זוערטער אויף דעם אויסגעטרוקנטן שטאָקפיש אָנגעשריבן, און עצהנדיק גערדאַן, זי זאָל דאָס געשריפטס אָפּהיטן, האָט זי איבעראַנייס צום הירש זי צוגעבונדן, וואָס האָט זיך טאַקע תיכף ווייטער לויפן געלאָזט. „פוט! פוט!" — האָט זיך אין דער לופט געטראָגן; די גאַנצע נאַכט האָט די וואונדערליכע צפון-שיין געלויכטן. לסוף זיינען זיי קיין פינלאַנד געקומען און האָבן צו דער פינערין אין קוימען אָנגעקלאַפּט, ווייל ביי דער איז אַפילו קיין טיר נישט געווען.

אין וואוינונג פון דער פינערין איז אַזאַ היץ געווען, אַז די בעל-הביתטע, אַ קליינע און זעהר אומריינע פרוי, איז כמעט נאַקעט אַרומגעגאַן. האָט זי באַלד גערדאַן די קליידעלעך צעשפּיליעט, האָט ביי איר די הענטשקעס און די שיך אַראָפּ-גענומען, וואָרים ווען ניט, וואָלט דעם מיידעלע אומערטרעגליך הייס געווען, דערנאָך האָט זי דעם הירש אויפן קאָפּ אַ שטיקל אייז אַרויפגעלייגט און גענומען לייענען דאָס, וואָס איז אויף דעם אויסגעטרוקנטן שטאָקפיש אָנגעשריבן געווען. דריי מאָל האָט זי דער לאַפּלענדערינס געשריפט איבערגעלייענט, אַזוי אַז זי האָט דאָס שוין אויף אויסנווייניק אויסגעחזרט, און דערנאָך האָט זי דעם פיש אין קעסל מיט יויך אַריינגעלייגט, דער פיש האָט נאָך אויף עסן געטויגט, און די פינערין האָט ביט ליב געהאַט, אַז פון בעל-הביתישקייט זאָל עפּעס לאבוד גיין.

דאַן האָט דער הירש פריער זיין געשיכטע דערציילט, דערנאָך גערדאַס; די פינערין פון איר זייט האָט נאָר מיט די קליינינקע אויגעלעך געפינטלט, נאָר קיין וואָרט נישט געזאָגט.

— דו ביסט אַזאַ חכמה! — האָט געזאָגט דער הירש, — איך ווייס, דו קאָנסט אַלע ווינטן, וואָס אויף גאָר דער וועלט, מיט איין פאָדים צונויפבינדן. אַז דער שיפסמאַן וועט איין קניפּ אויפקניפּן, וועט אַ קליין ווינטל ווערן, אַז ער וועט דעם צווייטן אויפקניפּן — וועט זיך אַזאַ שטורעם אויפהויבן, אַז אין וואַלד וועלן זיך ביימער ברעכן. קאָנסטו נישט געבן דעם

מיידעלע אַזאַ מין געטראַנק, אַז זי זאָל דעם כּח פון צוועלף ריזן באַקומען — וואָלט זי זיך שוין דעמאָלט אָפּגערעכנט מיט דער שניי־מלכּה!

— דעם כּח פון צוועלף ריזן? — האָט געזאָגט די פינע־רין. — דערפון אָבער וואָלט ווייניק־וואָס אַרויסגעקומען! — און זי איז צו אַ פּאָליצע, וואָס איז אויף דער וואַנט געהאַנגען, צוגעגאַנגען, האָט פון דאָרט אַ גרויסן צונויפגעלייגטן לעדער אַזאַ אַראָפּגענומען און דאָס צענומען; אויפן לעדער דאָרט זיינען וואונדערליכע מינים אותיות אַזוינע געווען אָנגעשריבן און די פינערין האָט זיך דאָרט אַזוי אין לייענען זיי פאַר־טיפט, אַז דער שוויס האָט פון איר ריטשקעסווייז געגאָסן.

נאָר דער הירש האָט אַזוי פאַר דער קליינער גערדאַן געבעטן, און דאָס מיידעלע האָט אויף דער פינערין מיט אַזוינע רחמנותדיקע און פול מיט טרערן־אויגן געקוקט, אַז יענע האָט נאָך אַמאָל מיט די אויגעלעך זיך צעפינטלט, און, דעם הירש אין אַ ווינקל אָפּפירנדיק, האָט זי אים עפּעס אויפן אויער איינגערוימט, פריער אויפן קאָפּ אים אַ פריש שטיקל אייז אַרויפלייגנדיק.

— דער קליינער קיי איז נאָך אַלץ ביי דער שניי־מלכּה און פילט זיך דאָרט אויסגעצייכנט, ער מיינט, אַז קיין בעסער אָרט פון יענעם איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. נאָר דאָס נעמט זיך אַלץ דערפון, וואָס אין אויג און אין האַרץ זיינען אים יענע שפּיגל־שטיקעלעך אַריין. ביז וואַנען מע וועט־זשע זיי ניט אַרויסנעמען, קאָן ער קיין מענטש, ווי פריער, נישט ווערן און ער מוז אונטער דער געוועלטיגונג פון דער שניי־מלכּה בלייבן.

— אָבער קאָנסטו דען נישט געבן גערדאַן עפּעס וואָס אַזוינס, זי זאָל די שניי־מלכּה בייקומען?

— קיין גרעסערן כּח, וואָס זי האָט, קאָן איך איר נישט געבן. זעסטו דען נישט, אַז מענטשן און חיות דינען איר, און אַז באָרוויס איז זי גאָר די וועלט אויסגעגאַן? ניט איך דאַרף איר כּח געבן. דער כּח איז ביי איר אין האַרצן, און

נעמט זיך דערפון, וואָס גערדאַ איז אַ ליב און אומשולדיק קינד אַזאַ. אויב זי וועט זיך אַליין צו דער שניי-מלכּה ניט דורכשלאָגן און פון קייס האַרץ און אויגן די שטיקלעך גלאָז נישט אַרויסנעמען, וועלן מיר איר גאָרנישט ניט העלפן. צוויי מייל פון דאַנען הויבט זיך דער שניי-מלכּהס סאָד אָן, טראָג אַהין דאָס מיידעלע אוועק, זעץ זי אַוועק ביים גרויסן קוסט מיט די רויטע יאַגדעס, וואָס שטייט אין שניי דאָרט, נאָר זע פאַרפּלוידער זיך דאָרט ניט און גיך קער זיך אַהער אום צוריק! — און מיט די ווערטער האָט די פינערין גערדאַן אויפן הירש אַרויפגעזעצט, און יענער איז אַוועק, ווי אַ הירש נאָר קאָן אַוועק.

— אַך איך האָב ניט די שיכעלעך ביי זיך! איך האָב נישט די הענטשקעס! — האָט געשריגן די קליינע גערדאַ, אַז זי האָט די פרירנדיקע קעלט דערפילט, אָבער דער הירש האָט קיין רעכט נישט געהאַט זיך אָפּצושטעלן און איז ווייטער געלאָפן, ביז וואַנען ער איז צום קוסט מיט די רויטע יאַגדעס נישט דערלאָפן. דאָרט האָט ער גערדאַן אויף דער ערד אַראָפּגעזעצט, מיט טרערן זי אין די ליפּן אַ קוש געטאָן, און פייל-פון-בויגן צוריקוועגס זיך געלאָזט. און דאָס אָרימע מיידעלע, נעבעך, האָט זיך אַליין, אין מיטן דעם שרעקליכן און קאַלטן פינלאַנד אָן שיך און אָן הענטשקעס געטראָפן.

האָט זי זיך פאָראויס לויפן געלאָזט, ווי ווייט נאָר זי האָט כּח געהאַט. פלוצים זיינען איר אַנטקעגן אַ גאַנצע מחנה שניי-פליאַכעס אָנגעלאָפן, וואָס ניט פון הימל זיינען זיי געפאַלן — דער הימל איז לחלוטין לויטער געווען און מיט צפון-שיין באַלויכטן געווען — די פליאַכעס האָבן זיך גלייך איבער דער ערד געטראָגן, און וואָס נענטער זיי זיינען צו גערדאַן צוגעקומען, אַלץ גרעסער און גרעסער זיינען זיי געוואָרן. גערדאַ האָט זיך דערמאָנט, ווי גרויס און שיין ס'האָבן זיך איר אויסגעוויזן די שניי-פליאַכעס, וואָס זי האָט אין פאַרגרעסער-גלאָז געזען; די אָבער זיינען געווען נאָך גרעסער און שרעקליכער, זי זיינען כּמעט לעבעדיקע געווען. דאָס איז דער

אוואַנגאַרד פון דער שניי־מלכּה געווען. אַן אויסזען האָבן זי־ געהאַט אַ סאַמע וואונדערליכן: טייל זיינען אויף אומגעהייערע און אומגעלומפּערטע שטעכלטירן ענליך געווען, אַנדערע האָבן ווי אַ שלאַנגען־קנויל מיט פאַראויס אַרויסגעשטעקטע קעפּ דער־ מאָנט, און גאָר אַ טייל האָבן ווי קליינע דיקע בערעלעך מיט צעשויבערטע פעלצלעך אויסגעזען, נאָר אַלע האָבן זיי מיט ווייסקייט געבליאַסקעט און אַלע זיינען לעבעדיקע שניי־פליאַ־ כעס געווען.

האָט גערדאַ דאַן מתפּלל זיין געגומען. די קעלט איז אַזוי גרויס געווען, אַז זי האָט געקאָנט איר אייגענעם אָטעם זען, וואָס איז איר פונם מויל אין דער פאָרם פון דאַמף אַרויס־ געקומען. דער דאַמף איז אַלץ ממשותדיקער געוואָרן און לסוף זיך אין קליינע מלאכימלעך פאַרוואַנדלט, וואָס, אַז זיי האָבן זיך אָן דער ערד אָנגערירט, זיינען זיי אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן. ביי אַלע אויף די קעפּ זיינען ריטער־היטלען געווען, און אין די הענט שפּיזן און שילד־בלעכן; זייער צאָל האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט, און אַז גערדאַ האָט איר תּפלה פאַרענדיקט, איז זי שוין מיט גאַנצע מלאכים־לעגיאָנען אַרומגע־ רינגלט געווען. זיי האָבן מיט זייערע שפּיזן די שרעקליכע פליאַכעס דורכגעשטאָכן, וואָס האָבן זיך באַלד אין טויזנטער שטיקעלעך צעשאָטן, און די קליינע גערדאַ איז געשטאַרקט און באַרוהיקט פאָראויס געגאַנגען. די מלאכים האָבן איר די הענט און די פיס געגלעט, און גערדאַ, קיין קעלט כּמעט נישט פי־ לנדיק, האָט זיך לסוף צום שלאָס פון דער שניי־מלכּה דערקליבן.

נאָר איצט וועלן מיר אַ קוק טאָן, וואָס קיי טוט. געוויס טראַכט ער אפילו נישט פון דער קליינער גערדאַ און בפרט וועגן דעם, אַז זי איז איצט דאָ און פאַרן סאַמע שלאָס נאָך טאַקע.

זיבעטע מעשה.

וועגן דער שניי־מלכּהס שלאָס און וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

די ווענט פונם שלאָס זיינען פון ווירבל־שניי געמאַכט

געוועז, און בייזע ווינטן האָבן אין זיי טירן און פענסטער אויסגעמאַכט. מער פון הונדערט זאַלן זיינען דאָרט געוועז, אַלע מיט שניי פאַרוואַלגערטע; די גרעסטע פון זיי האָט זיך אויף אייניקע מיילן געצויגן. אַלע זיי זיינען מיט צפון־שיין באַלויכטענע געשטאַנען און אַזוינע גרויסע און פוסטע, אַזוינע קאַלטע און בליאַסקענדיקע געוועז. קיין פאַרווייַלונגען זיינען דאָרט נישט פאָרגעקומען, אַפילו אין דער פאָרם פון פשוטע בערן־בעלער, וואו די ויאָל פון אָרקעסטער שפילט דער שטורעם, און די ווייסע בערן אויף די הינטערשטע פיס גייען און זייערע בערישע מאַנירן באַווייזן. דאָרט איז אויך קיין זכר נישט געוועז אַפילו פון וואָסערע ניט איז שפילן מיט פעטש און קלעפ פון לאַפּעס בערישע, אָדער פון די קאַפע־זיצונגען פון די פוקסן; פוסט, טויט און קאַלט איז געוועז אין די זאַלן פון דער שניי־מלכּה. די צפון־שיין האָט אַזוי פּינקטליך און רעגלמעסיק געלויכטן, אַז מ׳האָט געקאָנט אויף פריער אויסרעכענען ווען וועט זי זיך באַזונדערס שטאַרקן און ווען וועט זי גאָר שוואַך ווערן... אין דער מיט פון סאַמע דעם גרעסטן שניי־זאַל איז אַ פאַרפרוירענע אָזערע געשטאַנען; דאָס אייז, וואָס האָט זי באַדעקט, האָט אויף טויזנטער שטיקלעך געפּלאַצט, און אַזוי, אַז איין שטיקל איז פּינקטליך אויפן צווייטן ענליך געוועז — אַן אמת קונסט־ווערק. אָט אויף דער אָזערע פלעגט די שניי־מלכּה זיצן, ווען זי איז אין דערהיים געוועז, און זאָגן פלעגט זי דאַן, אַז זי זיצט אויפן שפּיגל פון פאַרשטאַנד, און אַז דאָס איז דער איינציקער און בעסטער שפּיגל פון דער וועלט.

דער קליינער קיי איז לחלוטין בלוי געוואָרן, כּמעט שוואַרץ אַזש פון קעלט; נאָר ער האָט דאָס ניט באַמערקט, ווייל די שניי־מלכּה מיט אירע קושן האָט אים צום פראָסט נישט פילנדיק געמאַכט, און זיין האַרץ האָט זיך אין אַ שטיק אייז פאַרוואַנדלט. פלעגט ער פון איין אָרט אויפן אַנדערן שאַרפע און פלאַטשיקע שטיקער אייז איבערטראָגן, און זיך באַמיען פון זיי וואָסערע ניט איז פיגור צונויפלייגן, פונקט ווי

מיר מיט הילצערנע קלעצלעך טוען. ביי אונז הייסט עס שטי־בעלעך־בויען. אויך קיי האָט פון די אייז־שטיקער פיגורן צו־נויפגעלייגט, — און נאָך וואָסערע קונציקע! דאָס איז געווען אַ מין שכל־שפּיל מיט אייז. אין זיינע אויגן האָבן די אַלע פיגורן גאָר צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט און העכסט־וויכ־טיק געווען — אַזוי געווירקט אויף אים האָט דאָס גלאָז־שטיקע־לע, וואָס איז ביי אים אין אויג געזעסן, האָט ער די פיגורן אַזוי אויסגעלייגט, אַז ס'האָבן זיך גאַנצע ווערטער באַקומען. אָבער בשום אופן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צונויפצולייגן דאָס וואָרט, וואָס ס'האָט זיך אים באַזונדערס שטאַרק גע־וואָלט — דאָס וואָרט „אייביקייט". די שניי־מלכּה האָט אים גע־זאָגט: „אויב דו וועסט אָט דאָס וואָרט צונויפלייגן, וועסטו זיך אַליין אַ האַר ווערן און איך וועל דיר די גאַנצע וועלט אַוועק־שענקען און נאָך אַפּאָר נייע גליטשערס דערצו". אָבער דאָס וואָרט האָט זיך אים אַלץ נישט איינגעגעבן.

— נו, איצט וועל איך אין די וואַרימע לענדער אַ פלי טאָן! — האָט געזאָגט די שניי־מלכּה. — איך דאַרף דאָרט אין די שוואַרצע טעפּ אַריינקוקן! — אַזוי האָט זי די פייערשפּייענ־דיקע בערג, עטנא און וועזווו אָנגערופן. — מע דאַרף זיי אַ ביסל אויסווייסן; איצט איז פונקט די צייט דערויף. דאָס וועט פאַר די לימענעס און וויינטרויבן גוט זיין.

און מיט די ווערטער איז די שניי־מלכּה אָפּגעפלויגן. איז קיי איינער אַליין אין דעם גרויסן, פוסטן און אייזיקן זאַל געבליבן, און כּדי צו פאַרנעמען זיך מיט עפּעס, האָט ער די אייז־שטיקער באַטראַכטן גענומען און געטראַכט — געטראַכט אַ ז ו י פיל, אַז דער קאָפּ איז אים שיער ביט צעשאָסן געוואָרן; און ער איז אַזוי שטיל און פאַרשטאַרט געזעסן, ביז ער האָט זיך גאָר ווי אַ דערפרוירענער אויסגעוויזן.

און אָט דעמאָלט איז אין פּאַלאַץ דורכן גרויסן טויער די קליינע גערדאַ אַריינגעגאַנגען. ביידע ווינטן האָבן זיך אַפּי־לו געפרובט אויף איר אַ בלאָז טאָן, האָט זי אָבער איר נאַכט־געבעט צו זאָגן אָנגעהויבן, האָבן זיך די ווינטן געשטילט אַ־

וועקגעלייגט, ווי זיי וואָלטן שלאָפן לייגן זיך פאַרנומען, און זי איז אין די גרויסע, פוסטע און קאַלטע זאַלן אַריינגעגאַנגען. און זי האָט דאָרט קיי דערזען און אים באַלד דערקענט. האָט זי זיך אים אויפן האַלז אַ וואָרף געטאָן, אים שטאַרק אַרומגענומען און אויסגעשריגן: „קיי, טייערער, ליבער קיי! לסוף דיך דאָך געפונען!‟



קיי אָבער האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטאָן און נאָר זיך ווייטער אַזוי שווייגנדיק און קאַלט געזעסן. האָט דאָס מיידעלע מיט הייסע טרערן וויינען אָנגעהויבן. זיינען אירע טרערן אויף קייס ברוסט געפאַלן, האָבן זיי אים אין האַרצן אַריינגעדרונגען, האָבן דאָס אייז דאָרט צעגיין געמאַכט און די שטיקלעך גלאָז-צעשמאָלצן; האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, און זי האָט זינגען גענומען:

די רויזן זיי בליען, ווי שיין, אַך, ווי שיין!
ביי אונז איז דער זומער, דער ליבער, אַליין!

האָט זיך אויך קיי צעוויינט, און אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גלאָז-שטיקעלע איז אים פון אויג אַרויס. דאַן האָט ער גער-

דאַן דערקענט און פריילעך אויסגעשריגן. גערדאַ, ליבע, גוטע גערדאַ! וואו ביסטו געווען ביז אַ הער? און וואו בין איך עס געווען? — און זיי האָבן זיך מיט פאַרוואונדערונג אַרום זיך אַרומגעקוקט. — ווי קאַלט ס'איז דאָ! וואָס פאַר אַ פוסטקע! — און ער האָט זיך שטאַרק צו גערדאַן צוגעדריקט, וואָס האָט אי געלאַכט, אי געוויינט פון פרייד. דאָס איז געווען אַזאַ פרייד, אַז אַפילו די אייז־שטיקער האָבן זיך פון הנאה צעשפרונגען, און אַז זיי זיינען מיד געוואָרן און צוריק זיך אַוועקגעלייגט, האָבן זיי פון זיך פונקט די אותיות צו־נויפגעלייגט, פאַר וועלכע די שניי־מלכּה האָט קיי צוגעזאָגט אויף דער פריי אַרויסלאָזן, אים די וועלט אַוועקשענקען און אַ פּאָר נייע ג׳יטשערס אַלס צוגאָב.

האָט אים דעמאָלט גערדאַ אין די באַקן געקושט, האָט זיך אויף זיי אַ רויטלעכקייט באַוויזן; האָט זי אים אין די אויגן געקושט, האָבן זיי, ווי אירע, לויכטן גענומען; האָט זי אים די הענט און די פיס געקושט, און ער איז געזונט און פריש געוואָרן. איצט האָט שוין קיי קיין מורא נישט געהאַט פאַר דעם צוריקקערן פון דער שניי־מלכּה; זיין פרייהייט איז געגעבן, זיין פריי־בילעט איז מיט בליאַסקנדיקע אייז־אותיות דאָ אָנגעשריבן.

און זיי האָבן זיך פאַר די הענט אָנגענומען און פון פּאַלאַץ אַרויסגעגאַנגען; זיי האָבן גערעדט וועגן דער באָבען און וועגן די רויזן, וואָס אויפן שטוב־דאַך ביי זיי, און אומעטום, וואו זיי זיינען נישט דורכגעגאַנגען, זיינען די בייזע ווינטן שטיל געוואָרן, און דורך די וואָלקנס האָט אַ לויטערע זון אַרויסגעקוקט. און אַז זיי זיינען צום קוסט מיט די רויטע יאַגדעס צוגעקומען, איז שוין דאָרט דער הירש געשטאַנען און אויף זיי געוואַרט; ער האָט מיט זיך אַ יונגע הירש־מוטער געבראַכט, וואָס דער הייטער איז ביי איר פול מיט מילך געווען; האָט זי די קינדער מיט איר וואַרימער מילך אָנגעהאָ־דעוועט און זיי אין די ליפּן געקושט. דערנאָך האָבןביידע קיי און גערדאַן פאַרנומען און אַוועקגעטראָגן, פריער צו דער

פינערין, וואו זיי האָבן זיך אין וואַרימען שטיבעלע אָנגעוואַ־רימט און וועגן ווייטערדיקן וועג זיך דערפרעגט, און דער־נאָך צו דער לאַפּלענדערין, וואָס האָט זיי נייע קליידער אויסגענייט און זייערע שליטעלעך פאַרריכט.

האָבן זיי די הירשן ביז דער סאַמע לאַנד־גרענעץ באַגלייט, וואו דאָס ערשטע גרינס האָט זיך שוין באַוויזן, און די קינדער האָבן זיך מיט די הירשן און דער לאַפּלענדערין געזעגנט. „זייט געזונט!" האָבן זיך אַלע און איינס דאָס אַנ־דערע געזאָגט. האָבן זיך דאָרט צום ערשטן די פויגעלעך צעצוויטשערט, דער וואַלד איז שוין אינגאַנצן אין גרינע קנאָספּן אָנגעטאָן געווען, איז פון אים אויף אַן אויסגעצייכנט פערדל, וואָס גערדאַ האָט דאָס באַלד דערקענט (ס'איז אַמאָל אין דער גאָלדענער קאַרעטע איינגעשפּאַנט געווען), אַ יונג מיידל אַרויס געפאָרן מיט אַ העל־רויט היטעלע אויפן קאָפּ און מיט פּיסטוילן ביים זאָטל אָנגעהאַנגען. דאָס איז דאָס רויבער־מיידעלע געווען, וואָס איר איז נמאס געוואָרן אין דערהיים צו זיצן, האָט זי זיך געוואָלט אויף צפון אַוועקלאָזן, און אויב דאָרט וועט איר נישט געפעלן, איז — אין אַנדערע לענדער. האָט זי באַלד גערדאַן דערקענט, און גערדאַ — זי. איז שוין איינמאָל אַ פרייד געווען!

— פיינער לאַפּאַציאָן! — האָט זי געזאָגט צו קיי. — כ'וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, צי ביסטו ווערט מ'זאָל דיר אויף עק וועלט נאָכלויפן.

נאָר גערדאַ האָט זי פּאַר אַ בעקל אָנגענומען און אויפן פּרינץ מיט דער פּרינצעסין זיך צעפרעגט.

— זיי זיינען אין די ווייטע לענדער אַוועקגעפאָרן; — האָט געענטפערט דאָס רויבער־מיידעלע.

— און דער ראָב? — האָט גערדאַ געפרעגט.

דער ראָב איז געשטאָרבן! — האָט זי געענטפערט. — די צום־שטוב־צוגעוואוינטע, זיין געליבטע, איז אַן אלמנה געבליבן, און טראָגט אַ שוואַרץ זיידן פעדימל אויפן פיסעלע — אַ סימן אויף אבלות; זי האַלט זיך אין איין קלאָגן — נאָר ס'איז אַלץ פּוסטע זאַכן. דו דערציייל מיר בעסער, וואָס איז מיט דיר פאָרגעקומען און ווי אַזוי האָסטו אים געפונע׳

האָבן גערדאַ מיט קיי איר אַלץ דערציילט.

— שניפּ! שנאַפּ! שנורע־פּורע באַסעלורע! — האָט געזאָגט דאָס רויבער־מיידעלע, זיי ביידע פאַר די הענט אָנגענומען, און זיי צוגעזאָגט, אַז אויב ס'וועט איר נאָר אויסקומען ביי זיי אין שטאָט צו זיין, וועט זי אומבאַדינגט צו זיי מיט אַ וויזיט קומען. און זי איז זיך איר וועג אַוועקגעפאָרן.

און קיי און גערדאַ זיינען האַנט־און־האַנט ווייטער געגאַנגען. און ווי זיי זיינען דאָ געגאַנגען, אַזוי איז דער וואונדערליכער פרילינג מיט בלומען און מיט גרינס אָנגעקומען, די קלויסטער־גלעקער האָבן געקלונגען, און זיי האָבן דאָס הויכע קלויסטער־טורעמל פון זייער געבורטס־שטאָט דערקענט. זיינען זיי אין שטאָט אַריינגעגאַנגען, צו דער באָבעס שטוב צוגעקומען, אויף די טרעפּ זיך אויפגעהויבן און אין שטוב אַריין, וואו אַלץ איז ווי פריער און דאָס זעלבע געבליבן. דער זייגער האָט נאָך ווי אַמאָל געטיקעט: „טיק־טאַק! טיק־טאַק!" און די וויזערס האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט. נאָר אַז זיי זיינען אין דער טיר אַריינגעגאנגען, האָבן זיי באַמערקט, אַז זיי זיינען שוין דערוואַקסענע געוואָרן. די רויזן פונם דאַך האָבן ווייטער אין פענסטער אריינגעקוקט. און אָט זיינען די קליינע קינדערשע בענקעלעך זייערע. האבן זיך קיי און גערדאַ יעדערער אויף זיין בענקעלע אַוועקגעזעצט און זיך פאַר די הענט גענומען. די קאַלטע טויטע פּראַכט־שיינקייט, וואס איז אין פאַלאַץ פון דער שניי־מלכה געווען, האבן זיי, ווי אַ שווערן חלום פארגעסן. די באָבע איז אויף דער זון געזעסן און אויף אַ קול די ביבל געלייענט.

און קיי און גערדא האבן זיך איינס דאס אנדערע אין די אויגן א קוק געטאָן און ערשט דעמאלט דאס אלטע לידעלע זייערס פארשטאנען:

די רויזן זיי בליען, ווי שיין, אַך, ווי שיין!
ביי אונז איז דער זומער, דער ליבער, אליין!

אזוי זיינען זיי ביידע שוין דערוואקסענע, אָבער

נאָך מיט קינדער־הערצער געזעסן, און אין דרויסן איז זומער געווען, דער וואַרימער און געבענטשטער, ליבער זומער דאָרטן.

דעם מלכס נײַ קלייד.

אַמאָל איז געווען אַ מלך. האָט ער זיך שטאַרק צו פּוצן ליב געהאַט, זיך אָנטאָן, און איבערטאָן, אַמאָל אַזאַ קלייד, אַמאָל אַן אַנדערס, אַזוי אַז דאָס גאַנצע גוטס זײַנס האָט ער נאָר אויף מלבושים אויסגעבראַכט. טעאַטערן, פּאַראַדן און בכלל פאַרווײַלונגען האָבן דעם מלך אינטערעסירט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער האָט זיך דאָרט מיט זײַנס אַ נײַ קלייד געקאָנט באַווײַזן. אויף יעדער שעה אין טאָג האָט דער מלך אַן אַנדער קלייד געהאַט. און אַזוי ווי וועגן אַנדערע מלכים זאָגט מען אָפּט: „דער מלך איז פאַרנומען”, אַזוי פלעגט מען וועגן אים זאָגן: „דער מלך טוט זיך אָן”...

אין דער הויפּט־שטאָט בײַ דעם מלך האָט זיך זעהר פרײַליך געלעבט. אַלע טאָג כמעט פלעגן אויסלענדערשע געסט קומען. איז אָט, זײַנען אַמאָל אַהין צוויי פאַרשוינען, צוויי שווינדלער, אַראָפּגעקומען. אויסגעגעבן האָבן זיי זיך פאַר וועבער, וואָס קאָנען אויסאַרבעטן אַזאַ וואונדערליך געוועב, וואָס קיין בעסערס קאָן מען זיך גאָרנים פאָרשטעלן. אויסער דעם אומגעוויינליכן מוסטער, געמעל און פאַרבן, וואָס אויף דעם, צייכנט זיך עס אויס נאָך דערמיט, וואָס פאַר צוויי מינים

מענטשן בלייבט עס אומגעזען, ראשית פאַר מענטשן, וואָס זײַ־נען נישט אויף זייער אָרט, והשנית פאַר די, וואָס זײַנען שרעקלעך נאַריש.

— „אָט דאָס הייסט אַ קלייד!" — האָט דער מלך אַ טראַכט געטאָן. — איצט וועל דאָך קאָנען וויסן, ווער פון מײַנע האַרן איז אויף זײַן אָרט און דאַרף בלײַבן און ווער ניט און דאַרף אָפּגעזאָגט ווערן, ווער פון זיי איז קלוג און ווער נאַריש. — זאָלן זיי און וואָס גיכער מיר אַזאַ קלייד צוגרייטן.

און דער מלך האָט די פּאַרשוינען אַ פײַנעם אויפגאָב געגעבן און זאָלן זיי תיכף צו דער אַרבעט צוטרעטן.

יענע, די שווינדלער, האָבן זיך צוויי וועבשטולן אַוועק־געשטעלט און גענומען דעם אָנשטעל מאַכן, גלײַך ווי זיי אַרבעטן פלײַסיק, ווען אינדערעמתן איז בײַ זיי אויף די שטולן גאָרנישט ניט געווען.

צו דער אַרבעט זייערער האָבן זיי דאָס טייערסטע זײַ־דנס און דאָס בעסטע גאָלד געפאָדערט, דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָבן זיי טיף אין קעשענע אַראָפּגעלאָזט און אַליין ווײַטער פאַר די פּוסטע וועבשטולן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דערנאַכט געזעסן.

— כ'וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי די אַרבעט גייט דאָרט! — האָט דער מלך אַ טראַכט געטאָן. האָט ער זיך אָבער באַלד אָן דער וואונדערלעכער אײַגנשאַפט פון דעם קלייד דער־מאָנט, האָט ער עס אויף אַן אַנדערס מאָל אָפּגעלייגט: געוויס האָט ער דערפאַר נישט וואָס מורא צו האָבן, דאָך... זאָל צום ערשטן גיין אַן אַנדערער.

און די מעשה מיטן קלייד האָט זיך דערווײַל שוין אי־בער דער גאַנצער שטאָט צעטראָגן און יעדער האָט שוין וואָס גיכער צו זען געגאַרט, ווי דער אַנדערער ווערט צום נאַר און צום טויגעניכטס בלײַבן.

— כ'וועל צו זיי מײַן אַלטן און ערלעכן מיניסטער שיקן, — האָט דער מלך געטראַכט: — ער איז קלוג, ער איז אויף זײַן אָרט געוויס, זאָל ער זען און עס באַטראַכטן.

און אָט איז דער אַלטער מיניסטער אין דער שטוב אַרייננגעגאַנגען, דאָרט וואו די שווינדלער זיינען פאַר די פוסטע וועבשטולן געזעסן.

— „מיין גאָט!" — האָט דער מיניסטער, די אויגן אויסגלאָצנדיק, געטראַכט, — איך זע דאָך גאָרנישט!" אָבער הויך אויף אַ קול דאָס אַרויסזאָגן האָט ער נישט געזאָגט. האָבן אים דערווייל די שווינדלער אויף מבינות געבעטן: זאָל ער אַ ביסל נענטער צו די וועבשטולן צוגיין און זאָל ער זיי זאָגן, ווי דער מוסטער און די פאַרבן געפעלן אים און דערביי האָבן זיי אים מיט די הענט אויף די פוסטע וועבשטולן אָנגעוויזן. און דער מיניסטער, ווי ער האָט, נעבעך, די אויגן נישט אויסגעגלאָצט, האָט דאָך גאָרנישט נית געזען: ס'איז דאָך נישט געווען, וואָס צו זען.



„אַך, גאָט מיינער!" — האָט ער זיך געטראַכט. — שוין־זשע בין איך נאַריש? וואָס־וואָס, נאָר אָבער דאָס איז מיר דאָך קיינמאָל אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען... אָבער אפשר גאָר בין איך נישט אויפן אָרט אויף מיינעם? ניין,

מ׳טאָר זיך בשום אופן אויפן אמת נישט מודה זיין.

— פאַרוואָס־זשע זאָגט איר אונז גאָרנישט? — האָט איינער פון די וועבער ביים מיניסטער אַ פרעג געטאָן.

— פרימאַ! אויסגעצייכנט! — האָט געענטפערט דער מי־ניסטער, דורך די ברילן קוקנדיק, — ס׳אַראַ בילדער! ס׳אַראַ פאַרבן! איר מעגט זיין רוהיק, כ׳וועל דעם מלך אַלץ און פון דעם געזעענעם דערציילן.

— אַ שיינעם דאַנק! — האָבן זיך פאַר אים די שווינדלער פאַרנויגט. — און באַלד פאַר אים אויסמאָלן געגומען וואָס פאַר אַן אַרבעט זיי האָבן געהאַט און וואָס פאַר אַ שוועריקייטן זיי האָבן דאָ בייגעקומען. און דער מיניסטער האָט דאָס געהערט אויפמערקזאַם, כדי דערנאָכדעם דאָס פאַרן מלך צו דערציילן. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

איצט האָבן שוין די שווינדלער מער זייד און מער גאָלד געפאָדערט, ווידער דאָס, פאַרשטייט זיך, אין קעשענע אַראָפּגעלאָזט און אויף דער אַרבעט אפילו קיין פעדימל נישט פאַרטאָן

האָט צו זיי דער מלך אַ צווייטן האַר געשיקט. איז מיט אים פאָרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיטן ערשטן: ער האָט אַלץ געקוקט און אויסער פוסטע וועבשטולן גאָרנישט ניט אויסגעקוקט.

— נו, ווי געפעלט עס דעם האַר? — האָבן ביי אים די שווינדלער אַ פרעג געטאָן, בשעת זיי האָבן אים כלומרשט דאָס געוועב געוויזן און די בילדער, וואָס אויף דעם, צו פאַרשטיין געגעבן.

— נאַריש בין איך דאָך ניט, — האָט געטראַכט דער האַר, — הייסט עס, אַז איך בין מיין הערשאַפט ניט ווערט..

— זעהר, זעהר שיין! — און ער האָט אָנגעהויבן לויבן אין טאָג אַריין דאָס שטאָף, וואָס ער האָט נישט געזען, די בילדער, וואָס אויף דעם, און די פאַרבן־האַרמאָניע דאָרטן.

— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט! — האָט ער דערנאָך דעם מלך איבערגעגעבן.

באַלד נאָך דעם האָט שוין די גאַנצע שטאָט פון דעם אומגעוויינליכן קלייד געדעט. לסוף האָט אויך דער מלך באַוויליקט דאָס וואונדערליכע געוועב צו זען. אין דער באַגלייטונג פון אַ גאַנצער סוויטע הויפלייט און האַרן, וואָס צווישן זיי האָבן זיך אויך די ערשטע צוויי געפונען, איז דער מלך צו די שווינדלער אַראָפּגעקומען. יענע, די שווינדלער, אַז זיי האָבן דערהערט, אַז דער מלך קומט, האָבן זיך מיט אַלע כּחות און מיטן גאַנצן פלייס פאַר דער אַרבעט גענומען.

— האַ, נישט אמת? — האָבן ביידע האַרן, די ערשטע, מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן. — ס'אַראַ מוסטער דאָס איז! ס'אַראַ פאַרבן! און ביידע האָבן מיט די פינגער אויף דעם אָרט, וואו דאָס געוועב האָט געזאָלט זיין, אָנגעוויזן.

— וואָס הייסט עס? — האָט דער מלך געטראַכט – איך זע דאָך גאָרנישט! ס'איז דאָך שרעקליך! זאָל זיין, אַז איך... בין... נאַריש? אָדער אפשר טויג איך פאַר קיין מלך ניט?

— אָ, יאָ! זעהר, זעהר פיין! — האָט לסוף אויך דער מלך אַרויסגעזאָגט. און ער האָט אַ צופרידענער מיטן קאָפּ געשאָקלט, די פוסטע וועב-שטולן באַטראַכטנדיק, ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער זעט נישט גאָרניט. דעם מלכס סוויטע האָט זיך אויך גוט איינגעקוקט, נאָר געזען האָט זי נישט מער פון אים, פונם מלך אַליין, הייסט עס. דאָך האָבן אַלע אין איין קול איבערחזרן געהאַלטן: – זעהר, זעהר פיין! – און האָבן געעצהט דעם מלך, ער זאָל זיך פון דעם געוועב אַ קלייד צו דער פייערליכער צערעמאָניע, וואָס אין גיכן דאַרף פאָרקומען, מאַכן. שיין! שיין און אויסגענומען! — האָט זיך פון אַלע זייטן געטראָגן. און אַלע זיינען אַנטציקט געווען.

האָט דער מלך ביידע שווינדלער מיט מעדאַליען באַשאָנקען און זיי פאַר הויף-וועבער אויפגענומען. די גאַנצע נאַכט, וואָס ערב דעם פייערטאָג, האָבן די שווינדלער ביי דער אַרבעט פאַרבראַכט און גאַנצע זעכצען ליכט אויסגעברענט.

דאָס האָבן זיי זיך געאײַלט דעם מלך צו דער צייט דאָס נייע קליידער פאַרענדיקן. זיי האָבן זיך געמאַכט כּלומרשט, ווי זיי נעמען דאָס געוועב פון די שטולן אַראָפּ, שניידן עס מיט גרויסע שערן צו, און דערנאָך מיט נאָדל־פאָדים נייען.

לסוף האָבן זיי מודיע געווען:

— פאַרטיק!

און דער מלך איז אין דער באַגלייטונג פון דער סוויטע אַליין צו זיי דאָס אָנטאָן געקומען. האָבן די שווינדלער די הענט אַרויף אויפגעהויבן, גלייך ווי זיי האַלטן עפּעס און דערבײַ געזאָגט: אָט זיינען די הויזן, דער קאַמזויל און דער מאַנטל! אַ קלייד אַן אויסנעם! גרינג ווי שפּינוועבס! מ׳פילט עס אפילו נישט!

— יאָ, יאָ, — האָבן די הויפלייט מסכּים געווען, גאָרנישט ניט זעענדיק. — ס׳איז דאָך נישט געווען, וואָס צו זען.

זאָל אַצינד דער מלך זיינע קליידער אויסטאָן באַוויליגן און אָט דאָ, פאַר דעם גרויסן שפּיגל זיך אַוועקשטעלן, — האָבן די שווינדלער פאַרן מלך זיך געבויגן, — מיר וועלן דעם מלך דאָס נייע קלייד אָנטאָן.

און דער מלך האָט זיך אויסגעטאָן, און די שווינדלער האָבן אים פאַרפּוצן גענומען: זיי האָבן זיך געמאַכט, גלייך ווי טוען אים אָן איין טייל קלייד נאָכן אַנדערן, לסוף האָבן זיי אים עפּעס ביים רוקן און ביי דער פּלייצע פאַרשפּילעט: — דאָס האָט געזאָלט זיין מאַנטיע זיין און דער מלך האָט זיך אַלץ און פאַרן שפּיגל געדרייט און דאָס קלייד זיינס באַטראַכט.

— ווי שיין און ווי גרויסאַרטיק! ווי ס׳גייט און ווי ס׳פּאַסט! —האָט מען זיך אין דער סוויטע געשושקעט. — ס׳אַראַ מוסטער! ס׳אַראַ פאַרבן!

— אין דרויסן וואַרט דער באַלדאַכין! — האָט ראַפּאָרטירט דער אויבער־צערעמאָנימייסטער.—

— איך בין גרייט! – האָט געזאָגט דער מלך. און ער האָט זיך נאָך צום לעצטן מאָל פאַרן שפּיגל אויסגעדרייט און דאָס קלייד באַטראַכט: ער האָט זיך באַדאַרפט ווייזן, אַז ער באַטראַכט עס אויפמערקזאַם.

די קאַמערהאַרן, וואָס האָבן באַדאַרפט אים באַדינען און דעם שלעפּ פון זיין מאַנטיע נאָכטראָגן, האָבן זיך געמאַכט, גלייך ווי זיי האָבן עפּעס פון דער פּאָדלאָגע אויפגעהויבן און זיך אים נאָכגיין געלאָזט, די הענט דערביי אויסגעשטרעקט געהאַלטן, אויסגעשטרעקט און פאַר זיך: זיי האָבן נישט גע־טאָרט אפילו מיט קיין מינע באַווייזן, אַז זיי זעען גאָרנישט.

און אָט איז דער מלך אונטער זיין באַלדאַכין איבער די גאַסן געגאַנגען.

— ווי שיין, ווי פּרעכטיק. — האָט מען צווישן פאָלק געשמועסט. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער זעט גאָרנישט. קיינער האָט דאָך צום נאַר נישט געוואָלט בלייבן. און קיין פּוץ דעם מלכס האָט נאָך אַזוי פיל פרייד און התפעלות ביים פאָלק נישט אַרויסגערופן, ווי דער...

— ער איז דאָך גאָרנישט אָנגעטאָן! — האָט גאָר פּלוצים אַ קליין יינגעלע, דעם מלך דערזעענדיק, אויסגעשריגן.

— הערט נאָר, וואָס עס רעדט דאָס קינד! — האָט געזאָגט זיין פאָטער. און אַלע האָבן אָנגעהויבן שטילערהייט איינער דעם אַנדערן דעם קינדס ווערטער איבערגעבן.

— ער איז דאך טאַקע גאר נישט אָנגעטאָן! — האָט שוין לסוף דאָס גאַנצע פאלק אויסגעשריגן.

דעם מלך איז שלעכט געוואָרן. ס׳האָט זיך אים אויסגע־ וויזן, אַז דאָס פאָלק איז גערעכט, נאָר מ׳האָט דאָך באַדאַרפט די צערעמאָניע ביזן סוף דערפירן. און דער מלך איז אונטערן באַלדאַכין נאָך רוהיקער און מאַיעסטעטישער געגאַנגען און די קאַמערהאַרן זיינען אים נאָכגעגאַנגען, אונטערטראָגנדיק דעם שלעפ פון דעם קלייד, וואָס איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן און וואס איז גאר אויף דער וועלט נישט געווען.



די מאַרגאַריטקע.

נו, הער!

אונטער דער שטאָט, ביים סאַמע שליאַך, איז געשטאַנען אַ שטיבעלע אַ זומער=וואוינונג. געוויס האָסטו עס אַליין אויך געזעץ. פאַרן שטיבעלע איז אַ גערטנדל מיט אָפּגעפּאַרבטע שטאַכעטעלעך פאַרזעצט געווען, און פון יענער זייט שטאַכעטלעך, נעבן דעם ריטשקעלע, אין געדיכטן גרינעם גראָז דאָרט, איז אַ קליין מאַרגאַריטקעלע אויסגעוואָקסן. די זון האָט אויך דעם מאַרגאַריטקעלע, ווי די גרויסע און פּרעכטיקע גאָרטן=בלומען, ליכטיקע און וואַרימע שטראַלן געשיקט, און דערום איז דאָס נישט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שעה צו שעה געוואַקסן. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז עס שוין אינגאַנצן אַ צעלאָזטעס געשטאַנען, מיט די קליינע און בלענדנדיק ווייסע בלעטעלעך, וואָס אַזוי ווי די שטראַלן האָבן דאָס קליינע מיט=זונעלע ארומגערינגלט. דאָס מאַרגאַריטקעלע האָט ניט געטראַכט, אַז קיינער וועט עס דאָ צווישן גראָז נישט דערזען און אַז ס'איז אַן אָרים און פאַרשעמט בלימעלע בסך=הכל; ניין, ס'איז אַזוי צופרידן און פריילין געווען: ס'האָט זיך גלייך צו דער וואַרימער זון אויסגעדרייט, געקוקט אויף איר, און דעם שפּיל=פויגלס געזאַנג געהערט, וואָס האָט זיך דעמאָלט הויך=הויך איבער דער ערד אַרומגעטראָגן.

דאָס קליינע מאַרגאַריטקעלע האָט זיך אַזוי גליקליך און פריילין געפילט, גלייך ווי מ'וואָלט דעמאָלט אַ גרויסן יום=טוב

געיומטובט, ווען אינדעראמתן איז דעמאָלט בסך־הכּל גאָר אַ פּראָסטער מאָנטאָג געווען. די קינדער זיינען דאַן אין שול געווען, און בשעת זיי זיינען דאָרט אויף זייערע בענק געזעסן און זייערע לימודים געלערנט, איז דאָס מאַרגאַריטקעלע דאָ אויף איר גריניעם שטענגעלע געזעסן און האָט אויך די וואַרימע זון און אַלץ, וואָס אַרום דעם, געלערנט, ווי גוט און רחמנותדיק גאָט דער לעבעדיקער איז; און וואוילגעפעלן איז דעם אויך דאָס, וואָס דאָס קליינע שפּיל־פויגעלע גיט אַזוי גוט און קלאָר דאָרט אין זיין ליד אַרויס, וואָס זי דאָ אין דער שטיל פילט איבער. מיט גרויס חסד־געפיל האָט דאָס מאַרגאַריטקעלע אויפן גליקליכן פויגעלע געקוקט, וואָס ס'קאָן אי זינגען, אי פליען, נאָר דאָך דערביי אַפילו קיין ביסל זיך נישט מצער געווען, וואָס זי איז מיט אַזוינע געשאַנקען ניט באַשאָנקען. — „איך זע און הער, — האָט עס געטראַכט, — די זון לויכט מיר, דער ווינט קושט מיך. אָ, מיט וואָס פאַר אַ רייכע שענקונגען גאָט האָט מיך באַשאָנקען!”

און פון דער זייט שטאַכעטעלעך אין גאָרטן זיינען אַ סך פּרעטקע און שטאָלציק־אויסגעצויגענע בלומען געוואַקסן; וואָס ווייניקער איינע האָט געשמעקט, מער גדולדיקער האָט זי זיך געהאַלטן: די פּיאָנען האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט, כּדי זיי זאָלן אויסזען גרעסער פון די רויזן, גלייך ווי דער עיקר וואָלט אין דער גרויס געשטעקט. די טולפּאַנען האָבן מיט די פּרעכטיקסטע פאַרבן זייערע געשיינט; זיי האָבן עס אויסגעצייכנט געוואוסט, און זיי זיינען דערום גלייך און אויסגעצויגן געשטאַנען, מ'זאָל זיי אַרויסזען בעסער. קיינער פון זיי האָט אַפילו קיין אַכט נישט געגעבן אויפן ענוודיקן בלימל דאָרט, וואָס איז פון יענער זייט שטאַכעטן געוואַקסן, דערפאַר אָבער דאָס בלימל האָט זיך אויף זיי זאַט נישט געקאנט אָנקוקן און זיך געטראַכט: „ווי רייך און שיין זיי זיינען! צו זיי וועט געוויס דער שפּיל־פויגל צו גאַסט קומען! דאַנקען גאָט, וואָס איך שטיי כאָטש אַזוי נאָנט פון זיי, וועל איך כאָטש, לכל הפּחות, זיך אָנקוקן אין אים קאָנען”. נאָר

ווי נאָר דאָס בלימל האָט דאָס אָפּגעטראַכט, אַזוי האָט זיך באַלד אַ „קווי־וויט״ דערהערט, און דער שפּיל־פויגל האָט אַראָפּ אַ פלי געטאָן, נאָר ניט צו די פּיאָנען און טולפּאַנען, — ניין, ער האָט זיך גלייך אין גראָז צו דער מאַרגאַריטקע אַראָפּגע־לאָזט. ווי ס׳האָט געשטוינט און זיך געוואונדערט, דאָס מאַר־גאַריטקעלע! פאַר גרויס פרייד האָט עס ניט געוואוסט, וואָס צו טראַכטן אַפילו.

און דאָס פויגעלע איז אַרום דעם אַרומגעשפּרונגען און געזונגען: „וואָס פאַר אַווייך גראָז דאָ איז! און וואָס פאַר אַ בלימעלע מיט אַ גאָלדן הערצעלע און מיט אַ זילבערן קליי־דעלע! און באמת, דאָס גאָלדענע היטעלע פון דער מאַרגאַ־ריטקע איז אויף גאָלד ענליך געווען, און די ווייסע בלעטעלעך אַרום האָבן ווי זילבער געשיינט.

ווי גליקלעך דאָס מאַרגאַריטקעלע איז געווען, — ניין, דאָס קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. דאָס פויגעלע האָט עס מיטן פּיקערל אַ קוש געטאָן, דעם אַ לידעלע אָפּגעזונגען, און דערנאָך ווידער צום בלויען הימל זיך אַרויפדערהויבן. איז אַוועקגעגאַנגען אַ פערטל שעה אַודאי, ביז דאָס בלימעלע ז׳ז איינגאַנצן צו זיך געקומען. אַ ביסל פאַרשעמט, נאָר אין הערצל צופרידן, האָט דאָס מאַרגאַריטקעלע אויף די אַנדערע גאָרטן־בלומען זיך אַרומגעקוקט: זיי האָבן דאָך געזען, וואָס פאַר אַ גליק ס׳האָט דאָס געטראָפן; זיי דאַרפן דאָך פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז! אָבער די טולפּאַנען זיינען נאָך אָנגעבלאָזענער און גדולדיקער, ווי פריער, געשטאַנען, און די פּנימער זייערע זיינען פון פאַרדראָס רויט און אָנגעצויגן גע־ווען. אויך די פּיאָנען האָבן אָנגעבלאָזענע געקוקט: ס׳איז נאָך גוט, וואָס זיי האָבן רעדן נישט געקאָנט, אַ׳ניט וואָלטן זיי דאָס מאַרגאַריטקעלע נאָך גוט אָנגעזידלט געווען! האָט דאָס אָרימע בלימעלע געזען, אַז זיי זיינען נישט אויפגעלייגט און ס׳האָט זיך זעהר מצער געווען.

פונקט דעמאָלט איז אין גאָרטן אַ מיידעלע מיט אַ גרויסן, שאַרפן און בליאַסקעדיקן מעסער אַריינגעגאַנגען; זי איז גלייך

צו די טולפּאַנען צוגעגאַנגען און איינס נאָכן צווייטן אָפּגע־שניטן. „און״! — האָט אָפּגעזיפצט דאָס מאַרגאַריטקעלע: — ווי שרעקליך דאָס איז! אָט איז דער סוף זייערער!״ דערנאָך האָט דאָס מיידעלע די טולפּאַנען מיט זיך אַוועקגעטראָגן. האָט זיך שוין איצט דאָס מאַרגאַריטקעלע געפרייט, וואָס עס איז אַן אָרים און פּראָסט בלימעלע און וואַקסט נישט אין גאָרטן, נאָר אין גראָז און פון יענער זייט פּאַרקאַן; און ס׳איז פול מיט טיפער דאַנקבאַרקייט איבערגעפולט געווען, און אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָט עס די בלעטעלעך צונויפגענומען, אַנטשלאָפן געוואָרן און די גאַנצע נאַכט וועגן דער זון און וועגן שפּיל־פויגעלע געחלומט.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען דאָס בלימל האָט איבער־אַנייס זיינע ווייסע בלעטעלעך, ווי הענטלעך, פרייליך צו דער זון אויסגעשטרעקט, האָט עס ווייטער דאָס קול פון פויגעלע דערהערט, אָבער ווי אומעטיק איז דאָס לידעלע איצט געווען. יאָ, דעם אָרימען שפּיל־פויגעלע איז איצט קיין פרייד נישט געגאַנגען. מ׳האט עס געפאַנגען און ס׳איז איצט ביי אַן אָפּע־נעם פענסטער אין אַ שטייגעלע געזעסן. און ס׳האָט וועגן דער פריי געזונגען, וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גליק ס׳איז אויף דער פרייהייט אַרומצופליען, וועגן יונגן, גרינעם קאָרן אויפן פעלד און וועגן די וואונדערליכע רייזעס, וואָס ס׳האָט הויך־הויך אין דער לופט און אויף די פליגעלעך געקאָנט מאַכן, און דאָס אָרימע פויגעלע איז טרויעריק געווען: ס׳איז איצט אין געפענ־געניש און אין שטייגעלע געזעסן...

האָט זיך דעם קליינעם מאַרגאַריטקעלע זעהר דעם העלפן געוואָלט, נאָר ווי אַזוי? האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט צוטראַכטן. ס׳האָט שוין פאַרגעסן אַצינד אָן דעם, ווי אַלץ איז אַזוי שיין אַרום, ווי וואַרים די זון וואַרימט און ווי טייער־גוט אירע ווייסע בלעטעלעך שיינען. וויי! ס׳האָט נאָר וועגן גע־פאַנגענעם פויגעלע טראַכטן געקאָנט, פאַר וועלכן ס׳האָט גאָר־נישט, טאַקע לחלוטין גאָרנישט טאָן ניט געקאָנט.

פונקט דעמאָלט זיינען פונם גאָרטן צוויי קליינע יינגעלעך

אַרויסגעגאַנגען; בײַ איינעם פון זיי איז אין דער האַנט אַ מעסער געווען, אויך אַזאַ מין גרויסער און שאַרפֿער, ווי דער, מיט וועלכן דאָס מיידעלע האָט די טולפּאַנען אָפּגעשניטן. זיי זיינען גלייך צו דעם מאַרגאַריטקעלע צוגעגאַנגען, נאָר דאָס מאַרגאַריטקעלע האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, וואָס בײַ זיי אין געדאַנק איז געווען.

— אָט דאָ וועלן מיר אַ טייערן דאָרן־שטיקל פֿאַרן שפּיל־פויגעלע אויסשניידן, — האָט געזאָגט איינער פון די יינגלעך און גענומען אַרום דעם מאַרגאַריטקעלע אַ פיר־עק אויסשניידן, אַזוי אַז דאָס מאַרגאַריטקעלע האָט זיך אין דער מיט געפונען.

— רייס עס אָפּ דאָס בלימעלע! — האָט געזאָגט דאָס צווייטע יינגעלע. דאָס מאַרגאַריטקעלע איז פֿאַר שרעק דערציטערט געוואָרן, וואָרים אָפּגעריסן זיין — האָט דאָך שטאַרבן געהייסן, און איר האָט זיך נאָך אַזוי לאַנג לעבן געוואָלט און אינאיינעם מיטן דאָרן צום פויגעלע אין שטייגל אָנקומען.

— ניין, מירן עס איבערלאָזן, — האָט אָפּגעענטפערט דאָס ערשטע יינגעלע: — ס'באַשיינט דאָך אַזוי דעם דאָרן! — און אַזוי־ערנאָך איז דאָס מאַרגאַריטקעלע לעבן געבליבן און צום פויגעלע אין שטייגעלע זיך געטראָפן.

נאָר דאָס אָרימע פויגעלע, נעבעך, האָט זיך שטאַרק מצער געווען אויף דער פריי, אויף דער פאַרלאָרענער, און מיט די פליגעלעך אין די אייזערנע שטייגל־גראַטעלעך זיך געשלאָגן, און אַזוי ווי דאָס מאַרגאַריטקעלע האָט דאָך רעדן נישט געקאָנט, האָט עס דערום קיין וואָרט קיין טרייסט דעם נישט אַרויסגעזאָגט, נישט קוקנדיק אויפן שטאַרקן ווילן, וואָס ס'האָט געוואָלט. און אַזוי איז דער גאַנצער פרימאָרגן ביזן וואַרמעס אַוועקגעגאַן.

— ס'איז דאָ קיין וואַסער ניטאָ, — האָט זיך געקלאָגט דער געפאַנגענער שפּיל־פויגל. — זיי זיינען אַלע אַוועקגעגאַן און מיר פאַרגעסן אַ טרונק איבערלאָזן. אין האַלז איז מיר איבער־געטריקנט, אינעווייניק ברענט אַ פייער, און די לופט איז אַזאַ שווערע! אַך, איך מוז שטאַרבן, געזעגענען זיך מיט דער זון

דער ליבער; מיטן פרישן גרינעם און מיט אַלעם שיינעם פון גאָט און וועלט! — און ער האָט זיין פיקערל אין קילן דאָרן אַריינגעטאָן, כדי זיך אָפּפרישן אַ ביסל, און — ער האָט די מאַרגאַריטקע דערזען. האָט איר דאַן דאָס פויגעלע מיטן קעפל אַ שאָקל געטאָן, מיטן פיקערל אַ קוש געטאָן און געזאָגט: אוּן אויך דו ווערסט דאָ פאַרטריקנט ווערן, אָרים קליין בלימעלע! דיך מיט אָט דעם שטיקעלע גרינעם גרעזעלע האָבן זיי מיר פאַר דער גאַנצער און ברייטער גאָטס וועלט געגעבן! זיי מיינען, אז אַ ליאַדע גרעזעלע וועט מיר אַ גרינעם בוים פאַר־בייטן, און יעדער ווייס בלעטעלע דיינס — אַ בלום אַ שמעקנ־דיקע! אַך, איר דערמאָנט מיר נאָר, וויפיל איך האָב פאַרלוירן!

— ווען איך זאָל עס קאָנען טרייסטן! — האָט געטראַכט דאָס מאַרגאַריטקעלע; נאָר ס'האָט נישט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קיין איין בלעטעלע אַפילו; נאָר דאָס שמעקעכץ, וואָס האָט זיך פון די איידעלע בלעטעלעך געטראָגן, איז געווען שטאַרקער, ווי געוויינלייך; דאָס פויגעלע האָט דאָס באַמערקט, און הגם ס'האָט דעם דער דאָרשט געברענט און ס'האָט אַלע מאָל פון דער ערד אַ גרין גרעזעלע אויסגעריסן, אָבער דאָס בלימעלע האָט עס ניט אָנגערירט.

ס'איז געקומען דער אויפדערנאַכט; נאָר קיינער איז נישט געקומען דעם פויגעלע אַ טרונק צו געבן. האָט דאָס דאַן די שיינע פליגעלעך אויסגעצויגן און ציטעריק מיט זיי אַ מאַך געטאָן; דאָס געזאַנג האָט זיך אין אַ רחמנות־פּיפסן פאַר־וואַנדלט, דאָס קליינע קעפעלע האָט זיך צום בלימל צוגעבויגן, און דאָס האַרץ פון פויגעלע איז פון בענקען און נישט־האָבן אויסגעגאַנגען. איצט האָט שוין דאָס בלימל נישט געקאָנט, ווי יענע נאַכט, די בלעטעלעך צונויפנעמען און אַנטשלאָפן ווערן; טרויעריק און קראַנק האָט אויך עס דאָס קעפעלע צו דער ערד צוגעבויגן.

ערשט אויפן אַנדערן פרימאָרגן זיינען די יינגלעך געקו־מען, און אַז זיי האָבן דאָס טויטע פויגעלע דערזען, האָבן זיי

זיך ביטער צעוויינט. דערנאָך האָבן זיי אַ שיין קברל אויסגעגראָבן, האָבן עס מיט בלומען־בלעטעלעך באַצירט, און דאָס טויטע קערפּערל פון שפּיל־פויגעלע אין אַ שיין רויט פּושקעלע אַריינגעלייגט. דעם אָרימען פויגעלע האָט מען אַ „לויה" ווי אַ מלך געמאַכט... ווען ס'האָט געלעבט און געזונגען האָט מען זיך אָן דעם פאַרגעסן, אין שטייג עס געהאַלטן און מיט דאָרשט געמוטשעט, און אַצינד האָט מען עס מיט בלומען באַצירט און באַוויינט. און דאָס שטיקל דאָרן מיט דעם מאַרגאַריטקעלע זיינען אויפן שטויביקן שליאַך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. און קיינער האָט גאָר ניט קיין טראַכט געטאָן אפילו וועגן דעם, וואָס ס'האָט מער פון אַלע אויפן אָרימען פייגעלע רחמנות געהאַט און אזוי דאָס טרייסטן געוואָלט.



דער ליין.

דער ליין איז שוין אין פולן בליעכץ אָנגעטאָן געשטאַנען; ער איז פול און אָנגעזעצט געווען מיט שיינע בלויע בלימעלעך און אַזוינע דינינקע, ווי די פליגעלעך פון קליינע בינעלעך און אפשר נאָך דינער. די זון האָט אויף אים געלויכטן, רעגן=וואָלקנס האָבן אים באַגאָסן, און דאָס איז פאַר אים אַזוי גוט געווען, ווי פאַר אַ קינד דאָס באָדן, נאָך וועלכן ס׳קומט אַ מאַמע=קוש. דאָס קינד ווערט דערפון נאָך שענער; אַזוי איז אויך מיטן ליין געווען.

— מענטשן זאָגן, — האָט געזאָגט דער ליין, — אַז איך בין אויסגעצייכנט געראָטן, אַז איך בין אויסגעוואַקסן גרויס און וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זיין, און אַז פון מיר וועט אַן אויסגעצייכנט שטיק ליווונט אַרויס. ווי גליקליך איך בין! גליקליכער פון מיר איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ! מיר איז אַצינד גוט, אויך שפּעטער וועט פון מיר, מסתמא, עפּעס גוטס אַרויס. ווי פריילעך ס׳איז אויף דער זון צו שטיין, ווי ס׳קרעפּטיקט און ס׳דערפרישט דאָס רעגנדל! איך בין איבערגליקליך, איך בין גליקליכער פון גאָר=דער=וועלט!

— נו, יאָ, געוויס! — האָט געזאָגט דער פאַרקאַן=דראָנג, — דו קענסט נאָך די וועלט נישט, מיר אָבער דערפאַר קענען ז אויסגעצייכנט, ניט אומזיסט זיינען אויף אונז אַזוי פיל האָלץ קניפּן פאַראַן... — און דער דראָנג האָט זיך רחמנותדיק צעסקריפּעט:

שניפּ, שנאַפּ, שנורע,
באַסעלורע!
און דאָס לידעלע איז אויס!

— ניין! נאָך נישט אויס! — האָט געזאָגט דער ליין: — אויך מאָרגן וועט די זון וואַרימען, אויך מאָרגן וועט אַ דער־פרישנדיק רעגנדל אַ גאָס טאָן. איך פיל, ווי איך וואַקס; איך פיל, אַז איך בלי! איך בין גליקליכער פון גאָר־דער־וועלט.

נאָר אָט זיינען איינמאָל מענטשן געקומען, דעם ליין פאַרן אויבערשטן און פאַר דעם קאָפּ אָנגענומען און אים מיטן וואָרצל אויסגעריסן — ס'האָט זעהר ווי געטאַן! נאָכדעם האָט מען אים אין וואַסער אַריינגעלייגט, גלייך ווי מ'האָט אים טרענקען געוואָלט, נאָכדעם האָט מען אים אויפן פייער גע־האַלטן, גלייך ווי מ'וואָלט אים פאַרברענען געוואָלט. ס'איז שרעקליך געווען.

— וואָס זאָל מען טאָן, אויך אין גליק קומען הפסקות פאָר, ס'רייסט זיך אַמאָל איבער, — האָט געזאָגט דער ליין, — מ'דאַרף אַמאָל אויך צוליידן, אַ'ניט ווייסט מען גאָרנישט, אַ'ניט פאַרשטייט מען גאָרניט.

אָבער דעם ליין איז אַלץ ערגער און ערגער געוואָרן. מ'האָט אים געוויקט און געטריקנט, מ'האָט אים געקלאַפּט און געקעמט — וואָס־וואָס האָט מען מיט אים נישט איבערגעטאָן! ער האָט אַפּילו ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט אים אַזוינס. לסוף איז ער אויפן שפּינראָד געקומען. די ראָד האָט זיך צעדרייט און צעזשומעט... דאַן איז שוין גאָר אוממעגליך געווען עפּעס אַ טראַכט צו טאָן.

— „איך בין דאָך אומגעהייער גליקליך געווען", — האָט ער אין די ווייטאָקן געטראַכט. — „דאַרף מען זיך מיטן גע־וועזענעם גליק באַנוגענען!... דאַרף מען זיין צופרידן, צופרידן! אוי!..."

און ער האָט זיך דאָס געחזרט אַפּילו דעמאָלט, ווען ער איז אין וועבשטול אַריין געקומען, — געחזרט ביז דעמאָלט, ביז ס'איז פון אים אַ גרויסע און אויסגעצייכנטע שטיק לייוונט

אַרויס. דער גאַנצער ליין, ביזן מינדסטן שטיקעלע, איז אויף אָט דער שטיק אַוועקגעגאַן.

— ס'איז דאָך וואונדער! כ'וואָלט עס קיינמאָל זיך גאָרנישט ניט געגלויבט! ווי ס'גייט מיר אַביסל! הא, וואָס זאָגט איר אויפן דראַנג און אויפן לידעלע אויף זיינעם? — ער פאַרשטייט אַ סך און אַ ים. — „דאָס לידעלע איז אויס!" אַז ס'הויבט זיך ערשט גאָר אָן!... כ'לעבן, ס'איז אַ וואונדער! אויב ס'איז מיר אויסגעקומען אַ ביסל צוליידן, איז וואָס? איז דאָך דערפאַר אָבער פון מיר עפּעס אַרויס! איך בין דער גליקליכסטער פון אַלע! ווי שטאַרק און דין איך בין איצט, ווי ווייס און לאַנג! דאָס איז דאָך נישט אַ פּראָסט מין ליאַדע געוויקסל צו זיין, זאָל זיין מיט בלימעלעך אַפילו. אַרום געוויקסל גייט דאָך קיינער נישט, אויפן געוויקסל קוקט דאָך קיינער נישט, און וואַסער באַקומט עס נאָר דאַן, ווען אַ רעגן גייט. נישט אַזוי אָבער אַצינד! אַרום מיר גייט מען, מיך באַזאָרגט מען; אַלע פרימאָרגן קערט מיך די דינסט אויף אַן אַנדער זייט איבער, אַלע אויפדערנאַכט באַגיסט מען מיך מיטן וואַסערגיסער, אַליין דאָס ווייב דעם פּאַסטאָרס האָט מיך געלויבט און געזאָגט, אַז איך בין דאָס בעסטע שטיק לייוונט פון דער גאַנצער געגנט אַרום; גליקליכער פון מיר קאָן גאָר ניט זיין!

נאָר אט האָט מען דאָס שטיק לייוונט אין אַ שטוב געבראַכט, און ס'איז אונטער דער שער געקומען. אַך, ווי מ'האָט עס געשניטן און געריסן, ווי מ'האָט עס דורך און דורך מיט נאָדלען געשטאָכן! וואָס איז דאָ צו רעדן: האָניק איז געוויס זיסער!... דערפאַר אָבער זיינען פונם שטיק לייוונט צוועלף שטיקלעך גרעט אַרויס — אַזאַ גרעט, וואָס אין קיין געזעלשאַפט רעדט מען דערפון ניט, נאָר וואָס ס'איז אָבער יעדן מענטשן נויטיק. יאָ, גאַנצע צוועלף שטיקלעך זיינען פונם שטיק אַרויס!

ניין! זאָגט אַליין, איז אָט ווען ס'איז פון מיר לייטישעס אַרויס! איז אָט אין וואָס מיין באַרוף באַשטייט! דאָס איז דאָך איינמאָל אַ גליק! איצט ברענג איך דאָך נוצן דער וועלט,

און דאָס דאַרף מען דאָך, דאָס איז דאָך דאָס אמתע אויבער־גוטס. אָט זיינען מיר צוועלף שטיק אַצינד, און דאָך אַ גאַנ־צעס: אַ טוץ. וואָס פאַר אַן אומגעווייגליך גליק דאָס איז!

און יאָרן זיינען זיך געגאַנגען — און דאָס גרעט האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— איז וואָס? אויף אַלץ איז דאָך אַ סוף, — האָט יעדער שטיקל געזאָגט, — איך וואָלט געוויס גערן זיך נאָך געהאַלטן אַביסל, נאָר קיין אוממעגליכס קאָן מען דאָך נישט פאָדערן. האָט מען זיי אויף שטיקלעך און אויף שמאַטקעלעך צעריסן. האָבן זיי געמיינט, אַז איצט איז שוין גאָר זייער סוף געקו־מען, ווייל מ'האָט זיי געהאַקט און געבראָקט, געווייקט און געקאָכט, — זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, וואָס מע טוט מיט זיי. און פּלוצים איז פון זיי אויסגעצייכנט ווייס פּאַפּיר אַרויס.

— נו, אָט אַ סיורפּריז — שוין איינמאָל אַ סיורפּריז! — האָט געזאָגט דאָס פּאַפּיר. — איצט בין איך דאָך נאָך דינער, ווי פריער, און אויף מיר וועט מען דאָך שרייבן אַצינד. איז דאָס דען נישט קיין אומגעהייער גליק?

און אויפן פּאַפּיר האָט מען באמת שרייבן גענומען. און אָנגעשריבן האָט מען דערויף וואונדערליכע געשיכטעס און לידער וואונדערליכע. דערביי האָט מען דערויף בסך־הכל נאָר איינמאָל מיט טינט אַ קלעק געמאַכט. דאָס איז שוין אָן שום ספק אַ באַזונדער מין גליק גאָר! און מענטשן האָבן דאָס, וואָס איז אויפן פּאַפּיר אָנגעשריבן געווען, געהערט, און אָנגעשריבן דערויף איז געווען אַזאַ גוטס און אַזאַ קלוגס, אַזוי אַז דאָס הערנדיק זיינען זיי אַליין אויך קלוגער און בעסער געוואָרן. עפּעס אַ גרויסער חסד איז געלעגן אין די ווערטער, וואָס זיי־נען אויף דעם פּאַפּיר געווען.

— „אָ, — האָט געטראַכט דאָס פּאַפּיר, — דאָס האָט דאָך איבערגעשטייגט מיינע אַלע טרוימען, וואָס איך האָב געטרוימט אַמאָל, אין יענער צייט, ווען איך בין נאָך מיט מיינע בלי־מעלעך אויפן פעלד געשטאַנען. האָב איך זיך דען געקאָנט

פאַרשטעלן, אָדער זיך אויסמאָלן, אַז איך וועל אַמאָל צווישן מענטשן פרייד און וויסנשאַפט פאַרשפּרייטן? ס׳גלויבט זיך מיר אַצינד נאָך אויך נישט. גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, אַז איך אַליין האָב געטאָן נאָר דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט, לויט מיינע שוואַכע כחות געטאָן צוליב מיין לעבן צו דער־האַלטן, און דאָך פירט ער מיך פון איין פרייד צו דער אַנדערער און פון איין דערהויבן־ווערן צום צווייטן. יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט מיר: „אָט, שוין אַן עק!" גיי איך גאָר, ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, צו אַ בעסער און אַ שענער לעבן איבער. איצט וועט מען מיך געוויס אויף דער וועלט אַרויס־שיקן, מענטשן זאָלן מיך לייענען קאָנען. יאָ, געוויס. אַנדערש קאָן דאָך ניט זיין! איך האָב דאָך אַצינד אַזוי פיל טייערע און פיינע געדאַנקען, וויפיל בלימעלעך בלויע אויפן פעלד אַמאָל. איך בין טאַקע דער גליקלעכסטער פון גאָר־דער־וועלט!

דאָס פּאַפּיר אָבער האָט מען נישט אויף דער וועלט אַרומפאָרן אַרויסגעשיקט, מ׳האָט עס אין אַ דרוקעריי גע־בראַכט, און דאָרטן אַלץ, וואָס דערויף איז אָנגעשריבן געווען, אין אַ בוך־פאָרם אָפּגעדרוקט, און נישט איין בוך, נאָר עטליכע הונדערט ביכער: אויף אַזאַ אופן האָבן אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענטשן דערפון געקאָנט נוצן האָבן, איידער אין דעם פאַל, ווען מ׳זאָל דאָס פּאַפּיר אַליין אויף אַרומרייזן אַרויסשיקן, וואָס וואָלט נאָך דערצו אין האַלבן וועג אויף בלעטלעך זיך געווען צעשאָטן.

— יאָ, געוויס איז אַזוי גלייכער! — האָט דאָס באַשרי־בענע פּאַפּיר געטראַכט. — דעם אמת זאָגנדיק איז דאָס מיר גאָר אויפן זינען ניט געקומען: וועל איך איצט אין דערהיים בלייבן און מ׳וועט מיר, ווי אַן אַלטן זיידן, כבוד אָפּגעבן, וואָרים איך בין דאָך טאַקע אַ זיידע. אָט די אַלע ביכער, די נייע! אָט איצט ערשט וועל איך אַ סך נוצן ברענגען! אין מיין איצטיקן שטאַנד אָבער וואָלט איך לאַנג נישט געקאָנט אַרומ־רייזן... און נאָר צו באַטראַכטן, אַז אויף מיר האָט געקוקט דער, וואָס האָט דאָס אַלץ אָנגעשריבן... אַז יעדער וואָרט

זיינס האָט זיך גליַיך פון זיין פען אויף מיר אויסגעגאָסן...
בין איך דאָך טאַקע דער גליקלעכסטער פון אַלע אין דער וועלט!

דערנאָך האָט מען דאָס פּאַפּיר אין אַ פּעקעלע צונויפגעבונדן און אַרייַנגעוואָרפן אין אַ פאַס, וואָס איז ביי אַ וועשערין געשטאַנען.

— נאָך אַן אַרבעט איז גוט זיך אָפּצורוען! — האָט געזאָגט דאָס פּאַפּיר. — ס'איז זעהר נוצליך אין זיך אַליין צו פאַרטיפן און וועגן זיך אַליין אַ טראַכט טאָן. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס אויף מיר איז אָנגעשריבן. און דערקענען זיך אַליין — איז דאָך אַ גרויסער טראָט פאָראויס! וואָס־זשע וועט איצט מיט מיר זיין? „איינס איז מיר קלאָר, כ'וועל גיין פאָראויס! אַלץ און באַשטענדיק גייט פאָראויס, — דאָס ווייס איך פון ערפאַרונג".



נאָר אָט אין איינעם אַ פרימאָרגן אַ שיינעם האָט מען דאָס פּאַפּיר פון פאַס אַרויסגענומען און אויף צו פאַרברענגען

אין פייער אַרײַנגעוואָרפן. וואָרים, — האָבן די גרויסע געזאָגט, — אַן עבירה דאָס דעם קלייטניק אָפּגעבן, ער זאָל דערין פּוטער און צוקער אײַנוויקלען.

און אַלע קינדער פון שטוב האָבן זיך אַרום פייער צו־נויפגעקליבן: זיי האָבן געוואָלט זען, ווי דאָס פּאַפּיר וועט ברענען. האָט זיך עס אַזוי שיין אָנגעצונדן און אויפגעהויבן, און אויך אין אַש דערנאָך זײַנען נאָך אַ פולע פונקן געבליבן, וואָס זײַנען זיך אין אַלע זײַטן צעפלויגן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אויסגעלאָשן, די פונקען, און די קינדער, דאָס צוזעענדיק, האָבן געזאָגט: „דאָס גייען די קינדערלעך פון דער שול אַהיים". דעם לעצטן פונק האָבן זיי דער „שול־לע־רער" אָנגערופן. אַמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיין פונקען וועלן שוין מער נישט זײַן, נאָר פּלוצים האָט זיך נאָך אַ נײַער באַוויזן: „דער לערער איז שוין לסוף אַוועקגעגאַנגען", — האָבן דעמאָלט די קינדער געזאָגט.

דאָס גאַנצע פּאַפּיר דאָס אַלטע, דאָס גאַנצע פּעקל, האָט מען אויפן פייער אַרויפגעלייגט, און ס'האָט זיך צעפלאַקערט באַלד. — „אוף!" — האָט עס געזאָגט און העל זיך צעפלאַקערט. דאָס ברענען, פאַרשטייט זיך, איז ניט איבעריק אײַנגענעמען געווען; נאָר אַז דאָס פייער האָט דאָס גאַנצע פּאַפּיר אַרומגע־כאַפּט, האָט זיך דער פלאַם הויך־הויך דערהויבן — און אַ סך העכער, ווי דער לײַן האָט די בלויע בלימעלעך זײַנע, און געלויכטן האָט ער, ווי ס'האָט קיינמאָל ניט דאָס ווײַסע לײַוונט פון לײַן. אין איין מינוט זײַנען אַלע אָנגעשריבענע אותיות רויט געוואָרן, און אַלע ווערטער און געדאַנקען האָבן זיך אין פלאַם פאַרוואַנדלט. „איצט פלי איך גלײַך צו דער זון אַרויף!" — האָט דער פלאַם געזאָגט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז טויזנטער קולות האָבן עס מיט אַמאָל אַרויסגעזאָגט. און דער פלאַם האָט זיך אין דער גאַנצער קוימען־לענג אויפגעהויבן, און נאָך העכער זיך אַרויפגעדרייט. — און דינער פונם פלאַם אַליין האָבן זיך פּיצלעך ברואימלעך, וואָס זײַנען פּאַר קיין מענטשליך אויג ניט אָנגעזען, אין דערלופט געטראָגן, און זיי

זיינען אַזוי פיל געווען, וויפיל בלימעלעך בלויע ס'זיינען אין ליין פאַראַן. זיי זיינען גרינגער פונם פלאַם, פון וועלכן זיי זיינען געבוירן געוואָרן, געווען, און אַז דער פלאַם האָט זיך אויסגעלאָשן און פונם גאַנצן פאַפיר איז נאָר הוילער שוואַרצער אַש געבליבן, האָבן זיי נאָך־אַמאָל איבער אים איבערגעטאַנצט, און פון די ערטער, וואוהין זיי האָבן זיך מיט די פיסלעך צו־גערירט, זיינען רויטע פונקען אַרויסגעפליגן. „די קינדער זיי־נען פון דער שול געקומען און דער לערער איז צולעצט אַוועקגעגאַן!" — איז דאָס פאַר די קינדער אַ פרייד געווען, שוין איינמאָל! און די קינדער האָבן דאָס אויסגעלאָשענע אַש אַרומגערינגלט און געזונגען:

שניפ־שנאַפ־שנורע,
באַסעלורע!
און דאָס לידעלע איז אויס!

נאָר די נישט־אָנגעזעענע ברואימלעך, די פיצעלעך, האָבן געזאָגט: „ניין, דאָס לידעלע ווערט קיינמאָל אויס נישט זיין. און אַזוי איז בעסער. מיר ווייסן עס, און דערפאַר זיינען מיר די גליקליכסטע פון אַלע!"

נאָר דאָס האָבן די קינדער נישט געהערט און ניט פאַרשטאַנען, — און ס'איז טאַקע איבעריק... נישט אַלץ דאַרפן דאָך קינדער פאַרשטיין.



די בלומען פון דער קליינער אידאַ.

— עלנדע בלימעלעך מיינע, זיי זיינען שוין אינגאַנצן פאַר־וועלקט געוואָרן! — האָט געזאָגט די קליינע אידאַ. — נעכטן אויפדערנאַכט זיינען זיי נאָך אַזוי שיין געווען, און איצט הענגען די בלעטעלעך שוין אינגאַנצן פאַרטריקנטע אַראָפּ. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — האָט זי געפרעגט ביים סטודענט, וואָס איז אויפן דיוואַן געזעסן. זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זי זעהר ליב, דער סטודענט: ער פלעגט איר וואונדער־שיינע מעשיות דערציילן און זעהר אינטערעסאַנטע בילדלעך אויסשניידן — הערצעלעך מיט טאַנצנדיקע דאַמען אין זיי, בלומען און פּאַלאַצן קלייניקע, וואָס מע האָט געקאָנט אין זיי טירן עפענען. זעהר אַ פריילעכער איז דער סטודענט געווען.

— פאַרוואָס האָבן די בלומען אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען היינט? — האָט זי נאָכאַמאָל געפרעגט, אויפן פאַרוועלקטן בוקעט אָנווייזנדיק.

— ווייסט פאַרוואָס? — האָט געזאָגט דער סטודענט, — די בלומען זיינען היינטיקע נאַכט אויף אַ באַל געווען און דערפאַר האָבן זיי אַזוי די קעפּעלעך אַראָפּגעלאָזט.

— די בלומען קאָנען דאָך אָבער נישט טאַנצן! — האָט געזאָגט די קליינע אידאַ.

— ניט אמת, — האָט געזאָגט דער סטודענט, — ווי נאָר ס׳נעמט פינסטער ווערן, און מיר שלאָפן איין, אַזוי הויבן זיי

אָן צו טאַנצן פריילעך; אַלע נאַכט כמעט קומען ביי זיי בעלער פּאָר.

— און קינדער קאָנען אויף זייערע בעלער קומען?

— יאָ, — האָט געזאָגט דער סטודענט: — אַלע קליינע מאַר־גאַריטקעלעך און מאַי־בלימעלעך קאָנען קומען.

— וואו־זשע טאַנצן זיי עס, די בלומען? — האָט געפרעגט די קליינע אידאַ.

— דו ביסט דאָך געווען פון יענער זייט שטאָט־טויער, נעבן גרויסן פּאַלאַץ, וואו זומער דער מלך וואוינט, און וואו דער גרויסער און זעלטן־שיינער סאָד מיט אַ פולע בלומען געפינט זיך. האָסט דאָך דאָרט געזען די שוואַנען, וואָס זיינען צו דיר צוגעשוואומען, בעת דו האָסט זיי די ברויט־ברעקלעך געוואָרפן? איז אָט דאָרטן קומען עס די גרויסע בעלער פּאָר.

— נעכטן בין איך אין יענעם סאָד מיט דער מאַמען געווען, — האָט געזאָגט אידאַ, — אָבער די ביימער דאָרטן זיינען שוין אָן בלעטער געשטאַנען, קיין בלומען איז שוין אויך נישט צו זען געווען. וואוהין זיינען זיי אַהינגעקומען? זומער זיינען זיי דאָך אַזוי פיל געווען!

— אין פּאַלאַץ זיינען זיי, — האָט געזאָגט דער סטודענט — דו דאַרפסט וויסן, אַז ווי נאָר דער מלך מיט אַלע הויפלייט פאָרן אויף ווינטער אין שטאָט אַריבער, אַזוי אַנטלויפן באַלד די בלומען פון סאָד אין פּאַלאַץ אַריין און הויבן זיך דאָרט פרייען אָן. וואָלסט געמעגט אויף זיי אַ קוק טאָן דעמאָלט! צוויי רויזן סאַמע די שענסטע זעצן זיך אויפן טראָן אַוועק און שטעלן זיך דעם מלך מיט דער מלכה פּאָר; אַלע רויטע האָן־קעמעלעך שטעלן זיך אויף ביידע זייטן אויס און פאַר־בויגן זיך — דאָס זיינען די קאַמער־יונקערס. נאָכדעם באַווייזן זיך אַלע שיינע בלימעלעך און דער באַל עפנט זיך. די בלויע פיאָלקעס שטעלן מיט זיך קליינע ים־קאַדעטן פּאָר; זיי טאַנצן מיט די היאַצינטן און מיט די קראָקוסן, וואָס רופן זיך פריי־לינס אָן; די טולפּאַנען און די גרויסע ליליעס די געלע, שפּילן די ראָל פון דאַמען אַלטע; זיי געבן אַכטונג דערויף,

אַז דאָס יונגוואַרג זאָל טאַנצן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און אַז אַלץ זאָל ווי געהעריק זיך פירן.

— און די בלומען ווערן גאָרניט באַשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי דערוועגן זיך אין מלכס פּאַלאַץ צו טאַנצן? — האָט געפרעגט די קליינע אידאַ.

— וועגן דעם ווייסט קיינער נישט — האָט געזאָגט דער סטודענט. — אמת, ווען ניט ווען, אין אַ ביינאַכט אַמאָל קומט דער אַלטער הויף-פּאַרוואַלטער צו גיין, אַ קוק טאָן צי איז אַלץ אין אָרדענונג דאָרט. אין דער האַנט ביי אים איז אַ גרויסער בונט שליסלען פאַראַן, — נאָר, ווי נאָר די בלומען דערהערן דעם קלאַנג זייערן, אַזוי ווערן זיי אַנטשוויגן, פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער די פענסטער-פאָרהאַנגען און שטעקן די קעפּלעך אַרויס. — „עפּעס שמעקט דאָ מיט בלומען-שמעק״, — זאָגט דער אַלטער פאַרוואַלטער דעמאָלט, אָבער זען זיי קאָן ער נישט.

— אַך ס'אַראַ חיות! — האָט אויסגעשריגן די קליינע אידאַ און מיט די הענטלעך זיך צעפּליעסקעט.

— און איך קאָן אויך די בלומען נישט זען?

— ניין, דו קאָנסט יאָ זען, — האָט געזאגט דער סטודענט. — אַז דו וועסט נאָך-אַמאָל אין פּאַלאַץ זיין, פאַרגעס ניט אין פענסטער אַ קוק טאָן, וועסטו זיי דאָרט זען. אָט האָב איך היינט אַזוי געטאָן, האָב איך אַ לאַנגע און געלע ליליע דער-זען, וואָס איז אויף דער סאָפע געלעגן און גענעצנדיק זיך געצויגן: דאָס איז אַ הויף-דאַמע געווען.

— און די בלומען פונם באָטאַנישן גאָרטן קאָנען אויך אַהין קומען? איז פאַר זיי דער וועג נישט צו ווייט?

— ס'אַ קלייניקייט, — האָט געזאָגט דער סטודענט: אויב זיי ווילן, קאָנען זיי פליען. האָסט דאָך געזען די שיינע זומער-פויגעלעך — די רויטע, געלע און ווייסע — וואָס זיינען אַזוי אויף בלומען ענליך? זיי זיינען אויך פריער בלומען געווען, נאָר אַראָפּשפּרינגענדיק פון די שטענגעלעך זייערע, האָבן זיי מיט די בלעטעלעך, ווי מיט פליגעלעך, אַ פאָך גע-

טאָן און פליען אָנגעהויבן. און אַזוי ווי זיי האָבן זיך געפירט לייטיש, האָבן זיי דערפאַר אַן ערלויבעניש באַקומען אויך אויף בייטאָג פליען, אויפן אָרט, וואָס זיי זאָלן באַשטענדיק אויף די שטענגעלעך און תמיד אינדערהיים זיצן. און אַזוי זיינען פון די שטענגעלעך טאַקע אמתע פויגעלעך געוואָרן. דו האָסט דאָך דאָס געזען. און ווייטער, מעגליך, אַז די בלומען פון באָטאַנישן גאָרטן זיינען קיינמאָל אין מלכס פאַלאַץ נישט געווען, און מעגליך, אַז זיי וויסן נישט, אַז ביינאַכט איז אַזוי פריילעך דאָרטן. ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אוי, וועט זיך פאַרוואונדערן דער פּראָפעסאָר פון באָטאַניק, דער, וואָס וואוינט נעבן אייך — דו קענסט דאָך אים? — אַז דו וועסט זיין ביי אים אין סאָד, זאָג דאָרט איינעם, וואָסער-ניט-איז בלימל, אַז אין פאַלאַץ קומען גרויסע בעלער פאָר, וועט דאָס בלימל די איבעריקע דערציילן און זיי וועלן אַלע אַהין אַוועקפליען, און ווען דער פּראָפעסאָר וועט דערנאָכדעם אין סאָד קומען, וועט דאָרט קיין איין בלימל נישט זיין. און ער וועט בשום אופן נישט וויסן, וואוהין זיי זיינען אַהינגעקומען.

— אָבער ווי אַזוי-זשע וועט דאָס בלימל די איבעריקע דערציילן? די בלומען קאָנען דאָך נישט רעדן!

— רעדן, געוויינטליך, קאָנען זיי ניט, — האָט געענט־פערט דער סטודענט: נאָר זיי שמועסן זיך איבער אויפן פאַנ־טאָמימע-אופן. האָסט דען נישט געזען אַמאָל, ווי אַזוי די בלומען, בשעת אַ ווינטל אַ קליינעם, וואַרפן איינס צום אַנדערן מיט די קעפּלעך און באַוועגן מיט די גרינע בלעטעלעך? אָט די צייכנס זייערע זיינען פאַר זיי אַזוי פאַרשטענדליך, ווי פאַר אונז די ווערטער.

— און דער פּראָפעסאָר פאַרשטייט דאָס פאַנטאָמימע-לשון? — האָט געפרעגט אידאַ.

— געוויס. ער איז אַמאָל אינדערפרי אין סאָד אַריינגע־קומען און דערזען, ווי דאָס גרויסע ברי-גראָז*) האָט מיט די

---

*) קראָפּיווע.

בלעטער דעם שיינעם רויטן געווירץ-נעגעלע צייכנס געגעבן: „דו ביסט אַזוי שיין, — האָט געזאָגט דאָס ברי-גראָז — און איך האָב דיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן.” אָבער דער פּראָפעסאָר האָט אַזוינע מיני רייד פיינט שרעקליך, האָט ער טאַקע באַלד דעם ברי-גראָז איבער די בלעטער — דאָס זיינען די פינגער אירע — אַ זעץ געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעבריט, און פון דעמאָלט אָן דערוועגט ער זיך שוין נישט מער דאָס ברי-גראָז אָנצורירן.

— אַך, ווי פריילין! — האָט אויסגעשריגן די קליינע אידאַ און האָט זיך צעלאַכט.

— ווי מעג מען עס קינדער אַזוינע נאַרישע בבא-מעשיות דערציילן? — האָט געזאָגט דער אומעטיקער ראַטגעבער, וואָס איז דאָרטן צו גאַסט געווען און אויפן דיוואַן געזעסן. איבערטראָגן האָט רער ראַטגעבער נישט געקאָנט דעם סטודענט יענעם און תמיד האָט ער בייז געברומט, ווען ער האָט אים געטראָפן, בשעת יענער פלעגט די לעכערליכע בילדער אויסשניידן: אַמאָל אַ פאַרברעכער, וואָס איז אויף אַ תליה געהאַנגען מיט אַ האַרץ אין די הענט, וואָס ער האָט ביי אַ צווייטן מענטשן צוגעגנבעט — אַמאָל אַ כשוף-מאַכערין אַן אַלטע, אויף אַ בעזים רייטנדיק, מיט איר מאַן אויף דער נאָז. דער אַלטער ראַטגעבער האָט עס נישט געקאָנט פאַרליידן און אין אַזוינע פאַלן פלעגט ער זאָגן דאָס זעלבע, וואָס איצט: „ווי מעג מען עס קינדער אַזוינע זאַכן איינבילדן? דאָס זיינען דאָך אַלץ פאַנטאַזיעס נאַרישע!” אָבער דער קליינער אידאַ איז די מעשה פונם סטודענט זעהר געפעלן געוואָרן און זי האָט זעהר אַ סך געטראַכט דערפון: די בלומען האָבן די קעפעלעך אַראָפּגעלאָזט פון מידקייט, ווייל זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט, — געוויס זיינען זיי דערפון קראַנק געוואָרן. און זי איז מיט זיי צו די אַנדערע שפילעכלעך צוגעגאַנגען, צו די, וואָס זיינען אויפן שיינעם קליינעם טישעלע אויסגעשטעלט געווען; אויך דאָס שופלאָדל דאָרט איז מיט טייערע זאַכן פול געווען. אין לעלעבעטעלע איז די לעלע סאָני געלעגן און געשלאָפן, אָבער די

קליינע אידאַ האָט צו איר געזאָגט: „שטיי אויף, דו וועסט היינטיקע נאַכט אין שופלאָדל פאַרברענגען: די אָרימע בלי־מעלעך זיינען קראַנק, נעבעך, זאָלן זיי ביי דיר אין בעטעלע אָפּרוען, וועלן זיי, אפשר, געזונט ווערן דעמאָלט!" און זי האָט באַלד פון דאָרט די לעלע אַרויסגענומען; די לעלע אָבער האָט זעהר אַ ברוגזע מינע געמאַכט און קיין וואָרט נישט געזאָגט — ס'האָט זי פאַרדראָסן, וואָס מ'האָט זי מטריח געווען.

נאָכדעם האָט אידאַ די בלומען אין לעלע־בעטעלע אַריינ־געלייגט, האָט זיי מיט אַ קאָלדרעלע צוגעדעקט, זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן ליגן רוהיק, וועט זי זיי טיי פאַרקאָכן, וועלן זיי ווי־דער צו זיך קומען און מאָרגן אויפשטיין קאָנען. און זי האָט אינגאַנצן די פאָרהאַנגלעך איבערן בעטעלע אַראָפּגעלאָזט, כּדי די זון זאָל זיי גלייך אין פּנים אַריין ניט שיינען.

דעם גאַנצן אויפדערנאַכט האָט די קליינע אידאַ נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס דער סטודענט האָט איר דערציילט. און ווי זי האָט זיך אַליין באַדאַרפט אין בעט לייגן, האָט זי פריער אונטער די פאָרהאַנגען, וואָס זיינען אויף די פענסטער געהאַנגען, אַ קוק געטאָן, דאָרט, וואו די בלומען פון איר מאַמען — די פּרעכטיקע היאַצינטן און טולפּאַנען — זיינען געשטאַנען, און שטילערהייט זיי איינגערוימט: „איך ווייס דאָך געוויס, אַז איר וועט היינט ביינאַכט אויפן באַל גיין". די בלומען האָבן אַזאַ פּנים געמאַכט, גלייך ווי זיי פאַרשטייען גאָרנישט און זיי האָבן אפילו מיט קיין בלעטעלע קיין ריר נישט געטאָן; אָבער די קליינע אידאַ האָט געוואוסט, וואָס זי זאָגט.

ליגנדיק אין בעט, האָט זי לאַנג געטראַכט וועגן דעם, ווי גוט ס'וואָלט געווען צו זען די שיינע בלומען אין מלכס פּאַלאַץ טאַנצנדיק. „זיינען באמת דאָרטן מיינע בלימעלעך גע־ווען?" — מיט די געדאַנקען איז זי אַנטדרימלט געוואָרן. נאָר אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דאָס מיידעלע אויפגעכאַפּט: ס'האָבן זיך איר געחלומט די בלומען און דער סטודענט, וואָס דער ראַטגעבער האָט אים געזידלט. אין צימער, וואו זי איז געלעגן,

איז שטיל געווען; אויפן טיש האָט אַ נאַכט־לאָמפּ געברענט; דער טאַטע און די מאַמע זיינען געשלאָפן.

— ליגן נאָך מיינע בלימעלעך אין סאָניטשקעס בעטל אַ־צינד? — האָט זי ביי זיך אַ טראַכט געטאָן. — אַך, ווי ס'וואָלט זיך מיר וויסן געוואָלט! אידאַ האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן און אַריינגעקוקט אין דער האַלב־געעפנטער טיר פון דעם צימער, וואו אירע בלומען און אַלע אירע שפּילעכלעך זיינען געלעגן. זי האָט זיך צוהערן גענומען, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין צימער דאָרט עמיצער אויף דער פּיאַנינא שפּילט, אָבער אַזוי שטיל־שטיל און אַזוי שיין, אַזוי ווי זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

„געוויס טאַנצן איצט אַלע בלומען דאָרט!" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — „אַך, גאָט מיינער, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט אַ קוק טאָן דערויף!" — זי האָט אָבער נישט געוואַגט אויפצו־שטיין, זי זאָל דעם טאַטן מיט דער מאַמען נישט אויפוועקן.

„ווען זיי זאָלן אַהער קומען!" — האָט דאָס מיידעלע גע־טראַכט, — אָבער די בלומען זיינען נישט געקומען, און די וואונדער־מוזיק האָט צו שפּילן ניט אויפגעהערט. לסוף האָט זי זיך שוין נישט איינהאַלטן געקאָנט: צופיל גוט איז שוין דאָרט געווען. איז זי פון איר בעטל אַראָפּגעקראָכן, שטילערהייט צו דער טיר צוגעגאַן און אין צימער אַריינגעקוקט: גאָט אַלמעכ־טיקער, וואָס פאַר אַ וואונדער האָט דאָרט אידאַ דערזען!

דער צימער איז פון קיין נאַכט־לאָמפּ נישט באַלויכטן געווען, און דאָך איז אין אים ליכטיק געווען. די לבנה האָט דורכן פענסטער גלייך אויף דער מיט פון ברוק אַריינגעשיינט, און אין צימער איז אַזוי ליכטיק, פּונקט ווי בייטאָג געווען. אַלע היאַצינטן און טולפּאַנען זיינען אויפן ברוק אין צוויי שורות אויסגעשטעלט געשטאַנען; אויף די פענסטער זיינען נאָר די ליידיקע וואַזאָנע־טעפּ געבליבן. אַלע בלומען האָבן זעהר ליב אויפן ברוק געטאַנצט, האָבן טורן געמאַכט, און זיך דריי־ענדיק, האָבן איינע די אַנדערע פאַר די לאַנגע גרינע שטענ־געלעך געהאַלטן. ביים פּאָרטעפּיאַן איז אַ גרויסע, געלע ליליע

געזעסן, איינע אַ ליליע, וואָס אידאַ האָט זי זומער געזען. זי האָט געדענקט, ווי דער סטודענט האָט איר געזאָגט דעמאָלט: ווי ענליך זי איז צו דער מאַדעמואַזעל לינאַ! דעמאָלט האָבן אַלע פון אים געלאַכט, אָבער איצט האָט זיך דער קליינער אידאַ אַליין אויך אויסגעוויזן, אַז די לאַנגע, געלע בלום איז אויף יענער פריילין ענליך; ביים שפּילן זיינען בײַ איר די זעלבע מאַנירן געווען: אַמאָל בויגט זי דאָס לאַכנדיקע געלע פּנים אויף איין זייט אַריבער, אַמאָל אויף דער צווייטער, און דערבײַ מאַכט זי אַלץ מיטן קאָפּ צום טאַקט פון דער מוזיק דער וואונדערליכער. קיינער האָט די קליינע אידאַ נישט באַמערקט. דערנאָך האָט זי דערזען, ווי אַ גרויסער, בלויער קראָקוס איז אויפן טיש אַרויפגעשפּרונגען, דאָרט וואו די שפּילעכלעך זיינען געשטאַנען, איז צום ליאַלע־בעטעלע צוגעגאַנגען און די פאָרהאַנגלעך צענומען: דאָרט זיינען די קראַנקע בלומען געלעגן, נאָר באַלד האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און האבן מיט די קעפּעלעך צו די איבעריקע אַ צייכן געגעבן, אַז זיי וועלן אויך טאַנצן. דאָס אַלטע שמענדריק־פּאַיאַצעלע, ביי וועלכן די אונטערשטע ליפּ איז אָפּגעהאַקט געווען, איז אויפגעשטאַנען און האט זיך פאַר די שיינע בלומען פאַרנויגט: זיי האבן שוין גאר קראַנק נישט אויסגעזען; זיי זיינען אויפן ברוק צו די איבעריקע אַראָפּגעשפּרונגען און זיי האָבן זיך אויך צו פרייען גענומען.

פלוצים איז פונם טיש עפּעס אַראָפּגעפאַלן. אידאַ האָט אין יענער זייט אַריין אַ קוק געטאָן: האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דאָס יומטובדיקע הושענא־בוימעלע אַרויפגעשפּרונגען: ווייזט אויס, אַז ס'האָט זיך אויך צו די בלומען צוגערעכנט. ס'איז אינדערראמתן זעהר אַ ליבס געווען. אויף דעם איז אַ קליינע וואַקסענע ליאַלע געזעסן, וואָס אויף דעם קאָפּ בײַ איר איז אַזאַ ברייטער קאַפּעליוש, פּונקט ווי ביים ראַטגעבער, געווען. דאָס הושענא־בוימעלע איז צווישן די בלומען אויף זיינע דריי רויטע שטאָלצן געשפּרונגען, געשפּרונגען און צוגעטופּעט; עס האָט אַ מאַזורקע געטאַנצט, אבער די איבעריקע

בלומען האָבן אין דעם טאַנץ קיין אנטייל נישט גענומען, ווייל זיי זיינען צו גרינג געווען און זיי האָבן נישט געקאָנט אַזוי הויך צוטופּען.

פלוצים האָט זיך די וואַקסענע לעלע, וואָס אויפן יום-טובדיקן הושענא-בוימעלע, אויסגעצויגן, איז אַ גרויסע געוואָרן, האָט זיך פון די פּאַפּיר-בלומען אָפּגעקערעוועט און הויך זיך צעשריגן: „ווי מעג מען עס אַ קינד מיט אַזוינע נאַרישקייטן דעם קאָפּ פאַרדולן? דאָס אַלץ זיינען דאָך נאָר פאַנטאַזיעס נאַרישע! און אין דער מינוט איז די וואַקסענע לעלע אַזוי ווי צוויי טראָפּן וואַסער צום ראַטגעבער מיט דעם ברייטן קאַפּעליוש ענליך געווען. האָבן די פּאַפּיר-בלומען אָבער איר איבער די פּיס אַ האַק געטאָן, האָט זי זיך דעמאָלט ווייטער צונויפגעצויגן און ווידער די פריערדיקע קליינע וואַקסענע לעלע געוואָרן. דאס איז אַזוי קאָמיש געווען, אַז די קליינע אידאַ האָט זיך פון לאַכן נישט געקאָנט איינהאַלטן. דער הושענא-בוים האָט ווייטער געטאַנצט, און דער ראַטגעבער איז אינאיינעם מיט אים צו טאַנצן גענויט געווען. אַלצאיינס, צי איז ער אַ גרויסער און לאַנגער געוואָרן, צי איז ער אַ קליינע, געלע וואַקסענע לעלע מיט אַ גרויסן, שוואַרצן קאַפּעליוש געבליבן, אַלצאיינס, און גאָרנישט האָט געהאָלפן, און ער האט געמוזט אינאיינעם מיט דעם צווייג טאַנצן. נאר דא האבן זיך די אייבעריקע בלומען פאַר אים אנגענומען, באַזונדערס די, וואס זיינען אין דער לעלעס בעטעלע געשלאפן, און דער הושענא-בוים האט אים צו רו געלאזט. אין דער זעלבער מינוט האט זיך אין שופלאד אַ הויכער קלאַפּ דערהערט. אין דעם שופלאד, וואו ס׳איז אידאַס לעלע סאָני אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע שפּילעכלעך געלעגן. שמענדריק איז צום סאַמע עק טיש צוגעלאפן, האט זיך אין דער גאנצער לענג זיינער אויפן בויך אויסגעצויגן און פאַמעליכן דאָס שופלאדל אַרויסרוקן גענומען. האט זיך דעמאלט די לעלע סאָני אויפגעהויבן און פאַרוואונדערט זיך אַרומקוקן גענומען: „איז דא נישט אַ באַל, אַ סברה, — האט זי געזאגט, — פאַרוואס-זשע האט מיר קיינער נישט געזאגט?“

— וועסט אפשר מיט מיר אין אַ טאַנץ זיך לאָזן? — האָט שמענדריק געפרעגט.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם קאַוואַליער פאַר מיר! — האָט זי געזאָגט און צו אים זיך מיטן רוקן אויסגעקערעוועט. דערנאָכדעם האָט זי זיך אויפן שופלאָדל אַוועקגעזעצט, וואַרטנדיק, אַז עמיצער פון די בלומען זאָל צו איר צוגיין און זי טאַנצן איינלאַדן; נאָר קיינער איז נישט צוגעגאַנגען, האָט זי דעמאָלט פלומרשט צו הוסטן גענומען: כם, כם, כם, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. שמענדריק האָט איצט אייגנער אַליין געטאַנצט און גאָר ניט שלעכט געטאַנצט... זעענדיק, אַז די בלומען באַמערקן זי גאָר נישט, האָט סאָני פונם שופלאָדל אויפן ברוק אַ שפרונג געטאָן, און מיט אימפעט גרויס, דעמאָלט זיינען צו איר די בלומען צוגעשפרונגען און ביי איר דערפרעגן זיך גענומען, צי זי האָט זיך ניט קיין וועך געגעבן. אַלע זיינען צו איר זעהר גוט און צוגעלאָזט געווען, באַזונדערס די, וואָס זיינען ביי איר אין בעטעלע געלעגן. האָט זי זיי געזאָגט, אַז קיין וועך האָט זי זיך ניט געטאָן, און אידאַס בלומען האָבן איר פאַרן שיינעם בעטעלע געדאַנקט, ליב זי אויף דער מיט פון צימער אַרויסגעפירט, אַהין, וואו די לבנה האָט געלויכטן, און מיט איר צו טאַנצן גענומען; און אַלע איבעריקע בלומען האָבן אַרום זיי אַ ראָד געמאַכט. איז דאַן סאָני זעהר צופרידן געווען און געזאָגט, אַז זיי קאָנען ביי איר אין בעטעלע אויך אויף ווייטער בלייבן, נישקשה, זי וועט אין שופלאָדל ליגן. די בלומען אָבער האָבן געזאָגט: מיר דאַנקען דיר זעהר, אָבער לאַנג שוין לעבן אויף דער וועלט וועלן מיר נישט. מאָרגן וועלן מיר טויטע זיין. זאָלסטו איבערגעבן דער קליינער אידאַן, אַז זי זאָל אונז אין סאָד באַגראָבן, דאָרט, וואו דער קאַנאַריק־פויגל איז באַגראָבן; וועלן מיר זומער דעמאָלט ווייטער אויפבליען און נאָך שענער אַרויסקומען.

— ניין, איר טאָרט ניט שטאַרבן! — האָט געזאָגט סאָני און האָט די בלומען קושן גענומען. נאָר דאָ האָט זיך מיט־

אַמאל די טיר פון זאַל אויפגעעפנט, און אַ פולע בלומען פרעכטיקע זיינען טאַנצנדיק אין צימער אַריינגעפלויגן. אידאַ האט בשום אופן נישט געקאנט פאַרשטיין, פון וואַנען האבן זיי זיך עס גענומען: געוויס זיינען דאס די בלומען פונם מלכס פאַלאַץ געווען. אויף פריער זיינען געגאַנגען צוויי וואונדער=שיינע רויזן מיט קליינע גאלדענע קרוינען אויף די קעפ. דאס איז דער מלך מיט דער מלכה געווען. נאך זיי זיינען, אויף אַלע זייטן זיך נויגנדיק, שייניקע לעווקאיען און געווירץ=נעגעלעך געגאַנגען. צווישן זיי איז אויך די מוזיק געווען. גרויסע מאָן=בלומען און פיאנען האבן אין אַרבעסבייטעלעך געבלאזן, און אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינען אַזש רויט געווארן פון אנגעשטרענגטקייט. בלויע היאַצינטן און קליינע ווייסע גלעקעלעך האבן אַזוי געקלונגען, גלייך ווי זיי וואלטן טאַקע באמת מיט קליינע גלעקעלעך אנגעהאנגען געווען. אוי, איז דאס אַ וואונדערליכע מוזיק געווען! דערנאך האבן זיך אַ סך אַנדערע בלומען באַוויזן און אַלע האבן אינאיינעם טאַנצן גענומען: בלויע פיאַלקעלעך מיט רויטע סאַמעטקעס, מאַרגאַריטקעלעך מיט מאי=בלימעלעך, אַלע בלומען האבן זיך געקושט איינס מיטן אַנדערן. דאס איז אַזוי ליב געווען — אַ חיות פשוט.

לסוף האבן די בלומען איינס דאס אַנדערע אַ גוטע נאַכט געזאגט און זיינען זיך צעגאַנגען. דעמאלט האט זיך שטילערהייט אויך די קליינע אידאַ צו איר אין בעטל אומגעקערט, און דארט האט זיך איר דאס אַלץ, וואס זי האט נאר=וואס געזען, געחלומט.

אויף מארגן אינדערפרי, איז זי באַלד צום טישעלע צוגעגאַנגען, צי זיינען די בלומען נאך דארט פאַראַן אַ קוק צו טאָן. זי האט צענומען די פארהאַנגלעך פון בעטעלע: יא, זיי זיינען נאך אַלע געלעגן דארטן, אבער נאך שוין מער פארוועלקטערע ווי נעכטן. סאני איז אין שופלאדל, וואוהין זי האט זי אריינגעלייגט, געלעגן און שטאַרק פאַרשלאפן אויסגעזען.

— געדענקסט, וואס מ׳האט דיר מיר איבערגעבן געהייסן? — האט געפרעגט די קליינע אידאַ. נאר סאני האט נאר געקוקט צו איר נאַריש און קיין ווארט נישט אויסגערעדט.

— ס׳אַראַ שלעכטס דו ביסט! — האט געזאגט אידאַ. — און זיי האבן נאך אַזוי פיל געטאַנצט מיט דיר! — נאכדעם האט זי גענומען דאס קליינע פידעלע, אויף וועלכן ס׳זיינען שיינע פויגעלעך אויסגעמאָלט געווען, האט עס אויפגעעפנט און אַהין די טויטע בלומען אַריינגעלייגט. „אט דאס וועט פאַר אייך אַ שיינע טרומנע זיין״ — האט זי געזאגט. „און דערנאכדעם, אַז ס׳וועלן צו מיר מיינע געשוועסטערקינדער קומען, וועלן זיי מיר העלפן אייך אין סאד באגראבן, כדי זומער זאלט איר ווייטער אַרויסוואַקסן און נאך שענערע ווערן.״

די געשוועסטערקינדער אירע, דאס זיינען צוויי פריילעכע יינגלעך געווען; איינעם האט מען האַנס גערופן, דעם צווייטן פעטער; דער פאטער האט זיי צוויי נייע פיילנבויגנס געשענקט, און זיי זיינען מיט זייערע מתּנות פאר אידאַן באַוויזן זיך געקומען. האט זי זיי דעמאָלט וועגן די אומגליקליכע בלומען, אַז זיי זיינען געשטארבן, דערציילט, און ביי די עלטערן אַן ערלויבעניש אויף זיי באַגראבן געבעטן. ביידע יינגלעך, די פיילנבויגנס אויף די אַקסלען טראגנדיק, זיינען פאראויס געגאַנגען, און די קליינע אידאַ מיט די טויטע בלומען אין שיינעם פודעלע איז זיי נאכגעגאַנגען. האבן די קינדער אין סאד אַ קליין גריבל אויסגעגראבן; אידאַ האט צום ערשטן די בלומען געקושט, דערנאך זיי מיטן פודעלע אין דער ערד אַריינגעלייגט; און פעטער און האַנס האבן אויפן קבריל פון די פיילנבויגנס אויסגעשאסן. נאר פון פיילנבויגנס... ווייל קיין ביקסן און קיין האַרמאַטן האבן זיי גראד אונטער דער האַנט נישט געהאַט.

דאס טענענביימל.

אין וואַלד איז אַ שיין קליין טענענביימל געוואַקסן. אַן ארט האט זיך דעם געטראפן אַן אויסגעצייכנטס, די זונען־שטראַלן האבן צו דעם פריי דערגרייכט, לופט איז גענוג געווען, און אַרום און אַרום האבן אַ סך חברים און עלטערע פון דעם געוואַקסן — נאדל־ביימער און טענענביימער. דאך האט דאס טענענביימל אַ גרויסע זארג איינע געהאַט — ס׳האט זיך דעם אַזוי געוואלט וואס גיכער אַ גרויסעס ווערן! נישט געטרייסט האבן דאס נישט די זון די וואַרימע, נישט די לופט די פרישע; ס׳האט אַפילו אויף די פויערים־קינדער אַכט נישט געגעבן, אויף די, וואס זיינען איבערן וואַלד אומגעלאפן און, פילעניצעס און מאַלינעס קלייבנדיק, געבעבעט פריילין. אפט, נאך דעם, ווי זיי פלעגן אַ פולע קריג יאַגדעס אנקלייבן אדער אויף אַ שטרויעלע זיי אויפגעצילעט, פלעגן זיי זיך נעבן דעם טענענביימל אַנידערזעצן און זאָגן: וואָס פאַר אַ ליב ברעקעלע דאָס איז, דאָס טענענביימל! אָבער דעם טענענביימל זיינען די אַלע לויבערייען צום האַרצן נישט געווען.

אין אַ יאָר אַרום איז דאָס ווערליק אַ פינגער די גרויס אויסגעוואַקסן און נאָך אין אַ יאָר — נאָך אמאָל אַזוי פיל. אַזוי איז עס מיט אַלע טענענביימעלעך. און דערום איז נאָכן צאָל פון די סימנים קאָן מען וויפיל יאָר דעם איז, דערקענען.

— אַך, ווען איך זאָל שוין אַזאַ גרויס, ווי אַנדערע זיין! — האָט געזאָגט דאָס טענענביימל, זיפצנדיק. — ווי ברייט

איך וואָלט מיינע צווייגן צעשפּרייט און מיט שפּיץ־קאָפּ אויף גאָטס ברייטער וועלט אַרויסגעקוקט! די פויגלען וואָלטן אין מיינע צווייגן זיך נעסטן געמאַכט, און ביי אַ מינדסט ווינטעלע וואָלט איך אויך אַזוי גרויסאַרטיק מיטן קאָפּ געשאָקלט, ווי אָט יענע, די גרויסע ביימער.

און נישט געטרייסט לחלוטין האָבן דאָס טענענביימל נישט די זונעגשיין, נישט די פויגעלעך, נישט די וואָלקנדלעך די ראָזע, וואָס זיינען אינדערפרי און אויפדערנאַכט איבער דעם אין הימל געשוואומען.

ווינטער, ווען דער בלענדנדיקער ווייסער שניי האָט די ערד צוגעדעקט, פלעגן אין וואַלד זיך האָזעלעך באַווייזן, און אָפּט און זיך צעלויפנדיק, פלעגן גלייך און איבערן ביימל איבערשפּרינגען. אַ, ווי דאָס איז פאַרן טענענביימל באַליידיגנ־דיק געווען! זיינען אָבער צוויי ווינטערן אַוועק, און אויפן דריטן איז דאָס שוין אַזוי הויך געווען, אַז די האָזעלעך האָבן עס שוין אַרום־און־אַרום אַרומגיין באַדאַרפט. אָ, וואַקסן און וואַקסן, אַ גרויסער און אונטערגעוואַקסענער בוים ווערן! וואָס קאָן נאָך אויף דער וועלט שענערס דערפון זיין! — האָט דאָס טענענביימל געטראַכט.

האַרבסט־צייט פלעגן, געוויינליך, די האָלץ־העקערס קומען און ביימער, סאַמע די גרעסטע, אויסהאַקן.

דאָס פלעגט אַלע יאָר פּאַרקומען; און דאָס יונגע טע־נענביימל, וואָס איז שוין גאָר אַ גרויס אויסגעוואָקסן, פלעגט נישט ווילנדיק יעדער מאָל אַ ציטער טאָן, ווען אַ גרויסער, פּרעכטיקער בוים פלעגט מיט אַ קראַך אויף דער ערד אַנידער־פאַלן. דערביי פלעגט מען ביי אים די צווייגן אַרומהאַקן און ער פלעגט אַזאַ נאַקעטער, לאַנגער און דאַרער ווערן, אַז ס'איז אים אוממעגליך צו דערקענען געווען. דערנאָך פלעגט מען די אָפּגעהאַקטע ביימער אויף אַ לאַנגן וואָגן אַרויפלייגן, און די פערד האָבן זיי פונם וואַלד אַרויסגעפירט.

— וואוהין האָט מען זיי געפירט? וואָס איז זיי פאַר־געשטאַנען?

פרילינג, ווען די שוועלבעלעך און די בושלען פלעגן צו פליען קומען, פלעגט זיך ביי זיי דאָס טענענביימל דער־פרעגן: „ווייסט איר נישט, וואוהין מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט? האָט איר זיי נישט באַגעגנט ערגעץ?”

די שוועלבעלעך האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט, נאָר דער בושעל פלעגט זיך פאַרטראַכטן, פלעגט מיטן קאָפּ אַ מאַך טאָן און זאָגן: „אַוודאי, ווייס איך! אַז איך האָב זיך פון עגיפּטן אומגעקערט, האָב איך אַ סך שיפן מיט פּרעכטיקע זעגל־ביימער באַגעגנט, איך מיין — אַז דאָס זיינען די חברים דיינע געווען, וואָרים ס׳האָט פון זיי מיט טענענבוים געשמעקט. יאָ, איך קאָן דיר פון זיי אַ גרוס אָפּגעבן. אַן אמת און גרויס גליק האָט זיי געטראָפן.

— אַך, ווען־זשע וועל איך שוין אַזוי אויסוואַקסן, כ׳זאָל קאָנען אויפן ים פאָרן? און וואָס איז דאָס אַזוינס דער ים אייגנטליך? ווי זעט ער אויס אויף דער מראה זיינער?

— נו, דאָס איז לאַנג צו רעדן, און לענגער אויפצו־קלערן, — פלעגט דער בושעל זאָגן און אַוועקפליען.

— געניס די יוגנט דיינע, — פלעגן די זונען־שטראַלן זאָגן, — געניס דאָס פרישקייט דיינס, די יונגע כוחות, וואָס שפּילן אין דיר!

און דער ווינט פלעגט דאָס ביימל קושן און דער טוי דאָס מיט טרערן באַוויינען. אָבער דאָס טענענביימל פלעגט צו אַלעם דעם לחלוטין גלייכגילטיק בלייבן.

ס׳איז חגא־צייט געקומען. אין וואַלד האָט מען גאָר־גאָר יונגע ביימעלעך האַקן גענומען. אייניקע פון זיי זיינען אפילו יינגער און מיטן וואוקס נאָך קלענער פון אונזער טענענביימל געווען, וואָס האָט נאָך אַלץ זיך נישט באַרוהיקן געקאָנט און האָט זיך נאָך אַלץ פון וואַלד אַרויס געריסן. דאָס מאָל האָט מען ביי די אָפּגעהאַקטע טענענביימלעך — ביי די סאַמע שענ־סטע פונם וואַלד — די צווייגן נישט גערירט. מ׳האָט זיי גלייך אויפן וואָגן אָנגעלייגט, און די פערד האָבן זיי פון וואַלד אַרויס אַ־ויסגעפירט.

— אויף וואָס באַדאַרף מען זיי? — האָט דאָס טענענביימל געפרעגט. — זיי זיינען דאָך נישט גרעסער פון מיר, און איינס איז נאָך אפילו אַ סך קלענער! און פאַרוואָס האָט מען ביי זיי די צווייגן נישט אָפגעהאַקט? און וואוהין פירט מען זיי?

— דאָס וויסן מיר! דאָס וויסן מיר! — האָבן די שפערלען געצוויטשערט. — דאָרט פון הינטן, אין שטאָט מיינען מיר, האָבן מיר אין די פענסטער אַריינגעקוקט, מיר וויסן, וואוהין מ'האָט זיי אַוועקגעפירט! אָ, זיי האָט אַזאַ גליק געטראָפן, אַז ס'איז נישט איבערצודערציילן! מיר האָבן אין די פענסטער אַריינגעקוקט און געזען, ווי מ'האָט זיי אין וואַרימע צימערן און אין דערמיט אַוועקגעשטעלט און מיט טייערע זאַכן — מיט אָפגעגילטע עפל, מיט זיסקייטן, שפילעכלעך און הונדערטער ליכט זיי באַהאָנגען.

— און דערנאָך? — האָט געפרעגט דאָס טענענביימל, פון אויפרעגונג מיט אַלע זיינע צווייגן ציטערנדיק, — און דערנאָך? וואָס האָט מען מיט זיי דערנאָך געטאָן?

— מער האָבן מיר גאָרנישט ניט געזען... נאָר אויך דאָס איז זעלטן שיין געווען, אַך, ווי שיין!

— זאָל-זשע זיין, אַז אויך מיר שטייט אַזאַ גלענצנדיקע צוקונפט פאָר? — האָט מיט פרייד דאָס טענענביימל געטראַכט. — דאס איז דאך נאך בעסער, ווי אויפן ים צו פארן, אָבער וואס פאַר אַ מאַטערניש אט דאס ווארטן איז! זאל-זשע גיכער שוין דער חגא קומען! איצט בין איך דאך שוין אַזוי גרויס, ווי יענע טענענביימלעך, וואס מ'האט זיי פאַר-אַ-יאָרן אַוועקגעפירט!... אַך, ווען-זשע וועל איך שוין לסוף אויפן וואגן ליגן! ווען-זשע וועט אויך מיך דאס גליק טרעפן און איך וועל אין אַ ווארימען צימער שטיין, מיט אַלע טייערקייטן און פרעכטיקייטן ארומגערינגלט!... און וואס וועט דערנאכדעם זיין?... אָ, דערנאָכדעם וועט געוויס נאָך עפעס בעסערס זיין, נאָך זעלטענערס, וואָרים ווען ניט, נאָך וואָס וואָלט מען מיך עס אַזוי באַפוצט גאָר? יאָ, געוויס וועט דערנאָכדעם נאָך בעסער זיין!... נאָר וואָס אזוינס?... אָ, ווי איך לייד און ווי דער אומגע-

ולד קרענקט מיך! איך ווייס אַליין ניט, וואָס מיט מיר טוט זיך דאָ אַזוינס!...

— אונז געניס! — האָבן די לופּט און די זונענשיין געזאָגט: — געניס דיין יוגנט דיין פרישע אויף דער פריי און אויף דער פרייהייט.

אָבער דאָס טענענביימל האָט געניסן נישט געקאָנט. ס'איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. זומער און ווינטער איז דאָס אין טונקל־גרינעם אָנטאָן געשטאַנען, און די מענטשן, וואָס האָבן דאָס געזען, פלעגן זאָגן: „אָט אַ ביימל אַ זעלטנס!" און אַז דער חגא איז געקומען, האָט מען דאָס פּאַר אַלע אויסגעהאַקט. טיף אין סאַמע האַרצן אַריין האָט זיך די האַק אַריינגעהאַקט, און דאָס טענענביימל איז מיט אַ קרעכץ אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן. ס'האָט אַ שטאַרקן ווייטאָק דערפילט, אַ כח־מאַטקייט און ס'איז שוין ניט אומשטאַנד געווען פון וואָסערן ס'ניט איז גליק שוין צו טראַכטן; שווער איז דעם געווען מיטן געבורטס־לאַנד זיך צעשיידן, מיט דעם אָרט, וואו ס'איז אויסגעוואַקסן. ס'האָט דאָך געוואוסט, אַז ס'וועט שוין מער די ליבע, אַלטע חברימלעך, די קליינע קוסטעלעך און בלומען, וואָס האָבן אַרום און אַרום דעם געוואַקסן, נישט זען, און מעגליך, אַז אויך די פויגעלעך שוין ניט אַפילו! אַוועקפאָרן — אַ, ווי נישט פריילעך דעם איז געווען!

דאָס טענענביימל איז ערשט דעמאָלט צו זיך געקומען, ווען מ'האָט דאָס אויף אַ הויף אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע ביימער צונויפגעלייגט און עפּעס איינער אַ מענטש האָט באַמערקט וועגן דעם: „אָט אַ ביימל אַן אויסגעצייכנטס, אָט דאָס טאַקע וועלן מיר נעמען!"

אָט דעמאָלט זיינען צוויי אויסגעפּוצטע באַדינטע געקומען און דאָס טענענביימל אין אַ גרויסן, פּרעכטיקן זאַל אַריינגעטראָגן. ארום און ארום די ווענט זיינען בילדער געהאנגען, און נעבן דער גרויסער הרובע, דער קאַכלענער, זיינען גרויסע כינעזישע וואזעס, מיט לייבן אויף די דעקלעך, געשטאנען. געווען זיינען דאָרט שטולן זיך שאָקלענדיקע, דיוואַנען

מיט זייד געדעקטע, טישן גרויסע, מיט ביכער און מיט בילדער פּאַרוואַלגערטע, און שפּילעכלעך אויף אַ גאַנצן טויזנטער — אַזוי אַלנפאַלס האָבן געזאָגט די קינדער. דאָס טענענביימל האָט מען אין אַ גרויס דיישקעלע, מיט זאַמד אָנגעפּילטס, אַריינגעשטעלט; אָבער קיינעם האָט אַפילו אין זינען נישט געקאָנט קומען, אַז דאָס איז אַזוי זיך אַ דיישקעלע א פּראָסט, וואָרים דאָס איז מיט אַ גרינער מאַטעריע אַזוינער באַצויגן געוועזן און אויף אַ גרויסן פּאַרב־רייכן טעפּיך אַוועקגעשטעלט געוואָרן. אָ, ווי . געפלאַטערט האָט איצט דאָס טענענביימל! וואָס אַזוינס וועט דאָ ווייטער זיין? דערנאָך האָבן עס די דינער מיט די פריילינס באַפּוצן גענומען. אויף די צווייגן האָבן זיי קליינע נעץ־טאָרבעלעך, פון פאַרשיידן־פאַרביק פּאַפּיר אויסגעשניטענע, אויפגעהאַנגען, און מיט קאָנפעקטן און מיט געפּילעכץ־קיכעלעך זיי אָנגעפּילט; ניס און עפּל אָפּגעגילטע האָבן זיך אַראָפּ אַראָפּגעהאַנגען, גלייך ווי זיי וואָלטן אַזוי טאַקע אויפן בוים אויסגעוואַקסן געוואָרן, און צווישן דעם אַלעם האָט מען מער פון הונדערט אודאי רויטע, בלויע און ווייטע ליכטלעך אָנגעקלעפּט. לעלעס, כמעט ווי מענטשן לע־בעדיקע, — דאָס טענענביימל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוינע — האָבן פונם גרינס אַרויסגעקוקט, און אויפן סאַמע בוים־שפּיץ האָט מען אַ שטערן פון גאָלד־פּאַפּיר צוגעקלעפּט. איז דאָס שוין פּרעכטיק געווען, וואונדער, ווי פּרעכטיק!

— היינט אויפדערנאַכט, — האָבן פריילין די אַרומיקע געזאָגט: — היינט אויפדערנאַכט וועט דאָס אַלץ לכבוד דעם יום־טוב שיינען.

— אַך, — האָט דאָס טענענביימל זיך געטראַכט: — זאָל שוין גיכער דער אויפדערנאַכט אָנקומען! זאָל מען שוין גיכער די ליכט אָנצינדן! וואָס אַזוינס וועט דערנאָכדעם זיין? צי וועלן די ביימער פון וואַלד אויף מיר אַ קוק טאָן קומען? צי וועלן די שפּערלען צו פליען קומען, כדי אין די פענסטער אַריינצוקוקן? צי וועל איך שוין אפשר גאָר צום אָרט צו־וואַקסן און סיי זומער, סיי ווינטער אַזאַ שוין אויסגעפּוצטע שטיין?

יאָ, מ׳קאָן ניט זאָגן, אַסך האָט זיך דעם טענענבײמל געגלוסט! פון שטאַרקן אומגעדולד האָט זיך בײ דעם אַזש די קאָרע צעװײטאָקט — און קאָרע־װײטאָק פאַר אַ בױם איז אױך אַזױ אומאַנגענעמען, װי קאָפּ־װײטאָק פאַר אַ מענטשן.

לסוף זײנען די ליכט אָנגעצונדן געװאָרן. ס׳אַראַ גלאַנץ! ס׳אַראַ פּרעכטיקײט! דאָס טענענבײמל האָט זיך אַזױ שטאַרק מיט די צװײגן צעציטערט, אַז אײנער אַ צװײג האָט זיך אַזש אין די ליכט אָנגערירט און זיך אָנגעצונדן.

— אײ! אײ! — האָבן זיך די פרײלײנס צעשריגן און זיך אַ װאָרף געטאָן דאָס פײער לעשן.

איצט האָט זיך דאָס טענענבײמל אפילו אַ ריר טאָן זיך נישט געװאַגט. אָ, דאָס איז אַן אמת אָפּקומעניש געװען! ס׳האָט אַזױ מורא געהאַט עפּעס װאָס פון די באַפּוצונגען צו פאַרלירן... דאָס אָרימע, נעבעך, איז װי געפּלעפט געװאָרן פון דער ליכ־

טיקייט פון דער גרויסער... האבן זיך פלוצים ברייט די טירן אָן עפן געטאָן, און — אַ פולע קינדער האבן זיך אין זאַל אזוי האַסטיק אַריינגעריסן, גלייך ווי זיי וואלטן דעם בוים אומ־וואַרפן געוואלט. נאך זיי זיינען געזעצט די עלטערע אַריינגע־גאַנגען. האבן זיך די קינדער פאַרן טענענביימל אוועקגעשטעלט און — ווי פון באַוואונדערונג אַנטשטומט געווארן; אבער דאס האט נישט מער ווי אַ מינוט געדויערט. באַלד נאך דעם האט זיך אַ שרעקליכער געטומל אנגעהויבן. זיי האבן שפרונגען און טאַנצן אַרום ביימל גענומען און איינס נאכן אנדערן די מתנות פון דעם רייסן.

— וואס טוען זיי עס? — האט דאס טענענביימל גע־טראַכט. — וואס וועט ווייטער זיין?

די ליכט דערווייל האבן ביז צו סאַמע די צווייגן שוין דערברענט. האט מען זיי איינס נאכן אנדערן געלאשן און די קינדער האָבן רשות באַקומען דעם בוים צו באַנעמען. נו, האָבן זיי זיך עס אַ וואָרף געטאָן אויפן טענענביימל אויפן אָרימען! אַלע צווייגן פון דעם האָבן קנאַקן גענומען, און וואָלט עס מיט קיין גאָלדענעם שטערן צו דער סטעליע נישט צוגעבונדן געווען, אַזוי וואָלט מען עס געוויס אויף דעם ברוק געווען אומגעוואָרפן.

די קינדער האָבן מיט זייערע טייערע שפּילעכלעך גע־טאַנצט און געשפרונגען. אויף דעם טענענביימל האָט שוין קיינער קיין אַכט נישט געגעבן. אַליין נאָר די ניאַניע, די אַלטע, איז צו דעם נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען, אי דאָס צוליב דעם נאָר, זי זאָל אַ קוק טאָן — צי איז, אפשר, צווישן די צווייגן דאָרט אַ נישט־קיין־אָפּגעריסענע באַר, צי אַ ראָזינקע נישט פאַרבליבן.

— אַ מעשה! אַ מעשה! — האָבן פלוצים די קינדער זיך צעשריגן און האָבן צום ביימל אַ קליין דיק מענטשל פאַר די פאַלדן געשלעפט.

— נו, איצט זיינען מיר, ווי אין וואַלד פינקטליך, — האָט יענער, אונטער דעם טענענביימל זיך אוועקזעצנדיק, גע־

זאָגט; — און אויך אָט דאָס בײמל װאָלט ניט געשאַדט אונז אויסצוהערן. נאָר דערצײלן װעל איך אײך אײנע נאָר אַ מעשה. װאָסערע װילט איר: די מעשה פון איװעדע=אװעדע, אָדער װעגן קלומפּע=דומפּע, װאָס איז פון דעם לײטער אראָפּגעפאַלן, און, דאָך, נישט קוקנדיק דערויף, האָט צו גרויס כּבוד דערגרײכט און פאר דער פּרינצעסין חתונה געהאַט.

— איװעדע=אװעדע! — האָבן אײניקע געשריגן. — קלומפּע=דומפּע! — האָבן די צװײטע זײ איבערגעשריגן. אָט איז דאָרט אַ טאַראַראַם און אַ גערודער געװאָרן! אַלײן נאָר דאָס טענענבײמל איז שװײגנדיק געשטאַנען און זיך געטראַכט: זאָל=זשע זײן, אַז איך בין דאָ גאָרניט, און איך װעל דאָ גאָר קײן אנטײל נישט נעמען? ס׳איז דעם טענענבײמל אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען, אַז זײנס האט דאס שוין אפּגעטאָן און אַז מער גױטיקט זיך שוין דערין קײנער ניט.

און דאס דיקע מענטשל האט װעגן קלומפּע=דומפּע דערצײלט, װעלכער האט זיך פון די לײטער=טרעפּ אראפּגעקײקלט און דאך צו גרויס כּבוד געקומען און די פּרינצעסין פאר אַ װײב געקראגן. און די קינדער האבן מיט די הענטלעך געפּליעסקעט און געשריגן: „נאך! נאך דערצײל!״ ס׳האט זיך זײ אויך די מעשה װעגן איװעדע=אַװעדע הערן געגלוסט. אבער דאָס מענטשל דאָס דיקע האָט מער שוין ניט דערצײלן געװאלט. פון זײן זײט דאס טענענבײמל איז שװײגנדיק געשטאַנען און פארטראכט זיך טיף: די פױגעלעך אין װאלד האבן דעם קײנמאל נישט דערצײלט אזעלכס. „קלומפּע=דומפּע איז פון דעם לײטער אראפּגעפאַלן און דאך פאר דער פּרינצעסין חתונה געהאט! יאָ, יאָ! אויף דער װעלט טרעפט זיך אַזױנס!— האט דאס טענענבײמל געטראכט און געגלױבט, אַז דאס אַלץ איז דער אמתער אמת, װארים ס׳האט דאך דאס פון אזאַ בּכבודיקן מענטשן געהערט. „יא, מ׳קאן נישט װיסן! מעגליך, אַז אויך איך װעל אמאל פונם לײטער אראפּפאלן און די האנט פון דער פּרינצעסין באקומען״. און דאס טענענבײמל האט זיך פארגעשטעלט פרײליך, אַז אויך אויפן צװײטן טאג װעט

מען דאס מיט ליכט און מיט שפּילעכלעך, מיט גאָלד און מיט פּרוכטן באַפּוצן.

— מאָרגן וועל איך שוין ניט ציטערן! — האָט דאָס גע־טראַכט — איך וועל זיך נאָך מיט מיין פּרעכטיקייט באַנוגענען. מאָרגן וועל איך ווייטער די געשיכטע וועגן קלומפּע־דומפּע הערן און, מעגליך, אויך וועגן איוועדע־אַוועדע. און די גאַנצע נאַכט איז דאָס טענענביימל פאַרטראַכט און גאָרנישט רעדנדיק געשטאַנען.

אינדערפרי איז אין דעם צימער איינער אַ באַדינטער מיטן דינסט־מיידל אַריינגעגאַנגען.

„באַלד וועט מען מיך ווייטער באַפּוצן נעמען"! — האָט זיך דאָס טענענביימל געטראַכט. — אָבער יענע האָבן דאָס פון דעם זאַל אַרויסגעשלעפּט, דורך דעם לייטער אויפן בוידעם אַרויף אַרויפגעשלעפּט און דאָרטן אין אַ ווינקל אַ פינסטערן, וואוהין קיין טאָג־שיין קומט נישט, אַוועקגעשטעלט. — „וואָס זאָל דאָס הייסן? — האָט דאָס טענענביימל זיך געטראַכט. — וואָס וועל איך דאָ טאָן? וואָס וועל איך דאָ הערן?" און דאָס טע־נענביימל האָט זיך צו דער וואַנט צוגעשפּאַרט און אַלץ גע־טראַכט און אַלץ אַרומגעטראַכט... צייט אויף טראַכטן איז ביי דעם גענוג געווען, וואָרים טעג זיינען נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט פאַרגאַנגען און קיינער האָט צו דעם אפילו קיין קוק נישט געטאָן. ווען לסוף, אַז עמיצער איז שוין יאָ אויפן בוידעם אַרויפגעגאַן, איז נאָר צוליב דעם, ער זאָל אין ווינקל עטליכע גרויסע קאַסטנס אַוועקשטעלן. דאָס טענענביימל איז אינגאַנצן דורך זיי פאַרשטעלט געוואָרן און מע האָט אין דעם ווי פאַרגעסן לחלוטין.

„איצט איז ווינטער אין דרויסן, — האָט דאָס טענענביימל געטראַכט. — די ערד איז האַרט און מיט שניי באַדעקט, דע־רום קאָנען די מענטשן מיך נישט פאַרפלאַנצן איצט און ווילן מיך דאָ ביז דעם פרילינג האַלטן. ווי קלוג דאָס איז! ווי גוט די מענטשן זיינען! ווען ס'זאָל דאָ נאָר אַזוי שרעקליך פינסטער און פּוסט נישט זיין! אפילו קיין האָזעלע קיין קליינס איז

דאָ אויך נישט צו זען!... און ווי גוט איז דאָרט אין וואַלד געווען, ווען אַרום איז דער שניי געלעגן און דאָס האָזעלע איז פאַרביי געלאָפן, אפילו אויך דאַן, ווען ס׳איז איבער מיר איבערגעלאָפן!... אמת, דעמאָלט האָב איך עס איבערטראָגן נישט געקאָנט. אָבער וואָס פאַר אַ שרעקליכער עלנד דאָ איז!

— פי! פי! — האָט אַ מייזעלע אַ קליינס אַ קוויטש געטאָן און פון דעם וואוין־לעכעלע אַרויסגעשפּרונגען, האָט זיך נאָך דעם אַ צווייטס באַוויזן. האָבן זיי דאָס טענענביימל אַרומגעשמעקט און צווישן די צווייגעלעך דעמס זיך אַן ערטעלע געפונען.

— וואָס פאַר אַ קעלט אַ שרעקליכע! — האָבן די מייזעלעך געזאָגט. — ווען ניט דאָס, וואָלט דאָ אויסגעצייכנט גוט געווען! ניט אמת, טענענבוים אַלטער?

— איך בין גאָר קיין אַלטער נישט! — האָט דאָס טענענביימל אָפּגעענטפערט. — ס׳פאַראַן טענענביימער אַ סך עלטערע פון מיר.

— פון וואַנען ביסטו? און וואָס ווייסטו? — האָבן די מייזעלעך געפרעגט, וואָרים זעהר אַ נייגיריק־פאָלקל זיינען אָט די מייזעלעך. — דערצייל אונז וועגן דעם שענסטן אָרט פון דער וועלט... ביסטו דאָרט געווען? ביסט געווען אין קעמערל דאָרט, וואו אויף די פּאָליצעס קעז ליגן און אונטער דער סטעליע גערויכערטע פליישן הענגען, דאָרט וואו מ׳קאָן אויף חלבנע ליכט אַרומטאַנצן און וואו מ׳גייט אַ דאַרע אַריין און אַ פעטע — אַרויס?

— ניין, אַזעלכע ערטער ווייס איך ניט! — האָט דאָס טענענביימל געזאָגט: — אָבער איך ווייס דעם וואַלד, וואו ס׳שיינט די זון און וואו די פייגעלעך זינגען: — און דאָס טענענביימל האָט זיי פון זיין יוגנט דערציילט, און די מייזעלעך, וואָס האָבן קיינמאָל נאָך נישט געהערט אַזוינס, האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און אַזוי געזאָגט: וויפיל דו האָסט אויסגעזען פונדעסטוועגן! וואָס פאַר אַ גליקליכער דו ביסט געווען!

— איך, הייסט עס? — האָט זיך דאָס טענענביימל פאַר־וואונדערט און האָט זיך וועגן דעם, וואָס ס'האָט נאָר־וואָס דערציילט, פאַרטראַכט. — דאָס זיינען דאָך באמת טאַקע גוטע צייטן געווען.

דערנאָך האָט דאָס אָנגעהויבן וועגן דעם יום־טוב־אָוונט צו דערציילן, וועגן דעם אָוונט, ווען מ'האָט דאָס מיט ליכט און מיט גוטע זאַכן באַפּוצט.

— אָ! — האָבן די מייזעלעך אויסגעשריגן, — וואָס פאַר אַ גליקליכער דו ביסט, דו טענענבוים אַלטער!

— איך בין גאָר קיין אַלטער נישט! — האָט געזאָגט דאָס טענענביימל, — איך בין ערשט היינטיקן ווינטער פונם וואַלד אַרויסגעפירט געוואָרן. איך בין ערשט אין די סאַמע בלי־יאָרן, נאָר מיטן וואוקס בין איך נישט גאָר געראָטן.

— ווי שיין דו דערציילסט! — האָבן די מייזעלעך געזאָגט און אויפן צווייטן אויפדערנאַכט נאָך פיר צוהערערינס מיט זיך מיטגעבראַכט. און דאָס טענענביימל האָט ווידער וועגן זיך דערציילן גענומען, און וואָס מער ס'האָט דערציילט, אַלץ לעבעדיקער האָט זיך עס אין פאַרגאַנגענהייט דערמאַנט, און ס'האָט געטראַכט: יאָ, דאָס איז אַ גליקליכע צייט געווען! אָבער זי וועט זיך נאָך אַמאָל אומקערן! קלומפּע־דומפּע איז פונם לייטער אַראָפּגעפאַלן און דאָך פאַר דער פּרינצעסין חתונה געהאַט. ווער ווייסט, מעגליך, אַז אויך מיר וועט אַ פּרינצעסין באַשערט זיין. און דערביי האָט עס זיך אין דעם שיינעם בירקע־ביימעלע, וואָס איז אין וואַלד געוואַקסן, זיך דערמאַנט. אין זיינע אויגן איז דאָס בירקע־ביימעלע אַן אמת־שיינע פּרינצעסין געווען.

— ווער איז דאָס אַזוינס קלומפּע־דומפּע? — האָבן די מייזלעך געפרעגט, און דאָס טענענביימל האָט זיי די גאַנצע געשיכטע דערציילט. ס'האָט אויסגעצייכנט יעדער וואָרט גע־דענקט, און די מייזלעך זיינען אין אַזאַ התפעלות־פרייד אַריין, אַז זיי זיינען שיער־שיער אייפן שפּיץ־בוים נישט אַרויפגע־שפּרונגען. אויף דער צווייטער נאַכט זיינען נאָך מער מייז־

געקומען, און זונטאָג זיינען אפילו אויך צוויי גרויסע מייז געקומען, אָבער די לעצטע האָבן וויסן געלאָזט, אַז די מעשה איז גאָרנישט אַזוי אינטערעסאַנט. דאָס האָט זעהר טרויעריק געמאַכט די מייזלעך, און זיי האָבן אַליין אויך אַצינד געפונען, אַז די מעשה מיט קלומפּע־דומפּע איז נישט אַזוי אינטערע־סאַנט גאָר.

— קאָנט איר דען מער נישט נאָר די איינע מעשה? — האָבן געפרעגט די מייז.

— יאָ, נאָר די איינע! — האָט געזאָגט דאָס טענענ־ביימל. — איך האָב זי אין גליקליכסטן אָוונט פון מיין לעבן געהערט; נאָר דעמאָלט האָב איך אַליין נישט געוואוסט, ווי גרויס מיין גליק איז געווען.

— נו, דאָס איז אַ געמיינע געשיכטע! צי קאָנט איר אונז נישט דערציילן עפּעס וואָס וועגן חזיר־שמאַלץ, וועגן ליכט חלבנע, אָדער וואָסערע ניט אַנדערע נאַש־געשיכטע?

— ניין, — האָט געענטפערט דאָס טענענביימל.

— זייט־זשע אונז געזונט! — האָבן די מייז געזאָגט און זיינען זיך צו זיך אַוועקגעגאַנגען.

באַלד האָבן שוין אויך די מייז צו קומען אויפגעהערט, און דאָס טענענביימל האָט ווייטער אין איינזאַמקייט צו בענ־קען גענומען. „ווי גוט דאָס איז געווען, — האָט עס זיך גע־טראַכט זיפצנדיק, — ווען די קליינע מייזלעך די רירעוודיקע זיינען אַרום מיר אויסגעזעצט געזעסן און מיינע מעשיות אויס־געהערט. איצט איז אויך דאָס פאַרגאַן. איך וועל אָבער מיט פאַרגעניגן אָן זיי זיך דערמאַנען, ווען מ׳וועט מיך אַרויס־טראָגן פון דאַנען".

האָט זיך דערויף דאָס טענענביימל אויסגעוואַרט? יאָ! איינמאָל אין אַ פרימאָרגן זיינען מענטשן דעם בוידעם אויפראַ־מען געקומען. די קאַסטנס זיינען אָפּגערוקט געוואָרן, און דער בוים פון ווינקל אַרויסגעשלעפּט. אמת, דערביי האָט מען דאָס טענענביימל נישט איבעריק איידל אויף דר׳ערד דאָרט אַ וואָרף געטאָן. נאָר דערנאָך אָבער האָט מען עס אויפן לייטער

אַרויסגעטראָגן, דאָרט וואו ס'איז פֿולקאָם ליכטיק געווען.

— נו, אָט איצט וועט זיך בײַ מיר אַ נײַ לעבן אָנהייבן! — האָט דאָס טענענבײמל אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט די פֿרישע לופֿט דערפֿילט, די זונענשײַן און... ס'האָט זיך פֿון אונטן און אויבן הויף געטראָפֿן. דאָס אַלץ איז אַזוי געשווינט פֿאָרגעקומען, אַרום זײַנען אַזוינע אינטערעסאַנטע זאַכן געווען, אַז ס'האָט לחלוטין פֿאַרגעסן אויף זיך אַ קוק צו טאָן. דער הויף האָט זיך מיט אַ סאָד געשכנט, וואָס ער איז אין פֿולן בליעכץ דאַן געשטאַנען. פֿרישע, שמעקנדיקע רויזן האָבן זיך דורכן קליינעם גראַטע־פּלויטל אַריבערגעהאַנגען, לינדן־ביימער האָבן געבליט, און שוועלבעלעך האָבן זיך געדרייט אַרום זיי און געצוויטשערט: „קווירע־ווירעפּיט, אָט איז זי, אָט איז זי, לסוף!” נאָר דאָס אַלץ האָט זיך צום טענענבײמל נישט אָנגעהערט.

— אָט איצט וועל איך דאָס אַ לעב טאָן! — האָט דאָס טענענבײמל געשטראַלט־געפֿרייט זיך און ברייט די צווייגן אויסגעצויגן. אָבער, אָ! זיי זײַנען דאַר און געל געווען, און אַליין דאָס בײמל איז אין ווינקל צווישן מיסט און קראָפּיווע געלעגן. דער גאָלדענער שטערן האָט זיך נאָך אַלץ אויפֿן שפּיץ געשייַנדלט און אויף דער זונען־ליכט געבלישטשעט.

אויפֿן הויף האָבן אייניקע פֿאַרשייטע קינדער זיך געשפּילט, פֿון די, וואָס אין דער חגא־נאַכט האָבן אַרום בוים געטאַנצט און אַזוי זיך אַנטציקט־געפֿרייט מיט אים. איינער פֿון זיי, סאַמע דער קלענסטער, איז צום טענענבײמל צוגעלאָפֿן און פֿון אים דעם גאָלדענעם שטערן אַראָפּגעריסן.

— זעט נאָר, וואָס אויף דעם מיאוסן, אַלטן טענענבײמל איז געבליבן! — האָט ער אויסגעשריגן און אַזוי שטאַרק אויף די צווייגן אָנגעטראָטן, אַז זיי האָבן זיך אַזש צעקנאַקט אונטער די שטיוועלעך זײַנע.

און דאָס טענענבײמל האָט אויפֿן פֿרעכטיקן סאָד אָנגעטאָן אַ קוק געטאָן, האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן און באַדויערט, פֿאַרוואָס מ'האָט דאָס אין פֿינסטערן ווינקל אויפֿן

בוידעם נישט איבערגעלאָזט. ס׳האָט זיך אין זיין פרישער יוגנט אין וואַלד דערמאָנט, דעם פריילעכן יום־טוב־אָוונט און די קליינע מייזעלעך, וואָס האָבן מיט אַזאַ פאַרגעניגן די געשיכטע וועגן קלומפּע־דומפּע געהערט.

— פאַרגאַנגען! אַלץ פאַרגאַנגען! — האָט דאָס אַלטע טענענביימל געזאָגט. — וואָלט איך זיך כאָטש באַנוגע־נען געווען מיט דעם אַלעם, ווען ס׳איז נאָך צייט גע־ווען! איצט איז אַלץ פאַרגאַנגען, אויף נישט זיך אומצוקערן פאַרגאַנגען!

באַלד איז דער אַרבעטער געקומען און דעם בוים אויף שטיקער צעהאַקט, און באַלד נאָך דעם האָט זיך דער גאַנצער האָלץ־הויפן העל זיך אונטער אַ גרויסן קעסל צעברענט. שווער געזיפצט האָט דאָס טענענביימל. יעדער זיפץ פון דעם איז פונקט, ווי אַ קליינער שאָס געווען, אַזוי אַז די קינדער האָבן זייערע שפּילן פאַרלאָזט, האָבן זיך צום פייער צוגעזעצט, און, קוקנדיק דערויף, „פיף־פאַף“ דעם נאָכגעזאָגט. און ביי יעדן קנאַק, וואָס איז אַ טיפער זיפץ געווען, האָט דאָס טענענביימל זיך אָן איינעם אַ זומער־פרימאָרגן אין וואַלד דערמאָנט, אָדער אָן אַ פראָס־טיקער ווינטער־נאַכט, ווען די שטערן אַזוי העל לויכטן, האָט זיך אָן דער יום־טוב־נאַכט דערמאָנט און אָן קלומפּע־דומפּע, אָן דער איינציקער געשיכטע, וואָס ס׳האָט נאָר אויפן לעבן געהערט און דערציילן גע־קאָנט... און דאַן איז דאָס טענענביימל פאַרברענט געוואָרן.

די יינגלעך האָבן ווייטער זיך אין סאָד געשפּילט. סאַמע דער קלענסטער האָט אויף זיין האַרץ־ברוסטל דעם גאָלדענעם שטערן געטראָגן, דעם, וואָס האָט דאָס טענענביימל אין זיין גליקלעכסטן אָוונט פון זיין לעבן באַשיינט. יענער אָוונט איז אַוועק, דאָס טע־נענביימל איז שוין מער נישטאָ, און דערום איז שוין

אויך פון דער געשיכטע אונזערער דער סוף. אַלץ פאַר־
גייט, אַלץ האָט אַ סוף אויף דער וועלט — און אויך
די אינטערעסאַנטסטע געשיכטע אפילו.



דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע.

אַמאָל זיינען געווען פינף און צוואַנציק בלייערנע סאָלדאַטעלעך. אַלע זיינען זיי ברידער געווען, ווייל אַלע זיינען זיי פון איין בלייערנעם לעפל געמאַכט געוואָרן. האָבן זיי די ביקסן אויף די אַקסלען געטראָגן, געקוקט גלייך, און די מונדירן ביי זיי זיינען פון רויטס מיט גרינעם געווען — שוין איינמאָל מונדירן! דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן דערהערט אויף דער וועלט, ווי נאָר מ׳האָט דאָס פושקעלע, אין וועלכן זיי זיינען געלעגן, אַן עפן געטאָן, זיינען געווען די ווערטער: „בלייערנע סאָלדאַטעלעך!...” די ווערטער האָט, פליעסקענדיק און אין די הענטלעך פּאַטשנדיק, אַ קליין ייִנגעלע אַרויסגעזאָגט. ער האָט נאָרוואָס די סאָלדאַטעלעך במתנה באַקומען (ס׳איז דאַן זיין געבורטס־טאָג געווען) און ער האָט זיי אויפן טיש באַלד אויפשטעלן גענומען. אַלע זיינען זיי איינס אויפן אַנדערן, ווי צוויי טראָפּן ענליך געווען. איינס נאָר האָט זיך אַ ביסל פון די איבעריקע אויסגעצייכנט — ס׳האָט איין פוס נאָר געהאַט, ווייל אויפן צווייטן האָט שוין קיין בליי נישט געקלעקט. דאָך איז עס אַזוי פעסט אויף דעם איינעם פוס געשטאַנען, ווי אַלע איבעריקע אויף זייערע בײדע. און אָט וועגן דעם טאַקע מיטן פוס מיטן איינעם איז דערציילן וואָס פאַראַן.

אויפן טיש, וואו ס׳זיינען די בלייערנע סאָלדאַטעלעך אויסגעשטעלט געווען, זיינען נאָך אַ סך אַנדערע שפּילעכלעך געשטאַנען. מער פון אַלץ האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן אַ שיינער פּאַלאַץ פון קאַרטאָן אַ געמאַכטער; דורך די קליינע פענסטערלעך זיינע האָט מען אין זיין אינעווייניקסט אַריינגעקוקט; ארום דעם פּאַלאַץ, אַרום אַ קליין שפּיגעלע, וואָס ס׳האָט מיט זיך אַ לויטערע אָזערע פאָרגעשטעלט, זיינען קליינע ביימעלעך געשטאַנען, וואַקסענע שוואַנען זיינען אין דער אָזערע אַרומגעשוואומען און אין איר טיף זיך אָפּגעשפּיגלט. דאָס אַלץ איז זעהר שיין געווען, אָבער שענער נאָך פון אַלץ איז געווען איינע אַ דאַמעלע אַ קליינע, וואָס איז אויף דער צעעפנטער פּאַלאַץ־טיר געשטאַנען. זי איז אויך פון קאַרטאָן געווען, אָבער אין אַ קלייד פונם איידעלסטן באַטיסט אָנגעטאָן, און אַ שמאָל בלוי סטענגעלע האָט אירע פּלייצעס, ווי מיט אַ מענטעלע אַזוינס, צוגעדעקט; אין מיטן דעם סטענגעלע האָט אַ בלישטשענדיקער שטערן, ווי דער דאַמעס גאַנצער פּנים די גרויס, זיך געשיינדלט. די דאַמע איז מיט פּאַר־זיך אויסגעשפּרייטע הענט געשטאַנען, ווייל זי איז אַ טענצערין געווען, און איין פוס האָט זי אַזוי הויך געהאַלטן, אַז דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע האָט אים נישט אָנגעזען און גערעכנט, אַז די דאַמע איז אויך אַזוי ווי ער אויף איין פוס נאָר דאָרטן.

— אָט וואָלט פּאַר מיר נישקשה פון אַ כּלה געווען, — האָט ער זיך געטראַכט. — איז זי אָבער אַ גאַנצע מיוחסת דאָרט, וואוינט אין אַ שלאָס, און איך — נישט מער, ווי אין אַ פּושקעלע... דאָך וואָלט נישט אויסגעמאַכט זיך באַקענען מיט איר! — און ער האָט זיך אין זיין גאנצער לענג איבערן טאַבעק־פּושקעלע, וואָס איז אויפן טיש געשטאַנען, איבערגעבויגן; פון דאָרטן האָט ער גוט באַטראַכטן געקאָנט די קליינע עלעגאַנטע דאַמע, וואָס איז נאָך אַלץ אויף איין פוס געשטאַנען און דאָס גלייכגעוויכט נישט פאַרלוירן.

אַז ס׳איז אויפדערנאַכט געקומען, האָט מען אַלע בלייערנע סאָלדאַטעלעך אין פּושקעלע אַריינגעלייגט; די שטוב־מענטשן

האָבן זיך שלאָפן געלייגט. האָבן זיך די שפּילעכלעך צווישן זיך אין „פּאַנדע", „באַהעלטעניש" און אין „קוואטש" גענומען שפּילן; די בלייערנע סאָלדאטעלעך האָבן זיך אין פּושקעלע דרייען גענומען; ס'האָט זיך זיי אויך געוואָלט אין דער שפּיל אַן אָנטייל נעמען, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט דאָס דעקל אונטערהויבן. די ניס־קנאַקערס האָבן זיך געקייקלט; אויך דער גריפעל אויפן טיש האָט גענומען שטיק מאַכן, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס'איז געוואָרן אַזאַ רעש, אַז דאָס קאַנאַריקל אין שטייגעלע איז פון שלאָף אויפגעשטאַנען און גענומען עפּעס רעדן, און עפּעס מיט אַ געזאַנג, און עפּעס אַלץ מיט לידער כּסדר. אַליין נאָר דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע און די טענצערין האָבן זיך פון די ערטער נישט גערירט. זי איז, ווי פריער, אויף די שפּיץ־פינגער מיט פאַר־זיך־אויסגעשטרעקטע הענט געשטאַנען, און ער האָט אַלץ פעסט אויף זיין איין פוס זיך געהאלטן און אויף קיין איין מינוט קיין אויג פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט.

ס'האָט געשלאָגן צוועלף, און פּלוצים — טראַך! דאָס דעקל פון טאַבעק־פּושקעלע איז אָפּגעשפּרונגען, נאָר אין פּושקעלע איז נישט קיין טאַבעק געווען, נאָר אַ קליין שוואַרץ שטוב־רוחעלע. דער קאָבאָלד איז אין דעם געזעסן: דאָס טאַבעק־פּושקעלע איז מיט אזא פּאָקוס געמאכט געווען.

— בלייערן סאָלדאַטעלע! — האָט געזאָגט דער קאָבאָלד: — קוק נישט, וואוהין מ'דאַרף נישט.

דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע אָבער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— אויב אַזוי, טאָ וואַרט־זשע אויס, זאָל נאָר אינדערפרי ווערן. — האָט געזאָגט דער קאָבאָלד.

איז געקומען אינדערפרי. די קינדער זיינען פון שלאָף אויפגעשטאַנען און דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע אויפן פענסטער אַוועקגעשטעלט; און — צי ס'איז דעם קאָבאָלדס אַ שפּיצל, צי פון אַ צוג־לופט — ווייסט מען נישט — נאָר פּלוצים האָט זיך דאָס פענסטער אַן עפן געטאָן און דאָס סאָלדאַטעלע איז פון

און אַראָפּ און פֿון דריטן שטאָק אַזש געפֿלויגן.

וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע רייזע דאָס איז געווען!
און געפֿאַלן איז עס מיט די פֿיס אַרויף, און מיטן היטל, מיטן מעשענעם און מיט דער ביקס־שטיק צווישן די ברוק־שטיינער זיך פֿאַרהאַקט. האָבן זיך באַלד דאָס ייִנגעלע מיטן שטוב־מיידל אויף דאָס אָפּצוזוכן אַראָפּגעלאָזט. נאָר, הגם זיי האָבן עטליכע מאָל שיער שוין אויף דעם בישט אָנגעטראָטן, דאָך האָבן זיי עס נישט באַמערקט. וואָלט דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע אַ געשריי געטאָן „איך בין דאָ!“, וואָלטן זיי עס געפֿונען; געוויינטליך, האט עס אבער פֿאַר גיט שיין געהאַלטן שרייען, ווייל ס'האט דאך עפּעס אַ מונדיר געטראָגן!

דערווייל האט אַ קליין רעגנדל צו גיין אנגעהויבן. באַלד האט זיך עס געשטאַרקט און לסוף אין אַ גאָס־רעגן איבערגע־גאַן. און אַז דער רעגן האט אויפֿגעהערט, זיינען צו יענעם ארט צוויי גאַסן־ייִנגלעך אנגעקומען.

— גיב נאר אַ קוק! — האט איינער פֿון זיי אַ זאג געטאָן: אט ליגט אַ בלייערן סאָלדאַטעלע! לאָ'מיר עס אַ ביסל אין אַ שיפֿל דורכשיפֿן.

און די ייִנגלעך האָבן פֿון צייטונגס־פּאַפּיר אַ שיפֿעלע געמאַכט, אַהין דאָס סאָלדאַטעלע אַריינגעזעצט און אויף דער גאַס־ריטשקע אָפּגעלאָזט; אַליין זיינען זיי דעם ביי די זייטן נאָכגעלאָפֿן און מיט די הענטלעך געפּליעסקעט. גאָט דערבאַ־רימדיקער! וואָס פֿאַר אַ כוואַליעס ס'האָבן דאָרט געכוואַליעט, וואָס פֿאַר אַ גיכער שטראָם דאָרט איז געווען! יאָ, וואָרים וואָס פֿאַר אַ רעגן דען איז אָפּגעגאַנגען, אַן אמתער מבול דאָך! דאָס פּאַפּירענע שיפֿעלע האָט זיך אין אַלע זייטן געשאָקלט, און צייטנווייז האָט זיך עס אַזוי גיך דרייען גענומען, אַז אויף דעם בלייערנעם סאָלדאַטעלע האָט די הויט געציטערט. נאָר דאָך איז עס פֿעסט געבליבן, אין פּנים זיך ניט געביטן, גלייך און פֿאָראויס געקוקט און די ביקס אויף דער האַנט געהאַלטן.

פּלוצים האָט עס דאָס שיפעלע אונטער אַ לאַנגן בּריקל, וואָס איז איבּער אַ ריטשקע איבּערגעלייגט געווען, אַרונטערגע־טריבּן, און דאָס סאָלדאַטעלע האָט זיך אין אַזאַ פינסטערניש גע־טראָפן, ווי דאָס פינסטערניש פון יענער פושקע, פון וועלכער ער איז צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט געקומען.



— וואו־זשע בּין איך עס דאָ? — האָט עס זיך געטראַכט. — יאָ, יאָ, ווייטער דעם קאָבּאָלדס אַ שפּיצל. אַך! וואָלט כאָטש מיט מיר אין שיפעלע יענע שיינע דאַמע געווען, וואָלט איך ווי ס׳ניט איז שוין שלום געמאַכט מיט דער פינסטערניש.

פּלוצים איז אַ גרויסע וואַסער־מויז, וואָס האָט אונטערן בּריקל געוואוינט, אַרויסגעשפּרונגען:

— אַ פּאַס האָסטו? — האָט זי אַ פרעג געטאָן. — גיבּ אַהער דעם פּאַס! — האָט אָבּער דאָס בּלייערנע סאָלדאַטעלע געשוויגן און נאָך שטאַרקער די בּיקס אין דער האַנט געדריקט.

און דאָס שיפל איז ווייטער געשוואומען, און די מויז נאָכן שיפל. או! ווי זי האָט מיט די ציין געקריצט און צו די פאַרבּיישווימענדיקע שפּענדלעך און שטרויעלעך געשריגן:

— האַלט אים! כאַפּ אים! ער האָט קיין מכס נישט גע־צאָלט! ער האָט קיין פּאַס נישט בּאַוויזן!

נאָר דער שטראָם איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער

געוואָרן; דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע האָט שוין געהאַט העט־ווייט, דאָרט וואו דאָס בריקל ענדיקט זיך, די שיין פון טאָג דערזען, נאָר אינאיינעם ז'ערמיט האָט עס אָבער אַזאַ רעש דערהערט, וואָס אפילו דער בראַווסטער מאַן וואָלט, אַזוינס הערנדיק, זיך דערשראָקן. זאָגט אַליין: נישט ווייט פון בריקל דאָרט האָט זיך דער שטראָם גלייך אין אַ גרויסן קאַנאַל אַרייג־געגאָסן, און דאָס איז פאַרן סאָלדאַטעלע אַזאַ סכנה געווען, ווי פאַר אונז, אַ שטייגער, אין אַ גרויסן וואַסער־פאַל אַריינצופאַלן.

און דערווייל איז ער שוין צו יענעם אָרט אַזוי נאָענט אונטערגעשוואומען, אַז אָפּשטעלן האָט ער זיך שוין ניט גע־קאָנט. און דאָס שיפל איז אין קאַנאַל אַריינגעפאָרן. דאָס אָרימע בלייערנע סאָלדאַטעלע איז געשטאַנען אַזוי גלייך, ווי נאָר ס'האָט געקאָנט שטיין; קיינער וואָלט וועגן דעם נישט געקאָנט זאָגן, אַז ס'האָט אפילו מיט איין אויג אַ פינטל געטאָן. דאָס שיפעלע האָט זיך אַ דריי, פיר מאָל איבערגעקערט, און־פול און־פול מיט וואַסער אָנגעגומען: ס'האָט געמוזט אונטערגיין! דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע איז ביזן האַלז אין וואַסער גע־שטאַנען; אַלץ טיפער און טיפער האָט דאָס שיפעלע געזונקען; אַלץ מער און מער האָט דאָס פּאַפּיר זיך אָנגענעצט, און די כוואַליעס האָבן זיך שוין געהאַט אויפן סאָלדאַטלס קעפּעלע צונויפגענומען. האָט עס זיך דאַן אין דער קליינער שיינער טענצערין דערמאָנט, וואָס מער וועט עס זי שוין ניט זען און אין די אויערן האָבן דעם עפּעס ווערטער פון אַ ליד געקלונגען:

אָ, מאָרגנרויט, אָ, מאָרגנרויט,
שיינסט מיר צו מיין פריען טויט!

און דאָ האָט זיך דאָס פּאַפּיר אויף צווייען צעריסן, און דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע איז אין וואַסער אַראָפּגעפלויגן, — נאָר אין דער מינוט איז עס פון אַ גרויסן פיש איינגעשלונגען געוואָרן.

אָ, ווי פינסטער ס'איז דאָרט אינעווייניק געווען! נאָך פינסטערער, ווי אונטער דעם בריקל, און דערצו נאָך אַזוי ענג! דאָס סאָלדאַטעלע אָבער האָט דעם מוט נישט פאַרלוירן, אין דער גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן און

די בּיקס פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט.

איז דער פיש הין־און־הער אַרומגעשוואומען, פאַרשיידענע מינים שפּרונגען געשפּרונגען, לסוף איז ער גאָר אנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי אַ דונער האָט אים דערשלאָגן; ס׳האָט אַ שיין זיך באַוויזן און עמיצנס אַ קול האָט אויסגעשריגן: „אַ בּלייערן סאָלדאַטעלע!״

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם פיש האָט מען געכאַפּט, אויפן מאַרק אַוועקגעפירט, אים פאַרקויפט, אין קיך געבּראַכט און דאָרט פאַרטיק געמאַכט. און די דינסט האָט אים מיט אַ גרויסן מעסער אויפגעשניטן, דאָס בּלייערן סאָלדאַטעלע פאַרן קערפּערל אָנגענומען און אין שטוב אַריינגעטראָגן, דאָרט האָט אַלעמען איז אינטערעסאַנט געווען אויפן אויסגעצייכנטן סאָל־דאַטעלע אַ קוק צו טאָן, אויף דעם, וואָס ס׳האָט ביים פיש אין מאָגן אַ־ומגערייזט. דאָס בּלייערנע סאָלדאַטעלע האָט זיך אָבער גאָרנישט ניט געגרויסט דערמיט. האָט מען עס אויפן טיש אַוועקגעשטעלט, און — וואָס פאַר אַ משונה זאַכן ס׳קומען פאָר אויף דער וועלט! — דאָס בּלייערנע סאָלדאַטעלע האָט זיך געטראָפן פונקט אין זעלבן צימער, פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן צום אָנהויב. און ער האָט די זעלבע קינדער דערזען, אויפן טיש זיינען די זעלבע שפּילעכלעך געשטאַנען און צווישן זיי אויך דער שיינער שלאָס דער אויסגעצייכנטער מיט דער שיינער קליינער טענצערין דאָרט. זי איז נאָך אַלץ אויף איין פוס געשטאַנען און די צווייטע אין דערלופט אויפגעהויבן. האָט עס זעהר גערירט דאָס סאָלדאַטעלע; ס׳וואָלט גרייט געווען מיט בּלייערנע טרערן זיך צעוויינען, פאַסטן אָבער ניט פאַר קיין סאָלדאַט קיין טרערן, האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, זי צוריק אויף אים, נאָר ביידע האָבן זיך גאָרנישט ניט געזאָגט. פּלוצים האָט איינער פון די יינגלעך דאָס סאָל־דאַטעלע אַ כאַפּ געטאָן און נישט־פאַר־וואָס און נישט־פאַר־ווען אין הרובע אַריינגעוואָרפן; דאָס יינגעלע וואָלט אַליין נישט געקאָנט זאָגן צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן, נאָר, אויף גע־וויס, איז אויך דאָס דעם קאָבאָלדס אַ קאַטאָוועס געווען, פון

דעם קאָבאָלד, וואָס איז אין טאַבעק=פושקעלע געזעסן.

דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע איז איצט אינגאַנצן באַלויכטן געשטאַנען און אַ זעהר=שטאַרקע היץ געפילט; נאָר געוואוסט האָט עס ניט, צי פון פייער, צי פון ליבע נעמט זיך עס דעם. די פאַרבן זיינען פון דעם אַראָפּ; צי האָט זיך עס אין וועג געטראָפן, צי איז דאָס דעם פון צרות געקומען — ווייסט מען נישט. עס האָט נאָר אויף דער טענצערין געקוקט, די טענצערין אויף דעם, און ס'האָט געפילט, אַז ס'צעגייט. דאָך איז עס נאָך אַלץ מיט דער ביקס אין האַנט געשטאַנען. נאָר דאָ האָט זיך די טיר אַן עפן געטאָן, דער ווינט האָט די טענצערין אַ כאַפּ געטאָן, און זי איז מיט אַ גרינגקייט פון אַ סילפידאַ, אַ לופט=רוחעלע גלייך אין הרובע צום בלייערנעם סאָלדאַטעלע אַריינגעפלויגן, מיט אַ פלאַם זיך אָנגעכאַפּט און נישט געבליבן. דאַן איז אויך דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע אין איין שטיק צעשמאָלצן געוואָרן. און אויפן צווייטן טאָג, אַז די דינסט האָט פון דער הרובע דעם אַש אַרויסגעשאַרט, האָט זי עס אין דער געשטאַלט פון אַ קליין בלייערן הערצעלע געפונען. פון דער טענצערין אָבער איז נאָר די שטערן=רויז איבערגעבליבן, און דאָס אויך שוואַרץ ווי קויל שוין.



אלץ, וואס דער אלטער זאל נישט טאן, איז גוט.

איצט וויל איך דיר דערציילן אַ מעשה, וואָס איך האָב זי געהערט, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליין ייִנגעלע געווען. אַלע מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אָן איר, ווייזט זי זיך מיר אַלץ אויס שענער און שענער. וואָרים מיט מעשיות קומט פּאָר דאָס אייגענע, וואָס מיט אַ סך מענטשן, וואָס אַז זיי ווערן עלטער, ווערן זיי אַלץ שענער.

הינטער דער שטאָט איז געשטאַנען אַ קליין שטיבעלע. דאָרט האָט געוואוינט אַן אַלטע פּאָר — אַ פּויער מיט אַ פּויערטע. ווי קליין ביי זיי דאָס ביסל בעל-הבתישקייט און האָב-און-גאָב איז נישט געווען, דאָך האָט זיך אויך ביי זיי אַזוינס ווייניקס געפונען, וואָס אָן דעם קאָן מען זיך גאָרנישט באַגיין, און געווען איז דאָס ווייניקס אַ פערדל, וואָס האָט זיך

געשפּייזט פון דעם גראָז, וואָס איז בײַ די זייטן פון גרויסן טראַקט געוואַקסן. פלעגט אַ מאָל דער אַלטער אויפן פערדל אין שטאָט אַרײַן פאָרן און אַמאָל פלעגן עס בײַ אים אויף א צייט די שכנים נעמען און דערפאַר אים מיט עפּעס אַנדערש אָפּ־דינען. דאָך וואָלט גלייכער געווען דאָס פערדל צו פאַרקויפן, אָדער עס אויף עפּעס אַנדערש, מער ניצליכערס, צו פאַרבײַטן. אויף וואָס־זשע אַזוינס, למשל?

— דאָס דאַרפסטו, אַלטער, בעסער וויסן, — האָט אים זיין אַלטע געזאָגט. — אָט איז יריד הײַנט גראָד, פאָר זיך דורך אין שטאָט אַרײַן און פאַרקויף עס, אָדער בײַט עס אויף עפּעס איבער. ווי אַזוי און וואָס דו וועסט דאָרט נישט טאָן, וועט פון מײַנעטוועגן גוט זיין. פאָר!

און די אַלטע האָט אים, ווי ס׳געהער צו זיין, דעם שניפּס אויסגעבונדן, ווארים דאָס האָט זי געקאָנט בעסער פון אים, האָט אים אַ צווייענדיקן פאַוועד אויסגעאַרבעט, און ס׳אַרויס פּרימאַ;

דערנאָך — האָט זי מיט אַ נאַסער האַנט זיין קאַפּעליוש אַרומגעגלעט, אים אויסגעגלייכט און אויפן „זײַ־געזונט” אים אַ קוש אין די ליפּן געגעבן. און דער אַלטער איז אויפן פערדל, וואָס ס׳האָט באַדאַרפט פאַרקויפט אָדער פאַרביטן ווערן, אַוועק־געפאָרן, און — ער ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טאָן דאָרט!...

און די זון האָט געבאַקן, אויפן הימל — קיין כמאַרעלע, אויף וועגן — זיילן שטויבן, און מאַסן מענטשן האָבן אויפן יריד זיך געאײַלט — ווער רײַטנדיק, ווער אויף אַ וואָגן און ווער גאָר צופוס, און קיין שאָטנדל אַפילו, מ׳זאָל זיך פאַר דער היץ באַהאַלטן.

צווישן אַנדערע, וואָס זיינען אויפן יריד געגאַנגען, איז געווען אויך איינער, וואָס האָט אַ קו געטריבן. די קו איז גע־ווען אַזאַ גוטע, ווי נאָר אַ קו קאָן זיין גוט. „אויף געוויס גיט זי אויך מילך גוטע, — האָט דער פויער געטראַכט, — אָט וואָלט גוט געווען זיך מיט אים אַ בײַט טאָן!”

— הער נאָר, דו מיט דער קו! — האָט ער אַ געשריי

געטאָן. — אַ פערד איז דאָך טייערער פון אַ קו. מיר אָבער איז אַלצאיינס, מיר לוינט בעסער אַ קו. אויב דו ווילסט, קאָנען מיר זיך בייטן.

— גוט! — האָט יענער געענטפערט, און זיי האָבן זיך געביטן.

דאָס געשעפט, הייסט עס, איז אָפּגעמאַכט געווען און דער אַלטער וואָלט שוין געקאָנט זיך רוהיק אַהיים אומקערן, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך דאָך שוין אויסגעקליבן אויפן יריד צו זיין, האָט ער באַשלאָסן אויך אַציגד מיט דער קו זיך אַוועקלאָזן. איז ער געגאַנגען גיך און גיכער און באַלד אַ מענטשן מיט אַ שאָף אָנגעיאָגט. די שאָף איז געווען אַן אויסגעצייכנטע: אַ פעטע און מיט אַ וואָל אַ געדיכטער.

— אָט ווען מיר זאָלן האָבן אַזאַ שעפעלע! — האָט דער פויער אַ טראַכט געטאָן — ס'וואָלט זיך ביי אונז אויפן גראָז, וואָס ביים פּלויט, געפּאַשעט, און אויפן ווינטער וואָלטן מיר עס אין שטוב אַריינגענומען. דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט אונז אַ שאָף אַ סך מער צו נוץ געקומען, ווי אַ קו...

— אפשר ווילסטו זיך בייטן? — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דעם מענטשן פון דער שאָף.

יענער איז באַלד באַשטאַנען, און זיי האָבן זיך געביטן.

איז דער פויער ווייטער מיט זיין שאָף אַוועקגעגאַנגען.

באַלד האָט ער דערזען, ווי אַ מענטש איז דורכן פעלד אויפן שליאַך אַרויפגעגאַנגען און אונטערן אָרעם אַ גאַנז געטראָגן.

— אַ שווערע גאַנז ביי דיר, מענטש דאָרט, — און אַ פעטע אַזוינע! אָט וואָלט זיך איר געלעבט, ווען זי זאָל ביי אונז אויפן הויף אַרומגיין און אין קאַליזשע דאָרט זיך פּליוסקען. אויך די אַלטע מיינע וואָלט אַ שטיקל אַרבעט געהאַט: ס'וואָלט געווען פּאַר ווערמענס וועגן ברעקלעך און שיריים צונויפצוקלייבן. וויפיל מאָל פלעגט זי זאָגן, מיין אַלטע: „ס'וואָלט ניט אויסגעמאַכט אַ ליאַדע גענזל האָבן." איצט איז גראָד אַ געלעגנהייט עס צו באַקומען... ער זאָל נאָר ווערן, יענער...

— אפשר וועסטו זיך מיט מיר בייטן? — כ'וועל דיר פאַר דער גאַנצ די שאָף געבן און נאָך אַ דאַנק דערצו.

האָט דער מענטש פון דער גאַנז זיך ניט לאַנג געעקשנט און דער בייט איז אַ בייט געווען: אונזער פויער האָט די גאַנז באַקומען.

איצט איז ער שוין ניט ווייט פון שטאָט געווען. דאָס ענגשאַפט אויפן וועג איז גרעסער געוואָרן. מענטשן און פי האָבן זיך געשטופּט איינס דאָס צווייטע. און געגאַנגען איז מען איף וועגן און אויף די זייטן־וועגן, און ביים שלאַגבוים איז מען אַזש אין קאַרטאָפל־פעלד פונם מכס־מאָנער אַריין, דאָרט וואו ס'האָט אַן איינציק הינדעלע אַרומגעבלאָנקעט, מיט אַ שטריקעלע צוגעבונדן, כדי ס'זאָל זיך פאַרן רעש און טומל ניט דערשרעקן און ווייט און ערגעץ־אַנדערש ניט פאַרפליען. דאָס הינדעלע איז געווען מיט אַ קורץ עקל, האָט עס איינס אַן אויגעלע פאַרזשמורעט און געקוקט אַ קלוגעטשקע. „קוואָ־קוואָ" — האָט עס געזאָגט. וואָס ס'האָט געמיינט מיט דעם קוואָ־קען, ווייס איך ניט. נאָר אַז דער אַלטער האָט עס דערזען, אַזוי איז ער באַלד צו דעם צוגעזאָטן געוואָרן און זיך אַזוי געטראַכט:

— אָט אַ הון, שוין איינמאָל אַ הון! זינט איך לעב, האָב איך נאָך אַזוינס ניט געזען, כאַפּ זי, בעני! אָבער אַזאַ הינדע־לע וואָלט זיך געוואָלט האָבן! אַ הון קאָן דאָך אַליין איר קע־רנדל געפינען, קאָן זיך דאָך אַליין שפּייזן. מיר דאַכט, איך וועל נאָך פאַרדינען, אַז כ'וועל אים פאַר דער הון די גאַנז געבן. ווילסט זיך בייטן? — האָט ער דעם מוכסן אַ פרעג געטאָן.

— בייטן?... — האָט יענער געענטפערט, — מהיכא־תיתא.

און זיי האָבן זיך איבערגעביטן: דער מוכסן האָט די גאַנז גענומען און דער פויער איז מיט דער הון אַוועקגעגאַן.

די זון האָט ווי פריער געבאַקן און דער אַלטער האָט שוין אַזוי פיל געשעפטן געמאַכט, אַז ער האָט זיך שוין פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן. ס'וואָלט ניט שלעכט געווען אַצינד אַ פּאָר כוסות מאַכן און אויך פאַרבייסן אַ ביסל: האָט זיך אים

טאַקע גראָד אַ שענק־הויז באַוויזן. האָט ער שוין געוואָלט אַריינגיין אַהינצו, האָט ער זיך אָבער אויף דער שוועל מיט אַן אַרבעטער אָנגעשלאָגן, וואָס האָט אויף די פּלייצעס עפּעס אַ פולן זאַק געטראָגן.

— וואָס איז דאָס ביי דיר אין זאַק? — האָט דער פּויער געפרעגט.

— טויגעניכטסן, פּוילע עפּל! — האָט דער אַרבעטער גע־ענטפערט. — אַ זאַק אַ גאַנצער. טראָג איך אים די חזירים אַוועק.

— וואָס הייסט די חזירים? אַט אַ מענטש! אַט אַן אויס־ברענגעריי! ווי אַזוי וואָלט זיך מיין אַלטע דערפרייט, ווען זי זאָל אַזוי פיל עפּל באַקומען. פאַראַיאָרן האָט דער אַלטער עפּל־בוים, וואָס אויפן הויף ביי אונז, איינעם אונז אַן עפּל געגעבן; האָבן מיר אים אַראָפּגענומען און אין שאַפע פאַר אַ שיינקייט אַריינגעלייגט; דאָרטן איז ער געלעגן ביז ער איז אינגאַנצן פאַרפוילט געוואָרן און אויף שטיקער צעפאַלן געוואָרן. „דאָך הייסט עס לעבן אין תענוגים” — האָט דאַן מיין אַלטע געזאָגט. אָט וואָלט זי געזען, וואָס הייסט לעבן אין גוטן... אַ גאַנצער זאַק! כ׳וואָלט זעהר געוואָלט איר אָט די ליב אָנטאָן!

— וואָס־זשע וועסטו געבן פאַרן גאַנצן זאַק? — האָט גע־פרעגט דער אַרבעטער.

— וואָס איך וועל געבן? אָט נעם דיר די הון פאַר אים! — און דער אַלטער האָט אים די הון געגעבן, דעם זאַק גענומען און באַלד מיט אים אין שענק־הויז אַריינגעגאַנגען. האָט ער פאַמעליך דעם זאַק צום אויוון אָנגעשפּאַרט און אַליין איז ער צום שענק־טיש צוגעגאַן. דער אויוון איז שטאַרק אָנ־געהייצט געווען, נאָר דער אַלטער האָט דערויף קיין אַכט נישט געגעבן.

און אין שענק־הויז זיינען דאַן אַ סך מענטשן געווען: פערד־הענדלער, פי־טרייבער און אויך צוויי ענגלענדער, וואָס זיינען אַזוי רייך געווען, אַז די קעשענעס ביי זיי זיינען שיער ניט צעזעצט געוואָרן פון מטבעות פון גאָלדענע. דערצו זיינען זיי נאָך גרויסע בעלנים אויף וועטן זיך געווען.

— סססו ססס! — האָט נעבן אויוון עפּעס זידן אָנגעהויבן.
— וואָס איז דאָרט? — האָבן אַלע אַ פרעג געטאָן.
דאָס האָבן די עפּל זיך בראָטן אָנגעהויבן.
— דאָס זיינען מיינע עפּל! — האָט געזאָגט דער אַלטער און דערוויַיל על פּי סדר די גאַנצע מעשה דערציילט: ווי אַזוי ער האָט אַ פערד אויף אַ קו פאַרביטן, אַ קו אויף אַ שאָף, און אַזוי וויַיטער ביז ער איז צו עפּל דערגאַנגען.
— נו, דו וועסט שוין פון דיין אַלטער דיין ערליך אויסקומעניש באַקומען, ווען דו וועסט אַהיים קומען, — האָבן די ענגלענדער באַמערקט. — ליובן דערפאַר וועט זי דיך געוויס נישט.
— וואָס נישט ליובן? — האָט געזאָגט דער אַלטער. — זי וועט מיך נאָך אַ קוש טאָן און זאָגן: וואָס דער אַלטער זאָל ניט טאָן — איז גוט. אָט וועט איר זען!
— צו וואָס גייסטו אין געוועט? — האָבן געפרעגט די ענגלענדער. — מיר שטעלן אַ פאַס מיט רענדלעך.
— פון מיינעטוועגן איז גענוג אַ פעסל! — האָט געענטפערט דער פויער. — און איך לייג איין דעם זאַק מיט עפּל און זיך מיט מיין אַלטיטשע פאַר אַ צוגאָב.
— גוט! ס׳געמאַכט! — האָבן געזאָגט די ענגלענדער.
און באַלד האָט מען דעם בעל־הביתס וואָגן געהייסן איינשפּאַנען, האָבן זיי זיך אַהין אַריינגעזעצט, די ענגלענדער מיטן פויער, זיינען זיי אַוועקגעפאָרן און באַלד פאַרן אַלטנס שטיבעלע זיך אָפּגעשטעלט.
— אַ גוט׳ן אָוונט, אַלטיטשקע!
— אַ גוט יאָר, אַלטער!
— כ׳האָב זיך געביטן...
— נו, אודאי, ביסט דאָך עפּעס דער קאָפּ מיינער! — האָט געזאָגט די אַלטע, דעם אַלטן אַרומנעמענדיק, און קיין אַכט נישט אויפן זאַק און נישט אויף די פרעמדע מענטשן געגעבן.
— איך האָב דאָס פערד אויף אַ קו פאַרביטן.

— דאַנקען גאָט! איצט וועט דאָך ביי אונז אי מילך, אי קעז און פוטער זיין.

— יאָ, נאָר די קו האָב איך אויף אַ שאָף פאַרביטן.

— אַזוי?! איז דאָך נאָך בעסער! — האָט אָפּגעענטפערט דאָס ווייב. — ווי דו באַטראַכטסט אַלץ! פאַר דער שאָף וועט דאָך אונז טאַקע אונזער ביסל היי קלעקן. היינט וועלן מיר שאָפּן=מילך און שאָפּן=קעז האָבן און נאָך וואָלענע זאָקן און לייבלעך וואָלענע. דאָס קאָן דאָך קיין קו נישט געבן. זי קריכט דאָך אויס! אָט אַ חכם דו ביסט!

— די שאָף האָב איך אָבער אויף אַ גאַנז פאַרביטן.

— אויב אַזוי, וועלן מיר דאָך צו יום=טוב אַ געבראָטענע גאַנז האָבן! אַך, דו אַלטער מיינער טייערער! ווי דו האַלטסט נאָר אין איין טראַכטן, ווי צו דערפרייען מיך, די גאַנז וועלן מיר צו אַ שטריקעלע צובינדן, זאָל זי פריער די זעט=און=פעט כאַפּן און דערנאָך וועלן מיר זי אָפּבראָטן.

— האָב איך אָבער די גאַנז פאַר אַ הון אָפּגעגעבן...— האָט געזאָגט דער אַלטער.

— פאַר אַ הון! אָט דאָס איז אַ בייט! — האָט געזאָגט דאָס ווייב. — די הון וועט דאָך אונז אייער לייגן, הינדעלעך אויסזיצן און מיר וועלן דאָך לסוף פון איר אַ גאַנצן הינער=הויף האָבן. אָט דאָס איז דאָך טאַקע דאָס, צו וואָס איך האָב אַלע מיינע יאָרן געגאַרט.

— יאָ, אָבער די הון האָב איך אויף אַ זאַק מיט פאַרפוילטע עפל אויסגעביטן.

— וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? נו, איצט דאַרף איך דיך שוין גוט=גוט אויסקושן! — האָט אויסגעשריגן די אַלטע: — מיין מאַנעלע מיין טייערער! הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן, נאָר הער מיט קאָפּ. היינט אינדערפרי, באַלד ווי דו ביסט נאָר אַוועקגעפאָרן, האָב איך גענומען באַטראַכטן, מיט וואָס אַזוינס גוטס און נישט ווינציקס זאָל איך דיך אויפנעמען צו דער וועטשערע. ס׳וואָלט גוט געווען אַ פרעזשעניצע מיט חזיר=שמאַלץ און מיט פּאָריי אַ ביסעלע, — האָב איך געטראַכט.

אייער זיינען ביי מיר געווען, חזיר־שמאַלץ אויך, נאָר איין פּאָריי האָט מיר געפעלט. איז אָט, בין איך צו דעם לערערס ווייב לייען עס אַוועקגעגאַן. ביי איר געבעטן זי זאָל מיר אַ ביסעלע פּאָריי לייען. ענטפערט זי מיר אַזוי: לייען? ביי אונז אין סאָד איז דאָך גאָרנישט ניט אויסגעוואַקסן, אַפילו קיין עפּעלע נישט. כ'קאָן אייך, מיין טייערע, אַפילו קיין עפּעלע נישט לייען. — נו, דערפאַר איצט אָבער וועל איך איר אַפילו אַ צענדליק לייען, אַפילו אַ גאַנצן זאַק: אַך, אַ מעשה! ס'איז דאָך צום לאַכן און געננוג! — און זי האָט ווידער־אַמאָל דעם אַלטן אַ קוש געטאָן.

— אָט אַ וואונדער! — האָבן די ענגלענדער ביידע אין איין קול אויסגעשריגן. — די געשעפטן זייערע זיינען אַזוי שלים און שלעכט און זיי זיינען פריילעך! פאַר אַזאַ זאַך איז כּדאַי דאָס געלט צו באַצאָלן.

און זיי האָבן דעם אַלטן אַ פעסל גאָלד אָפּגעמאָסטן דערפאַר, וואָס די אַלטע האָט אים נישט אויסגעזידלט, נאָר נאָך אַ קוש געגעבן.

יאָ, דאָס איז גוט און זעהר גוט, אַז דאָס ווייב זאָגט, אַז דער מאַן איז קליגער און ווייסט בעסער ווי געשעפט צו מאַכן.

אָט דאָס איז די מעשה, איך האָב זי געהערט, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען, איצט האָסטו זי אויך געהערט און ווייסט, אַז „צאַלץ, וואָס דער אַלטער זאָל נישט טאָן — איז גוט.“

אינהאַלט.

	ז"ז
די מוטער	3
דאָס העסליכע קאַטשערל	12
דער זינג־פויגל	27
דאָס מיידעלע מיט די שוועבעלעך	42
דער גרויסער קלויס און דער קליינער קלויס	47
דער גן־עדן	65
האַנס דער נאַר	89
די פרינצעסין אויפן אַרבעסל	97
דאָס ים־טעכטערל	99
אָלע־לוק־אָיע	135
די ווילדע שוואַנען	152
ברויזעלע	178
די גריקע	196
די שניי־מלכה	199
דעם מלכס ניי קלייד	250
די מאַרגאַריטקע	258
דער ליין	265
די בלומען פון דער קליינער אידאַ	273
דאָס טענענבוימל	285
דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע	301
אַלץ, וואָס דער אַלטער זאָל נישט טאָן, איז גוט	309

פאַרלאַג „קולטור־ליגע” וואַרשע.

שול־ביבליאָטעק

ערשטע סעריע

אָריגינעלע ווערק:

1. מענדעלי מו״ס — דאָס קעלבל.
2. שלום עליכם . — דאָס מעסערל.
3. י. ל. פרץ . . — קינדער־לידער.
4. ש. פרוג . . . — דאָס שטייסל.
5. מ. ז. פייערבערג — ביינאַכט.
6. ח. נ. ביאַליק . — נח און מאַרינקע.
7. ש. אַש . . . . — יאָסעלע.
8. אַ. רייזין . . — די פאַבריק. דער בוים.
9. מ. סטאַװסקי . — לבן הארמי.
10. א. ראובני . . — קינדער.

צווייטע סעריע

איבערזעצונגען.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע" וואַרשע.

דער נסתּר

מעשהלעך אין פערזן

1. אַ מעשה מיט אַ בער. 2. אַ חורבה. 3. דאָס קעצל.
4. ווינטער. 5. דאָס ציגעלע. 6. דאָס הינטל.
7. אַ מעשה מיט אַ האָז. 8. שרעטעלעך.
9. מיזעלע מייזעלע. 10. דער שניי־באָק.
11. ביים טייך פרת. 12. אַ מעשה מיט אַ האָן.

פרייז 100 מאַרק.

קלאַסיקער־ביבליאָטעק פאַר יוגנט.

מענדעלי מוכר ספרים

מסעות בנימין השלישי

(פארקירצט פאר יוגנט).

פרייז 120 מאַרק.

מענדעלי מוכר ספרים

דאס קעלבל

מיט אילוסטראציעס פון יוסף טשייקאוו.

פראַכט אויסגאַבע **פרייז 60 מאַרק.**

דער אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקס־שול

פארווארט פון ש. גילינסקי.

פרייז 75 מאַרק.